שמואל גאָדינער

# זאוועלער טראַקט

## און אַנדערע דערציילונגען

איקוף פארלאג

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.



שמואל גאָדינער

# שמואל גאָדינער

(1941—1893)

דאָס גאָדינער־בוך שטעלט מיט זיך פאָר אַ בינטל פון דער גרויסער ליטעראַרישער ירושה פונעם אומגעקומענעם אָנגעזעענעם סאָוועטיש־יידישן פּראָזאַאיקער. שמואל גאָדינער האָט דורכגעמאַכט דעם רייכן, קאָמפּליצירטן וועג פון אַ פאָלקס־מענטש צווישן די צוויי גרעסטע מלחמות פון אונדזער צייט. אַן אָנטיילנעמער פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, אַ טרייער שיל־דערער פונעם רעוואָלוציאָנערן מאַסן־אופברויז און פון דער נייער סאָ־וועטישער געשיכטע פונעם יידישן פאָלק, איז ער מיט דער ביקס אין האַנט אַוועק פאַרטיידיקן דאָס סאָציאַליסטישע פאָטערלאַנד אין דער צייט פון גרעסטער געפאַר און נסיון פאַר זיין לאַנד, פאָלק, פאַר דער גאַנצער מענטש־לעכער קולטור.

ער איז געפאַלן מיט אַ העלדן־טויט אינעם יאָר 1941 אין שלאַכט קעגן די דייטשישע פאַשיסטן. אייביקער אָנדענק דעם שרייבער־העלד!

גאָדינער האָט געהערט מיט רעכט צו די פונדאַמענט־לייגער פון דער סאָ־וועטישער יידישער פּראָזע. ער איז געווען אירער אַ פאַרדינסטפולער בויער אין פאַרלויף פון אַלע יאָרן.

ער איז פון אָנהויב אָן געקומען צו באַווייזן די גרויסע סאָציאַלע געשעע־נישן און ענדערונגען אַלס זייער צייט־עדות. ער האָט דורך זיי געזוכט זיין אייגענעם העלד, דעם מענטש, וואָס טראָגט אין זיך דעם באַזיניקטן אויסדרוק פון דער צייט.

גאָדינער איז ניט קיין שטייגער־שרייבער, כאָטש מע קאָן לויט זיינע ווערק, אָנהויבנדיק פון „איוואַנגאָראָד", „דער מענטש מיט דער ביקס", „זאַוועלער טראַקט", „אַ שטוב אין פעלד", „אַ דעמב באַם ווייסל" און פיל צענדליקער קלענערע דערציילונגען, סקיצן און פאַרצייכנונגען אויפשטעלן אַן אייגנאַרטיקע געשיכטע פון דעם אַקטיוון פאָלקס־מענטש, זיין גאַנג צו דער רעוואָלוציע און סאָציאַליסטישער בויאונג. גאָדינער האָט זיין שרייבערישן שטאָף געזוכט דער עיקר דאָרט, וואו די קאָליזיע קומט פאָר אין דער אידעאָלאָגישער ספער, אינעם קאַמף צווישן אַלטן און נייעם אין דעם מענטשנס פּסיכיק. עס האָבן אים גע־רעגט די קרעפטן פון ירידה און שוואונג פון מענטשלעכן געמיט.

אין זיין לעצטן בוך דערציילונגען „אַנדערע מענטשן", וואָס איז דערשינען

ערב דער מלחמה, האָט זיך זיין טעמע בולטער נאָך אויסגעפורעמט אַלס די טעמע פון אַנזאַמלונג פון נייע, סאָציאַליסטישע כאַראַקטער־אייגנשאַפטן באַ פאַרשיידענע שיכטן סאָוועטישע מענטשן, די טעמע פון פיינפולער און ליכ־טיקער געבורט פונעם מענטשן מיט סאָציאַליסטישע אייגנשאַפטן און קוואַלי־טעט. אַזוי האָט ער געפונען פאָלקסטימלעך־סאָציאַליסטישע שטריכן באַ דעם פאַרצייטיקן בעל עגלה זאַוול און דורכן פייער פון צייט האָט ער זיי דערזען געלייטערטע, דערהויבענע און באַזיניקטע אין זיינע אייניקלעך און אור־אייניק־לעך אין דער רעוואָלוציע און אין דער סאָוועטישער עפּאָכע.

גאָדינער איז געווען טריי זיין שרייבערישער נאַטור, ער האָט געשטרייט פאַר זיין טעמע, פאַר וועלכער עס שטרייט אויף פאַרשיידענע אופנים די גאַנצע סאָוועטישע ליטעראַטור. די פּראָבלעם פון באַוויזן דאָס קוואַליטאַטיוו־נייע אין דעם בירגער פון סאָציאַליזם, פריידיקן דאָס דאָזיקע נייע דורך די פאַר־שיידענע מענטשן־פּלאַסטן און פּילאַרטיקן לעבן פון דער סאָוועטיש־סאָציאַ־ליסטישער געזעלשאַפט, אַט די צענטראַלע פּראָבלעם פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור איז געווען דער עיקר פון גאָדינערס קינסטלערישער שאַפונג.

גאָדינערס שרייבערישע נאַטור האָט אים געשטויסן אויפן סאַמע דירעקטן וועג צו דער דאָזיקער טעמע. ער פלעגט אויסשטרעקן זיין האַנט צום אָביעקט — גראָב גערעדט — ניט בעת יענער ווערגט זיך מיטן ביסן, נאָר מיט זיין געוויסן. אין דעם דאָזיקן מאָמענט שפּירט ער אים נאָך, און קוקט וואוהין ער גייט, און דיסקוטירט מיט אים, און שטויסט אים צונויף מיט פיינלעכע אָדער פריינטלעכע קרעפטן, און לייטערט אים, און ער פאַרבאַהאַלט ניט זיין פרייד, ווען ער זעט אים אַ געקומענעם צו זיך, אַן עפּעס העכער געוואָרענעם, אַ טע־טיק פּייאיקן צו דינען זיין לאַנד, זיין פאָלק. און ווען ער פאַלט, דער דאָזיקער אייגענער און נאָענטער מענטש, אונטער דער לאַסט פון אומפאַרמיידלעכע אומשטענדן, מאַכט דער שרייבער לויכטן יענע קראַפט, וואָס וועט די דאָזיקע אומפאַרמיידלעכקייט סוף־כל־סוף מבטל מאַכן.

דער שעפערישער אומרו גאָדינערס, זיין פאַרשפּיצטער אינטערעס צו דער אידייען־פּראָבלעמאַטיק האָט אים אַלץ מער און מער געפירט אויפן רעאַליס־טיש־ראָמאַנטישן וועג. אַזוי איז ער געקומען צום „זאַוועלער טראַקט" און אַזוי זיינען די מערסטע דערציילונגען פונעם בוך. די „אַנדערע מענטשן", וואָס זיינען אַרויסגעפירט אינעם בוך, דאָס זיינען אייגענע מענטשן פון פאָלק. דער שרייבער גיט זיי ניט אַן פאַר קיין אידעאַל־נייע מענטשן, פאַרקערט, ער ווייזט, ווי זיי טראָגן נאָר אויף זיך די געבורט־פלעקן פון דער פאַרגאַנגנהייט, אָבער ווי עס לויכט אין זיי גלייכצייטיק דאָס נייע, ווי שטאַלץ זיי טראָגן דאָס דאָזיקע נייע, ווי גרינגער עס ווערט זיי צו לעבן אויף דער וועלט, איינזאַפנדיק אין

הויט, אין דער נשמה, טראָפן נאָך טראָפן, נייע, סאָציאַליסטישע, מענטשלעכע איינגשאַפטן, וואָס זיינען ווערט זייער באַזיצער — דעם מענטש.

אין דער גרעסטענער דערציילונג „דאָס לעבן הייבט זיך אָן" האָט גאָדינער אויפן גליקלעכסטן אופן געפונען דעם טרעף־פונקט פון פערזענלעכן און געזעלשאַפטלעכן, פון עגאָאיסטיש־פּרויעשן און מוטערלעכן, פון נאַציאָנאַלן און אינטערנאַציאָנאַלן. ער האָט מיט פיינעם קינסטלערישן חוש אַרויסגעפירט די פשוטע קליינשטאָטישע יידענע פון איר טשיקאַוון פלאָנטער און געבראַכט זי צום העכערן. אין דער דאָזיקער אויסטערלישער געשיכטע מיט דער ראָהאָט־שאָווער „עקרה," וועלכע איז געשילדערט אין קעגנזאַץ צו איר באַלעבעסל־דיקן מאַן וואָס ער, ווייזט זיך אַרויס, איז עס גאָר דער עקר — און ניט בלויז דער פיזישער, נאָר אויך דער גייסטיקער — וואַקסט אויס אַ טיף־סימפּאַטישע געשטאַלט פון אַ געוויינלעכער יידישער פרוי, וועלכע גייט מיט אָפענע אָרעמס אַנטקעגן די פרישע צוג־ווינטן, זאַפּט אין זיך איין די נייע סאָוועטישע לעבנס־באַגריפן, באַפרייט איר מוטערשן און נאַציאָנאַלן געפיל און בלייבט דאָך אי מוטעריש, אי נאַציאָנאַל אויף אַ נייער — סאָוועטישער מדרגה.

די מוטער־טעמע פאַרנעמט אין גאָדינערס שאַפן אַ גרויס אָרט. אין זיינע דערציילונגען ווענדט ער זיך צו דער געשטאַלט פון דער האַרעפּאַשנער יידישער פאָלקס־פרוי. דערביי שטרעבט ער דורך איר אויסצודריקן געזונטע איינגעוואָרצלטקייט אין לעבן, קלוג־פאָלקסטימלעכע לעבנס־אינטענסיווקייט, וואָס איז מבטל צרות און שוועריקייטן און איז דורכגעדרונגען מיט האַרציקן גלויבן אין דער וועלט, אין דער קראַפט פונעם מענטשן.

דער מאָטיוו פון אידייאישער פאַרהאַנדלונג און באַנייאונג דרינגט אויך דורך די שיינע דערציילונג „אַ דעמב באַם ווייסל". די מענטשן זיינען דאָ איינגעפונדעוועט אין דורותדיק־אָנגעשיכטעטן פויליש־יידישן שטייגער. די גענעאַלאָגישע צווייגן פונעם „פאַן פּראָפעסאָר יוזעף לאַגול־מלאָווסקי" גייען אַראָפּ צו די וואָרצלען פון איטשע־בער דעם בעל עגלה און אַרויף — צו די יונגע בלעטער פון שמוליק קאַמאַשן־שטעפער. אינעם דראַמאַטישן גורל פונעם צווייג לאַגול־מלאָווסקי איז געשילדערט אַ טיפּישע געשיכטע פון אַ יוסטן „פּאַליאַק פון משהס גלויבן," וועלכער איז אַרויסגעוואָרפן געוואָרן פון לעבן צוזאַמען מיט זיין „עכט־פּוילישן" רעכט און „עכט־פּוילישער" עטיק פריער נאָך פון די, אויף וועמען ער האָט זיך אָריענטירט, און דווקא אַלס... אַ ייד. די דאָזיקע ליניע וואָלט אָבער נאַציאָנאַל באַגרענעצט די טעמע, ווען גאָדינער זעצט זי ניט פאָר דורכן יינגסטן פון די מלאָווסקיס — דורך סטאַשעקן. דורכן גורל פון אָט דער אַפּלייקענונג פון דער פולער ייגגל־געשטאַלט ווייזט גאָדינער ניט נאָר די אַפּלייקענונג פון די נאַציאָנאַלע, נאָר אויך פון די סאָציאַלע אָריענטאַציעס פון אַ שיכט יידישער אינטעליגענץ. די סטאַשעקס, די שמוליקס, די באַרייכערטע מיט דער דערפאַרונג פון דער מלחמה, זיינען דאָך עס די,

וואָס העלפֿן איצט בויען דאָס נייע, דעמאָקראַטישע פֿרייע פּוילן מיטן איינציקן ריכטיקן וועג פֿון נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער גלייכהייט און גערעכטיקייט.

אין די דערציילונגען און פֿאַרצייכענונגען „די זון גייט אויף אין מזרח", „ליבישעשער יאָטן", „דער יום טוב פֿון פֿריינטשאַפֿט" א. אנד. הייבט גאָדינער אויף געדיכטע פֿלאָסטן פֿונעם סאָוועטיש־יידישן לעבנס־שטייגער. ער שילדערט מיט העלע און וואַרעמע פֿאַרבן די פֿאָלקס־קינדער פֿון די אָרעמע יידישע געסלעך, זייער וועג דורכן בירגער־קריג, דורך דער רייכער סאָוועטישערווירקלעכקייט — צו ווירדיקע, שטאָלצע בויער פֿון דער נייער געזעלשאַפֿט; ער ווייזט דעם פּרוכטבאַרן פּראָדוקטיוון באָדן, אויף וועלכן עס וואַקסט אויס די גליקלעכע פֿעלקער־פֿריינטשאַפֿט אין סאָוועטנפֿאַרבאַנד; ער מאָלט פּשוטע פֿאָלקס־מענטשן אָלס העלדן פֿון אַרבעט און שלאַכט; ער צייכנט דעם קאָנסעקווענטן וועג, די אייגנאַרטיק־סאָוועטישע פֿאַרהעלטנישן, וואָס פֿירן פֿון דער פֿולער, דער פֿאַקטישער גלייכבאַרעכטיקונג פֿון פֿעלקער און קולטור — צום אויפֿבלי פֿון דער נאַציאָנאַלער קולטור און צו בירָאָבידזשאַן.

דורך דעם אַלעס דעקט גאָדינער אויף דעם גאָר נייעם, אייגנאַרטיקן איבערפֿלעכט פֿון מענטשלעכע ליידנשאַפֿטן און פֿאַרהעלטענישן, אַנטפּלעקט די וועזנטלעכע שטריכן פֿון די סאָוועטישע מענטשן; זייער הויכן קולטור־ניוואָ, דעם ליבע־ און שאַפֿונגס־שוואונג אין זייער האַרמאָנישער גאַנצקייט, די טיפֿע אידייאישקייט און פּרינציפּיעלקייט, אָפֿנהערציקייט און דרייסטקייט פֿון געדאַנק און טאַט. אין דער בויערשקייט, אין דער פֿאָלקס־געזונטער פֿייאיקייט צום לעבנס־באַנייענדיקן טאַט זעט גאָדינער אין די וויכטיקסטע אייגנשאַפֿט פֿונעם נייעם, סאָוועטישן מענטשן. אַלדאָס פֿוילע, אָנגעבראָכענע, שמערצנדיקע און טליענדיקע פֿירט ער שאַרף אַריבער אין אַ צווייטער קאַטעגאָריע, אין דער קאַטעגאָריע פֿון „ניט אַנדערע" ד. ה. פֿון גייסט־אַלטע, אָדער צו אַלטקייט גענויגטע נאַטורן.

דער דאָזיקער צוגאַנג שאַפֿט גאָדינערן זיין אייגן קינסטלעריש פּנים, הגם צו אַ ריי דערציילונגען און טעמעס האָט ער געהאַט בדעה זיך צוריקקערן און פֿאַנאַנדעראַרבעטן זיי אין טיפֿערן פּסיכאָלאָגיש־סאָזשעטישן פּלאַן.

שמואל גאָדינער איז פֿאַרבליבן אין דער יידישער ליטעראַטור אָלס אייגער פֿון די רעגונגספֿולע שרייבער, וואָס האָט אימפּעטדיק געזוכט און באַטראַכטן נייע וועגן. ער האָט ליידנשאַפֿטלעך נאָכגעשפּירט און פֿאַרפֿיקסירט אַ ריי וועזנטלעכע פּראָצעסן אינעם אַלגעמיין־סאָוועטישן און נאַציאָנאַלן לעבן, פֿאַרבלייבנדיק ביזן לעצטן אָטעם־הויך אַ טרייער, איבערגעגעבענער זון פֿון זיין לאַנד און פֿאָלק.

מאָסקווע

נחום לעווין

# מיין ברודער שמואל

## 1

מייו ברודער שמואל ניסן גאָדינער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1893 ביי אָרעמע פרומע עלטערן אין אַ קליין ווייסרוסיש שטעטל טעלעכאַן, מינסקער גובערניע.

ביי אונדז אין דער משפחה איז געווען אָנגענומען, אַז דער נאָמען גאָדינער שטאַמט פון דעם וואָרט גאָטדינער, וואָס ווייזט אויף פרומקייט און גאָטספאָרכטיקייט. דער טאַטע אונדזערער, ישראל־דוד, און דער זיידע, משה, וואָס האָט געהאַלטן אין אַרענדע אַ שטיקל לאַנד אין דעם דאָרף וויאדע, זיינען געווען זייער פרום. דער טאַטע איז געווען אַ גרויסער למדן. ער האָט געזאָלט ווערן אַ רב. געוואָרן איז ער אָבער אַ מלמד, וואָס פלעגט פון אין דער פרי ביז שפּעט אין אָוונט אַריינהאָרעווען און געזען אַריינצוקלאַפּן וואָס מער תורה אין די קעפּלעך פון זיינע תלמידים. ער האָט געהאַט גרויס אָפּשיי פאַר תלמידי חכמים, אָבער צו רבנים האָט ער געהאַט עפּעס אַ מין ווידערווילן, אפשר האָט זיך עס גענומען פון דעם, וואָס דער רב פון אונדזער שטעטל האָט געשפּילט די הויפּט־ראָלע אין גטן מיין טאַטן מיט זיין ערשטער פרוי. איך האָב אים איין מאָל געהערט דערציילן: „איך האָב זיך ביי זיי געבעטן, צעטיילט ניט אַ גוף מיט אַ נשמה! אָבער דאָס האָט ניט געהאָלפן. דער רב האָט געפּסקנט, אַז וויבאַלד די פרוי איז אַן עקרה, מוז ער זיך מיט איר גטן".

דער טאַטע האָט שפּעטער חתונה געהאַט אַ צווייטן מאָל מיט אַ פרוי פון פּינסק, וואָס איז געווען גאָר אַן אַנדער סאָרט מענטש. אונדזער מוטער פראַדל האָט געשטאַמט פון ניט־אָרעמע עלטערן און פאַרמאָגט, וועדליק ווי פאַר יענער צייט, אַ היפּש ביסל וועלטלעכע בילדונג, קענטעניש פון שפּראַכן. זי איז געווען אַ זייער ענערגישע, פעסט־געבויטע פרוי. מיידלוויז איז זי געגאַנגען אַרבעטן אין אַ געשעפט, און ניט צוליב נויט, נאָר כדי צו ווייזן, אַז פרויען קאָנען אַרבעטן אַזוי גוט ווי מאַנצבילן און אַז אַרבעטן איז ניט קיין חרפּה.

אַרויסקומענדיק פון עלטערן מיט אַזעלכע פאַרשיידענע כאַראַקטערן און פעאיקייטן, האָט מיין ברודער שמואל־ניסן נאָך אין זיין פריסטער יוגנט אַריינגעזאַפּט אין זיך דעם טאַטנס אָפּשיי פאַר תורה און טראַדיציע און דער מאַמעס נייגונג צו וועלטלעכער בילדונג, איר ענערגיע און פראַקטישע חכמה.

שמואל איז געווען דאָס פערטע און לעצטע קינד ביי אונדזערע עלטערן.

ווען ער איז געבוירן געוואָרן איז דער עלטסטער — אהרן — שוין געווען אַ יינגל פון 12 יאָר. די אַנדערע קינדער זיינען געווען מיידלעך — חנה און אסתר, די שרייבערין פון אָט די שורות. צוליב דער גרויסער אָרעמקייט, וואָס האָט געהערשט אין דער היים, איז יעדער איינער געוואָרן אַ שטיקל בעל־פרנסה. דער געדאַנק איז געווען: אויב ניט פאַרדינען קיין געלט, איז כאָטש פּטור ווערן פון אַן עסער... דער עלטערער, אהרן איז אַריין אין דער פינסקער „רעמעסלענע שקאָלע" און געגעסן טעג ביי קרובים... אויך די מיידלעך האָבן געקראָגן ערטער אויף 3 יאָר אומזיסט און 10 רובל פאַרן פערטן יאָר... דער גרעסטער בעל־פרנסה איז אָבער געוואָרן שמואל־ניסן, בעת ער איז אַלט געווען איין וואָך.

עס האָט פּאַסירט, אַז אַ פרוי איז געשטאָרבן אין קימפּעט, און דער מאַן אירער, אַ פאַרמעגלעכער קרעמער, האָט איבערגעגעבן דאָס יתומל צו אונדזער מוטער, וועלכע האָט געדאַרפט זויגן צוויי קינדער אויף איין מאָל. דער קרעמער האָט שוין אַכטונג געגעבן, אַז די מאַמע אונדזערע זאָל קריגן גענוג וואַרעמע מילך פון אונטער דער קו, צוקער, פלוימען, ראָזשינקעס, מאַנדלען, זאַכן וואָס מיר האָבן ביז דעמאָלט קיין מאָל אפילו ניט אָנגעקוקט. די מאַמע פלעגט אָבער באַנוגענען זיך מיט אַ ביסל קאַשע און קרופּניק. די גוטע זאַכן פלעגט זי פאַנאַנדערטיילן צווישן אונדז, קינדער. מיר האָבן געגעסן, פאַסמאַקעוועט זיך און ליב באַקומען דאָס יתומל און נאָך מער — אונדזער קליין ברודערל, דעם גרויסן פרנסה־געבער.

ווען שמואל־ניסן איז אַלט געוואָרן 6 יאָר, האָט אים דער טאַטע איבערגענומען אונטער זיין השגחה. „צייט, יינגעלע, צו ווערן אַ ייד!" — האָט ער געזאָגט און אַ קניפּ געטאָן אים אין בעקל. עס הייבט זיך אָן אַ סדרה פון לייענען און שרייבן יידיש און העברעאיש, לערנען חומש מיט רש"י, תנ"ך און שפּעטער — אויך גמרא. שמואל האָט אַ גוט קעפּל און כאַפּט עס אַלץ אויף פלינק. טאַטע־מאַמע פריילען זיך. דער טאַטע רעדט וועגן אַ זון אַ ישיבה־בחור, אַ תלמיד חכם; די מאַמע זאָגט אָבער, אַז אַ דאָקטער איז בעסער... און וואָס טוט שמואל־ניסן אַליין?

אויסער דער גמרא, כאַפּט ער אויך אַ קוק אין די קליינע בראָשורקעלעך, וואָס זיין עלטערע שוועסטער קריגט פון די „שוועסטער און ברידער"...

עס דערמאָנט זיך מיר, ווי איין מאָל אין אַ שבת־בייטאָג זיצט דער טאַטע מיט שמואלן, פאַרטיפט אין אַ בלאַט גמרא. עס קומט אַריין דער זיידע משה. צום אָנהייב שיינט אויף זיין פּנים פון נחת, אָבער באַלד ווערט עס פאַרוואָלקנט. דער זיידע האָט באַמערקט אין זיין אייניקלס הענט עפּעס אַ ביכעלע. ער ציט זיך זונס אויפמערקזאַמקייט. דער טאַטע וויל אַרויסשלעפּן דעם „טריף־פּסול" פון שמואלס הענט און צערייסט ניט־ווילנדיק, אַ בלעטל. עס ווערט אַ טומל: „סטייטש, חילול שבת! אַ טריף־פּסול!" שמואל קריגט דעם ריכטיקן פּאַטש אין באַק און אַ באַפעל, ער זאָל אויסזאָגן, וואו ער האָט עס גענומען. שמואל שוויגט. ער איז גרייט קריגן נאָך פּעטש, אָבער אויסזאָגן — דאָס ניט. נאָר מער קיין פּעטש האָט ער ניט געקראָגן.

די מאַמע מיט אסתרן זיינען אַריינגעלאָפן פון אַלקיר, און די מאַמע האָט זיך אָנגענומען פאַר איר מעזיניק. זי האָט אים אַרומגענומען און גענומען

שרייען אויף די בײדע מענער: „וואָס האָט איר צום קינד! וואָס פאַרצאַפּט איר אים בלוט!"

דער זיידע האָט אין כעס גלייך פאַרלאָזט דאָס הויז, מורמלענדיק „אשה רעה!"; דער טאַטע האָט זיך אויך צוריקגעצויגן, אָבער פאַרגעסן די פּאַסי־רונג האָט ער ניט.

אויף מאָרגן אין דער פרי גייט דער טאַטע אַוועק צו אברהם־איטשע מפליא־לעשות (מאַפּליליִיסעס), (אַ נאָמען, וואָס ער האָט געקראָגן צוליב זיין שוואַכן בלאָדער און זיין אָפטן זאָגן „אשר יצר"). אברהם־איטשע האָט געהאַט אַ טאָכטער, וואָס האָט געהערט צו די „שוועסטער און ברידער". די בײדע טאַטעס האָבן זיך לאַנג געשושקעט, וואָס צו טאָן מיט די קינדער, וואָס גייען אַראָפּ פון דרך־הישר, לייענען טרייף־פּסולען און זיינען מחלל שבת. און ס'איז ביי זיי געבליבן, אַז די בעסטע זאַך איז צו גרינדן אַ חברה שומרי־שבת. די חברה וועט שוין אויפּפּאַסן, אַז די קראָמען זאָלן זיין צוגעמאַכט אין צייט, און דאָס יונגוואַרג זאָל ניט מחלל שבת זיין.

אָבער אויך שמואל־ניסן איז ניט געזעסן ליידיק. ער איז אַוועק צו זיין בעסטן חבר סאַניע בייעזעס, אַ קלוג און ענערגיש יינגל. נאָך אַ לאַנגן ישוב הדעת האָבן זיי באַשטימט צו גרינדן אַ חברה — „קליינער בונד". אַזוי זיינען אין טעלעכאַן אויפגעקומען צוויי אָרגאַניזאַציעס דורכן אַלטן און יונגן דור.

אין גיכן האָט מען אין שטעטל דערפילט די מאַכט פון די בײדע אָרגאַ־ניזאַציעס. די יונגע בחורים און מיידלעך האָבן דערפילט דאָס שפּיאָנירן פון זייערע עלטערן. די באַלעבאַטים פון די „מאַסטערסקאַיעס" (וואַרשטאַטן) האָבן דערפילט די אַרבעט פון די 12־13 יאָריקע חברה־לייט פון „קליינעם בונד". ניט נאָר האָט דער „קליינער בונד" געקלעפּט פּראָקלאַמאַציעס און גערופן די אַרבעטער ניט צו לאָזן זיך פאַרשקלאַפן, נאָר, אַז מען האָט גע־דאַרפט, האָט דער „קליינער בונד" פאַרנומען זיך אויך מיט ברעכן שויבן. און געדאַרפט האָט מען דאָס יעדן ערב יום־טוב אָדער ערב אַ גויאישער חגא, ווען די באַלעבאַטים פלעגן צווינגען צו אַרבעטן מער ווי צען שעה אַ טאָג.

שמואלן איז אַלץ ענגער געוואָרן אין שטוב און אין שטעטל; אויך איך, אסתר, וואָס האָט שוין געהאַט אָפּגעדינט דריי יאָר אומזיסט, האָב זיך אַרומ־געקוקט, אַז 10 רובל אַ יאָר איז נאָך אַלץ צו ווייניק פאַר שיך און קליידער. עס איז אַרויף דער געדאַנק אַוועקצופאָרן קיין וואַרשע צו דעם עלטערן ברודער אהרן. די עלטערע שוועסטער, חנה, איז שוין געווען אין אַמעריקע. חנה, הייסט איצט אַנאַ (גאַדינער גאַרבער).

אין וואַרשע איז שמואל געוואָרן אַן אייזן־אַרבעטער און געפילט זיך שטאָלץ דערמיט. זיין פרייע צייט האָט ער אָפּגעגעבן אויף לייענען און לער־נען. די רוסישע און דייטשישע שפּראַכן האָט ער זיך געהאַט אויסגעלערנט פון זעלבסטלערער־ביכער, אים איז וואויל און גוט געווען אין דער גרויסער שטאָט. נאָך בעסער ווערט שפּעטער, ווען דער טאַטע לאָזט זיך איבעררײדן און קומט צוזאַמען מיט דער מאַמע צו די קינדער אין וואַרשע.

וואַרשע האָט דעמאָלט דורכגעמאַכט די שווערע צייט, וואָס איז געקומען נאָך דער דורכגעפאַלענער רעוואָלוציע. דער 16 יאָריקער שמואל האָט דער־שפּירט, אַז עפּעס איז דאָ ניט גלאַט: פון איין זייט די גאַטזוכעריי, מיט וועל־

בער עס האָבן זיך פאַרנומען אַ סך אַנטוישטע אינטעליגענטן, און פון דער צווייטער זייט — די הפקרדיקייט און דער שונד פון דעם יידישן טעאַטער און פון דער יידישער פרעסע. שמואל איז געוואָרן אומרואיק. ער האָט געפילט, אַז עפּעס דאַרף געטאָן ווערן. דערווייל פלעגט ער אָפּט אַריינזיצן אין די שפּעטע שעהען און עפּעס שרייבן. אָפטמאָל פלעגט ער וועגן דעם ריידן מיט מיר, זיין עלטערער שוועסטער. און איין מאָל האָט ער זיך פאַר מיר פאַרטרויט, אַז ער האָט עפּעס אָנגעשריבן און וויל עס ווייזן י. ל. פּרצן. דערביי פאַר־ענטפערט ער זיך, אַז ער וויל זען פּרצן און פרעגן אים, פאַרוואָס אונדזערע גרויסע יידישע מענטשן טוען אַזוי ווייניק פאַר דער יידישער יוגנט.

מיט עטלעכע וואָכן שפּעטער איז שוין שמואל פאַרנומען מיט אָרגאַ־ניזירן יונגע בחורים און מיידלעך אין אַ יידישן קולטור־פאַראיין צו העלפן פּרצן אין זיין קאַמף פאַר אַ בעסערן טעאַטער און בעסערער פּרעסע. עס קומט פאָר אַ לעקציע אין דער וואַרשעווער פילהאַרמאָניע און פּרץ שטורעמט אויף דעם עולם מיט זיין רוף: „גייט ניט אין יידישן טעאַטער און לייענט ניט די שונד־בלעטער!"

פּרץ זעצט אַריין אין דער יוגנט אַ נייע נשמה. שמואל פאַרגעטערט אים. ער נעמט זיך נאָך מיט מער אימפּעט צום שרייבן. זיינע אָנגעשריבענע זאַכן ברענגט ער צו פּרצן און קומט אַהיים אַ צופרידענער, אַ לויכטנדיקער: פּרץ האָט געלייענט זיינע זאַכן און געהייסן אים שרייבן... „אַ שאָד וואָס ער באַטראַכט מיך נאָך ווי אַ קינד!" — האָט ער מיר איין מאָל געזאָגט. איך האָב זיך שפּעטער דערוואוסט, אַז נאָכדעם ווי פּרץ האָט איבערגעלייענט שמואלס אַ קריטיק אויף הלל ציישלינס אַ לעקציע וועגן גאָט־זוכעריי, האָט ער אים געזאָגט: „ביסט נאָך צו יונג צו שרייבן וועגן אַזעלכע זאַכן!"

---

אין 1913 זאָגט מיין ברודער שמואל פאַראויס אין אַ בריוו צו זיינע שוועסטער אין אַמעריקע, אַז אַ גרויסע וועלט־מלחמה קלייבט זיך אויף אונדז. אין 1914 איז ער שוין אַליין אין די טרענטשעס (טראַנשייען). ער מאַכט דורך אַלע צרות פון אַ סאָלדאַט אין דער צאַרישער אַרמיי. עס קומט אים אויס איין מאָל צו ליגן אַ שווער־קראַנקער גאַנצע 10 טעג אין אָפענעם פעלד. ער ווערט געזונט און שליסט זיך אָן שפּעטער אין דער רויטער אַרמיי. אָפּגעריסענע און אָפּגעשליסענע קעמפן זיי קעגן דער קאַפּיטאַליסטישער אינטערווענציע.

אין 1921 קומט ער קיין מאָסקווע, וואו די יונגע סאָוועטישע מאַכט שיקט אים שטודירן אין אַ הויכשול אויף איר חשבון. ער לערנט געשמאַק און שרייבט אַ סך, מערסטנס — וועגן בירגער־קריג און אינטערווענציע. ער מאָלט בילדער און טוט זיי אַריין אין די געהעריקע ראַמען און עס באַקומט זיך ווי ער וואָלט געזאָגט צו דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט: „אָט האָט איר עס, נאָט אייך און שעמט זיך, אויב איר האָט נאָך אַ געוויסן!" עס הויבן זיך אָן זיינע פּרוכטבאַרסטע יאָרן, וואָס האַלטן אָן אַ גאַנצע 20 יאָר ביז 1941. אַ חוץ זיין שטענדיקער מיטאַרבעטערשאַפט אין מאָסקווער „עמעס", האָט ער אָנגע־שריבן פיל ביכער, צווישן זיי: „דזשים קופּערקאָפּ", „פיגורן אויפן ראַנד", „טאָג אַנטקעגן" און אַנדערע. צום ליבסטן איז אים געווען זיין ווערק „דער מענטש מיט דער ביקס".

שמואל ניסן גאָדינער האָט פיל צוגעטראָגן צום אויפבוי פון ביראָ־בידזשאַן. די מאַכט האָט אים געשיקט אַהין צוויי מאָל אַ יאָר צו העלפן אײַנ־שטעלן דאָרטן יידישע קינדער־שולן, ביבליאָטעקן און בכלל אויסברייטערן די יידישע קולטור־אַרבעט. אין דער דאַזיקער אַרבעט איז ער געווען אַרייַנ־געטאָן מיט זיין גאַנצער נשמה. ער איז נאָך געוואָרן מער שטאָלצער מיט דער סאָוועטישער מאַכט, וואָס האָט געזוכט צוריקגעבן די יידן זייער זעלבסטווערדע. פאַר דער דאָזיקער רעגירונג איז ער געווען גרייט צו לעבן און צו שאַפן, גרייט צו שטאַרבן.

פרילינג 1941 ענדיקן זיך ש. גאָדינערס ליטעראַרישע טעטיקייטן... ס'איז ניט קיין צייט פאַר ווערטער... ס'איז ניט קיין צייט פאַר שייַנער ליטעראַטור... דער שונא וועט עס ניט פאַרשטיין. אַ באַגנעט, אַ שפּיז — אָט דאָס וועט דער פאַרשאָלטענער אַריינדרינגער יאָ פאַרשטיין. ש. גאָדינער שרייבט אין אויגוסט 1941, אין זיין לעצטן בריוול צו זיינע שוועסטער (חנה און אסתר) אין אַמעריקע: „איך נעם מיין זון וואָצלאַוו, ער אין דער רויטער אַרמיי, איך — מיט די פאַרטיזאַנען... איך האָף, אַז איר זייט ניט קיין זיי־טיקע צוקוקער, נאָר אַקטיוויסטן אין קאַמף קעגן דעם ביטערסטן שונא. געדענקט מיין פרוי און מיינע צוויי מיידלעך!"

דער 48 יאָריקער ש. גאָדינער מאַכט דורך אַ גאַנץ יאָר אין די שווערע אונטערערדישע באַדינגונגען פון פאַרטיזאַנער־לעבן. זיין מוט און זיין גלויבן אין סאָוועטישן נצחון ווערט שטאַרקער.

זומער 1942 קומט ער צוריק קיין מאָסקווע אַ קוק צו טאָן נאָך אַמאָל אויף זיין פרוי און צוויי טעכטער. די רעגירונג רעדט אָפּ עלטערע בירגער פון גיין אויפן פראָנט, אָבער ש. גאָדינער וויל אין מאָסקווע ניט פאַרבלייבן. אַ ברענענדיקער באַגער צו נעמען נקמה פון די פאַשיסטישע אַריינדרינגער, לאָזט אים ניט איינזיצן אויף אַן אָרט. ער לאָזט זיך ווידער אַוועק אין די היטערשטע ליניעס צו די פאַרטיזאַנער, פונוואַנען ער קומט שוין מער קיינמאָל ניט צוריק.

---

עס לאָזט זיך מער גאָר ניט זאָגן...

אַ שייַנער נוצלעכער מענטש איז געווען שמואל־ניסן גאָדינער. ניט דער איינציקער שייַנער נוצלעכער מענטש, וואָס דער פאַשיזם האָט אַוועקגעריסן פון אונדז. „ניטאָ איצט קיין צייט פאַר ווערטער!" האָט גאָדינער געזאָגט.

לאָמיר דאָס געדענקען און לאָמיר זיך צואיילן מיט אונדזער קאַמף קעגן פאַשיזם אויך דאָ אין אַמעריקע. נאָר מיט באַטייליקן זיך אין דעם דאָזיקן קאַמף וועלן מיר אָפּצאָלן דעם גרויסן חוב, וואָס מיר זיינען שולדיק אונדזערע מיליאָנען קרבנות און אויך די קומענדיקע דורות.

**אסתר (גאָדינער) מילער.**

לאָס־אַנדזשעלעס.

# זאַוועלער טראַקט

1

אין קרעפּעטע, אויף דער סווענטעוואַליער גאַס, האָט געוואוינט זאַוול דער פורמאַן. קרעפּעטע איז געלעגן אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן מיט זומפּן. איין שמאָל וועגעלע אַרום און אַרום דעם גרויסן וואַלד האָט פאַרייניקט קרעפּעטע מיט דער אַרומיקער וועלט. די קרעפּעטער זומפּן אין וואַלד האָבן געהאַט אַ שם פון אַ „מקום”, וואו עס פּלאָדיען זיך פון אייביק אָן שדים. אַ סך קרעפּעטער קינדער זיינען געווען מיט קאַלטנס.

— דער שד האָט זיך שוין צוגערירט, — האָבן די ווייבער גערעדט, אָנקוקנדיק אַ ניי־געבוירענעם.

באַ איין זאַוול דעם פורמאַן זיינען די קינדער געווען מיט ריינע קעפּלעך.

— דער שד האָט איבער דיר קיין שליטה ניט, זאַוול, — פלעגן זיי זאָגן.

— איך האָב אַ תקיעת כף געמאַכט מיטן אַשמדאַי, — פלעגט זאַוול ענטפערן, און עס איז שווער געווען צו כאַפּן, צי רעדט ער ערנסט צי ער שפּאַסט. — איך וועל קיין ייִנגלעך ניט האָבן, און מיינע מיידלעך וועט ער ניט טשעפּן.

דאָס איז געווען נאָך דעם, ווי זיין נחמקע האָט אים געהאַט דאָס זיבעטע מיידל.

יעדן זונטיק באַגינען פלעגט זאַוול איינשפּאַנען זיינע פּאָר „ייִנגלעך” און אַוועקפאָרן אויף אַ גאַנצער וואָך. ער פלעגט דאָרט ערגעץ פון די וועלדער צו די טייכן קלעצער שלעפּן און פרייטיק, אַ מינוט פאַר ליכט־בענטשן, פלעגט ער קומען צוריק קיין קרעפּעטע מיט אַ פול־אָנגעלאָדענעם וואָגן מיט מעל, צוקער, בוימל, סיראָפּ, ראָזשינקעס און אַנדערע סחורות פאַר די פּאָר קרעפּעטער קרעמער.

אין 1876 יאָר, אין איינעם אַ זומערדיקן פרייטיק, איז זאַוול געקומען אַהיים גאָר שפּעט, נאָך האַלבער נאַכט.

— דו ביסט אַ שטיק אין שבת אַריינגעפאָרן, — האָט נחמקע צו אים געזאָגט.

— אַ מעשה געווען, האָט ער געענטפערט און געשטעלט זיך זאָגן „לכו־נרננה“.

באַם דאַוונען האָט ער געפירט מיט די אויגן איבער דער שטוב און געזען: אין שטוב איז, ווי שטענדיק, שטיל און ריין. די צוויי ייִנגערע מיידלעך, וואָס זיינען נאָך אין דער היים, שלאָפן שוין. דער ערדענער דיל איז אויסגעשאָטן מיט גאָלדענעם זאַמד. דאָס זיבענער גלעזל אין לאָמפּ איז אויסגעשייערט ריין, אויפן געדעקטן טיש שטייען ליכט אין קרומע, מעשענע לייכטער, אין קעסטלעך, בלעכלעך, שאַכטלעך אָנגעפילטע מיט זאַמד, — אַ ליכט פאַר יעדער נשמה. ער האָט אַ צייל געטאָן די ברענענדיקע ליכט און אָנגעציילט פופצן.

— צוגעקומען אַ נשמה, — האָט ער געטראַכט.

אָפּגעפּטרט דאָס דאַוונען, דערלאַנגט זיין „גוט־שבת“, האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— עס קומט אונדז מזל טוב, נחמקע? אַ ייִנגל?

— וואָסי עפּעס, — האָט זי געענטפערט, אַ מיידל, ווי אַלעמאָל.

ער האָט זיך געזעצט צו דער וועטשערע. נאָכן וויין האָט ער אין קאָפּ אַ חשבון געטאָן: צען טעכטער צעפלויגן זיך, צוויי שלאָפן אויפן אויוון, די דרייצנטע איז שוין אויך דאָ־הי...

— ווען האָסטו געהאַט? — האָט ער געפרעגט.

— מאָנטיק. דו זאָלסט אָנקוקן אַ צורקע, די שענסטע פון אַלע דרייצן.

און אַ גרויס, — אַ ריז. אוודאי צען פונט די וואָג.

אָפּגעגעסן, אַ זונג געטאָן אַ ביסל זמירות, איז ער אַרויס אין שטאַל, אַ קוק געטאָן די פערד, אַ וויש געטאָן מיט אַ וויכעטש שטרוי און דערנאָך מיט אַ טרוקן שמאַטקעלע זייערע רוקנס און פיס, אונטערגעשאָטן זיי אַ ביסל היי און אַריין צוריק אין שטוב מיט אַ זאַק אין די הענט.

פון זאַק האָט ער געשלעפּט מתנות, וואָס די עלטערע טעכטער פלעגן געווינלעך שיקן אַהיים.

— אַן עפּל — פון ברכהקען, — האָט ער אויסגערופן און אַוועקגעלייגט אַ רויטן עפּל פול מיט בראָדאָווקעס אויפן טאַבערעט לעבן דער געווינערנס בעט.

— אַ באַר — פון רבקהן.

— אַ שטיקל לעקעך — פון שרהקען.

— אַ הערינגל — פון דבורהקען.

— אַ קלעצעלע פעדעם — פון לאהלען. די וועט זיין גאַר אַ לייט. די באַלעבאָסטע זאָגט, אַז זי האָט גאָלדענע הענט, און זי וועט זי מאַכן פאַר אַ מאָדיסטקע.

— צוויי צוקערקעס — פון רייזלען.

— אַ שטיקל ציץ פון פריידקען, אויף אַ קלייד פאַר דער נייאינקער. אַזוי האָט זי טאַקע געזאָגט. — זאַוולס קופערנע באָרד האָט זיך אָן עפּן געטאָן, אָפּ־געדעקט אַ פּאָר פולע, הויכע, קיילעכדיקע, רויטע ליפּן, דערנאָך צוויי שורות ווייסע, געטאָקטע, שמאָלע ציין. — אַפילו די קינדער ווייסן שוין, אַז אויב דו וועסט עפּעס האָבן, וועט עס זיין אַ מויד.

אַ הייבעלע — פון שפּרינצן, מיט די אייגענע הענט געמאַכט. די באַלע־באָסטע איז מיט איר ניט צופרידן. ניט קיין דינסט, זאָגט זי, דאַרף זי זיין, נאָר אַ הוטנפּוצערקע. רק זי נייט היטעלעך.

— אַ מעשה־ביכל — פון אסתרקען. דאָ דערציילט זיך פון אַן אומגליק־לעכער פּרינצעסן, וואָס איז פון איר בייזן פאָטער, דעם פּרינץ, פאַר אירע זינד פון פּאַלאַץ אַרויסגעטריבן געוואָרן. אַ משל קעגן פאָלק ישראל. איבעראַכטאָג וועל איך דיין טאָכטער ברייגען אַהיים. די באַלעבאָסטע וויל זי ניט האַלטן. זי ווערט פאַרפאַלן אויף גאַנצע טעג, דער גוטער־יאָר ווייסט וואו, רק זי לייענט מעשה־ביכלעך. מע האָט זי שוין געשמיסן דערפאַר — עס העלפט ניט. קוים זיך אָפּגעבעטן באַ דער באַלעבאָסטע ביז איבעראַכטאָג.

— אַ פּאָר שיך — פון פּערלען. זי וואַקסט, ווי אויף הייון, זי באַוויזט ניט צו צערייסן די מתנות, וואָס די באַלעבאָטים שענקען איר. זי האָט שטאַרק חן באַ אַלעמען אין די אויגן. זי איז אַ גרויסע בריה און אַ שטאַרק פריילעכע.

דער זאַק איז געבליבן כמעט ליידיק. נאָר זאַוול האָט אים ניט אַוועקגע־וואָרפן הינטערן אויוון, ווי אַלעמאָל. ער האָט אים געהאַלטן אַ ווילע אין דער האַנט און דערנאָך שטיל, ווי בסוד, זיך אָנגערופן:

— און דאָס איז פאַר דער נייאינקער...

ער האָט אַרויסגעשלעפּט פון זאַק אַ לאַנגן, קרומען שטעקן מיט אַ פּאָר־בויגן הענטל, ווי אַ קאַטשערע.

— הער אַ מעשה, — האָט ער אָנגעהויבן, איז אַוועק צו דער ווינקל־שאַפע, אַרויסגענומען פון דאָרט די גרויסע טיטון־פּושקע, אַריינגעשטעקט אַהין די נאָז, שטאַרק זיך אָנגעשמעקט מיט טיטון. — הער אַ מעשה. איך האָב דאָך געוואוסט, אַז דו דאַרפסט אָט־אָט האָבן, בין איך פון לאַשוויץ אַרויסגע־פאָרן כאור הבוקר, געוואָלט קומען אַהיים בייטאָג. הייבט זיך אויף נאָך פאַר מיטאָג אַ פּאַסקודנער רעגן מיט אַ ווינט און פאַרשטעלט מיר די ליכטיקע שיין. געפאָרן בין איך מיטן נייעם וועג, ווייסט דאָך, צווישן די בערעזניקעס. צייט, טראַכט איך, האָב איך אַ סך, לאָמיר פטרן דעם טאָג אויף נאָכאַמאָל אַ פּרוואו טאָן דעם נייעם וועג. פאָר איך אַזוי צווישן די בערעזניקעס, און דאָ הייבט זיך אויף אַ פּאַסקודנער רעגן מיט אַ ווינט און פאַרשטעלט מיר די ליכ־טיקע שיין, און איך פאַרקריך אין אַ שפּאָגל־נייער בלאָטע, און איך פאַל אַריין

מיט מיינע „יינגלעך" אין אַ זומפּ, און איך פֿיל — איך גיי אונטער. ווי מיר, — שריי איך, — ווי מיר, וואָס טוט איר מיט מיר, מחבלים — איך ווייס, דו דאַרפֿסט ליגן אין קימפּעט, הערט אויף, — שריי איך, — שמע ישראל וועל איך זאָגן, אָט זאָג איך שמע־ישראל, גייט איר אַלע כף־הקל! עס העלפֿט ניט! אַ שטיק דריי זיינען זיי געווען, די לצים. איך זע, עס איז פֿאַרפֿאַלן, זאָג צו זיי: אַ־אַ, קיין שמע־ישראל נעמט איך ניט, וועל איך אייך באַלד מיט דער האַק, מיט דער האַק... דערביי טראַכט איך אויף זיכער: אוודאי האָט דאָרט נחמקע אַ יינגל געהאַט, האָבן זיי זיך צעבונטעוועט... נאָר סיי־ווי, טראַכט איך, אַ לעבעדיקער וועל איך זיך ניט לאָזן... איך כאַפּ אַרויס די האַק פֿון גאַרטל — אַ שטיק דריי זיינען זיי געווען — הער איך גלייך, ווי צוויי פֿון זיי גיבן זיך אַ גליטש אַראָפּ צוריק אין זומפּ אַריין. דער דריטער, אָבער, דער גרעסטער מחבל, ווייזט אויס, וויל דווקא זיך ראַנגלען. אַ, — זאָג איך, — דו ווילסט דווקא, — זאָג איך, — איז נאַ דיר! און איך גיב אים אַ זעץ מיט דער האַק איבערן האַלדז און/ אַ פּאַך אינדערלופֿטן, און נאָכאַמאָל אַ זעץ, און נאָכאַמאָל אַ פּאַך, און איך שלעפּ אַרויס פֿון זומפּ אָט־אָ־דאָס — זיין קאַטשערע, אפֿנים, און ער ווערט מיר פֿון אונטער די הענט ניט. אויך, אַפֿנים אַראָפּ אין זומפּ. זאָל עס דאַ הענגען, — האָט ער אויפֿגעהאַנגען, דעם שטעקן אויף אַ טשוואָק אויף דער וואַנט איבערן קינדס קעפּל. — דאָס איז אַ גוטער סימן און אַ גוטע סגולה צו אַלע קרענק...

אויפֿגעהאַנגען דעם „שדס קאַטשערע" אויף דער וואַנט, אַ קוק געטאָן אויפֿן ניי־געבוירענעם קינד, האָט ער זיך אויסגעטאָן און איז אַרונטערגע־קראָכן אונטער דער קאָלדרע. פֿון אונטער דער קאָלדרע האָט ער זיך אַ הייב געטאָן, — די ליכט זיינען שוין אויסגעגאַנגען, דאָס לעמפּל האָט שוין אויך גע־צאַנקט, אין די שויבן האָט שוין אַ שפּריץ געטאָן די באַגינענדיקע שיין, ווידעראַמאָל אַ קוק געטאָן אויפֿן קינד, — נחמקע האָט עס איינגאַנצן צע־וויקלט — און מיט פֿרייד האָט זאָזול אַ זאָג געטאָן:

— אוי, עפּעס אַ גרויסע זייער...

— גאָר אַ גרויסע...

— אַ פֿריילעכע?

— זייער אַ פֿריילעכע.

— אָט שוין זעט זיך עס — אַז זי איז אַ פֿריילעכע?

— דאַנקען גאָט — איך האָב אַ געניט אויג...

— נו, פֿריילעכקייט איז ביי אונדז קיין נייעס ניט. אַלע קינדער אונדזערע זיינען קיין עין הרע פֿריילעכע.

— דאָס וועט זיין עפּעס גאָר אַן אָסאָבענע...

— איך טראַכט איר אַ נאָמען געבן חנהקע, נאָך דער מוטער.

— אַוודאי אַזוי... איך האָב דיר ניט דערציילט? פאַרן טויט זאָגט זי צו מיר: „אַ שאָד, נחמקע, וואָס איך וועל ניט דערלעבן ביז דיין קימפּעט, ווייל ממה נפשך: וועט עס זיין אַ ייִנגל, וועט דאָך גאָר גרויס די פרייד זיין, אלא ס׳וועט זיין אַ מיידל — דאַרף עס זיין זייער־זייער אַ מזלדיקע... די דרייצנטע, פאַרגעס ניט...״

2

אין דער גרעסטער און בעסטער שטוב אויף דער סוועטעוואַליער גאַס קאָנען אַריין, אויב מע זאָל שטיין קאָפּ־אויף־קאָפּ, צוויי צענדליק מענטשן. און אויף חנהקעס חתונה האָט דער זיבעציק־יעריקער זאַוול דער פורמאַן באַשלאָסן צונויפצורופן צוויי הונדערט מאָן.

— משוגע, דול, שונא־ישראל, צום טויט! — האָט נחמקע געפּרואווט זיך קעגנשטעלן. — וואָס הייסט, דו רופסט צונויף אַזאַ ערב־רב. זיי וועלן דאָך דיר דעם קאָפּ אַראָפּגריזען!

— אָפּגערעדט! — האָט דער אַלטער געענטפערט, אַ מאַך טוענדיק מיט דער האַנט. — אַ תקיעת כף האָב איך געגעבן מיין חברה פון אונדזער צד און זיין חברה פון זיין צד. איך באַדאַרף ניט קיין דרשה־געשאַנק. אַזאַ כלה־מויד, קיין עין הרע, ווי אונדזער חנהקע איז, אַזאַ פּרינצעסן דערלאַנגען דאָס בלעכענע דרשה־געשאַנק אין אַלץ איינס, ווי אָנטאָן די ספר תורה אין אַ רעדנע. און קיין גאָלד מיט קיין זילבער פאַרמאָגן ניט דיינע לייט, נחמקע, וועט מען ברענגען, וועט אַ פיש, און וועט אַן אָקע פליש, און וועט אַ קויף בראָנפן, און וועט אַ פאָר פונט העריננג. אַז איך האָב אָפּגערעדט מיט זיי! דרייסיק יאָר, אַז איך פיר מלחמה מיט די לצים! און אַרויסגעטריבן זיי! איצט פאַרן שוין דאָך אַלע מיט די בערעזניקעס! די מיזינקע, די מיזינקע גיבן מיר דאָך עפּעס אויס! ווען סטו מיר דאָ גיין דרייען דעם דישל! אָפּגערעדט! אַ תקיעת כף — איז אַ תקיעת כף!

— און וואו וועסטו זיי אַהינטאָן?

— דאָס איז אויך אָפּגעמאַכט, אַלטע! ישראל־דוד גיט זיין שטוב, און אברהם־בער גיט זיין שטוב, און יצחק־אשר גייט אויך ניט אַרויס פון כלל. און אין אונדזער שטוב איז אויך פאַראַן אַ דאַך מיט פיר ווענט...

— איי, זאַוול, זאַוול, — האָט זיך די אַלטע אַלץ ניט געקאָנט באַרויִקן, ביסט אויסגעוועפּט געוואָרן אַף דער עלטער. מיט פרעמדע פליישן און פישן, מיט פרעמדע ווייבען און בראָנפנס, באַ פרעמדע טישן, אין פרעמדע שטיבער

ווילסטו דווקא דיין מיזינקע אויסגעבן און דו פאַרשטייסט גאָר ניט, אַז דאָס פּאַסט פאַר אַ שלעפּער!

— טצ־טצ־טצ־טצ, — האָט זיך דער אַלטער צעקנאַקט מיט דער צונג. — אָט דאָס, זעסטו, איז טאַקע אַ ריזאַן... וועל איך דיר זאָגן: סע ווענדט זיך, ווי מען לייענט דאָס בלאַט. און ווי איז, אויב איך וועל מאַכן דעם פּשט אַזוי: ווען חנהקע איז געבוירן געוואָרן, האָב איך די לעצטע דריי לצים פון די בע־רעזניקעס פאַרטריבן? פאַרטריבן! דעם „שדס קאַטשערע״ האָב איך גע־בראַכט? געבראַכט! ווער האָט געפּראַוועט דער ערשטער די פערד דורך די בערעזניקעס? זאָוול! ווער האָט דרייסיק יאָר מלחמה געפירט מיט די לצים? זאָוול! ווער האָט אויף צווײ דריטל אוודאי קירצער געמאַכט דעם וועג פון לאַשוויץ קיין קרעפּעטע? זאָוול! דו מיינסט, ס'איז דיר עפּעס אַ קלייניקייט אַ נייעם וועג אין דער וועלט אויפטרעטן! עפּעס אַ קלייניקייט! דו נעם עס העכער, העכער! דאָס איז קיום! דאָס איז עולם־הבא! זאָוולס ביינער וועלן פוילן אין דער ערד, און צווישן די בערעזניקעס וועלן מענטשן פאָרן און דער־מאָנען זאָוולען און זאָגן: ער האָט דעם וועג דורכגעלייגט! ער האָט די לצים פאַרטריבן! אַ ליכטיקן גן־עדן אים דאָרטן!

— מאַמע, — האָט מיט אַ שמייכל געזאָגט חנהקע, אַ הויך, שלאַנק מיידל מיט אַ פּאָר שוואַרצע צעפּ, גרויסע בלויע אויגן און פולע רויטע ליפּן, — דער טאַטע איז גערעכט, אַזאַ גוט לעבן זאָל איך האָבן, ווי ער איז גערעכט. דאָס מאַכן דאָס אונדז די פורמאַנעס אַ שמחה צוליב ניי־וועג, וואָס דער טאַטע האָט אויסגעטראָטן. ווי הייסט איצט דער נייער וועג פון לאַשוויץ קיין קרעפּעטע? דער זאָוועלער וועג! קינד־און־קייט ווייסט דאָך דערפון! איי, געווג, מאַמע.

— מילא, טאָכטער, אַז דיר איז ליב, איז מיר ניחא. וואָס וויל איך? ניט פאַרשעמט ווערן אויף דער עלטער. איך וויל דען אַ סך?

— פאַרשעמט ווערן גאָר! — האָט חנהקע אַ שמייכל געטאָן, און דער אַל־טער האָט זי מער ניט געלאָזט קיין ריר טאָן זיך.

— שטיי, שטיי, טאָכטער! — האָט ער געשריען. — אָט אַזוי־אַ שטיי! — און ער האָט אַ כאַפּ געטאָן די אַלטע נחמקע פאַר דער טאַליע און אומגעדרייט זי מיטן פּנים צו דער טאָכטער: — קוק זיך איין, אַלטע, וויש זיך אויס די אַלטע אויגן און גיב אַ קוק, צי איז דאָך שענער פון דער זון, קיין עין־הרע.

— אוי, — האָט די אַלטע אַ מאַך געטאָן מיט די הענט. — ס'איז טאַקע אַן אמת, וואָס מע זאָגט אויף דיר, אַז דו האָסט אַ טריפענע נשמה, זאָוול. אַן אַ טראַפן בושה!...

— האַ־האַ־האַ! — האָט דער אַלטער געלאַכט. — בושה גאָר דאַרף איך האָבן, וואָס די זון שיינט באַ מיר! בושה גאָר!

— אויף אַ זומערדיקן דאָנערשטיק האָט מען אָפּגעשטעלט די חתונה. עס איז געגאַנגען דאָס יאָר 1896.

דער חתן איז געווען לייבע דער פורמאַן, וואָס איז נאָר־וואָס געקומען פון סאָלדאַטן. ער איז געווען דריי קלאַפּטער די הויך, אַ קלאַפּטער די ברייט אין די פּלייצעס, מיט אַ שוואַרצער טשופּרינע און מיט טונקעלע ביר־אויגן, און אַז ער האָט אַ רייט אַרויס געגעבן אויף דער באַנאַכטיקער פּאַשע מיטן טאַבון פערד, האָבן די קרעפּעטער פורמאַנעס געלאַכט:

— נו, איצט קאָן מען שוין שלאָפן רואיק. די לצים האָבן שוין געכאַפּט די ווידלען אין די מיילער און זיינען זיך צעקראָכן אין די נאָרעס.

אַפילו די ציגיינער האָבן פאַר אים מורא געהאַט, זיי האָבן איינמאָל געפּרוואווט אַ פערד צושלעפּן, איז ער אַרויס אַנטקעגן זיי מיט אַ האָלאָבליע.

— פאַראַן בעלנים צו שלאָגן זיך? — האָט ער געפרעגט.

די קרעפּעטער בעל עגלות זיינען געשטאַנען פונדערווייטנס און האָבן געוואַרט אויפן גרייטן. קיין בעלנים צו שלאָגן זיך זיינען ניט געווען. דעמאָלט איז לייבע צוגעגאַנגען צו דער כאַפּטע ציגיינער און מיט אַ שמייכל געזאָגט:

— וואָלט איך געוואוסט ווער ס'איז איינגעפאַלן צו קריכן צו אונדזערע פערד, וואָלט איך אים דאָ פאַר גאַנץ קהל אין די אויגן די אויערן אָנגעריסן. ווער גנבעט? — אַ פּחדן!

— ער האָט געמיינט בייטאָג, — האָט זיך אַ ציגיינערטע אָפּגערופן.

— זאָל איך לערנען, ווי מען דאַרף בייטאָג, ציגיינער?

דערביי איז מען אַוועק אין שענק און מע האָט זיך געפּאַטשט איבער די הענט; איין מאָל אין יאָר, מע וועט שוין שפּעטער אָפּריידן וועגן טאָג, פּירט מען אין קרעפּעטע אַרויס די פערד אויפן יאַריד. דאָרט בייט מען.

און די ציגיינער האָבן קרעפּעטע געלאָזט צורו.

קרעפּעטע האָט אין יענעם יאָר אָנגעהויבן ווי בליען. מע האָט זיך פּלוצלינג דערמאָנט, אַז דריי וויאָרסט פונעם שטעטל פליסט דער טייך קרעפּעטע, ניט קיין שלעכט טייכל. מע שמועסט, אַז עס איז גאַנץ טיף און פאַלט אַריין אין גרויסן טייך לאַשוויץ, אָבער קיין נוצן קאָן מען פון אים ניט האָבן. אויף דרייסיק וויאָרסט אַרום און אַרום איז דער טייך קרעפּעטע באַלייגט מיט דורכאַויסיקע זומפּן. דער קרעפּעטער פּריץ, פּאַסיקאַצקי, האָט געפּרוואווט ברענגען אינזשעניערן פון שטאָט, רייניקן דעם טייך, דאַמפּערס אויף אים לאָזן. די אינזשעניערן האָבן אָפּגעהוליעט צוויי וואָכן אין פּריצס גוט און זיינען אַוועקגעפאָרן מיט גאָרניט. אויף אויסצוטריקענען די ברעגן האָט מען באַדאַרפט פטרן אַ פאַרמעגן פון צען פּאַסיקאַצקיס, די פּריצטע פּאַסיקאַצקי איז אויף אַ ווילע

דוקא יאָ געפאַלן אויף אַ שכל. זי האָט גערופן צו זיך עטלעכע פורמאַנעס. דאָרט איז געווען זאַוול, דאָרט איז געווען לייבע, דאָרט איז געווען בערע דער הויקער. דאָרט איז געווען יצחק־לייב מיט דער באָרד ביז די קני — די סאַמע חשובע קרעפּעטער פורמאַנעס.

— בעל עגלות, — האָט זי צו זיי דאָס ערשטע וואָרט געזאָגט אויף יידיש,

— איר האָט אויסגעלייגט אַ וועג צווישן די בערעזניקעס. צי ווייסט איר, אַז עס איז דאָ נאָך אַ קירצערער וועג, מיטן ברעג קרעפּעטע־טייך?

— מיר ווייסן, — האָט זאַוול געענטפערט.

—וועט איר זיך פּרואוון? — האָט זי געפרעגט.

— עס וועט גאָרניט ניט אַרויסקומען, פּריצטע, — האָט זאַוול געענטפערט. ביי די קרעפּעטער ברעגן איז דער זומפּ די טיף ביזן דנאָ פון דער ערד.

די פּריצטע האָט געלאַכט:

— דו ביסט שוין אַלט, זאַוול. אפשר וועט זיך דערצו נעמען דער יונגער?

— מיר איז גענוג גוט דער זאַוועלער וועג, — האָט לייבע אָן צערעמאָניעס געענטפערט.

דערביי איז עס געבליבן.

ווען זיי זיינען אַרויס פון דער פּריצטע, האָט זאַוול אַ זאָג געטאָן צו לייבען:

— איך האָב פאַר דיר אַ כלה, לייבע.

— וואָס רעדט איר, רב זאַוול, עפּעס אַ גוטע מויד?

— אַ פּרינצעסע.

— נו, — האָט לייבע אַ זאָג געטאָן, — אַ פּרינצעסע האַלט פאַר זיך, איך דאַרף אַ פּראָסטע מויד.

— טאַקע אַ פּראָסטע, אָבער אַ פּרינצעסע. וואָסי, סע פּאַסט דיר ניט, אַז ביי אונדז זאָל זיך פאַרוואַלגערן אַ פּראָסטע פּרינצעסע?

— קיין פאַרוואַלגערטע וויל איך ניט...

— שטיי נאָר, — האָט אים זאַוול פאַרהאַלטן, — עפּעס רעדסטו מיט מיר צו שגצעוואַטע. איר האָט זיך שוין אַוודאי אָפּגעשושקעט?

— שוויג!

— און חנה׳קע?

— זי וויל!

— קנס, קנס! — האָט זיך דער אַלטער צעשריען. — עס וועט ניט גיין אָן קנס! האָסטו געזען! צוגעשלעפּט דאָס שדכנות ביי מיר!

מע האָט פאַרקערעוועט אין שענק. בערע דער הויקער האָט געסערווירט. לייבע דער חתן האָט פון דער ברייטער האַנט געהייסן דערלאַנגען. דער אַלטער

זאַוול האָט אויסגעטרונקען און איז פריילעך געוואָרן. ער האָט זיך אַוועקגע־שטעלט מיט דער קוואָרט אין דער האַנט און געהאַלטן אַ דרשה:

— פּאַסיקאַצקי איז אַ פּאַסקודסטווע! זי וויל אונדז פאַרנאַרן אין דער בלאָטע! זי וויל פון דיר, לייבע, דו זאָלסט מיט דיינע פּיס דעם ברעג אויס־טריקענען, ווי איך האָב מיט מיינע די בערעזניקעס אויסגעטריקנט. וועט זי לאָזן פאַראַכאַדלעך איבער קרעפּעטע, און אונדזערע ברידער וועלן מלמדים דאַרפן ווערן... איך האָב געוואוסט וועגן ברעג־וועג פאַר פּאַסיקאַצקי דער פּאַסקודסטווע... הייס אָנגיסן די קוואָרט! אַ שידוך?

— אַ שידוך! — האָט לייבע געענטפערט.

— אַ גוטער שידוך! — האָט בערע דער הויקער אַ טאַנץ געטאָן אינדער־לופטן.

— איר האָט שוין אַוודאי ניט איין זויף געטאָן לכבוד דעם, — האָט דער אַלטער אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ נאָך דעם, ווי ער האָט אויסגעטרונקען די דריטע קוואָרט.

— דאָס איז אונדזער דאגה! — האָט לייבע פריילעך געענטפערט.

— אין דריי וואָכן אַרום וועט זיין די חתונה!

— פונמיינטוועגן — כאָטש מאָרגן.

— צוויי הונדערט מאָן רוף איך!

— פונמיינטוועגן כאָטש פינף הונדערט.

— און נדן?

— איך האָב אים שוין אָפּגענומען.

— טאָקע צוויי הונדערט! נאָר צוויי הונדערט! — האָט געטאַנצט בערע דער הויקער. — אַלע פורמאַנעס אונדזערע וועלן מיר צונויפרופן, איך האָב אַן עצה. איך האָב אַן איינפאַל. דו ביסט אַ קבצן. זאַוול? ער איז אַ קבצן? דאָס איז אמת, זאַוול, אַיי, איז דאָס אמת! אמת וישר! וועלן מיר אַלע צוזאַמען מאַכן די חתונה! אַלע פורמאַנעס! דו האָסט אונדז אַלעמען געעפנט די אויגן. דו האָסט אונדז אַלעמען באַשאָטן אונדזער ביסן מיט מעלעס... דו האָסט דורכ־געלייגט דעם וועג צווישן די בערעזניקעס, דערפאַר קומט דיר! איין קבצן איז ביטער, צוויי קבצנים איז נאָך ביטערער, אָבער צוויי הונדערט קבצנים — דאָס איז שוין גאָר־גאָר עפּעס אַנדערש! כיד־המלך וועלן מיר עס מאַכן! אונדזער בלוט שפּילט! — האָט ער זיך געפּאַטשט אין פאַרבטיקן הויקער, — אונדזער חברה געווינט! — האָט ער געטומלט אַ האַלב־שיכורלעכער.

און ער איז אַוועקגעלאָפן איבער די פורמאַנעס און אויפגעבויטעט זיי, און אויפגעהויבן זיי אויף די פּיס, און אַלעמען איז עס שטאַרק געפעלן געוואָרן: מאַכן זאַוולס מיזינקע אַ חתונה כיד־המלך, זאָל ער וויסן, זאַוול, אַז חברה פור־

מאַנעס פאַרגעסן ניט די גוטע זאַך, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן פאַרן כלל, און זאָל די וועלט וויסן, וואָס קרעפּעטער פּורמאַנעס זיינען.

און די חתונה איז באַשטימט געוואָרן אויף אַ זומערדיקן דאָנערשטיק אין יאָר 1896.

3

דער זאַוועלער וועג — דאָס איז אַ דורכגעשניטענע קאַליע פון צוויי רע־דער־שינעס אין סאַמע מיטן פון אַ געדיכטן בלאָטיקן בערעזע־וועלדל.

זאַוול פלעגט אייביק פאָרן מיט דער האַק אין גורט. ער האָט געהאַקט קוסטעס און געהאַמיעט דעם וועג.

צום ערשטן מאָל איז ער אויף דורך און דורך געפאָרן מיט דעם אָט דעם וועג מיט אַ יאָר פינף און צוואַנציק צוריק, ווען פון אויסלאַנד איז פּלוצלונג אָנגעלאָפן דער אַלטער פּאָסיעקאָצקי — דעמאָלט נאָך אַ יונגערמאַן. שדים וויסן אים, דעם יונגן פּריץ, וואָס עס האָט אים דעמאָלט אָנגעשפּאַרט, אָבער געפּאַקט זאַוולען אויף דער קרעפּעטער גאַס אין לאַשוויץ, ביי פייוול קרעטש־מער, האָט ער אים שיר ניט געכאַפּט קושן.

— דער גרויסער גאָט אַליין האָט דיך געשיקט אַהער, — האָט ער צו אים געזאָגט, — דו האָסט ליב דיין פּריץ, זאָג? דו שעצסט דיין פּריץ, זאָג? איך וויים, איך קען דיך פאַר אַן אָרנטלעכן מאַן, איך מוז זיין ביי זיך, אינעם קרע־פּעטער גוט, ביין אין אָוונט. דו האָסט מורא פאַריאָגן דיינע פערד? איך וועל דיר געבן אַ פּאָר אָדלערס פאַר דיינע שקאַפּעס... איך מוז דאָרט זיין אין אָוונט!

— קיין קרעפּעטע, פּריץ, געדויערט אויף די בעסטע פערד אַ קאָרגער מעת־לעת פאָרן...

— איך וויים... איך מוז זיין צו דער צייט!..

— הער מיך אויס, יאַסניעוועלמאָזשנע...

— איך וויל ניט הערן...

דער יונגער פּריץ איז אַריינגעשפּרונגען אין וואָגן, האָט אַ כאַפּ געטאָן די לייצעס, אַ טריב געטאָן די פערד. גאַנץ לאַשוויץ האָט זיך פון די שטיבער אַ כאַפּ געטאָן קוקן, ווי דער קרעפּעטער פּריץ זיצט אויף די קאָזלעס, טרייבט אָן זאַוולס פערד, און זאַוול זיצט, ווי אַ פּריץ, אויבנאָן. געקומען צו דער קרע־פּעטער ראָגאַטקע, האָט זאַוול גענומען די לייצעס פונעם פּריצס הענט.

—הער מיך אויס, יאַסניעוועלמאָזשנע, — האָט ער צו אים געזאָגט, — אויף קומען צו דער צייט צו דיין קרעפּעטער גוט דאַרף מען איינשטעלן אַ

גרויסע ריזיקע; דריי יאָר שוין, ווי איך גראָב זיך דורך די בערעזקעס פון לאַשוויץ קיין קרעפּעטע. מיט די בערעזניקעס, לויט מיין חשבון, איז פון לאַש־וויץ קיין קרעפּעטע אַ פערטל וועג. די בערעזניקעס שטייען אויף זומפּן, ביז דער פאַרשאָטענער קרעניצע בין איך שוין דערגאַנגען. הינטער דער פאַרשאָ־טענער קרעניצע הייבט זיך אָן אַ זומפּ אָן אַ דנאָ. אויב דו ריזיקירסט פאָרן, בין איך אוודאי גרייט.

— קערעווע, קערעווע צו דער קרעניצע! דו ווייסט גאָר אַליין ניט, וואָס פאַר אַ מתּנה דו וועסט פון מיר דערפאַר קריגן.

און זאַוול האָט אַנידערגעזעצט דעם פּריץ לעבן זיך, געגומען די לייצעס פון זיינע הענט און פריילעך אַ טריב געטאָן זיינע פערד צו די בערעזקעס.

עס איז געשטאַנען הייסער זומער. יולי חודש. די קרעפּעטער זומפּן האָבן געפּריעט און ווי געקרעכצט, אָבער דאָך זיך געטריקנט. מער האָט זאַוול מיט זיין פּריץ קיין וואָרט ניט אויסגערעדט אין גאַנצן וועג.

פון פּופּצניעריקן עלטער אָן האָט זאַוול געטרוימט דורכשניידן די בערעז־ניקעס, דורכלייגן דעם נייעם וועג. אין דער יוגנט איז ער געווען אַזוי שטאַרק אין די כּחות, אַז ער האָט ניט געגלויבט, אַז עס זאָל זיין אַפילו אַ שד, וואָס ער זאָל אים ניט קאָנען בייקומען. אַריינגעזויגן אין זיין בלוט צוזאַמען מיט דער מוטערס מילך די מעשׂות וועגן קרעפּעטער „מקום" מיט די לצים, האָט ער פון יינגלוויז אָן ניט געגלויבט אין זיי און דאָך געזוכט אַ באַגעגעניש מיט זיי, און פאַר זיין זיבעציקיאָריקן לעבן האָט זיך אים ניט איין מאָל און ניט צוויי מאָל אויסגעדוכט, אַז אָט איז ער געקומען צו זיי אין „מקום" און געראַנגלט זיך מיט זיי און איז זיי בייגעקומען. אָבער שפּאָרט אים צו צו דער וואָנט און פרעגט:

— איר האָט זיי טאָקע אַליין געזען?

וואָלט ער געענטפערט:

— ניין, איך ווייס אַליין ניט.

ביי דער קרעניצע האָבן זיך די פערד דיבעם געשטעלט — ניט געוואָלט ווייטער גיין. דאָס האָט זאַוולען ניט דערשראָקן. שטענדיק אַזוי מיט די פערד געווען: געקומען צום לעצטן טראָט וועג, וואָס זיי האָבן אין דער פאַריקער יאָזדע געמאַכט איבערן נייעם וועג, האָבן זיי זיך געשטעלט דיבעם און ווייטער ניט געוואָלט גיין. פלעגט זאַוול אַראָפּקריכן פון וואָגן, נעמען די פערד פאַר דער צוים, פאַרבינדן זיי מיט זעק די מאָרדעס אַריבער די אויגן, דרייען זיי אויף איין אָרט: „צעפּלאָנטערן זיי די מחות". אַ שטעל טאָן זיי צוריק מיט די מאָרדעס צום נאָך ניט־דורכגעפאָרענעם וועג, אַ שמיץ טאָן, אַ יאָג טאָן, אַראָפּרייסן אין

געלאָף די זעק פון די מאָרדעס, אריינשפּרינגען אין וואָגן און יאָגן, יאָגן מיט די זומפּן אין געדיכטן בערעזענעם וועלדל. אַזוי האָט ער געטאָן אויך איצט.

אַ הויכער, אַ ברייטער אין די פּלייצעס, מיט אַ יונג־צעוואָקסענער היפּשער קופּערנער באָרד שוין דעמאָלט, האָט ער אין דער ווילדער פאַרוויקלעניש פון די בערעזניקעס אויסגעזען ווי עפּעס אַן אורמענטש — אַ שטאַרקער, אָבער אַן איינזאַמער, אַזאַ, וואָס קאָן זיך פאַרלאָזן בלויז אויף די אייגענע כוחות.

טראָט נאָך טראָט האָט ער געשלעפּט נאָך זיך די פערד אין דער ווילדער פאַרוויקסעניש, ווען די בייטש פלעגט ניט העלפן, ביז איבער די קני אין בלאָ־טעס איז ער געקראָכן. אָפט געשלעפּט די האַק פון גורט, יונגע ביימלעך גע־האַקט, געשפּרייט זיי איבער די זומפּן און ווייטער געשפּאַנט פאָרויס. געפירט האָט אים שטענדיק די זון.

ביים „זומפּ אַן דנאָ,” וואָס איז געלעגן אַ האַלבע שעה פוסגאַנג ווייטער פון דער פאַרשאָטענער קרעניצע, האָבן די רעדער אָנגעהויבן זינקען. דער פריץ איז אַראָפּגעשפּרונגען פון וואָגן און גלייך אַראָפּגעגליטשט זיך אין זומפּ.

— דאָס איז נאָך גאָרנישט, — האָט זאָוול אַ ברום געטאָן פאַר זיך און אַ שלעפּ געטאָן דעם פריץ צו זיך אויף אַ קאָטשקע, וואו עס האָבן געקאָנט שטיין צוויי מענטשן, אויב יעדער איינער פון זיי שטייט אויף איין פוס. — אָט־אָ־דאָ שטיי, פריץ, האַלט זיך אָן מיין גאַרטל.

און ער האָט אַרויסגעשלעפּט די האַק פון גורט און, אויף איין פוס שטיי־ענדיק, פּילנדיק אויף זיין פּלייצע די שווערקייט פון פריצס לייב, אַ נאָענט ביימל אונטערגעהאַקט, אַ צווייטס, אַ דריטס, ווי אַ וויכן טעפּיך אויסגעשפּרייט אַ גרינעם שליאַך פון די בערעזע־צווייגן פול מיט פרישע בלעטער, אַ שלעפּ געטאָן נאָך זיך די פערד און דעם פריץ, ווי אַ דריט פערד אין געשפּאַן, און אָוועקגעשטעלט זיי אויף אָווילע אויף אַ גרויסער קאָטשקע, ווי אויף אַן אינד־זעלע, אינמיטן אַן אומענדלעכן זומפּ.

געווען דאָ ערטער, אַז עס האָט זיך מיטאַמאָל אַ שפּרייט געטאָן אַ דורכלויט, אַ טרוקענער באָדן אונטער די פיס, אַ ליכטיקע אַלייע, אַ גלייכע, ווי אַן אויסגע־צויגענער שנור, אין סאַמע מיטן געדיכטעניש פון דער ווילדער פאַרוויקסעניש.

אין די ערטער האָט זאָוול צעגומען אין צוויי שפּיצן זיין ברייטע קופּערנע באָרד, געשיינט מיט די צוויי שורות ווייסע ציין און רויטן ליפּן־רעמל, גע־שמייכלט פריילעך צו דער ווייט מיט זיינע גרויסע בלויע אויגן און גערעדט מיט די פערד אויף זיין אייגענער, בלויז פאַר אים און פאַר זיינע פערד פאַרשטענד־לעכער שפּראַך:

— היי־יאַ־אַ... מצ־מצ־מצ... ניו־טיו־טיו... פּ־פּ־פּ־פּ... האַ־האַ־האַ־האַ...

און דער פריץ האָט געזען, אַז די פערד פאַרשטייען גוט אָט די שפּראַך: צופרידן און שטיפעריש וואַרפן זיי מיט די קעפּ, פלאַטערן מיט די גריוועס, דרייען מיט די ווידלען און לויפן פריילעך־פריילעך, שליידערן אין געלאַף פון די פיס און פון בויך די בלאָטע, וואָס האָט זיך אָנגעקלעפּט אָן זיי אין זומפּ.

נאָר אָט האָט זיך די אַלייע געענדיקט, און ווידער איז שוין דער וואָגן אַרײַבער די רעדער אין זומפּ, און ווידער שטייט שוין זאַוול מיט איין פוס אויף אַ קאַטשקע און האַקט ביימער און שפּרייט זיי אונטער די פיס פון די פערד, און ווידער שלעפּט ער זיי נאָך זיך.

כמעט סאַמע אונטער קרעפּעטע האָט זיך פּלוצלונג אַ שפּרייט אויס געגעבן אַ ריזיקער זומפּ. ניט געווען וואו אַהינצוטאָן זיך פון אים. זאַוול האָט זיך געוואָרפן מיט די פערד רעכטס — אַ וואַסער, לינקס — אַ שיטערער זומפּ־קאַשע, גלייך פאַרויס האָבן קאַטשקעס, ווי די פּניאַקעס, געשטעקט אין זומפּ. דאָ איז אויסגעקומען שווער אַרבעטן. אויף פיר אויסגעצויגענע ביימער האָט זאַוול אַוועקגעשטעלט זיין וואָגן, אויף די פול־בלעטערדיקע קרוינען פון די אַוועקגעוואַלגערטע ביימער האָט זאַוול אַרויסגעפירט זיינע פערד; אויפן פריץ האָט ער זיך גאָר ניט אומגעקוקט. ער האָט אויסגעטאָן די הויזן, פאַרקאַשערט די קאָלאָשוועס פון די גראָב־לייוונטענע גאַטקעס, אָנגעשפּיגן אין די הענט און גענומען זיך צו דער האַק — נאָך ביימער וואַלגערן. מיט די קרוינען זייערע האָט ער געהאַטיעט די זומפּן צווישן די קאַטשקעס, די שטאַמען האָט ער אין אַ געפלעכט איבער די קאַטשקעס אויסגעלייגט, אין דער לענג און אין דער ברייט פונעם נייעם וועג, די לעכער אין די קוואַדראַטן פון ביימער־געפלעכט ווידער פאַרהאַמיעט מיט גרינע צווייגן, איז אַוועקגעשפּרונגען אַ באַרוועסער איבערן אויסגעבעטן וועג, האָט געטאַנצט, געשטופּט די פיס אין די לעכער און ערשט דערנאָך אַ שלעפּ געטאָן נאָך זיך די פערד מיטן וואָגן.

ווען די זון האָט זיך אויף דריי פערטל אַרונטערגעקייקלט אַרונטער דער ערד, זיינען זיי אַרויסגעפאָרן צום אַלטן טראַקט. דאָס דאָזיקע פּיצל וועג איז פוןביידע זייטן געווען פאַרפּלאַנצט מיט אַלטע לינדנביימער. זאַוול האָט זיך אַ קער געטאָן צום פּריץ, אַ פרעג געטאָן:

— וויפל איז דער זייגער, יאַסניוועלמאָזשנע?

— דריי פערטל אויף ניין.

— עס וועט זיין אַ גוטער טראַקט, יאַסניעוועלמאָזשנע. אַ טראַקט אויף דורות.

— טרייב די פערד, זאַוול, וועסט קומען צו מיר מאָרגן. טראַכט איבער אין דער נאַכט. וואָס דו ווילסט פאַר דער יאַזדע.

— יאַסניעוועלמאָזשנע, איך וויל היינט.

— וואָס איז דער מער מיט דיר, ייד ?
— דער וואַלד איז דיינער, יאַסניעוועלמאָזשנע ?
— מיינער.
— איך וויל דעם טראַקט...
— אין אַרענדע דיר אים אָפּגעבן ?
— אייל זיך ניט, יאַסניעוועלמאָזשנע, מיט דער אַרענדע... איך וויל אויס־טרעטן דעם טראַקט...
— נו, איז טרעט אויס. וואָס ווילסטו פון מיר ?
— אַ פּאַפּיר...

דער פּריץ האָט אים אַ קוק געטאָן פון דער זייט. די פלאָמיקע שיין האָט זיך געלייגט אויף דעם פורמאַנס קופערנער באָרד, האָט געגליט די שוואַרצאָפּ־לען פון דעם יידנס בלויע אויגן. זאָוולס בליק איז געווען שאַרף און פייכט. דער פּריץ האָט זיך פאַרחידושט: צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן זעט ער אַזאַ טרוי־מעריש בליק ביי אַ פּראָסטן מענטשן, ביי אַ ייד נאָך דערצו.

— אַ פּאַפּיר ווילסטו, — האָט דער פּריץ אויך עפּעס ווי טרוימעריש אַ זאָג געטאָן. — אויף וואָס דאַרפסטו אַ פּאַפּיר, זאָוול ?

— אַז איך מעג האַקן ביימער וויפל מע דאַרף אויף פאַרהאַטיען די זומפּן אויפן נייעם טראַקט. מירן אַרויספאָרן אַהער צו גאַסט, אַלע פורמאַנעס מיט־אַמאָל, וועלן מיר עס מאַכן גיכער.

— וואָס וועסטו האָבן דערפון ?
— גאָרנישט... אַ קורצן טראַקט...

צו ניין אַזייגער זיינען זיי אַריינגעפאָרן אין פּריצס הויף.

דער פּריץ איז ווי אַ משוגענער אַרומגעלאָפן אויף די טרעפּ פון הויכן גאַנעק און איז פאַרפאַלן געוואָרן הינטער די קאָלאָנעס. זאָוול איז געשטאַנען אונטן און געוואַרט. זאָוולען האָט געגליקט: דער פּריץ איז אין אַ קורצער ווייַלע אַרום אַרויסגעשפּרונגען אַ גליקלעכער פון עפּעס, מיט גרויסן בויגן פּאַפּיר אין די הענט. זאָוול האָט אַ כאַפּ געטאָן דאָס פּאַפּיר און אַוועקגעטריבן די פערד קיין קרעפּעטע.

אין דער היים האָט מען אַריינגערופן אַ „געלערנטן" פלימעניק און איבער־געלייענט דאָס געשריפטס. דאָס איז געווען דאָס, וואָס זאָוול האָט געוואָלט. ווען מע האָט געלייענט די ווערטער:

...„און דער ייד זאָוול אַדלער, וואָס לעבט אויף אונדזער ערד און פאַר־נעמט זיך מיט בעל־עגלהריי, באַקומט אויפן גאַנצן לעבן דאָס רעכט צו גיין צופוס און רייטן אויף פערד און פאָרן מיט געשפּאַן דורכן צפון־מערבדיקן טייל פון אונדזער וואַלד, וואָס טראָגט דעם נאָמען „בערעזניק"...

האָט זאַוול אומגעריכט פֿאַר זיך אַליין דערפֿילט אַ פּייכטע פֿולקייט אין די אויגן, און ער האָט זיך אָפּגעקערט און אַ טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ.

איצט, אין העכער פֿינף און צוואַנציק יאָר אַרום, ביי בערעלען הויקער אויפֿן וואָגן, אויפֿן וועג קיין לאַשוויץ צו דער חברה פֿורמאַנעס, וואָס קויפֿן איצט מתּנות פֿאַר אים און פֿאַר זיין מיזינקע, האָט דער אַלטער זאַוול פּונקט אַזאַ טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ און אָפּגעקערט זיך אָן אַ זייט.

— וואָס איז מיט דיר, זאַוול? — האָט די אַלטע אומרואיק אַ פֿרעג געטאָן. זאַוול האָט געשוויגן.

בערעלע הויקער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ, אַ וואונק געטאָן צום אַלטן:

— געזען, די זון איז נאָך העכער פֿאַרן קאַסטיאַל, און מיר זייבען שוין באַלד אין לאַשוויץ! אָט דאָס איז אַ וועג, זאַוועלע!

דער אַלטער האָט געשוויגן.

— וואָס איז מיט דיר, זאַוול? — האָט די אַלטע נאָכאַמאָל אומרואיק אַ פֿרעג געטאָן, זעענדיק, אַז דער אַלטער רופֿט זיך גאָר ניט אָפּ אויף זייערע ווערטער.

— גאָרניט! — האָט ער געענטפֿערט האַלב אין כּעס.

און ערשט סאַמע אונטער לאַשוויץ שוין, ווען בערעלע האָט זיך ווידער אומגעקערט צו די אַלטע, האָט זאַוול געזאָגט:

איך האָב זיך דערמאָנט, ווי איך האָב מיט אַ יאָר דרייסיק צוריק צום ערשטן מאָל געפֿירט דעם פֿריץ פֿון לאַשוויץ קיין קרעפּעטע מיט אָט דעם וועג... איצט פֿירסטו מיך אַליין, בערעלע, ווי אַ פֿריץ, פֿון קרעפּעטע קיין לאַשוויץ... גיב אַהער די לייצעס, בער! — האָט ער פּלוצלינג רוגזדיק אַ געשריי געטאָן. — איך וועל דיך אַריינפֿירן קיין לאַשוויץ!..

## 4.

אָנגעהויבן האָט זיך די חתונה נאָך אין לאַשוויץ, אין דעם זעלבן טאָג, גלייך ווי בערעלע הויקער האָט געבראַכט די מחותּנים צו פֿייוול קרעטשמער.

די גרויסע פֿינצטערע שאַפֿע איז פֿול געווען מיט פֿערד. די גרויסע ליכטיקע קרעטשמע — פֿול מיט מענטשן. אינמיטן דער גרויסער סאַליע איז געשטאַנען אַ לאַנגער טיש געדעקט מיט ווייסע טישטעכער. דער טיש איז געווען פֿול אָנגעשטעלט מיט פֿלעשער בראַנפֿן, וויין, מיט טעלער און פּאַלומעסקעס פֿולע מיט פֿישן און פֿליישן, און צובייסן, און לעקעכער, און טאָרטן.

מיט אַ הילכיקן „ברוך־הבא״ האָבן די פֿאַרזאַמלטע קרעפּעטער און לאַשוויצער פֿורמאַנעס באַגעגנט די געקומענע.

צוויי פורמאַנעס האָבן אַ כאַפּ געטאָן זאָולען אונטער די הענט און אים אַוועקגעפירט אין זייטיקן חדר.

צוויי פורמאַניכעס, אויסגעפּוצטע אין גלעזערנע בריליאַנטן, האָבן אַ כאַפּ געטאָן די אַלטע און אַוועקגעפירט זי אין אַ צווייטן זייטיקן חדר.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָט מען זיי אויסגעפּוצטע צוריק אַריינגעפירט אין דער גרויסער סאַליע אַריין.

און די חתונה האָט זיך גליך אָנגעהויבן, אָבער משונהדיק, ניט ווי ביי לייטן.

חתן־כלה איז געזעסן אויבנאָן, אין די חתונה־קליידער טאַקע, אָבער מיט אָפּענע, פריילעכע און זאַטע פּנימער געשמייכלט צו אַלע פאַרזאַמלטע.

קיין רב האָט מען ניט גערופן. פּאָר אַ מסדר־קדושין האָט מען געמאַכט יצחק־לייבן דעם פורמאַן דערפאַר, וואָס ער האָט געהאַט אַ גרויע באָרד ביז די קני, איז געווען אַלע זיינע יאָרן אַ פאַרטראַגענער מענטש. האָט קיין וואָרט פון מויל ניט געקענט אַרויסברענגען ווי עס באַדאַרפט צו זיין, געברומט בלויז: „אוהום, מסתמא ידי״ (אָנשטאָט „יאָ״), אָדער „אוהום, מסתמא ניין״.

קיין בדחן איז ניט געווען. פּאָר אַ בדחן האָט זיך אַרויסגערופן פּאַציוקל, אַ יידל אָן אַ באָרד. מע האָט אויף אים געשמועסט, אַז די באָרד האָט ביי אים אויפגעגעסן אַ קאַלטן אין דער יוגנט נאָך. איצט איז ביי אים אויפן קאָפּ און אויף די באַקן געבליבן צו צוויי צענדליק געציילטע הערעלעך. ער האָט גע־וואוסט טויזנטער לידער און געקענט אַליין גראַמען פאַרפּאַסן.

אָנגעהויבן האָט זיך די חתונה אויך ניט ווי ביי לייטן, אָנגעהויבן האָט זיך עס פון וואַרפן אַ משונהדיקן דרשה־געשאַנק.

עלף עלטערע טעכטער זאָולס — חוץ אסתרן — זיינען שוין געווען אויס־געגעבענע. זיי אַלע האָבן געדינט אין לאַשוויץ און האָבן זיך אַליין אויסגעזוכט חתנים צו דער צייט, זאָול איז מיט זיי ניט צופרידן געווען.

— זיך צעפּויזעט איבער דער ערד, ווי די ראַקעס, און קיין איינע קיין סאַמאַסטאַיאַטעלנע ניטאָ, — האָט ער וועגן זיי געטענהט, פאַרגעסנדיק דערביי, אַז ער האָט זיי אַליין „צו לייטן״ אָפּגעפירט, ווען זיי זיינען נאָך קינדער געווען.

און ביי יעדער טאָכטערס חתונה האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז מע נעמט עפּעס אָפּ פון אים, אַז מע מאַכט אים אָרעמער און נאַקעטער און מע לאָזט אים, וואָס ווייטער, אַלץ מער און מער איינעם אַליין אויף די צוויי קאַליעס פונעם זאָולעלער טראַקט, וואָס ער האָט אַ גאַנץ לעבן געשניטן דורך די בערעזניקעס.

דעריבער האָט ער מיט אַזאַ פרייד געפּראַוועט די חתונה פון דער לעצטער טאָכטער, פון דער מיזינקע הנהקע, וואָס האָט זיך פּאָר אַ חתן גענומען אַ יונגן פור־יונג, וואָס האָט פאַרמאָגט אַ פּאָר שיינע פערד. אים האָט זיך אויסגע־

דוכט, אַז דאָס לעבן האָט זיך אויסגעקערעוועט, און אָט הייבט ער אָן אַלץ פונ־דאָסניי; ער איז אין די יונגע יאָרן אויך געווען אַזוי שיין און שטאַרק און גע־זונט, ווי דער לייבע, וואָס זיצט איצט איבנאָן לעבן זיין חנהקען.

דעריבער איז ער אַזוי שטאַרק אומצופרידן געווען, וואָס אין דער חתונה האָבן זיך אַריינגעמישט אומגעבעטענערהייט די עלטערע צוועלף שוועסטער. זיי זיינען געקומען אַהער וואַרפן זייער דרשה־געשאַנק און מאָנען זייער טייל ירושה.

— טאַטע, — האָבן זיי אין געפילדער געשריען, — מיר ווייסן, אַז פון דיין זאַוועלער וועג האָסטו אָפּגעשפּאָרט אַ פעט קניפל. פאַרגעס אונדז אויך ניט, מיר זיינען אויך קינדער!

דער אַלטער האָט ווייטעקדיק געשאָקלט מיטן קאָפּ און געשוויגן. ער האָט געוואוסט פונעם זאַוועלער וועג האָט ער אָפּגעשפּאָרט דעם „שדס קאָטשערע״ — ער איז איצט געזעסן אָנגעשפּאַרט אויף איר.

דעמאָלט האָבן זיך די טעכטער צורעדט איינציקוייז.

— האָב קיין פאַראיבל ניט, שוועסטערקע, פאַר מיין אָרעמער גאָב. — האָט ברכהקע אַ זאָג געטאָן און אַ שטעל געטאָן אויפן טיש אַ צעקנייטשט און צע־בראָכן מעשן טעצעלע. — איך פאַרמאָג ניט מער. איך האָב פיר קינדערלעך, קיין עין־הרע, און אַלע ווילן עסן. ווען איך האָב כאָטש אַ הונדערט חלק דער־פון, וואָס עס איז ווערט אונדזער ירושה, לעב איך ווי די מלכה...

— נעם ניט פאַר אומגוט, — איז אַרויס די צווייטע שוועסטער שרהקע מיט איר דרשה־געשאַנק — אַ פאַרצעלייען טעפל מיט אַן אָנגעשפּאָלטן טעצעלע. און ווידער די זעלבע טענה וועגן חלק ירושה. דערצו נאָך האָט זי געהאַלטן אויף די הענט אַ דריי יעריק קינד מיט אַ הויקערל אויפן פלייצקע.

— אַ חרפה פאַר לייטן — קומען מיט אַזוינס אויף דער חתונה פון אַן איי־געגער שוועסטער. — איז אַרויס מיט אירע רייד די דריטע שוועסטער דבורהקע און האָט אַוועקגעלייגט אויפן טיש אַ האַנטעך מיט אַן אויסנייעכץ אויף די עקן און מיט אַ לאָך אינמיטן.

לכתחילה האָבן די פורמאַנעס געלאַכט. נאָר חנהקעס פּנים איז געוואָרן אַלץ פינצטערער און פינצטערער. איר האָט זיך אָנגעהויבן אויסדוכטן, אַז די שוועסטער מאַכן חוזק פון איר. עס איז געווען אַ חרפה פאַר איר לייבען. זי האָט געוואָלט ענטפערן, די שוועסטער אירע, איז אַרויס פאַציוקל דער בדחן מיט זיינע גראַמען. ער האָט שוין געכאַפּט די שפּיל און באַשלאָסן ניט לאָזן צע־שטערן דעם פריילעכן מאַלצייט. ער האָט זיך אַ שטעל געטאָן אויף אַ שטול, געפּאַטשט אין די הענט און זיך צעזונגען:

כלהניו, כלהניו, ניט וויין...

נאָר די שוועסטער האָבן ניט געוואָלט הערן. איינע נאָך דער אַנדערער זיי־נען זיי אַרויס מיט זייערע דרשה־געשאַנקען צום טיש און מיט זייערע טענות צום אַלטן.

לאהקע האָט געשענקט, ווי מיט צוואַנציק יאָר צוריק, אַ קלעצעלע פּאָדעם מיט אַ נאָדל אַ צוגאָב און אַן אַלט אָפּגעריבן בלעכן שאַכטל.

— אַ נאָדל איז אַ שטאָך, — האָט דער בדחן געזונגען. — נאָר קיינער האָט אים ניט געהערט, אַלעמען איז געווען טשיקאַווע צו וויסן, וואָס וועט די פינפטע, די זעקסטע, די צענטע שוועסטער שענקען.

זאַוול האָט פון עגמת־נפש געגאָסן אין זיך אַ גלעזל נאָך אַ גלעזל.

אויפן טיש לעבן חתן־כלה איז שוין געלעגן אַ היפש בערגל דרשה־גע־שאַנק אַלץ פון דעם מין, יעדער דרשה־געשאַנק איז געווען דורכגעזאַפּט מיט שטאָך, מיט גיפט. עס איז געבליבן בלויז איין ייִנגסטע שוועסטער, פּערעלע, וואָס האָט נאָך קיין דרשה־געשאַנק ניט געשענקט. זי איז אויך צוגעגאַנגען צום טיש. זי האָט ערשט פאַראיאָרן חתונה געהאַט, זי האָט גענומען אַ שוסטער. דער שוסטער איז צוויי וואָכן נאָך דער חתונה אַנטלאָפן קיין אַמעריקע. פּערעלען איז געווען זייער שווער אויפן האַרצן. זי איז אַ ווײַלע געשטאַנען מיט פולע אויגן טרערן אַנטקעגן דעם בערגל דרשה־געשאַנק און פּלוצלונג האָט זי עס אַ כאַפּ געטאָן איןביידע הויפנס און עס אַ שלײַדער געטאָן דורכן פענצטער אַרויס. חנהקע האָט זי אַרומגעכאַפּט און צעקושט זיך מיט איר, אײדער די שוועסטער האָבן באַוויזן זי צו באַפאַלן. דער אַלטער זאַוול האָט זיך אויפגעהויבן. זיין מוטנע־גרויע באָרד האָט זיך צעשיטערט. ער האָט אַ לאַנגע ווײַלע געמאַכט שטום מיט די ליפּן — געוואָלט עפּעס זאָגן און ניט געקאָנט. פון אויסגעטרונ־קענעם ווײַן, צי פון אַלטקייט צי פון כעס, נאָר ער האָט שטאַרק געפּלאָנטערט מיט דער צונג. ער האָט אַלע דאָטעס צעפּלאָנטערט. ער האָט אַלע ווינקעלעך פון זיין אייגענעם וועג צעפּלאָנטערט, — די פאַרשאָטענע קרעניצע איז ביי אים געווען גאָר אויף יענער זייט לאַשוויץ, דער „זומפּ אַן דעם דנאָ" — אונטער קרעפּעטע, און ער האָט זיך באַרימט, אַז אָט נעמט ער די האַק מיט דעם „שדס קאַטשערע" און געפינט נאָך אַ קירצערן וועג — פאַר צוויי שעה איז ער אויף זיינע „ייִנגלעך" אין קרעפּעטע, מחמת די ערד איז, ווי אַן עפּל, קיילעכיק, און אויף אַ קיילעכיקער זאַך איז דער עיקר געפינען דעם פּינטל, וואוהין דו דאַרפסט... ער האָט לאַנג געפּלאָנטערט מיט דער צונג, ביז אים איז ניט גוט געוואָרן און ער איז אַוועקגעפאַלן מיטן קאָפּ אויפן טיש.

דאָ האָט זיך ווידעראַמאָל באַוויזן בערעלע הויקער. ער האָט זיך אַ שטעל געטאָן אויף אַ שטול לעבן בדחן און פריילעך זיך צעשריען:

— צו דער חופּה! צו דער חופּה! קיין קרעפּעטע צו דער חופּה!..

די מאַנסבילן זיינען אַרויסגעלאָפן אין דער פינצטערער שאָפע, האָבן אָן עפן געטאָן די ברייטע טויערן, געשלעפט פון דאָרטן די וועגענער, געפירט די פערד, געשפּאַנט, אויסגעצויגן איבער אַ האַלבער גאַס דעם חתונה־צוג מיט בערעלעס סיווע פערד אין דער שפּיץ און מיט געהוקע און פריילעכן געשריי: „מזל־טוב! מזל־טוב!" געלאָזט זיך אויפן זאַוועלער וועג.

5

דרויסן האָט זיך דער אַלטער דערפילט אַ ביסל בעסער. ער האָט געעפנט די אויגן און געזען: מע פאָרט אויף זיין וועג, אויפן זאַוועלער וועג אין די בע־רעזניקעס. דער צוג האָט זיך אויסגעצויגן אַוודאי אַ וויאָרסט די לענג. פון ביידע זייטן, האָט זיך אים געדוכט, גייען יונגע בחורים מיט אָנגעצונדענע שטורקאַצן אין די הענט. די פורמאַנעס אויף די וועגענער טרינקען און זינגען לידער. ער האָט זיך דערשראָקן. אים האָט זיך אויסגעדוכט, אַז ער איז אַריינגעפאַלן אין „מקום" אויף אַ שדישער חתונה. פון שרעק האָט ער פאַרמאַכט די אויגן און אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. אים איז ווידער ניט־גוט געוואָרן, און ער איז ווידער אַריינגעפאַלן אין עפּעס אַ שווערער חלשות.

די אַלטע איז נאָך אין לאַשוויץ ביים טיש קראַנק געוואָרן. עפּעס איז זי באַפאַלן אַזאַ מאָדנע כליפּעניש, פון וועלכער זי האָט דעם אָטעם ניט געקאָנט אָפּכאַפּן. חנהקע האָט זיך געפּאָרעט מיט איר. זי האָט זיך געזעצט צו איר אויפן הינטערשטן וואָגן, אַרויפגעלייגט איר מאַמעס קאָפּ צו זיך אויף די קני, פאַרהויבן דעם שלייער און געריבן איר די שלייפן. די אַלטע האָט זיך עטוואָס באַרואיקט, און חנהקע האָט אַ ווײַלע צייט געהאַט אַ טראַכט טאָן וועגן איר גורל, דאָס ערשטע, וואָס איר האָט זיך פאַרוואָלט, איז געווען — וויינען, אָט האָט זי געמאַכט דעם ערשטן שריט אין איר לעבן און שוין האָט זי אים גע־שטעלט קרום: נו, צו וואָס האָט זי באַדאַרפט אָט די משונהדיקע יאַזדע הין און צוריק מיט די אַלטע קראַנקע לייט? דער מאַמעס קאָפּ ליגט אויף איר שויס אַ האַלב־טויטער, און דעם טאַטנס קאָפּ ליגט דאָרט ערגעץ ביי די פור־מאַנעס אויף די קני, און פריילעך איז, דוכט זיך, אַלעמען, מער פון אַלעמען — בערעלע הויקער, ער מוז טאָקע זיין דער פאַרשאַלטענער שד, אָבער איר און אירע עלטערן און איר חתן — זיי איז אומעטיק, אוי, ווי אומעטיק!

זי האָט נידעריק אַראָפּגעלאָזט איר פּנים איבער איר מאַמעס פאַרשאַרפטער נאָז, זי האָט זיך צוגעהערט צו דער יאַזדע — עס רוישן, עס טומלען די פור־מאַנעס, הויך זינגען זיי זייערע לידער איבערן זאַוועלער וועג, צווישן די בע־רעזניקעס, אָבער פאָרנדיק קנאַקן די בייטשן, און עפּעס זעט עס גאָר אויס,

ווי אַ לוויה, ניט ווי קיין חתונה, און אַט האָבן זיך די לידער מיטאַמאָל איבער־געריסן, און אַט איז דער גאַנצער צוג מיטאַמאָל שטיין געבליבן, און אַט הייבט זיך אויף עפּעס אַ טומל, אַ ווילדער פּחד־געשריי, אַ קוויטשעריי פון די ווייבער. אַ שיכורער געזידל פון די מאַנסבילן, און אַט פליען שוין די פורן פון פייל־אויסן־בויגן צוריק קיין לאַשוויץ.

— וואוהין? וואוהין איז עס?

— יאָג! שטיי ניט!

— אַט זיינען זיי! אַט זיינען זיי!

— די מחבלים!

— די לצים!

— וויי מיר! וויי מיר!

— שמע־ישראל! שמע־ישראל, יידן!

חנהקע וואַרפט אַוועק איר מוטערס קאָפּ אין היי, שפּרינגט אַראָפּ פון וואָגן. זי לויפט, זי בעט זיך, זי שרייט:

— וואָס איז? וואָס איז געשען?

קיינער ענטפערט ניט. אַלע לויפן. אין דער פינצטער דערזעט חנהקע, ווי בערעלע הויקער האָט זיך אַ שטעל געטאָן פּאַפּעראַק אין וועג. פּרוּווט זיך ניט לאָזן אַנטלויפן די פורמאַנעס. דאָס געלינגט אים ניט. זיי פּאַכן מיט די בייטשן, זיי שמייסן אים איבערן קאָפּ, איבער די אויגן, וואו זיי טרעפן, זיי שרייען:

— דו, דו, שד פון דער בלאָטע! דו, דו! הויקער אומגליקלעכער! דו האָסט אונדז פאַרפירט!..

דער זאַוועלער וועג איז שמאָל — צוויי אָרעמע קאָליעס די ברייט פון אַ שטעטלדיקן וואָגן — דאָס איז דער זאַוועלער וועג.

עמעצער זינקט אין זומפּ און שרייט גוואַלד, אַז די מחבלים ציען אים פאַר דער באָרד.

אין איינע פאַר מינוט בלייבט דער זאַוועלער וועג פּוסט. בלויז דריי פורן בלייבן דאָ: לייבעס, חנהקעס און בערעלע הויקערס.

אין דער פינצטער כאַפּט לייבע אָן חנהקעס האַנט. ער שעפּטשעט איר אויפן אויער:

— חנהקע, לעבן מיינס, שטאַרק זיך! דער טאַטע האָט די נשמה אָפּ־געגעבן...

חנהקע וויל אַ געשריי טאָן און קאָן ניט. לייבע בייגט זיך אָן נעענטער:

— אויף זיין וועג... אויפן זאַוועלער וועג איז ער אויסגעגאַנגען...

— מאַמע! — גיט חנה׳קע פלוצלינג אַ געשריי און לויפט צו איר וואָגן.
— מאַמע!

קיינער רופט זיך ניט אָפּ. חנהקע שפּרינגט אַריין אין וואָגן. כאַפּט דער מאַמעס קאָפּ, טאַפּט מיט שרעק און מיט פרייד.

— וואָרעם... וואָרעם נאָך... — שעפּטשעט זי.

זי כאַפּט די לייצעס און שרייט:

— לייבע! לייבקע! טרייב וויפל עס וועט אַריין! רב בערעלע! בערע! אַאו! איר זייט דאָ? טרייבט, בערע! טרייבט מיט אַלע כוחות!!

און ערשט איצט קומען צו איר די טרערן.

זי שטייט אין וואָגן אויף ברייט־צעשפּרייטע פיס, דער ווייסער שלייער פלאַטערט פון הינטן איבער איר שוואַרצן געקרויזטן קאָפּ. זי טרייבט שטאַרק די פערד און וויינט שטום און אויך אַזוי שטום שילט זי די פינצטערניש פון איר לעבן. אָבער אויך אַזוי שטום, מיטן פאַרדריקטע ציין, טראַכט זי וועגן זאַוועלער וועג. איצט איז דאָס שוין אין אירע אויגן געוואָרן עפּעס אַזוינס, וואָס דער טאַטע אירער האָט איר איבערגעגעבן פון האַנט צו האַנט.

6

די אַלטע איז געשטאָרבן אין דריי טעג אַרום נאָך דעם, ווי מע האָט באַ־האַלטן זאַוולען. ווען חנהקע איז צוריקגעקומען פון דער אַלטערס לוויה און דערזען די טרויעריקע און פּוסטע שטוב, האָט זי צו זיך אַליין אויפן קול אַ זאָג געטאָן

— גיך האָבן זיי עס געמאַכט, צו גיך!..

די קרעפּטער בעל־עגלות זיינען אַ שטיק צייט אַרומגעגאַנגען מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ און פאַרמרהשחורהטע פּנימער. בערעלע הויקער האָט זיך גאָר קיין אָרט ניט געקאָנט געפינען. ער איז אַלע ווײַלע געלאָפן צו דער זאַוועלעך שטוב און געהאַלטן זיך אין איין פאַרענטפערן:

— אַז עס איז מסתמא פון אויבן געווען געחתמעט!.. אַז ווער האָט זיך אויף אַזוינס גאָר געקאָנט ריכטן!..

ווען ער האָט דערעסן חנהקען מיט זיינע לויפעניש צו איר און מיט זיינע פאַרענטפערונגען, האָט זי זיך איינמאָל אַ שטעל געטאָן אַנטקעגן אים, אַ קוק געטאָן אויף אים ניט ווילנדיק פון אויבן אַראָפּ — זי איז געווען אויף צוויי קעפּ העכער פאַר אים — און געזאָגט:

— גענוג געקוואוטשעט, בערעלע, — זינט די עלטערן זיינען איר גע־שטאָרבן און פון דער מינוט, ווען זי איז געוואָרן אַ באַלעבאָסטע פון פיר פערד,

האָט זי אַלע בעל־עגלות ייִנגער פון פופציק יאָר גערופן פשוט ביים נאָמען אָן דעם טיטול „רב״. — געננוג שוין געאָכצעט און געקרעכצעט! מע דאַרף אַרויספּאָרן אַלע אינאיינעם אויפן זאַוועלנער וועג און פאַרברייטערן אים אַ ביסל ביי דער פאַרשאָטענער קרעניצע און ביי דעם זומפּ אָן דעם דנאָ, אַז צוויי פורן זאָלן זיך קאָנען פאַנאַנדערפאָרן, ניט ווי אויף דער וויסטער כאַסליערע מיי־נער... דערפון האָט זיך דאָס אָנגעהויבן. כוועדער איז אַנטקעגן געפאָרן, און איר האָט אים פאַר אַ לץ אָנגענומען....

חנהקע איז פריער אויך געווען שאַרף אין אירע רייד. זי האָט קיינעם ניט געשאָנעוועט און זיך אַליין אויך ניט. בערעלעס פנים האָט זיך תיכף אויסגע־לייטערט פון אירע ווערטער, ער האָט אַזש אָנגעהויבן אַרומטאַנצן איבער דער שטוב און טשמאָקען מיט דער צונג:

— טס־טס־טס־טס... אָן איינפאַל, אָן איינפאַל... אָט לויף איך, זאָג איך...

נאָר ער איז געבליבן שטיין אינמיטן שטוב, געוואָלט נאָך עפּעס זאָגן, ווייזט אויס, און ניט געהאָט געננוג מוט דערצו, זי האָט עס באַמערקט און אים אַרויסגעהאָלפן:

— נו, וואָס נאָך?

— אַ שטיינקריצער... — האָט ער אַ שטאַמל געטאָן. — צוויי שטיינ־קריצער האָב איך נעכטן פון לאָשוויץ געבראַכט. גאָלדענע הענט.

— נו, איז דערימעך?

— מיר ווילן דיינע אַלטע אַ מצבה שטעלן...

— נו, איז דערימעך? — האָט זי נאָכאַמאָל אַ פרעג געטאָן מיט איר טאָטנס רוגזה אין קול.

— מיר האָבן געמיינט...

— הערט נאָר, בערעלע, — האָט זי אַ זאָג געטאָן מיט אַ מאָדנעם שמייכל: בערעלען איז וואַרעם געוואָרן אויף דער נשמה פון אָט דעם שמייכל. — וואָס מיינט איר, מיר זיינען גרעסערע קאַפּצאָנעס פאַר אייך? מיר האָבן פיר פערד, מיר זיינען האָרעפּאַשניקעס... גייט אייך, גייט אייך, בערעלע.

ווען בערעלע איז שוין געווען דרויסן, האָט זי אָנגעקלאַפּט אין שויב און אים צוגערופן:

— שיקט מיר אַריין די שטיינקריצער... היינט נאָך... — האָט זי גע־זאָגט און מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן אים נאָכגעשמייכלט.

---

און אין איין יאָר אַרום, אין יונגן פרילינג, זיינען שוין אויפן אַלטן קרע־פּעטער בית־עולם צוקאָפּנס די צוויי בערגלעך ערד, וואָס זיינען געבליבן נאָך זאַוולען מיט נעכאַמקען, געשטאַנען צוויי ווייסע שטיינער, ווי די לוחות, פּאַר־קיילעכיקטע פון אויבן, מיט גאָלדגעקריצטע אותיות, מיט אַ געמעל פון צוויי בענטשנדיקע הענט אויף זאַוולס מצבה. חנהקע האָט אַ קוק געטאָן אויף די גאָלדענע אותיות, אויף די צוויי בענטשנדיקע הענט, צוגעהערט זיך אַ ווילע צום גערויש פון דיביימער אויפן אַלטן בית־עולם, אַ טראַכט געטאָן פאַר זיך, אַז עפּעס איז מאָדנע מיט די מענטשן — דעם גרעסטן כבוד טוט מען זיי אָן נאָכן טויט. נאָר גלייך זיך דערמאָנט דער מאַמעס ווערטער:

— די וועלט פירט זיך שוין אַזוי... קעגן אַ וועלט קאָן מען ניט גיין...

זי איז נאָך אַ ווײַלע געשטאַנען, איר האָט זיך אויסגעדוכט, אַז עמעצער אַמפּערט זיך מיט איר, וויל איר דערווייזן, אַז די מאַמע אירע איז ניט גערעכט געווען.

— וואָס הייסט עס, מע גייט ניט קעגן אַ וועלט? — האָט דער, וואָס האָט זיך געאַמפּערט מיט איר, אין אויער אַריינגעשעפּטשעט. — נו, און די בערעזניקעס? אייביק זיינען געשטאַנען זומפּן. אַלע האָבן פאַר די זומפּן מורא געהאַט, דער „מקום" איז דאָרט. איז מען געפאָרן אַרום און אַרום, דער שוואַרצער יאָר ווייסט ווי ווייט. איז געקומען דיין טאַטע, זאַוול דער קרעפּעטער פורמאַן, און איז דווקא געפאָרן מיט די בערעזניקעס און דווקא אין די זומפּן אַ וועג דורכגעלייגט... דאָס הייסט דאָך אויך גיין קעגן דער וועלט...

קיין טרערן זיינען ביי איר ניט געווען. די מצבות זיינען געשטאַנען שטום. בלויז די ביימער אויפן בית־עולם האָבן גערוישט, באַווייזנט צי באַזונגען די טויטע. גיך אַוועקגיין פונדאַנען האָט זיך חנהקען ניט געוואָלט. איר בויך איז שוין שווער געווען און איר האַרץ מאָדנע גרינג. זי האָט געוואָלט דערציילן דעם טאַטן, אַז דער זאַוועלער וועג האָט מען שטאַרק פאַרברייטערט. אין אַ סך ערטער אויסגעטריקנט. ער וואָלט שוין איצט כמעט ניט דערקענט דעם זאַוועלער וועג. אַ סך שענער איז ער געוואָרן. אַן אמתער טראַקט. איר האָט זיך געוואָלט דערציילן דער מאַמען, אַז אָט איז זי שוין אויך אויף דער צייט. און, וועט עס זיין אַ ייִנגל — וועט זי אים אַ נאָמען געבן זאַוול. און, וועט עס זיין אַ מיידל — וועט זי הייסן נעכאַמקע. אָבער זי האָט ניט געוואוסט, ווי מע מאַכט עס, אויף וועלכער שפּראַך רעדט מען מיט געשטאָרבענע. איר האָט זיך געדוכט, אַז מיט טויטע רעדט מען נאָר אויף דער שפּראַך פון טרערן, און קיין טרערן האָט זי ניט געהאַט...

נאָר די שטים, וואָס האָט זיך מיט איר געאַמפּערט, האָט דערעסן געזשומעט אין אויער:

— איי־איי־איי־איי... — האָט די שטים געררישט אין קאָפּ, — וואָס הייסט גיין קעגן דער וועלט? ווען עמעצן פאַלט איצט איין צו פאָרן קיין קרעפּעטע פון לאַשוויץ מיטן אַלטן וועג, אַרום און אַרום, וואָלט מען דאָך אים פאַר משוגע אָנגענומען, מע וואָלט דאָך געזאָגט, אַז ער גייט קעגן דער וועלט... און ווי איז געבוירן געוואָרן דער זאַוועלער וועג? דער טאַטע איז אַוועק קעגן דער וועלט... געקראָכן אין די זומפּן...

זי האָט זיך אַ קער געטאָן, אַפּגעגאַנגען עטלעכע שפּאַן, אויסגעדרייט זיך צו די מצבות, דערמאָנט זיך, אַז זי האָט מיט טאַטע־מאַמע זיך ניט געזעגנט.

„אַ גוטן טאָג אייך, טאַטע־מאַמע!" — האָט זי שיעור ניט אַ זאָג געטאָן אויפן קול, אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און זיך אַליין, אַ מאַך געטאָן מיט די הענט, זיך אומגעדרייט און אַוועק.

אין פריילעכן חודש מאַי פון 1898 יאָר האָט זי געהאַט איר ערשט קינד. דאָס איז געווען אַ מיידל.

זי איז געלעגן געוואָרן אין דער זעלבער שטוב און אויפן זעלבן בעטגע־וואַנט, וואו זי אַליין איז געבוירן געוואָרן. דער שטעקן, דעם „שדס קאַטשערע", איז געהאַנגען איבער איר קאָפּ, אויפן זעלבן אָרט, וואו זאַוול האָט מיט צוויי און צוואַנציק יאָר צוריק אויפגעהאַנגען.

ווען חנהקע זאָל קאָנען געדענקען דעם געשפּרעך, וואָס טאַטע־מאַמע אירע האָבן צווישן זיך געפירט אין די ערשטע טעג פון איר לעבן, וואָלט זי זיך איצט פאַרחידושט, ווי וויניק עס האָט זיך אין איר וועלטל געענדערט דאָס לעבן. לייבע האָט אַ קוק געטאָן אויפן ניי־געבוירענעם קינד און געזאָגט:

— אוי, עפּעס אַ גרויסע זייער.

— גאָר אַ גרויסע, — האָט חנהקע געענטפערט.

— עפּעס אַ פריילעכע — האָט ער געפרעגט.

— זייער אַ פריילעכע, — האָט זי מיט אַ שמייכל געענטפערט.

— אַט שוין זעסטו, אַז זי איז אַ פריילעכע?

— דאַנקן גאָט, ביי אונדז אין דער משפּחה זיינען קיין אומעטיקע ניטאָ.

זי וואָלט אויך געקאָנט באַמערקן, ווי אויף דעם „שדס קאַטשערע" האָט אַ שפּיל געטאָן אַ פרישער שטראַל פון דער פריילינגדיקער זון, ווי זיי האָט זיך אויסגעדוכט, אַז זייער ניי־געבוירן קינד האָט אין שלאָף אַ שמייכל געטאָן, און ווי זיי האָבן זיך ביידע צעשמייכלט איבער איר פּנימל.

## 7

דאָך איז דאָס לעבן געגאַנגען פאָרויס. די שטוב איז געווען אַ ביסעלע באַניַיט. אַ וויַיסער, הילצערנער דיל איז אונטער די פיס געלעגן ווי אַן אָנזאָג אויף אַ שטיקל מענטשלעך לעבן. אויפן דיל האָבן זיך אַרומגעוואַלגערט און גע־שטיפט צוויי קינדער — די פינפיעריקע נעכאַמקע און דער צווייעריקער זאַ־וועלע. אַ גרויסער, ווי דער זיידע זיינער, אַ שטייפינקער אין די מוסקלען און אַ פול־באַשאָטענער מיט קלייען, מיט פלאַמיק־רויטע האָר אויפן קעפל, איז ער שטענדיק געווען פאַרנומען מיט איינס — רייטן. אַלע ווילקעס, קאַטשערעס, הראַבליעס, שטעקנס און פלעקער זיינען אייביק צעוואָרפן געווען איבערן הויף. ער האָט אויף זיי אַרומגעריטן איבער האַלב קרעפּעטע. אויף אים האָט מען גע־זאָגט:

— ער וועט זיין ווי דער זיידע זיינער. אַ געבוירענער פורמאַן.

אין שטוב איז זיין ליבסטע שפּיל געווען אַרומרייטן אויפן „שדס קאַטשע־רע". דער דאָזיקער שטעקן האָט געהאַט אַ האַקן, פאַרבויגן אין אַ שאַרפן ווינקל. דאָס האָט זיך אים אויסגעוויזן ווי אַ דיבעם־אויפגעשטעלטע גריווע פון אַ היציק פערד, און די גרעסטע שטראָף איז פאַר אים געווען, ווען די מאַמע פלעגט צונעמען דעם „שדס קאַטשערע" און זי אויפהענגען אויפן העכסטן טשוואָק. דעמאָלט פלעגט ער אומוואַלגערן די פינפיעריקע נעכאַמקע אויף אַלע פיר און רייטן אויף איר איבער דער שטוב.

מיט די שוועסטער איז חנהקע דורכגעקומען.

צו זאַוולס ברית האָט זי זיי אַלע צונויפגערופן קיין קרעפּעטע, צעטיילט צווישן זיי דאָס געלט, וואָס זי האָט אויסגעלייזט פאַר דער פאַר פערד מיטן וואָגן, וואָס איז געבליבן נאָכן טאַטנס טויט, אויסגעצאָלט זייערע חלקים פאַר דער שטוב און קורץ דערביי געמאָלדן:

— זיינען מיר קוויט, שוועסטערקעס, און זאָגט ניט, אַז איך האָב אייך באַ־ראַבעוועט.

אין די אויגן האָבן זיי עס איר טאַקע מער ניט געזאָגט, אָבער אונטער די אויגן, צווישן זיך, האָבן זיי מיט באַדויערן און קנאה געטענהט:

— אָפּגעפּטרט זיך מיט גראָשנס... און דעם מאַיאָנטעק געלאָזט פאַר זיך...

און פאַרן צעפאָרן זיך האָבן זיי אַרויסגעשטעלט אַ טענה וועגן זאַוועלער וועג. זאָל זי זיי צאָלן אַרענדע דערפאַר.

— דער זאַוועלער וועג געהערט דעם פּריץ, שוועסטערקעס, — האָט חנהקע געענטפערט. — גייט, מאָנט ביי אים די אַרענדע.

דערויף איז ניט געווען וואָס צו ענטפערן, — די זאַך איז טאַקע אַזוי געווען: דער זאַוועלער וועג האָט געהערט דעם פּריץ; דער טאַטע זאַוול האָט טאַקע אַריינגעלייגט אַהין אַ גאַנצן לעבן, אַרויסגענומען האָט ער פון דאָרטן ניט מער ווי דעם „שדס קאַטשערע״, אָבער אַ געפיל פון באַוואוסטקייט איז ביי זיי געבליבן. עפּעס האָבן זיי זיך פּלוצלונג דערפילט, ווי היימלאָזע. געווען אַ שותפישע היים, אַ שטוב אין קרעפּעטע, אַ זאַוועלער וועג, איצט איז דאָס אַלץ ניטאָ, אויס. און זיי האָבן זיך צעבלאָנקעט איבער דער געגנט און אין קורצן גאָר איינגאַנצן פאַרגעסן אָן קרעפּעטע.

צוויי שוועסטער, אסתר און פערעלע, האָבן זיך אָפּגעזאָגט נעמען זייער חלק ירושה. זיי פלעגן אַמאָל זומער, אַמאָל ווינטער, אַ צוויי־דריי מאָל אין יאָר קומען צוגאַסט צו חנהקען. דאָס לעצטע מאָל איז אסתר געווען אין פרייליגג אַ חדשים דריי צוריק. איר רייזע האָט געבראַכט חידוש אין שטעטל: אַ מענטש איז געקומען צופוס. חנהקע האָט אויף איר געקוקט מיט חידוש און חשד, אסתר האָט געשמייכלט און דערקלערט:

— איך בין געקומען זיך געזעגענען מיט דיר, חנהקע... איך גיי אַוועק פון דער וועלט.

פאַרנאַכט זיינען די שוועסטער אַרויס אויף אַ שפּאַציר איבערן זאַוועלער וועג.

— שוין לאַנג, אַז איך קלייב זיך מיט דיר ריידן, אסתרקע, — האָט חנהקע אָנגעהויבן.

— וואָסי?

— דו לעבסט אָן אַ תכלית.

— וואָס איך האָב ביי דיר קיין ירושה ניט גענומען?

— מיין נאַר ניט, אַז דו ביסט קליגער פאַר דער גאַנצער וועלט...

— פאַרוואָס עפּעס ניט מיינען, אויב עס דוכט זיך אַזוי... וואָס זשע, דו לעבסט יאָ מיט אַ תכלית?

גערעדט האָבן זיי אַ סך, ביז שפּעט אין אָוונט. דערעדט האָבן זיי זיך צו גאָרנישט, ווייל חנהקע האָט ניט פאַרשטאַנען, וואָס אסתר די ציוניסטקע וויל פון איר. און אסתר האָט חוזק געמאַכט פון חנהקעס רייד, אַז זי, אסתר, דאַרף חתונה האָבן, זיך איינפונדעווען אין לעבן.

לויט אסתרן איז אויסגעקומען, אַז קיין תכלית איז ביי קיין שום יידיש קינד ניטאָ, און אין גלות קאָן עס ניט געמאָלט זיין. העגנען איינדערלופטן.

אין דעם זעלבן אָוונט איז אסתר אַוועק.

נעכטן האָט חנהקע געזידלט אסתרן, למאי זי פאַרנעמט זיך מיט פּוסטע מעשיות, ווען זי דאַרף טראַכטן וועגן זיך — זי איז שוין אַ מיידל אין די יאָרן.

איר האָט זיך אויסגעדוכט, אַז אסתר ווייסט אַזוי גוט, ווי זי, אַז קיינער הענגט ניט אינדערלופטן. אין דער שטוב אויף דער סוועטעוואַליער גאַס איז שוין גע־בוירן געוואָרן דער פערטער דור. און וויפל דורות זיינען ביז דעם געבוירן גע־וואָרן, וואָס מיר געדענקען ניט אַן זיי? דער טאַטע האָט דאָ אין די זומפּן אויס־געלייגט אַ וועג. די גאַנצע גובערניע ווייסט עס. אָט דאָס הייסט אינדער־לופטן? מסתמא איז זי די ערגסטע צווישן אונדז, — האָט חנהקע געטראַכט. — אַהאַ, דו לעבסט גוט, דו ביסט אַ מענטש פאַר זיך, — טראַכט זי זיך, — און איך האָב קיין מזל ניט, וועל איך דיר פאַרשטערן דאָס לעבן, טפּוי!

אָבער אויף איבערמאָרגן האָט זי ווידער געטראַכט וועגן דעם זעלבן. גע־בראַכט האָט זי צו דעם געדאַנק דעם גלחס פאַרעבאַק. ער איז געקומען מאָנען צינז פאַרן גאָרטן פון זיבן בייטלעך. צום ערשטן מאָל אין איר לעבן איז חנהקען געקומען אין קאָפּ אַריין זיך צו פרעגן, פאַרוואָס דאַרף זי עפּעס צאָלן צינז דעם גלח, וויבאַלד זיי זיצן שוין אויף דער סוועטעוואַליער גאַס, ווי דער טאַטע האָט דערציילט, אוודאי צוויי הונדערט יאָר.

אָבער אָפּגעפּטרט דעם פאַרעבאַק מיט אַ צוזאָג, האָט זי ווידער פאַרגעסן אַן די יידן און אַן זייער הענגעניש אינדערלופטן.

געלעבט האָט חנהקע פונעם ערשטן טאָג פון איר געבוירן ביז איצט אָדער אויף דער סוועטעוואַליער גאַס, אָדער אויפן זאַוועלער וועג, דאָס הייסט, זייער שטאַרק נאָענט צו דער ערד, און זי האָט קיינמאָל ניט געצווייפלט, אַז די ערד, אויף וועלכער זי טרעט, איז איר ערד, מיט לייב און לעבן זיינען זיי איינע צו דער אַנדערער צוגעבונדן. און אויפן צענטן טאָג, און אין אַ חודש אַרום, און שפּעטער האָט זי אַלץ געטראַכט, אַז די גאַנצע זאַך שטעקט דאָ אין אסתרס קנאה צו איר גוט לעבן.

און, פונדעסטוועגן, האָט זי ניט געקאָנט אַרויסוואַרפן פון קאָפּ, אסתרס ווערטער, און עס האָט אין אירע אויגן אויסגעזען, אַז איינס פון די ביידע: אָדער אסתר האָט אויף איר אַ כישוף אַרויפגעוואָרפן, אָדער זי, חנהקע, איז טאַקע אַ בלינדער מענטש און זעט ניט, וואָס אויף דער וועלט טוט זיך.

צוויי פרילינג־חדשים — די צייט פון אויפוואַכונג — און איין זומער־חודש — די צייט פון דופּטיקן אויפבלי — איז געבויג געווען, אַז חנהקע זאָל פאַר־געסן אַן דער שוועסטער, אַן דעם, אַז „די יידן הענגען אינדערלופטן", אַן אַלע שאַטנס און שווערע ווערטערן, וואָס מאַכן זיך אין לעבן. אַ מענטש אַן ערדישער, האָט חנהקע מיטגעמאַכט אין האַרץ און בלוט דעם פרילינג מיטן זומער און זיך געפרייט מיט דער הויכער זון איבער די נידעריקע דעכער פונעם ליבן היי־מישן שטעטל קרעפּעטע, געשפּירט דאָס לעבן אַרום זיך און אין זיך, ווי מע שפּירט אַ זיסע פרייד אין האַרץ, ביז...

אין איינעם אַ פרימאָרגן האָט זי פּלוצלונג דערזען דורכן פענצטער ווי בערעלע הויקער שפּאַנט אײַנמיטן דער סוועטעוואָליער גאַס לעבן זײַן פּור מיט די לייצעס אין די הענט און זינגט עפּעס אַ טרויעריק ליד. זי איז גלײַך צו אים אַרויסגעלאָפן זיך דערפרעגן, וואָס ס'איז געשען.

— אַ שחיטה? אין קעשעניעוו? אַ פּאָגראָם? פאַרוואָס עפּעס? — האָט זי דערשראָקן געפרעגט.

— ווייל מיר זײַנען יידן, — האָט בערעלע געענטפערט חנהקען, און אַ בראַנפן־געררוך האָט איר אַ שלאָג געטאָן אין דער נאָז.

— וואָס פירט איר דאָ?

— ברויט, מלבושים, חנהקע... גיב אויך עפּעס... — און ער האָט זיך ווידער צעזונגען:

ברידער, שוועסטער, האָט רחמנות!<br>גרויס און שרעקלעך איז די נויט!<br>גיט די טויטע אויף תכריכים,<br>גיט די לעבעדיקע אויף ברויט!..

ער איז קוים געשטאַנען אויף די פיס, בערעלע הויקער, אַזוי שיכור איז ער געווען. דאָס ערשטע, וואָס חנהקען איז געקומען אין קאָפּ אַרײַן, איז געווען — אַרויסרײַסן די לייצעס פון בערעלעס הענט און אַליין אַוועק ביי דער זייט פּורל איבער די קרעפּעטער גאַסן, ווייל עס איז געווען עפּעס פאַרשוועכבדיקס אין בערעלעס ניט קאָנען אײַנשטיין אויף די פיס, אינעם בראַנפן־געררוך, וואָס עס האָט געטראָגן פון זײַן מויל. אַפילו די פערד, האָט חנהקען אויסגעוויזן, זײַנען טרויעריק. מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ און ווידלען שפּאַנען זיי פאַמעלעך, ווי זיי וואָלטן ניט ברויט, נאָר בר־מינס געפירט, און ער איז גאָר שיכור און פלאָנטערט פון דער צונג אַראָפּ עפּעס אַזאַ מאָדנע ליד. זי האָט שוין געהאַט געשטעלט אַ טראָט צוריק צו דער שטוב, עפּעס אַרויסטראָגן פאַר די אומגליקלעכע, נאָר פּלוצלונג האָט זי זיך אָן עפּעס דערמאָנט, און מיט גרויס אומרו אין דער שטים האָט זי אַ פרעג געטאָן:

— און אייער יצחק? ער האָט דאָך געאַרבעט אין קעשעניעוו?

בערעלע האָט איר שטאַרק אָנגעקוקט. די אויגן זײַנען ביי אים פול געוואָרן, די הענט האָבן אַליין אַרויסגעלאָזט די לייצעס, די הויקערס פון פאָרנט און פון הינטן זײַנען עפּעס ווי גרעסער געוואָרן, עס האָט זיך געדוכט, אַז ער זינקט אין דער ערד. נאָר ער האָט זיך אַ שאָקל געטאָן, אַראָפּגעטרייסלט אַ

פאַר טרערן פון די אויגן און, צושאָקלענדיק זיך מיטן קעפּל אויפן נידעריקן האַלדז, האָט ער מיט אַ הייזעריקער, וויינענדיקער שטים זיך צעזונגען:

— יתגדל ויתקדש...

חנהקע איז אַריינגעלאָפן אין שטוב, האָט אַ שלעפּ געטאָן פון דער שאַפע צוויי לאַבנס ברויט, אַ ריס געטאָן פון הענגער עפּעס מלבושים, אַרויסגעטראָגן און אַריינגעוואָרפן דאָס אין וואָגן אַריין. ערשט איצט האָט זי דערזען, אַז זי איז ניט איינע אַליין אויף דער גאַס — אַלע טירן פון אַלע שטיבער זיינען אָפן, פון יעדער טיר טראָגט מען לאַבנס ברויט, פּלודערן, גרעט, אַלטע, פאַרשמאָל־צעוועטע היטלען... אַ דערשראָקענער געמורמל, ווי אַ שאַרף ווינטל, קרייזלט צווישן די פאַרזאַמלטע, ער יאָגט אומרו און שרעק אין די הערצער. ער וואַרפט אַ חושכדיקן שלייער אויף דער זון, בסוד, כמעט אויפן אויער, דערציילט מען שוידערלעכע פּרטים פון דער הריגה. חנהקע איז בייז: וואָס שושקען זיי זיך? וואָס האָבן זיי מורא צו דערציילן אויפן קול? איר לענגלעך פּנים גיסט זיך אָן מיט בלוט. אָט דערציילט עפּעס זלמן דער מוליער. שרהקע ישראל דודס קוקט אים אין מויל אַריין. פּלוצלונג גיט זי אַ מאָדנעם שלוקערץ, צעוואָרפט די הענט אין בײדע זייטן און צעקוויטשעט זיך ווילד איבער דער גאַנצער גאַס:

— ווי, ווי מיר!..

ישראל־דוד לויפט צו אַ ווייסער, אַ דערשראָקענער, מיט אונטערגעהאַקטע פיס און פאַרשטעלט איר מיט זיין דלאָניע דאָס מויל:

— וואָס טוסטו, שרהקע, — שעפּטשעט ער דערשראָקן. — וואָס טוסטו? מע טאָר ניט שרייען!..

חנהקע איז אויסער זיך פאַר כעס. זי וויל לויפן צו ישראל־דודן, זי וויל אַראָפּרייסן זיין האַנט פון שרהקעס מויל, זי וויל פּאַטשן, שלאָגן די מענטשן, וואָס שיקען, „שטילער!.. שטילער!..״ אָבער זי באַמערקט: זי איז איינע דאָ אין כעס, איינע אַליין... אַלע איבעריקע זיינען דערשראָקן, זיי ציטערן, ווי אַ בלאַט אויפן ווינט...

— מע טאָר ניט גיין קעגן דער וועלט, — דערמאָנט זי זיך דער מאַמעס ווערטער.

מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און מיט אַ פאַרשטיקט כעס־פייער אין האַרצן גייט זי אַוועק צו זיך אין שטוב. זי זעצט זיך ביים פענצטער און קוקט. זי זעט: ישראל־דוד האָט אַוועקגעפירט שרהקען אין שטוב. בערעלע הויקער האָט מיט דער פּאַלע אויסגעווישט די אויגן מיט דער נאָז, גענומען די לייצעס אין די הענט און איז אַוועקגעפאָרן ווייטער. די מענטשן פון דער סווענטעוואָ־ליער גאַס זיינען זיך ביסלעכווייז פאַנאַנדערגעגאַנגען. בלויז אַ קאַפּטע קינדער באַגלייט שטום דעם וואָגן. אויפן ראָג פון דער לאַשוויצער און סווענטעוואָליער

גאַס זינגט שוין בערעלע ווידער זיין טרויעריקע ליד, טירן עפענען זיך פונ־דאַסניי, מענטשן לויפן צום וואָגן, טראָגן לאַבנס ברויט און מלבושים, ווייבער וויינען, מאַנסבילן פאַרשטעקן זיי די מיילער, די זון, ווי זי וואָלט זיך פאַרשעמט פאַר עפּעס, ציט אַרויף אויף זיך אַ שוואַרצן וואָלקן.

חנהקעס האַרץ ווערט אָנגעפילט מיט ביטערקייט.

— וואָס טוט זיך דאָ אויף דער וועלט? — פרעגט זי זיך שטום און דער־פילט אַ פייכקייט אין די אויגן.

8

דאָס לעבן מיט לייבען האָט ביי איר געדויערט אַזוי לאַנג, ווי לאַנג עס האָט אין יענער צייט געדויערט אַ יעדעס פיצל מענטשלעך גליק — איין ווילע.

חנהקעס מאָדנע חתונה — די „כאַליאַסטרע״, ווי חנהקע אַליין האָט עס גע־רופן, — די גרויסע הוליאַנקע אויפן זאַוועלער וועג, וואו דער אַלטער זאַוול איז געשטאָרבן, דער מוטערס טויט אין דריי טעג אַרום, — דאָס איז אָנגענו־מען געוואָרן פאַר זייער אַ שלעכטן סימן.

— אַז די שפּיל מיט די שדים האָט זיך דען אַנדערש געקאָנט אויסלאָזן?

—אַז זי אַליין, חנהקע, איז אויך מיט אַ דיבוק. אָט איז זי גוט און שיין, ווי דער מלאך אין חלום, און אָט איז זי בייז און מיאוס ווי דער שד פון דער בלאָטע.

און מע האָט ניט דורכגעלאָזט קיין געלעגנהייט צו דערמאָנען חנהקען, אַז זי דאַרף זיך היטן און געדענקען, אַז מיט די „פריילעכע לייט״ שפּילט מען זיך ניט.

נאָר חנהקע האָט זיך די גאַנצע צייט געמאַכט ניט וויסנדיק דערפון. זי האָט זיך בכלל אויפגעפירט אַנדערש, ניט ווי די מאַמעס און באָבעס. זי האָט געזען אין לאַשוויץ, נאָך כלה־וויז, אַ יונג יידיש ווייבל, וואָס האָט זיך ניט געלאָזט אָפּשערן די האָר, און זי האָט באַשלאָסן טאָן דאָס זעלבע. דאָס איז די קרעפּעטער ניט געפעלן געוואָרן. נאָר ביי אַזאַ מין אומגליק — טאַטע־מאַמע אירע זיינען אַוועקגעפאַלן ביידע מיטאַמאָל, „אַ שעה פאַר דער חופה״ — האָט מען זי געלאָזט צורו.

זי האָט זיך באַנומען מיט איר לייבען אויך ניי־מאָדנע — שוין נאָך דער חתונה פלעגט זי אין די שבתים אָפּט מיט אים אַרומשפּאַצירן איבערן זאַוועלער וועג מיט אַ צווייגל אָדער בלימל אין איין האַנט, און די צווייטע האַנט — אויף לייבעס אַקסל. אייניקע קרעפּעטער ווייבלעך האָבן אַפילו געשוואוירן, אַז זיי האָבן אַליין געזען, ווי חנהקע קושט זיך אין די בערעזניקעס מיט איר מאַן.

דער הילצערנער, ווייסער דיל, וואָס זי האָט אינקורצן געלאָזט לייגן אין דער אַלטער זאַוועלער שטוב, האָט אויך אַ ביסל געשטאָכן די אויגן. עס האָט אויסגעזען, אַז זי גייט ווערן אַ גבירה.

און פונדעסטוועגן האָבן זי אַלע ליב געהאַט. זי האָט זיך געהאַט אירע מעלות, וואָס קיין שום אַנדער ווייבל אין קרעפּעטע האָט עס ניט פאַרמאָגט. זלמניכע די מוליערקע האָט מיט אַ שבועה דערציילט, ווי זי האָט מיט אירע אייגענע אויגן איינמאָל געזען, ווי דער יונגער פּריץ האָט זיך געפּרוּווט זי אַרומנעמען און אַ קוש טאָן, האָט זי אים דערלאַנגט אַ פּראַסק אין פּיסק און גע־הייסן שוויגן, מחמת די חרפּה וועט דאָך זיין זיינע, דערביי האָט זי צום אים גע־רעדט אַזוי מאָדנע, און יענער איז געשטאַנען אַנטקעגן איר אויך אַזוי מאָדנע.

און ווי אַזוי חנהקע האָט ליב געהאַט כאַפּן קינדער פון דער גאַס, שלעפּן זיי צו זיך אין שטוב, אויסזעצן ביים טיש, אַנרייבן זיי האַלבע שיסעלעך קאַר־טאָפל, פּאַפּראַוועט מיט געפּרעגלטע ציבעלעס, אָנקאָרמענען זיי און אויסוואַשן די צורהקעס, אָנשיטן אַ פולן ווינקל מיט פאַרשיידענע שמאַכטעס און אַ גע־שריי טאָן מיט אַ געדיכטער ברוסטיקער שטימע: — „שפּילט זיך, קינדער״ — איז אַלעמען געווען באַוואוסט.

און ביסלעכווייז האָט מען אין קרעפּעטע פאַרגעסן וועגן דעם שלעכטן סימן, וואָס איז חנהקען געגעבן געוואָרן אין די טעג פון איר חתונה, און פאַר די אויגן פון די קרעפּעטער לייט האָט חנהקעס לעבן געבליט ווי אַ בלום אויף אַן עפּלבוים — אָך, איז ער געווען שיין, לייבע, אָך, האָט זי זיך צוואָקסן, חנהקע, אין דער הויך און אין דער ברייט, — טאַפּל, און אַט לויפן שוין אַרום אין שטוב אַ נחמהקע מיט אַ זאַוולען — אַ פרישער דור אַדלערס...

לייבען האָט מען געריממט אין קרעפּעטע.

— ווען זאַוול שטייט אויף פון קבר און גיט אַ קוק אויף זיין זאַוועלער וועג, — האָבן די קרעפּעטער געשמועסט, — וואָלט ער שטאַרק הנאה געהאַט, איי, וואָלט ער הנאה געהאַט!...

לייבע האָט זיך פאַרנומען מיט מאַכן אַן אמתן טראַקט פונעם זאַוועלער וועג. און די אַרבעט איז ביי אים ניט שלעכט געגאַנגען.

און אויסגעזען האָט ער אַרום און אַרום, אַז ווער־ווער, נאָר די זאַוועלער שטוב איז איינגעפונדעוועט אין דער ערד אויף אייביק.

— ניין, — האָט חנהקע געטראַכט, — קיין בלינדע בין איך ניט. וואָס פעלט מיר? איך געדענק אונדזער שטוב אָן אַ דיל, אין לעכער און גריבער, און דורכן דאַך האָט אויך אונטערגערונען. איצט איז דאָס אַלץ פאַריכט. איך געדענק די בערעזניקעס מיט די זומפּן — איצט ציט זיך דער זאַוועלער טראַקט דאָרטן, פּאַמעלעכינקע, פּאַמעלעכינקע — אַ דור גייט אַוועק, אַ דור קומט אָן,

די וועלט בלייבט שטיין. די וועלט גייט פֿאָרויס. איך האָב ביי מיין טאַטן געזען חלה איין מאָל אין וואָך — מיינע קינדער זעען עס אַלע טאָג. וואָס זשע גייט מיר אָפּ? אַך, יאָ... צו שלושים נאָך זיין יצחקס טויט האָט זיך אויפֿגעהאַנגען בערעלע הויקער... מע האָט פֿאַריבן די געשיכטע, ווייל עס איז אַ פּחד געווען צו מאַכן דערפֿון אַ פֿאַראַד... אָבער פֿאַרוואָס, פֿאַרוואָס טאָטשעט מען דאָס געזונטע לעבנס, ווי אַ וואָרעם טאָטשעט דעם פּרוכטבוים? משיחס צייטן קומען אָן, — זאָגן אייניקע קרעפּעטער, — אָבער ווער דאַרף משיחן, אויב זיינע צייטן ברענגען שרפֿות און הריגות און זעלבסטמאָרדן? בערעלע הויקער האָט זיך טאַקע פֿאַר איר באַקלאָגט — זי וועט עס אייביק געדענקען — זיין ווידוי.

— אַיי, חנהקע, — האָט ער צו איר געזאָגט, און די אויגן האָבן ביי אים געגלאַנצט מיט טרערן, ווי ביי אַ קליין קינד, — הער אַן אַנטיקל; איך האָב געמיינט, אַז שרעקן שרעקט זיך דער מענטש נאָר פֿאַרן טויט. ערשט איך זע, אַז עס איז גאָר פֿאַרקערט די מעשה: עס איז אַ פּחד צו לעבן אויף דער וועלט, אַיי, סאַראַ פּחד!.. איך האָב געהאַט איין שטיקל זון, דאָס איז געווען אַ לייט, גאָלדענע הענט מיט אַן אָפֿענעם מוח... דאָס איז געווען מיין חלק עולם הבא, האָט מען עס ביי מיר אָפּגענומען. פֿאַרוואָס האָט מען עס ביי מיר אָפּגענומען? איך בין דען קיין מענטש ניט? איך האָב דען ניט קיין חלק אין דער וועלט? דיין טאַטע, חנהקע, האָט אָפּגעטאָן אַ גרויסע זאַך אויף דער וועלט — ער האָט אונדז אַלעמען גרינגער געמאַכט דאָס לעבן, האָב איך אים דען ניט געהאָלפֿן? אַיי, חנהקע, חנהקע, ווען דו ווייסט די לידער, וואָס מיר האָבן מיט דיין טאַטן אין די בערעזניקעס געזונגען, ווען מיר האָבן די ביימלעך געוואַלגערט און דעם זומפּ געהאַטיעט! אַיי, סאַראַ לידער!... און איצט וואָס בין איך? איינער, ווי אַ שטיין... צו וואָס באַדאַרף אַ שטיין דאָס לעבן? און איך וועל דיר זאָגן דעם אמת: עס איז מיר טאַקע נמאס געוואָרן דאָס לעבן... און וואָלט עס מיר געווען נאָר נמאס, וואָלט איך אפֿשר נאָך געליטן און געשוויגן, איז אָבער אָפּט כאַפּט מיך אַ שרעק אָן... און ווי איז, פֿרעג איך ביי זיך אַליין, אויב אַלעמען איז דאָס לעבן נמאס? אַלעמען? און די הריגות מיט די אַלע גאַזלאָוואָיעס טוען זיי אָפּ טאַקע דערפֿאַר, ווייל דאָס לעבן איז זיי נמאס? ווי איז דעמאָלט? דעמאָלט איז דאָך שוין גלייכער אַליין זיך — קכי, — האָט ער זיך אַליין אָנגענומען ביים גאַרטל, — האַ, חנהקע־לעבן?

און אויף מאָרגן האָט ער זיך אָנגעשיכורט און זיך אויפֿגעהאַנגען אויפֿן בוידעם.

— אַיי, אַ בלינדע בין איך, — האָט שוין אין יענער רגע געטראַכט חנהקע,

— אַ בלינדע און... אַ שטומע, — איז איר פּלוצלונג איינגעפֿאַלן, — טאַקע אַ שטומע. אַכט יאָר לעב איך מיט לייבען — איך האָב זיך אַמאָל געפּרואווט דער־

ציילן אים די צרות מיינע? אפשר ווייסט ער מער פאַר מיר? אפשר קאָן ער מיר די אויגן עפענען אויף דער וועלט? ער איז דאָך שטענדיק אַזאַ רואיקער, אַזאַ שמייכלענדיקער... אוי, ווי גוט עס איז מיט אים... טאָקע דערפאַר, קאָן זיין, האָב איך אים ניט דערציילט, ווייל ווי אָט ער קומט צו פאָרן, אַזוי ווערן אַלע מיינע צרות פאַרפאַלן, ווי די פינצטערע חלומות... אָבער ניין, ניין, איצט ווי ער קומט נאָר, אָט אַזוי דערצייל איך אים אַלץ, אַלץ... זאָל ער מיר פותר־חלום זיין...

און דריי טעג האָט חנהקע אָפּגעלעבט אין עפּעס אַ ליכטיקן נעפּל — אָט קומט לייבע, דערציילט זי אים אַלץ, און ער וועט ווי מיט אַ ריין טיכעלע אויס־ווישן איר האַרץ און פאַרטרייבן פון דאָרטן די ווייטעקן...

לייבע איז געקומען אומגעריכט. אויף דריי טעג פאַר דער צייט. אינמיטן טאָג, אינמיטן זוניקן פראָסט. און ווי ער איז געקומען, אַזוי איז ער גלייך אַריין אין שטוב, געלאָזט די פערד אויפן הויף געשפּאַנט אין שליטן, ווי ער וואָלט באַלד צוריק געדאַרפט ערגעץ אַוועקפאָרן, און חנהקע האָט גלייך דערקענט: אַן אומגליק האָט געטראָפן.

— לייבקע, — איז זי אים אַנטקעגן געלאָפן, — וואָס איז געשען?

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אויף דער וועלט איז פאַראַן אַ לאַנד יאַפּאַ־ניע. דאָרט וואוינען קליינע רויטע מענטשעלעך. זיי זיינען אַרויס אין אַ מלחמה קעגן רוסלאַנד. לייבע שטייט אויפן ערשטן פייער. אין צוויי טעג אַרום דאַרף ער לאָזן די שטוב און ווייב און קינד און זיך מעלדן צו דער מאָבילי־זאַציע אין לאַשוויץ.

ביז איצט איז מלחמה פאַר חנהקען געווען אַ זאַך, וואָס האָט געקלונגען מעשהדיק. ערגעץ־וואו הינטער זיבן ימים, אויף יענער זייט וועלט, אין שטיי־נערנע בערג האַלטן מענטשן מלחמה. אַהער, צו קרעפּעטע, קומט עס ניט. איצט האָט עס אויסגעזען, אַז די וועלט איז עפּעס ווי איינגעשרומפּן געוואָרן. ביז יאַפּאָניע, שמועסט מען, דאַרף מען פאָרן זעקס וואָכן מיט דער באַן. און אַזאַ לאַנגע האַנט איז ביי איר אויסגעוואַקסן, ביי דער מלחמה, אַז זי דערגרייכט אַזש אַהער, צו קרעפּעטע, און נעמט אָפּ ביי איר איר לעבן.

די צוויי טעג זיינען אַדורך איז אַ שווידער־נעפּל. חנהקען האָט זיך אַלץ אויסגעדוכט, אַז מע האָט שוין ביי איר צוגענומען איר לייבען אויף אייביק. זי האָט געקאָנט נעמען די ווילקע אין האַנט אויף צו דערלאַנגען פונעם אויוון דאָס טעפּל באָרשטש און — אינמיטן וואַרפן די אַרבעט, לאָזן די ווילקע ליגן אינעם אויוון און לויפן צום שטאַל אָדער אויפן הויף זוכן לייבען, און ערשט געפינענדיק אים, שטעלן אים ביים אויוון לעבן זיך און אַרויסשלעפּן דאָס טעפּל. זי האָט געקאָנט גיין געבן אַ בינטל היי די פערד און פלוצלונג מיטן היי צו־

ריק קומען צו לויפן אין שטוב אַריין, מיטנעמען מיט זיך לייבען, ער זאָל שטיין לעבן איר. זי האָט אים אין די צוויי מעת־לעת אויף קיין טראָט ניט אָפּגעלאָזט פון זיך. אין די אָוונטן און אין די נעכט פלעגט זי פּלוצלונג אַ דערשראָקענע זיך אויפכאַפּן און זוכן אים מיט די הענט.

— אוי, ווי איך פאַרשטיי איצט בערעלע הויקער, אוי, ווי איך פאַרשטיי אים!.. — האָט איר כסדר אין די שלייפן געהאַקט. — נאָר וואָס טו איך מיט די קינדער, וואָס טו איך מיט זיי?

פונדעסטוועגן איז זי אויפן דריטן טאָג, באַגינען, אַ שעה פאַרן שיידן זיך מיט לייבען, ווי צו זיך געקומען.

ביינאַכט איז לייבע געפאַלן צו איר אויף דער ברוסט און האָט זיך צע־כליפּעט. מסתמא האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז זי שלאָפט און הערט ניט זיין געוויין. זי איז אומישנע געבליבן ליגן מיט פאַרמאַכטע אויגן און זיך ניט גע־רירט, געסטאַרעט זיך אָטעמען רואיק — זאָל ער מיינען, אַז זי שלאָפט, און זאָל זי זען, וואָס וועט ער דאָ טאָן. ער איז געלעגן מיטן פּנים אויף איר ברוסט און געוויינט. אָט ווען עס איז איר צוניץ געקומען די ביטערע טבע אירע צו וויינען שטום, אין זיך, אָן טרערן, זי האָט מיטגעוויינט. עס האָט אויסגעוויזן פונדעסט־וועגן, אַז ער האָט דערפילט, אַז זי וויינט מיט מיט אים, און ער האָט זיך צע־כליפּעט אויפן קול. דעמאָלט האָט זי זיך געמאַכט, אַז ער האָט זי אויפגעוועקט, און זי האָט זיך גענומען אים טרייסטן:

— נאַרעלע, וואָס איז דער געוויין? גאָט וועט געבן, דו וועסט קומען אַ גאַנצער...

באַגינען, ווען זיי זיינען אויפגעשטאַנען, האָט זי ניט געקאָנט זאָגן אויף זיכער, אַז עס איז טאַקע אין דער אמתן געווען, אָדער עס האָט זיך איר בלויז געחלומט דער באַנאַכטיקער געוויין זייערער. פונדעסטוועגן איז איר דערפון עפּעס ווי לויטערער אין קאָפּ געוואָרן און גרינגער אויף דער נשמה. די אַר־בעט האָט געברענט ביי איר אונטער די הענט. זי האָט אַלץ ניט אויפגעהערט צו טראַכטן, וואָס זי זאָל טאָן, ווי זי זאָל זיך אויפפירן, און פּלוצלינג איז איר איינגעפאַלן, אַז זי איז אַ בייזער נאַר, זי טוט אים אָן שטאַרקע לייד מיט אירע משוגעתן.

— וויבאַלד דו קאָנסט אים מיט גאָרנישט ניט העלפן, — האָט זי הייס געטראַכט, — איז גיב אים כאָטש האָפענונג, אַז אַלץ וועט זיך ענדיקן גוט. און דו, בהמה, טוסט פאַרקערט.

און דאָס איבערבייסן, און דאָס צונויפקלייבן זיך איז אָדורך אַ ביסל מונ־טערער, ווי אין די לעצטע צוויי מעת־לעת. זי האָט עס אומישנע אַזוי געמאַכט

— אויסגעזעצט די קינדער ביים טיש, אַליין זיך אויך געזעצט — אָט איז די גאַנצע זאַוועלער משפחה...

נאָר ביים אַרויספאָרן האָבן זיך פּלוצלונג די קינדער צעוויינט.

— מאַמע דו פאָרסט אויך? מאַמע, דו פאָרסט אויך? — האָט געוויינט און זיך געוואָרפן דער דריי־יעריקער זאַוועלע.

זי האָט אים געכאַפּט אויף די הענט, געטוליעט צו דער ברוסט, געוויינט מיט שטומע טרערן, געטרייסט אים:

— נאַרעלע, וואָס איז דער געוויין... איך וועל צוריקקומען... אַ בייגל מיט אַ קיכעלע וועל איך דיר ברענגען..

די גאַנצע סוועטעוואַליער גאַס האָט זיי באַגלייט די ווייבער האָבן זיך צעוויינט אויפן קול. חנהקע איז פּלוצלינג בייז געוואָרן אויף זיי. זי האָט אַ וואָרף געטאָן מיטן קאָפּ, אַ קוק געטאָן אויף זיי מיט אַ שאַרפן בליק פון אונטער די אָנגעכמורעטע ברעמען, אַ שמיץ געטאָן די פערד און איז אַוועקגעפאָרן.

9

כמעט אין צוויי יאָר אַרום איז פערעלע פּלוצלונג געקומען צו גאַסט. ווען זי איז אָפּגעווען צוויי טעג, איז פאַר חנהקען קלאָר געוואָרן פערעלעס מיין: זי וויל, אַז חנהקע זאָל אַריבערפאָרן קיין לאַשוויץ. באַטראַכט די זאַך, האָט חנהקע אויפן דריטן טאָג צו איר אַזוי געזאָגט:

— די זאַך באַשטייט שוין איצט, פערעלע, אין עפּעס אַנדערש... עס איז מיר ניט טייער די שטוב, עס איז מיר ניט טייער קרעפּעטע... אוודאי ווילט זיך מיר ניט אַוועק פון דער היגער ערד... דו ווייסט ניט, דו ביסט אַוועק פון דער היים אַ קליינינקע... דו ווייסט ניט, וואָס הייסט זיך צוזאַמענוואַקסן מיט אַ היים... אָבער ניט דאָס איז אין מיין לעבן איצט דער עיקר... איך טראַכט: וואוהין וועל איך פאָרן? נאָך וואָס? דאָ בין איך אַ מענטש פאַר זיך. וואָס וועל איך זיין דאָרטן?

עס איז געווען האַרבסט, אָנהייב אָקטיאַבער, די שוועסטער האָבן שפּאַצירט אויף זאַוועלער וועג.

דו ווערסט מיר גלייבן, — האָט חנהקע ווייטער געזאָגט, — די לעצטע יאָרן ווערט מיר דער קאָפּ צעפּלאָצט טראַכטנדיק. איך קאָן ניט פאַרשטיין דאָס לעבן. פאַרוואָס איז אויף אונדזער דאָליע אויסגעפאַלן אַזאַ אומרואיקע צייט? אונדזערע עלטערן און אורעלטערן האָבן אָפּגעלעבט הונדערטער יאָרן אויף איין אָרט, אין איין שטוב... דרייצן קינדער זיינען מיר געווען... דער טאַטע

האָט דרייסיק יאָר געפּאַטערט אויפן זאַוועלער וועג... ווער האָט זיך עס אַריינ־געמישט אינעם לעבן און דאָס צעבויטעט?

פּערעלע האָט געהערט און געשמייכלט.

— אפשר קומען טאַקע אָן משיחס צייטן, — האָט זי אַ זאָג געטאָן אומבאַ־שטימט, אָבער מיט אַ שלעכט־באַהאַלטענער איראָניע.

— דו האָלטסט מיך פאַר אַ יאָכנע? — האָט חנהקע אומצופרידן אַ זאָג גע־טאָן. — דו ביסט אַ שטאָטישע, און איך מיין, אַז דו ווייסט מסתמא מער פאַר מיר... אָבער גלייב מיר, איך בין אויך ניט גאָר קיין פאַרפאַלענע...

די שוועסטער האָבן לאַנג געשמועסט. פּערעלען האָט חנהקע אַ סך גיכער פאַרשטאַנען איידער אסתרן. פּערעלע האָט גערעדט וועגן זאַכן, וואָס האָבן אַ שייכות צום לעבן. זי האָט געזאָגט:

— אַז איך טראַכט וועגן טאַטן, דאַנק איך אים אין געדאַנק. דאָס איז זייער גוט, וואָס צו ניין יאָר האָט ער מיך שוין געהאַלטן פאַר אַ דערוואַקסענער און מיך געפירט אין שטאָט אַריין. דו ווייסט גאָר ניט, חנהלע, ווי דאָס איז מיר שפּעטער צוניץ געקומען... דו וועסט גלויבן, דאָס ערשטע מאָל, ווען איך האָב געדאַרפט אַרויסטראָגן דער באַלעבאָסטעס פּאָמעניצע, האָב איך זיך דערשראָקן — די פּאָמעניצע איז געווען גרעסער פאַר מיר. נאָר גלייך איז מיר געקומען אין קאָפּ אַריין: איי, סאָראַ נאָר דו ביסט, פּערעלע! וואָס הייסט — זיך דער־שרעקן פאַר אַ פּאָמעניצע? אַ פּאָמעניצע איז דאָך אַ טויטע זאַך, און דו האָסט הענט מיט פיס... און איך האָב זיך אַן עצה געגעבן... וואָס זשע פאַר אַן עצה קאָן איך דיר דאָ געבן? דאָס איז גוט, וואָס דו האָסט פאַרקויפט די פערד... ניט פאַר דיר קיין אַרבעט צו באַלעגאָלעווען. דאָס איז גוט, וואָס דו האָסט זיך געקויפט אַ זאָקן־מאַשין...

— אַ מאָדנער מענטש דו ביסט געוואָרן, — האָט חנהקע מיט חידוש אי־בערגעריסן איר שוועסטערס רייד, אַזש זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ ווײַלע. — וואָס רעדסטו: פאַרקויפט, געקויפט, ווי דאָס וואָלט שוין געווען אַן אָפּגעטאָ־נענע זאַך...

אַ ווינט האָט אַ ריס געטאָן דעם דינעם וועג־שטויב, אַ הייב געטאָן די פאַראַיאָריקע טרוקענע בלעטער, אַ טראָג געטאָן זיי אינדערלופטן, אַ שמייס געטאָן דערמיט די שוועסטער אין די פּנימער אַריין. חנהקע האָט ניט געזען, ווי פּערעלע האָט געשמייכלט. זי האָט געהערט בלויז איר רואיקע שטים:

— דאָס איז ביי מיר אַלצאיינס, ווי אָפּגעטאָן שוין... דו האָסט דען אַ ברירה? הונגערן דאָ איז בעסער? איך קען דאָך דיך... דו וועסט זיך אַני־דערזעצן מיט די צוויי קינדער אין שטוב, קוקן אין פענצטער, טראַכטן ווייס

איך וואָס און הונגערן... בעטלען וועסטו ניט, אומקוקן וועט זיך אויף דיר קיינער ניט...

קיין אַנדער ברירה איז טאַקע ניט געווען.

חנהקע האָט גוט געפּילט: וואָס אַ יאָר ווייטער — אַלץ מער ווערט זי פאַרגעסן פון מענטשן. די קרעפּעטער פורמאַנעס טוען זיך זייער אַרבעט: זיי שטאַרבן אויס צוביסלעכווייז, פּרוכפּערן זיך, פאָרן מיטן זאַוועלער וועג, פירן סחורות, שלעפּן קלעצער, אָבער זי גייט זיי ניט אָן. פאַר די זעקס חדשים, וואָס זי האָט באַלעבאַטעוועט, האָט זי זיך ניט ווייניק אָנגעליטן. אָדער די אַלטע קלאַפּן מיט די שטעקנס און שרייען, אַז עס איז ניט געהערט געוואָרן, אַז אַן אישה זאָל גאָר זיין אַ בעל עגלה, אָדער די יונגע סטאַרען זיך שטענדיק אויס־מאַרקירן אַזוי, אַז זי זאָל דאַרפן פאָרן מיט אַ ליידיקן וואָגן הין און צוריק. ניין, קיין אַנדער ברירה איז טאַקע פאַר חנהקען מער ניט געווען, ווי נאָר פאַר־קויפן די שטוב מיט דער שטאָל מיט די פערד־און־וואָגן און קויפן זיך אַ זאָקן־מאַשין און באַזעצן זיך אין לאַשוויץ...

און פונדעסטוועגן, אין צוויי וואָכן אַרום, ווען דער וואָגן מיט די זאַכן איז שוין געשטאַנען אינמיטן דער סוועטעוואַליער גאַס, ווען די זאַוועלער שטוב איז שוין געווען אַזוי נאָענט און אָפּגעשיידט, ווי נאָענט און אָפּגעשיידט עס איז אַ געשטאַרבענע לייבלעכע מאַמע, וואָס אָט פירט מען זי אַוועק אויפן בית־עולם, — האָט זיך אין חנהקען, ווי מיט צוויי יאָר צוריק, ווען לייבע איז אויף דער מלחמה אַוועק, אַלץ מיטאַנאַנדער — אַלע געהירן, מיטן האַרץ, מיטן מאַרך — אַלץ האָט זיך אין איר צעבונטעוועט און שטום, אין זיך, געשריען:

— איך וויל ניט! אוי, איך וויל ניט! אוי, ווי דער טויט איז מיר שווער, אַזוי שווער איז מיר שיידן זיך מיט דער היים! אוי, איך וויל ניט, איך וויל ניט!

און פונקט ווי דעמאָלט, אַזוי אויך איצט, האָט אַ געדאַנק, ווי אַ גיפטיקער שלאַנג, זיך אַ דריי געטאָן פאַר אירע אויגן:

— איי, שוועסטערקעס, איר האָט מיך פאַרשאָלטן!..

זי איז צוריקגעלאָפן אין דער שטוב אַריין און מיטגענומען מיט זיך אין וועג אַריין דעם טאַטנס האַק מיט דעם „שדס קאָטשערע" אויף אַ סגולה, עס זאָל העלפן, אַז איר לייבע זאָל זיך אינקורצן פאַרט צוריקקערן אַהיים אַ געזונ־טער און אַ גאַנצער, וואָס גיכער זאָל זי זיך אַליין אויך צוריקקערן אין דער זאַוועלער שטוב, צום זאַוועלער וועג, צום לעבן, וואו זי איז אַ מענטש געווען פאַר זיך.

און פונקט ווי דעמאָלט, אַזוי אויך איצט, האָט זי אין די פאַרשוואונדענע טעג שוין ניט געגלויבט, געוואוסט, זיכער געווען מיט עפּעס אַן אינערלעכער

איבערצייגטקייט, אַז זי שיידט זיך מיט איר ליבען אויף אייביק, אַז זי פֿאַר־לאָזט די זאַוועלער שטוב אויף דער סווענטעוואָליער גאַס אויף שטענדיק. זי האָט געהאַט דעם בלינדן און ביטערן געפיל, אַז עפּעס אַ כּוח האָט זיך געשטעלט קעגן איר, טרייבט זי פון לעבן אַרויס.

עס איז שוין געווען שפּעטער האַרבסט. אַ געדיכטער, שאַרפער רעגן האָט געכליופּעט. זי האָט איינגעדעקט די קינדער, אָנגעטאָן אַ זאַק אויפן קאָפּ, אַ שמיץ געטאָן די פערד, מיט קיין וואָרט ניט געענטפערט אויף די אַלע ווינטשע־וואַניעס פון די שכנים און איז אַוועקגעפאָרן מיטן זאַוועלער וועג, צום לעצטן מאָל שוין, ווי זי האָט אין געדאַנק געטראַכט.

— גיך, — האָט זי געברומט פאַר זיך, — צו גיך איז אַ תּל געוואָרן פון דער זאַוועלער שטוב... — און זי האָט פאַריסן דעם קאָפּ — געלאָזט דעם רעגן אַראָפּוואַשן די טרערן פון אירע אויגן.

10

ביי אַ העלפט זאַוועלער טראַקט איז חנהקע געפאָרן זייער פּאַמעלעך, טראָט ביי טראָט, ווי זי וואָלט גאָר צופרידן געווען מיטן רעגן. די קינדער האָבן זיך איינגעדעקט און זיינען איינגעשלאָפן. פּערעלע איז געזעסן פון הינטן — זי האָט געדאַרפט אַכטונג געבן אויף די זאַכן און די קינדער, און, וויזט אויס, אויך זי האָט איינגעדרעמלט, אָדער זי האָט געהאַט אירע אייגענע גע־דאַנקען, אירע אייגענע זאָרגן. חנהקע איז געזעסן אויף די קאָזלעס מיט די לייצעס אין די הענט. זי האָט שוין איצט מער ניט געטראַכט וועגן די פאַר־גאַנגענע ניין און צוואַנציק יאָר אירע. זי איז געווען פאַרנומען מיט בויען אין קאָפּ איר צוקונפטיק לעבן. זי האָט געטראַכט איצט נאָר וועגן דעם און גע־קוקט אויפן וועג.

יעדער טראָט וועג איז איר באַקאַנט און באַקאַנט.

אָט שטעקן די פּניאַקעס פון די ביימלעך, וואָס דער טאַטע אירער, דער מאַן אירער האָבן אַרונטערגעהאַקט אויף פאַרהאַטיען די זומפּן. אַ סך פּניאַקעס זיינען שוין פאַרוואַקסן געוואָרן מיט גרינעם מאָך.

אָט זינקען די רעדער אין ווייכן געבעט פון צווייגן און בלעטער.

אָט ציט זיך אויף אַ פאַר וויאָרסט די בערעזעוועער אַליי, וואָס דער טאַטע האָט אין וואַלד געפונען און געשניטן דאָ די קאָליעס מיט די שינעס פון זיינע רעדער.

אָט שטעלט זיך איר פאַר די אויגן, ווי מיט ניין יאָר צוריק האָט זיך דאָ אויסגעצויגן אַן אָבאָז פינף און צוואַנציק פורן. אויסגעפּוצטע, שיכּורע און

פריילעכע, האָבן די קרעפּעטער און לאַשוויצער בעל־עגלות געפּראַוועט דאָ איר חתונה, געטאַנצט אין די בלאָטעס, געזונגען הילכיקע לידער.

און דאָס אַלץ איז איר איצט אַזוי נאָענט און אַזוי אָפּגעשיידט שוין פון איר, ווי נאָענט און אָפּגעשיידט עס איז אַ מת אין שטוב.

פאַר דער שטוב אין קרעפּעטע, פאַר די פערד־און־וואָגן, פאַרן זאַווע־לער טראַקט, פאַר דער הסכמה צו פאַרמעקן דאָס געוועזענע לעבן און מער זיך ניט אומקערן דערצו צוריק האָט זי געקראָגן באַצאָלט: אַ נייאינקע זאָקן־מאַשין האָט איר געגעבן חיים־ראובן דער נייער קרעמער אין קרעפּעטע, הונדערט רובל געלט דערצו — זי האָט אויפן לעבן אַזויפיל געלט ניט געהאַט — און טראָג זיך אָפּ פון קרעפּעטע, ווייל חיים־ראובן קויפט זיך פערד, ווייל חיים־ראובן דינגט זיך פויערים — שמייסערס — ווייל חיים־ראובן וועט אוועק־זעצן אַ פריקאַשטשיק אויף דער ערשטער פור און „אַכזאָם" וועלן זיי פירן מיטן זאַוועלער טראַקט סחורות פאַר קרעפּעטע און פאַרן גאַנצן אַרום...

דער רעגן האָט אויפגעהערט, אָדער ער איז גאָר ניט געווען, אין וואַלד שמעקט פּלוצים מיט רויך. חנהקע קוקט זיך אַרום — מע זעט גאָרניט. פּערע־לע עפנט די אויגן, וואַרפט אַראָפּ דעם זאַק פון איר קאָפּ.

— שוין אויס רעגן? — פרעגט זי און גיט אַ טרייסל מיטן קאָפּ.

— אויס, — ענטפערט חנהקע. — דו שפּירסט אַ רויך? עפּעס ציט מיט אַ רויך אין וואַלד.

— יאָ, — ענטפערט רואיק פּערעלע, — עס דערייכערן זיך די האָלע־וועשקעס פון פּאָסיעקאַצקיס גיטער.

— עפּעס אַ סך שריפות היינטיקן זומער ביי די פּריצים, — זאָגט חנהקע.

— אַ הייסער זומער געווען, — ענטפערט פּערעלע מיט אַ שמייכל.

— מאַכסטו חוזק, פּערעלע.

— אַז דו שטעלסט אַזעלכע קלאָץ־קשיות, ווי דו וואָלסט געלעבט אין האַצע־פּלאַץ.

— איך ווייס, אַז זיי בונטעווען זיך, נאָר דעם אמת געזאָגט, איך ווייס ניט, וואָס זיי ווילן. מענטשן לעבן ביי זיך אויף דער ערד. קיינער טרייבט זיי דאָך ניט...

— דאָס דוכט זיך דיר אַזוי... נעם זיך אַליין...

— נו, מיט מיר איז עפּעס אַנדערש... ביי מיר האָט אַן אומגליק גע־טראָפן... וועז ניט דער אומגליק, בין איך זיך אַ מענטש פאַר זיך...

— האָסט אַ טעות, חנהלע, — זאָגט פּערעלע מיט אַ שמייכל, — מיינסט, אַז די גאַנצע צרה שטאַמט פון אומגליק מיט דיין לייבען, און פאַרשטייסט ניט, אַז דער אומגליק מיט לייבען שטאַמט אויך פון עפּעס... און ווען לייבע קומט

אַפילו צוריק אַ געזונטער און אַ גאַנצער, וואָלסטו סיי ווי קיין רואיק לעבן אין קרעפּעטע שוין ניט געהאַט...

— וואָסי עפּעס ? — שרייט אויס חנהקע. — וואָס וואָלט מיר געפעלט ?

— ברויט צום עסן און אַ קלייד צום אָנטאָן, — ענטפערט פערעלע רואיק.

פערעלעס רואיקייט דערשרעקט שטאַרק חנהקען. זי דערפילט מיטן האַרץ, אַז פערעלע ווייסט עפּעס אַזוינס, וואָס זי, חנהקע, ווייסט ניט. דאָס פאַרדריסט איר. „דו ביסט אַ בלינדער מענטש, חנהקע!" — פליט איר דורך אין קאָפּ, און מיט אָפענער אויפגערעגטקייט פרעגט זי נאָכאַמאָל:

— וואָסי עפּעס ?

— ווייל חיים־ראובן האָט זיך באַוויזן, — רעדט פערעלע רואיק. — חיים־ראובן שאַפט זיך איין אַן אָבאָז. ער קויפט צונויף די פערד. ער האָט גענומען דעם פאָדריאַד אויף פירן דאָס געהילץ פון די דעליאַנקעס. ער האָט געלט, און קאָנקורירן מיט אים קאָן נאָר דער, וואָס האָט אויך געלט. דו האָסט עס ניט געהאַט, און לייבע וואָלט עס אויך קיינמאָל ניט געהאַט.

— לויט דיר נאָך קומט אויס, אַז פון קרעפּעטע האָט מיך אַרויסגעטריבן חיים־ראובן ? — פרעגט חנהקע מיט חידוש.

— ווער דען — איך ?

— איז ווער זשע האָט אייך אַרויסגעטריבן פון קרעפּעטע ? דיך, ברכהקען, אסתרן, אַלע אונדזערע קינדער ? חיים־ראובן איז נאָך דעמאָלט ניט געווען.

— אונדז האָט אַרויסגעשיקט אין דער וועלט דער טאַטע. איך פאַרשטיי ניט, דו ביסט אַ קליינינקע, צי דו האָסט פאַרגעסן, ניט געווען קיין ברויט אין שטוב פאַר אַלעמען. פאַר די דרייסיק יאָר, וואָס דער טאַטע האָט געהאַ־רעוועט, האָט אברהם בור זיך אין לאַשוויץ אויסגעבויט דריי גרויסע פאַבריקן — אַ פאַניער פאַבריק, אַ שוועבעלע־פאַבריק, אַ שיפּבוי־פאַבריק... דער טאַ־טע האָט געשלעפּט קלעצער, און מיר האָבן געאַרבעט אַלס דינסטן ביי די בורס און ביי די יוצר־משרתים.

— איך זאָג דאָס דיר, דער קאָפּ פּלאַצט ביי מיר. אַ פּלאָנטער דאָס לעבן...

— ניט אַזוי אַ פּלאָנטער, ווי אַ שטריק אויפן האַלדז פונעם האָרעפּאַשנעם מענטשן. דו ווילסט עסן ברויט — גיי האָרעווע אויף די בורס. עלע דו ווילסט ניט האָרעווען אויף די רייכע פּעמפּיקעס — פאַרציט מען דעם שטריק אַרום דיין האַלדז...

— אוי, פערעלע, אַ שרעק כאַפּט טאַקע אָן!..

— וואָס קאָן זיין שרעקלעכער פון ניט האָבן קיין ברויט פאַר די קינדער ? האָ, חנהלע, גיב אַ טראַכט!

דערויף האָט חנהקע גאָרניט געענטפערט. זי האָט עפּעס מאָדנע האַסטיק אַ ציִ געטאָן די לייצעס, אַ טרייב געטאָן די פערד, אַ שמיץ געטאָן מיט דער בייטש, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, ווייזט אויס, פאַרטראַכט זיך טאַקע וועגן דעם, מער קיין וואָרט מיט דער שוועסטער ניט אויסגערעדט ביז סאַמע אונטער לאַש־וויץ.

וואָס נעענטער זי איז געקומען צו לאַשוויץ, אַלץ שטאַרקער איז אין איר געוואָרן דער געפיל, אַז זי באַגלייט זיך אַליין אַרויס אויפן בית־עולם, זי פאָרט אויף איר אייגענער לוויה. זי ווערט אויס מענטש פאַר זיך. זי ווערט אַ קנעכט ביי דער וועלט.

אין לאַשוויץ איז איר געווען באַקאַנט בלויז איין ווינקל — די קרעפּעטער גאַס מיט די אַרומיקע געסלעך, פּיוול דעם קרעטשמערס שטוב מיט די געש־ניצטע סטויפּעס, וואָס האָבן אונטערגעהאַלטן דעם גרויסן גאַנעק, די „גרויסע גאַס", וואו זי איז געווען בלויז איין מאָל, מיט ניין יאָר צוריק, אין די טעג פון איר חתונה — און גאָר. זי האָט געהערט, אַז פון צווייטן עק לאַשוויץ, דאָרט שטייען בורס פאַבריקן, דאָרט וואוינען אַרבעטער.

דאָרט האָט פאַר איר פּערעלע געדונגען אַ דירה.

— נעענטער צו די פאַבריקן וועסטו האָבן אַ סך אַרבעט, — האָט איר פּע־רעלע געגעבן צו פאַרשטיין.

זי האָט ניט דערווידערט, כאָטש אין האַרצן איז זי דערמיט שטאַרק ניט צופרידן געווען. איר האָט זיך געוואָלט בלייבן אויף דער קרעפּעטער גאַס.

— דאָ וועט ניט זיין, וואָס צו טאָן פאַר דיר, — האָט פּערעלע מיט איר איינגעטענהט. — דער גאַנצער קוואַרטאַל לעבט פון קרעטשמעריי און האַנדל מיט היי, האָבער און געשפּאַן. דו דאַרפסט וואוינען אויפן ברעג. פאָלג מיך, איך קען לאַשוויץ גוט. איך רייד ניט, חנהלע, וועגן דיין איינשמועסעניש, אַז דיין לעבן איז שוין אַראָפּ. מענטשן האָבן חתונה צו פופציק יאָר אויך . . .

— און דו, און דו אַליין ? — האָט חנהקע זי ניט געלאָזט פאַרענדיקן.

— דעריבער רייד איך טאַקע ניט.

און חנהקע איז איינגעגאַנגען לעבן אויפן ברעג צוזאַמען מיט פּערעלען. אָבער זי האָט זיך אויסגענומען אַ תנאי : פאַרפאָרן וועט מען פריער צו פּיוול דעם קרעטשמער. דאָ וועט זי זיך באַגעגענען מיט די קרעפּעטער פורמאַנעס, זי וועט זיי שטעלן בראַנפן און זיך געזעגענען מיט זיי, זי וועט זיי איבערגעבן די פערד־און־וואָגן און פונדאַנען וועט זי שוין פאָרן אויף דער נייער דירה.

נאָר האַרט ביי לאַשוויץ איז חנהקע שטאַרק צערודערט געוואָרן : פון לאַש־וויץ האָט אויך געצויגן אַ רויך.

זי האָט זיך אומגעקערט אויף פּערעלען, געוואָלט פרעגן ביי איר, וואָס דאָס

באַטייט, נאָר פּערעלע האָט מאָדנע געשמייכלט און ווי געענטפערט אויף אַלע פראַגעס מיטאַמאָל:

— טרייב, טרייב, חנהלע, עס איז שוין גאָר נאָענט...

אָט איז שוין דער שלאַגבוים. אָט איז שוין די אייזנבאַן־ליניע, אָט הייבט זיך שוין אָן דער גערודער פון דער שטאָט.

נאָר די קרעפּעטער גאַס איז פאַרוואַלגערט מיט מענטשן, פערד, פייער־לעשער, פּאָליציאַנטן, — דאָ איז אַ גרויסע שרפה, דאָ קאָן מען ניט דורכפאָרן.

— פאַרקערעווע צום שול־הויף! — שרייט פּערעלע, — דאָ האָט עפּעס פּאַסירט, פאַרקערעווע, פאַרקערעווע!..

נאָר דער שולהויף איז פאַרמאַכט. דער שמש שטייט אויף יענער זייט פּאַרקן און מיט גרויסע דערשראָקענע אויגן אַריבער דער שוואַרצער באָרד קוקט ער אויף דער פור, שרייט מיט אַ צעשראָקענער שטים און פאָכעט מיט די הענט:

— וואוהין טראָגט דיך דער רוח, וואוהין? דו זעסט ניט? נעם די אויגן אין די הענט.

חנהקע האָט זיך אַ הייב געטאָן, געשטעלט אויף די קני, בעסער געוואָלט באַקוקן דורך וועלכע געסלעך מע קאָן זיך דערלאַנגען צו פּיוול קרעטשמערס שטוב. זי האָט אָנגעצויגן די לייצעס אויף די הענט, אַ קערעווע געטאָן די פערד רונד־אַרום צו דער באָד־גאַס.

— היי, היט זיך! — האָט זי געשריען און געטריבן די פערד. — היי, היט זיך!

מענטשן זיינען געלאָפן איבער די גאַסן; איינציקווייז און גרופּעסווייז. פון דערווייטן האָבן זיך דערטראָגן אַהער אָפּגעריסענע געשרייען. די געשרייען זיי־נען איינצייטיק ענלעך געווען אי אויף אַ געזאַנג, אי אויף אַ דערשראָקענעם וויי־געשריי.

חנהקע האָט געטריבן די פערד גלייך מיט דער באָד־גאַס. ווען די גאַס איז אויף אַ ווײַלע לײדיק געוואָרן, האָט זי זיך אומגעקוקט אויף הינטן, צו פּערעלען, אַ זוך געטאָן מיט די אויגן איר שוועסטערס פּנים, געוואָלט פאַרשטיין, צי ווייסט זי, וואָס דאָ קומט פאָר, נאָר גאָרניט איבערגעלייענט דאָרט, אויסער אַ מאָדנעם, ניט פאַרשטייענדיקן חידוש, געמישט מיט פרייד. האָט חנהקע אַ געשריי געטאָן צו איר:

— האַלט צו די קינדער, פּערעלע!

כמעט אין סאַמע צענטער שטאָט האָט זי געפּרואווט פאַרקערעווען די פערד אויף צוריק, צו דער קרעטשמע, נאָר דאָ זיינען פון ביידע ראָגן אָנגעפלויגן צוויי גרויסע גרופּעס מענטשן. ביידע גרופּעס האָבן געשריען. אין דער שפּיץ פון איין

גרופּע איז געלאָפן אַ יונגער מענטש אין אַ בלוי העמדל, כמעט אַ ייִנגל נאָך, מיט אַ רויטער פאָן אויף אַ קורצן שטעקן. ער האָט געפאָכעט מיט דער פאָן אין אַלע זייטן און גערופן:

— אַהער! אַהער!..

פון דער צווייטער זייט איז געלאָפן אַן אַנדער גרופּע מענטשן. זיי האָבן געטראָגן שווערע שטעקנס אין די הענט. אין דער פאָדערשטער שורה האָט ביי איינעם אַ בלאַנק געטאָן אַ מעסער.

חנהקע האָט ניט ווילנדיק אָפּגעשטעלט די פערד. איצט האָט שוין ניט געהאָלפן דאָס שרייען: — „היי, היט זיך! היי, גיט אַכטונג! פאַרזיכטיק!" דער וואָגן איז שוין פון אַלע זייטן באַלייגט געווען מיט מענטשן. זיי האָבן גע־שטראָמט ארום וואָגן, ווי אַ וואַסער אַרום אַן אינדזל, זיי האָבן אים באַוואַשן פון אַלע זייטן, געטרייסלט, געדרוקט, געשלאָגן די פערד אין די מאָרדעס.

פערעלע האָט זיך אויפגעשטעלט אויף די קני. זי האָט געהאַלטן צוגעטו־ליעט די צוויי קינדער, נחמהקען מיט זאַוועלען, און געשריִען:

— אַוועקט! לאָזט דורך! מאַכט אַ וועג!..

דערזען די גרופּע רעכטס מיט דער רויטער פאָן אין דער שפּיץ, האָט זי מיט פרייד זיך צעשריִען:

— חברים!.. ברידער!.. חברים!..

נאָר קיינער האָט זיך ניט אָפּגערופן. זייער מעגלעך, אַז זיי האָבן גאָר איר רוף ניט געהערט, אַזוי גרויס איז דער טומל דאָ געווען.

די קינדער האָבן זיך צעוויינט, פערעלע האָט געשריִען, חנהקע איז אַראָפּ־געשפּרונגען פון וואָגן, אַ שיקע געטאָן אויף די קינדער:

— שטילער, קינדער, ס'איז גאָרניט, שאַ! —

אַ נעם געטאָן די פערד ביי די ציימלעך. געפּרואווט זיי אויסקערעווען, געבעטן זיך:

— לאָזט מיך דורך, מענטשן! לאָזט מיך דורך! לאָזט מיך גיין מיין וועג!..

ערשט איצט האָט מען זיך אומגעקוקט אויף איר.

דער וואָגן איז געשטאַנען אינמיטן אַ ברוגזדיקן מענטשן־ים. אַרום וואָגן האָט זיך געשאַפן אַ רינג מענטשן, וואָס זיינען ווי פאַרגליווערט געוואָרן, גע־בליבן שטיין, זען וואָס איז דאָ. אָבער פוןביידע זייטן האָט זיך מיט גרויס כוח געצויגן אַ שטראָם פאָרויס. די רויטע פאָן איז שוין געווען ערגעץ ווייטלעך פאָרויס, די מענטשן מיט די שטעקנס אין די הענט — אויך דאָרט. קולות האָבן זיך פון דאָרטן אַהער געטראָגן. עס האָט אויסגעזען, אַז דאָרט האָט זיך פאַר־קאָכט אַ בלוטיקער געשלעג.

— לאָזט דורך, מענטשן! לאָזט דורך! — האָט זיך חנהקע געבעטן.
אייניקע האָבן אַ לאַך געטאָן.
עמעצער האָט אַ געשריי געטאָן:
— צוויי זשידאָוואַטשקעס! חיהקעלעך! וואוהין איז עס?
איינער האָט אַ טאַפּ געטאָן אין וואָגן, אָנגעכאַפּט פּערעלען ביי אַ פּוס.
— וואָס פירט איר דאָ?

אַ צווייטער האָט זיך דורכגעריסן צום וואָגן מיט אַ האַרמאָשקע אין די הענט. ער האָט אַ צי געטאָן דעם האַרמאָשקע־זאַק, דער אינסטרומענט האָט אַרויסגעלאָזט אַ לאַנגן, חוזקדיקן קרעכץ.

— אוי־וויי־מיר, — האָט ער אין טאָן פון דעם האַרמאָשקע־קרעכץ אַ זאָג געטאָן, פאַרוואָרפן דעם אינסטרומענט אויף דער פּלייצע און איז אַרויפגעקראָכן אויפן וואָגן. ער איז געווען שיכור. פּערעלען האָט אַ שלאָג געטאָן אין נאָז אַן איבלדיקער בראָנפן־גערוך.

— אַוועק! — האָט פּערעלע געשריען און אַ כאַפּ געטאָן דעם שטעקן, דעם „שדס קאָטשערע", געוואָלט אים דערמיט איבערן קאָפּ דערלאַנגען.

דער יונג מיט דער האַרמאָשקע האָט אַוועקגעדרייט זיין קאָפּ, אויסגעמיטן דעם קלאַפּ און גענומען זיך שאַרן אין וואָגן. חנהקע האָט געוואָלט צושפּרינגען, אַרויסהעלפן איר שוועסטער, האָט זי זיך ניט געקאָנט דורכרייסן דורכן עולם, אַזוי געדיכט איז דער וואָגן געווען באַקלעפּט מיט מענטשן.

נאָך אַ פּאָר זיינען אַרויפגעשפּרונגען אויפן וואָגן. גענומען רייסן די ראָגזשעס, שלעפּן פון דאָרטן די זאַכן, וואַרפן זיי אויפן ברוק.

— היט זיך! — האָבן זיי געשריען צו די פּאַרזאַמלטע. זיי האָבן אויפגעהויבן איבער זייערע קעפּ דעם קאָמאָד און אים אַ זעץ געטאָן אָן די שטיינער פון ברוק.

— היי, איר! — האָט חנהקע אויסגעשריען. — וואָס איז עס? אַ פּאָגראָם? היי, איר! — האָט זי געשריען און געשלאָגן איבער די קעפּ מיט די ספּראָנטשקעס פון די אָפּגעפּליקטע ציימלעך. — היי, איר!

— אַוועק! אַוועק, גזלנים! — האָט פּערעלע געשריען און געשלאָגן איבער די קעפּ מיטן שטעקן, מיט דעם „שדס קאָטשערע".

די קינדער האָבן געוויינט. דער המון האָט געבושעוועט אַרום וואָגן. עמעצער האָט אַ כאַפּ געטאָן חנהקעס קאָפּ צו זיך אין די הענט. חנהקע האָט אויסער זיך געשריען:

— מענטשן!..

עמעצער האָט זיך צעלאַכט. צוויי פּאָר גרויסע, בלוטיקע, צעקראַצטע הענט האָבן אַ הייב געטאָן איבערן וואָגן די זאַקן־מאַשין.

— אַט, אַ צאַצקע! — האָבן זיי געשריען און געהוידעט אינדערלופטן די מאַשין.

— איי, אַ שפּילכל!

— אַ מאַשין אויף דרוקן פּראָקלאַמאַציעס!

— איי, אַ געפינסל!

— היט זיך!

— געגומען! — האָבן זיי געשריען. — ראַזאַם! — און אַ זעץ געטאָן די מאַשין אָן די שפּיציקע שטיינער פונעם ברוק.

די קולות האָבן זיך געשטאַרקט. פון הינטן האָט אַ יאָג געטאָן אַ נייע כוואַליע. אין שטייפן רינג אַרום וואָגן האָבן זיך אַריינגעריסן נייע מענטשן. זיי זיינען אָנגעלאָפן שטום, אומגעריכט. זיי זיינען אויך געווען באַוואָפנט. איינער פון זיי האָט אָפּגעגעבן אַ קורצן באַפעל:

— שלאָג! איבער די קעפּ!

די ערשטע קלעפּ האָבן געכאַפּט די דריי, וואָס זיינען געשטאַנען אויפן וואָגן. זיי האָבן געפּרוואווט זיך ווערן, אָבער מע האָט זיי געכאַפּט פאַר די פיס און אַראָפּגעשליידערט. די, וואָס זיינען געשטאַנען אַרום וואָגן ,האָט מען אויך ניט געשאַנעוועט.

— טראָג אָפּ די פיס, כל־זמן דער קאָפּ איז גאַנץ! — האָבן זיי, האָקנדיק איבער די קעפּ, קורץ גערעדט.

עס האָט זיך אויפגעהויבן אַ געשריי:

— מע שלאָגט אונדז! פּראַוואָסלאַווגע!..

— פּערעלע — האָט אַ דערוואַקסענער אַרבעטער מיט לאַנגע שוואַרצע האָר אַ זאָג געטאָן. — פּערעלע, דאָס ביסטו?

— אַוורעמל! — האָט זי אויסגעשריען. — אַוורעמל, וואָס טוט זיך דאָ?

— שטיי, וואַרט צו, וואוהין דאַרפט איר? צו פּיוולען? אָפּגעטראָגן זיך! האָט ער אַ זאָג געטאָן צו זיינע יונגען.

די אָנגעלאָפענע האָבן זיך פלוצלונג אַ לאָז געטאָן פאַרויס, די כוליגאַנעס האָבן זיך אַ לאָז געטאָן נאָך זיי, דער וועג איז פרייער געוואָרן.

— טרייב! — האָט עמעצער געשריען, — טרייב גיכער!

חנהקע איז אַרויפגעשפּרונגען אויפן וואָגן, געכאַפּט די לייצעס, אָנגעצויגן, אַ טרייב געטאָן די פערד. אומגעדרייט זיך, האָט זי געפרעגט:

— די קינדער זיינען דאָ?

און ווידער אַוועקגעטריבן. פונדערווייטנס זיינען פאַרבייגעפלויגן די סטראַזשניקעס, וואָס האָבן זיך אויף פערד געטראָגן און זיך צוזאַמענגעשטויסן

מיט דער מאַסע מענטשן, וואָס זיינען געגאַנגען צו דער „גרויסער גאַס" מיט דער רויטער פאָן פאָרויס.

שפּעט ביינאַכט זענען שוין די שוועסטער מיט די קינדער געווען ביי זיך אין דער נייער דירה, אויף דער ברעג־גאַס. דער צימער איז געווען ליידיק. צוויי טאַבורעטן אַ טישל, דאָס איז גאָר דאָס מעבל, וואָס זיי האָבן איצט פאַרמאָגט. די קינדער זיינען געלעגן אויפן דיל, אין אַ ווינקל, געשלאָפן. אין שטוב איז געווען אַ גאַסט, אַברהמל, ער האָט נאָרוואָס פאַרענדיקט דערציילן וועגן דער היינטיקער דעמאָנסטראַציע.

— איצט ווייסט איר שוין, קינדערלעך, דעם טעם פון ניקאָלקעס קאָנסטיטוציע.

חנהקע האָט גאָרניט ניט געענטפערט. זי האָט אויסגעשפּרייט אַ פּאָר ראָגזשעס מיט אַ רעדנע פון אויבן לעבן די קינדער און האָט זיך צוגעלייגט, אונטערגעשפּאַרט דעם קאָפּ מיט איין האַנט און געקוקט פאַרטראַכט אין דער נידעריקער סטעליע אַזוי לאַנג, ביז זי איז איינגעשלאָפן. דעמאָלט איז צוגעגאַנגען פּערעלע, האָט אויסגעטאָן פון זיך דאָס זשאַקעטל, צונויפגעוויקלט עס אין אַ קישעלע, אונטערגעלייגט עס חנהקען אונטערן קאָפּ, אויסגעצויגן איר פאַרחלשטע האַנט און צוריקגעקערט זיך צו אברהמלען, צום שמועס וועגן די ווייטערדיקע טעג פון זייער לעבן.

## 11

חנהקע איז אָנגעקומען אַרבעטן צו אברהם בור אויף דער שוועבעלעךפאַבריק. ניט באַוויזן זיך אומקוקן — און דריי יאָר איז אַדורך.

נחמקהלע איז זיך פאַר די דריי יאָר צעוואָקסן, ווי אַ שטייף, שטאַלטן דעמבל. איז ענלעכקייט אויף חנהקען איז געווען זייער גרויס. דאָס איז געווען נאָכאַמאָל די זעלבע חנהקע, נאָר אויף צוויי און צוואַנציק יאָר יינגער.

נחמהקע האָט געלערנט אין דער היים ביי דער מוטערס חברים — חנהקעס שטוב האָט שטאַרק צוגעצויגן צו זיך מיט דער זויבערקייט און רואיקייט, מיט דער שטילער, שוועסטערישער ליבלעכקייט פון דער מוטער, און מענטשן האָבן זיך דאָ גערן געטראָפן.

מיטן זיבניעריקן זאָוועלע האָט שוין געלערנט נחמהקע. ער איז געווען דער זעלבער שטיפער, ווי פריער, — אַ גאַנצן קוואַרטאַל יינגלעך האָט ער אַרמעטום נאָך זיך געשלעפּט, אַט דער היציקער רויטער זאָוועלע.

אין שטוב איז צוגעקומען אַ ביסל מעבל — בעטן, אַ טיש צום עסן און אַ טואַלעט־טישל ביי חנהקעס בעט; פאָרהאַנגען אויף די פענצטער, בלומענטעפּ־

לעך מיט קאַקטוסן הינטער די פּאַרהאַנגען, אַ גרויסער פּאָרטרעט איבער חנהקעס בעט — אַ בראַוּער יונג מיט געדיכטע שוואַרצע וואָנצעס אין דער יו־ניפאָרם פון אַן אַרטילעריסט — לייבעס אַ פּאַרגרעסערטע אַלטע פאָטאָגראַפיע.

און דאָס גאַנצע איצטערדיקע לעבן חנהקעס איז געווען אַזוי אויפגעראַמט, צוגעקליבן־ריין.

פון אַלע ליבע און נאָענטע חברים, וואָס פלעגן אָפט קומען צו חנהקען אין איר ציכטיק צימערל, האָט זי דערנענטערט צו זיך גראָד אבא טאָקער — אַ יונג מיט בלאָנדע קרויזן און העלע אויגן, מיט פולע ליפּן און אַ לאַנגן ווייכן געזיכט. דאָס איז געווען די צווייטע ליבע אירע און, ווי עס האָט זיך איר אָפט געדוכט, איז זי נאָך געווען שטאַרקער פאַר דער ערשטער. און דאָך האָט זי זיך ניט געקאָנט באַפרייען פון געפיל, אַז עכט לעבן איז געווען בלויז דע־מאָלט, ווען לייבע האָט געלעבט, ווען זי האָט מיט אים שפּאַצירט אָפן זאַוועלער טראַקט מיט אַ צווייגל אָדער בלימל אין איין האַנט און מיט דער צווייטער האַנט אירער אויף זיין אַקסל. און מער וועט שוין קיינמאָל, קיינמאָל אין איר לעבן ניט זיין אָט דאָס עכטע, וואָס איז דעמאָלט געווען. זי האָט ניט אויסבאַ־האַלטן פון דער וועלט אירע באַציאונגען מיט אבאַן — אַלע אירע נאָענטע האָבן געוואוסט, אַז עס איז פאַראַן אַ מענטש אויף דער וועלט, וואָס איז חנהקען לי־בער, נעענטער און טייערער פאַר אַלע איבעריקע. בלויז דעם איינעם מענטשן איז דערלויבט בלייבן זיצן ביי איר אַזוי לאַנג, ווי ער וויל. בלויז דעם איינעם איז דערלויבט טאָן אין איר שטוב דאָס אַלץ, וואָס ער וויל און האַלט פאַר נויטיק. זי האָט עס שפּעטער אַליין געזאָגט:

— דו, אַבאַ, טו ווי דו פאַרשטייסט, צו וואָס זיינען די פּרעגעגישן? מיר זיינען דאָך מיט דיר נעענטער, איידער אַ ברודער מיט אַ שוועסטער... דו ווילסט באַהאַלטן ביי מיר אַ פּעקל — באַהאַלט. דו דאַרפסט אַריינשיקן אַהער אַ חבר איבערנעכטיקן — שיק אַריין. איך האָב קיין מורא ניט.

פּערעלע האָט געוואוינט באַזונדער.

די איבעריקע שוועסטער האָבן זיך גאָר אָפּגעשיידט פון איר.

אסתר איז אַוועק ערגעץ ווייט אין דער וועלט. עטלעכע שוועסטער — ברכהקע, שרהקע, רבקה, זיינען מיט די מענער און קינדער אַוועק איבער די אַרומיקע שטעטלעך ביי לאַשוויץ. איינע האָט אין דעם גרויסן שטעטעלע בע־רעזע־פּאַסאַדע אַ בייס איינגעפירט — סאַדע־וואַסער. ווינטער איז זי אין דער זעלבער בויד אויפן מאַרק געזעסן איבער אַ פייערטאָפּ און געהאַנדלט מיט צו־קערקעס און מאַן־קיכלעך. די צווייטע האָט זיך גענומען האַנדלען מיט שמאַ־טעס. איר איז גראָד געגאַנגען ניט שלעכט. און דורך זייטיקע מענטשן האָט זי געלאָזט וויסן, אַז די שוועסטער אירע זאָלן זי לאָזן צורו, מחמת זיי האָבן

גרויסע אויגן און זיינען שטאַרקע ניט־פאַרגינערקעס. די דריטע איז גענעסן מיטן מאַן אויפן בערעזע־פּאָסאַדער מאַרק אויך מיט אַ נייס — זי האָט קאַלאָשן פאַרגאָסן, און דער מאַן האָט אויף גיך „אויפן אָרט", שיך פאַריכט. די איבע־ריקע שוועסטער האָבן זיך אויך צעפּויזעט איבער דער וועלט. ווער אין שטעט־לעך אַרום, ווער עס איז אין אַמעריקע אַוועק.

און דער סך־הכל איז געווען, אַז וואָס אַ יאָר — אַלץ מער האָט זיך פון איר דערווייטערט דאָס קרעפּעטער לעבן אירס, אַלץ קלענער איז געוואָרן זיין באַטייט אין אירע אויגן, אַלץ נעענטער און נעענטער איז צוגעקומען דאָס נייע לעבן — דאָס לעבן אין לאַשוויץ מיט אַבאַן. איר אַרבעט אויף דער שוועבעל־לעך פאַבריק, די חברים, די פּעקלעך זייערע, מיט וועלכע עס איז כמעט שטענ־דיק פול געווען איר אָפּגעזונדערטער צימער אויף דער ברעג־גאַס.

געווען ביי איר אין לאַשוויץ גליקלעכע אָוונטן. די קינדער שלאָפן. זי זיצט אין ווינקל, ביים טיש, ביים זיבענער לעמפּל, מיט שטוב־אַרבעט אין דער האַנט, אַנטקעגן זיצט איר פריינט אַבאַ טאָקער מיט אַ שמייכל אויף די ברייטע גוטע ליפּן, מיט אַ ווייכן פריילעכן בליק אין די העלע אויגן און רעדט, דער־ציילט איר וועגן דעם לעבן אין דער גרויסער וועלט.

— יעדערער האָט זיך באַקומען זיין פּאַרציע, — דערציילט אַבאַ טאָקער, — די אַרבעטער — דעם 9טן יאַנואַר 1905 יאָר, ווען זיי זיינען אַרויס צום קייסערס פּאַלאַץ בעטן פאַרגרינגערן זייער לאַגע. זיי האָבן באַקומען קוילן אין די קעפּ. איינער רעדט: „וואָס איך האָב, — דאָס גיב איך דיר". די פּויערים האָבן באַקומען נייע פּריצים פון סטאָליפּינס הענט. איינער רעדט: „דו האָסט אַ שטיקל קאַפּיטאַל אין די הענט? קויף אויף די ערד ביי די אַרומיקע פּויע־רים, ווער אַ באַלעבאָס, נעם זיך די פאַראָרעמטע פּויערים, און זאָלן זיי באַ־טראַקעווען ביי דיר". אָט פּונקט ווי חיים־ראובן איז זיך מיט דיר באַגאַנגען און מיט די איבעריקע קרעפּעטער בעל־עגלות... דיין טאַטע, שוועסטערקע, איז געווען אַ גליקלעכער מענטש אויף זיין אופן. ער האָט אַ לעבן געפּטרט אויף אַ חלום, שוועסטערקע...

— וואָס עפּעס, שוועסטערקע? וואָס איז עס פאַר אַ נאָמען? חנהקע רופט מען מיך...

אַבאָס פּנים ווערט פון דער באַמערקונג טונקעלער. שוין ניט דאָס ערשטע מאָל, ווי זי רייסט אַזוי איבער זיינע רייד אויפן וואָרט „שוועסטערקע".

— חנהקע רופן דיך אַלע, — זאָגט ער, — חנהלע ווילט זיך דיר רופן...

— זאָל זיין חנהלע. נאָר אַ מענטשלעכער נאָמען. וואָס פאַר אַ שוועסטער־קע בין איך דיר, — שמייכלט זי.

פון איר שמיכל ווערט זי ביידן לייכטער. עס דוכט זיך זיי אויס, אַז זיי האָבן זיך נעענטער צוגעטוליעט איינער צום אַנדערן. חנהקע פרעגט:

— איז וואָס זשע איז דאָ דאָס גליק, וויבאַלד ער האָט זיין לעבן געפּטרט אויף אַ פּוסטן חלום?

— ער האָט דאָס ניט געוואוסט, אַז זיין חלום איז אַ פּוסטער. ביי זיי לעבן איז דאָס זאַוועלער טראַקט געווען זיין טראַקט. ער איז געווען ווי מען קאָן עס זאָגן, דער באַשעפער זיינער...

זי האָט קיינמאָל ביי אים ניט געפרעגט, צי ער איז צופרידן מיט אָט דעם מאָדנעם לעבן זייערן: ער — באַזונדער, זי — באַזונדער. זי איז וואָס אַ יאָר אַלץ שטאַרקער אָפּגעשיידט געוואָרן פונעם געהרגעטן לייבען, פון איר קרעפּע־טער לעבן, אָבער לייבעס בילד איז געהאַנגען איבער איר בעט, און אין אירע אויגן האָט עס אויסגעזען זייער אָפּט, אַז זיין גייסט שוועבט דאָ אַרום, קוקט זיך צו צו איר ניי לעבן, צו די פּאָר קינדער זיינע, וואָס וואַקסן גוט און לערנען זיך גוט; און פון צייט צו צייט, פלעגט זיך אין אָוונט אַריינכאַפּן צו איר אַ קרע־פּעטער בעל־עגלה, דערציילן איר, ווי שווער עס איז דאָס לעבן געוואָרן אין קרעפּעטע, באַוואונדערן די שיינקייט און די חכמה פון אירע געראָטענע קינדער.

און אָפט פלעגט אַבאַ זי מיטנעמען אויף אַ לעקציע, אויך מאָסאָווקע אין וואַלד, וואו זי האָט זיך דערוואוסט וואונדערלעכע זאַכן. די מענטשן ריידן אויף אַן אמת וועגן איבערקערן די וועלט. דאָס איז איר געפעלן. זי פלעגט דערנאָך מיט שפּאַס ביי אים פרעגן:

— מיין שטוב וועט מען אויך איבערקערן?

— ניין... אויף דיין שטוב וועלן מיר אָנקלעפּן אַ מודעה: „טשעפּעט ניט, דאָ וואוינט חנהקע אַדלער — אַ שטילע טויב, זי טשעפּעט ניט קיין פליג אויף דער וואַנט...״

חנהקע פלעגט זיך אויף אַ וויילע פאַרטראַכטן און ענטפערן:

— דו מאַכסט מיך נאָך ניט פאַר קיין שטילער טויב... דו נעם זיך נאָר ניט אַראָפּ קיין משל דערפון, וואָס איך באַנעם זיך מיט דיר... דו ביסט אַ ווייכע, אַ ליכטיקע נשמה... וואָס קאָן איך מיט דיר מאַכן...

זי איז שטאַרק צופרידן געווען, וואָס אַבאַ רעדט אויך ניט וועגן איבער־אַנדערשן דאָס מאָדנע נאָענטע און צעריסענע לעבן זייערס. איר האָט זיך גע־דוכט, אַז אויב זי וועט אָפּלעבן מיט אַבאַן איין האַלב יאָר אונטער איין דאַך, וועט דערנאָך דער בראָך פון צעשיידונג זיין טויזנט מאָל גרעסער, ווי ביז איצט: אַבאַ איז שוין ניט איין מאָל, ניט אין איין שטאָט און ניט איין חודש געזעסן פאַרשפּאַרט אין די טורמעס. דאָס לעצטע יאָר האָט ער זיך אַליין געחידושט.

— עס גליקט מיר מיט דיר... חנהלע... שוין צען חדשים, ווי מע

לאָזט מיך אַרומלויפן אויף דער פריי... מע קאָן שוין אָנהייבן טראַכטן וועגן חתונה האָבן...

— אדרבא! — האָט חנהקע געענטפערט. — איך וועל זיין ביי דיר אונ־טערפירערקע...

— עפּעס האָסטו מיר צו גיך געענטפערט, חנהלע...

און ווי שטענדיק אין אַזעלכע מינוטן האָט זיך געהויבן דאָס גליק אין זיי־ערע הערצער.

אַזוי האָבן זיי געלעבט אַ יאָר זעקס.

אַבאַ פלעגט פאַרפאַלן ווערן אויף חדשים־לאַנג. איינמאָל האָט ער אין לאָשוויץ געפעלט גאַנצע אָנדעהאַלבן יאָר. אָבער יעדעס מאָל, ווי נאָר ער פלעגט קומען, — האָט ער דעם ערשטן וויזיט געמאַכט צו חנהקען. ער פלעגט אַריין אין שטוב מיט אַזאַ מינע, ווי ער וואָלט ערשט נעכטן פונדאַנען אַוועק. ער האָט זיך אויף גאָרנישט ניט נאָכגעפרעגט ביי איר. און איינמאָל, ווען זי האָט אַרויסגעוויזן איר אומצופרידנקייט מיט אַזאַ מין אַריינקומען אין שטוב נאָך אַזאַ לאַנגער אָפּוועזנהייט, האָט ער זייער צאַרט אַ גלאַנץ געטאָן מיט זיינע העלע אויגן אויף איר און געזאָגט:

— איך ווייס אַלץ וועגן דיר און די קינדער, חנהלע, ביז אַ האָר. דו ווילסט, — וועל איך דיר דערציילן.

און ער האָט טאַקע געוואוסט, אַז נחמהקע גיט שוין „אוראָקן", אין וועלכע הייזער, וויפל זי פאַרדינט, וויאַזוי זאַוועלע האָט צונויפגענומען אַ כאַפּטע יינג־לעך פון דער ברעג־גאַס און פאַרפירט אַ מלחמה מיט די גימנאַזיסטן, אַז צווישן די גימנאַזיסטן איז געווען אברהם בורס אַן אייניקל, און חנהקען האָט מען דער־פאַר שיעור פון דער שוועבעלעך־פאַבריק ניט אַרויסגעוואָרפן, אַז אין קרע־פּעטע האָבן אָפּגעברענט חיים־ראובנס סקלאַדן, און האַלב קרעפּעטער בעלי־עגלות האָט מען דערפאַר אין תפיסה אַריינגעזעצט, אַז זי, חנהקע, האָט זיך נאָך־געפרעגט אויף אים ביי חברים, ביי אַזעלכע, ביי וועמען מע האָט זיך געקאָנט נאָכפרעגן און ביי אַזעלכע, ביי וועמען מע האָט ניט געטאָרט פרעגן, אַז אסתר איז צוריקגעקומען פון דער וועלט, האָט זיך אַרומגעדרייט אין לאָשוויץ דריי וואָכן, געוואָרפן זיך אין טייך, געוואָלט זיך דערטרינקען, האָט מען זי אַרויס־געראַטעוועט, געגעבן איר געלט פון דער ציוניסטישער קאַסע און זי אַוועקגע־שיקט קיין פּאַלעסטינע. אַז די עלטערע שוועסטער אירע, ווי הייסט זי — ברכהקע צי שרהקע, איז געשטאָרבן פון געשווילעכץ, און אַז פערעלען האָט מען געפאַקט אונטער בריסק מיט אַ טשעמאָדאַן אומלעגאַלער ליטעראַטור, און זי האָט געקראָגן אַכט יאָר פאַרשיקונג אין וואָלאָגדער גובערניע...

— און וויאַזוי איך האָב זיך דאָ געפּייניקט אָן דיר, האָט דיר אויך עמעצער

דערציילט? — האָט זי אַ פרעג געטאָן, און עס איז שווער געווען צו כאַפּן דעם טאָן אירן — צי האָט זי די פראַגע געשטעלט מיט כעס אָדער מיט איראָניע?

— פאַרוואָס זשע האָסטו זיך געדאַרפט פייניקן? — האָט ער נאָך אַ היפּשער ווײַלע שווײַגן מיט עפּעס אַ ווייטערדיקן פאַרדרוס אַ פרעג טאָן.

דערויף האָט זי גאָרנישט ניט געענטפערט. זי האָט זיך אַ דריי געטאָן איבער דער שטוב, דערפרייט זיך, וואָס גראָד אין דער מינוט איז נחמהקע אַרײַן, אַ וואָרף געטאָן זיך צו איר מיט עפּעס אַ היץ, אַרומגענומען זי, געזאָגט:

— טאַכטערקע, זע, אונדזער אַבאַ איז געקומען... — געכאַפּט זיך, אַז עס איז נאַריש אַזוי צו שטיין אַן אַרומגענומענע מיט נחמהקען, צו אָפּן איז די פרייד, געפונען אַ תירוץ, אַ בעט געטאָן זיך:

— לויף, טאַכטערקע, אין קרעמל, קויף ברויט, פּוטער, עפּעס צובייסן... מירן טרינקען טיי...

זי איז שוין געוואוינט געוואָרן צו דעם נייעם לעבן אירן מיט אַבאָן, געוואוינט געוואָרן, אַז ער זאָל אומגעריכט קומען און אַן אַ „זייַ־געזונט" אַוועקגיין אויף חדשים. אָבער אין אַ שטיקל צייט אַרום, ווען אַבאַ איז שוין ווידער ניט געוואָרן פון לאַשוויץ, דאָס מאָל כמעט אַ פּאָר יאָר, האָט זי זיך פּלוצלונג געכאַפּט, אַז זי איז אין תוך אַן איינזאַמער מענטש. קומט אַבאַ קיין לאַשוויץ — קומען מענטשן צו איר אין שטוב, פאָרט ער אַוועק — כאַפּט זיך אַמאָל אַרײַן רחל, זעלטענער — אברהמל און מער קיינער ניט.

דאָס האָט זי אויפגעטרייסלט. זי האָט געהאַט דעם געפיל, ווי מע וואָלט זי אויפגעוועקט פון שלאָף אויף ערגעץ מיטנעמען אין אַ ווייטער גרויסער רייזע און זי אָפּגענאַרט, געלאָזט זי דאָ איינע אַליין.

— ווי לעבט מען אויף דער וועלט? ווי לעבט מען אויף דער וועלט? — האָט זי זיך אין געדאַנק געמאַטערט.

און פּלוצלונג האָט זי זיך צעשמייכלט גאָר. זי האָט זיך דערמאָנט די מאַמע פלעגט זאָגן:

— מע טאָר ניט גיין קעגן דער וועלט...

— אַיי, מאַמע, מאַמע, — האָט זי כמעט אין דער הויך אַ זאָג געטאָן. — אָט לעב איך שוין באַלד פינף און דרייסיק יאָר אויף דער וועלט... איך בין נאָך קיינמאָל ניט געגאַנגען קעגן דער וועלט, דערפאַר גייט די וועלט שטענדיק קעגן מיר...

זי האָט זיך אַ שטעל געטאָן אינמיטן שטוב, אַ שאַר געטאָן מיט ביידע הענט די האָר אויפן קאָפּ. באַטראַכט:

נחמהקע איז אַוועק שוין דאָס פערצנטע יאָר... אין אירע יאָרן האָט זי שוין געאַרבעט ביי די פערד, ווי אַ גרויסע... פאַר אירע יאָרן פאַרדינט שוין

נחמהקע ניט שלעכט... זיי וועלן דורכלעבן דאָ, די קינדער. און ווי נאָר אַבאַ קומט — אַזוי לייגט זי אים פאָר: צוזאַמען איז צוזאַמען, אויב ניט, בעסער גאָר איינגאַנצן צעשיידן זיך.

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט זיך די גאַנצע זאַך געלייזט גאָר אויף אַן אומ־געריכטן אופן.

אין אַ שעה אַרום נאָך דעם, ווי זי האָט זיך געשטעלט צו איר וואַרשטאַט אויף דער שוועבעלעך־פאַבריק, האָט זיך איבער דער לאַנגער ריי טישן אַ שאָרך געטראָגן.

— זאָג חנהקען... זאָג חנהקען... — האָט זי געהערט, ווי עס פּויזעט פון מויל עפּעס אַ ידיעה.

די נאָענטע שכנטע אירע האָט איר אַ שעפּטשע געטאָן אין אויער אַריין:

— דיין נחמהקע וואַרט אויף דיר... ביים פּלויט... הינטער די שטאַ־בעלן... גיי... דער מייסטער איז אַוועק... מירן זיך צערוקן... קיינער וועט ניט באַמערקן... גיי...

חנהקע האָט זיך אַרויסגערוקט, אַרויסגעגליטשט זיך פון איר אָרט ביים טיש און איז אַוועק.

— נחמהקעלע, וואו ביסטו? וואָסי?

— קום אַהיים... אונדזער אַבאַ איז דאָ...

— וואו? — האָט זי שיעור ניט אַ געשריי געטאָן, אויפגעהויבן אַ ברעטל אין פּאַרקן, זיך אַרויסגעגנבעט.

— אין אַ שעה אַרום וועט מען אים פירן צום וואָקזאַל... — האָט נחמהקע דערציילט.

צום וואָקזאַל האָט מען אונטער אַ קאָנוואָי געפירט ניט איין אַבאַן — אַ גאַנץ פּעקל יונגעלייט און מיטליעריקע, מענער און פרויען. מע האָט זיי גע־פירט אינמיטן דער גאַס. אויף די טראָטואַרן זיינען נאָכגעגאַנגען אַ סך מענטשן — שוועסטער, ברידער, מאַמעס, געווען אויך איין טאַטע אַפילו.

ווי נאָר חנהקע האָט מיט די אויגן אָפּגעזוכט אַבאַן, אַזוי איז זי פאָרויס געלאָפן, אויסגעדרייט איר קאָפּ צו אים, אַריינגעקוקט אים אין די אויגן. ער האָט געענטפערט מיט אַ בליק. זיין בליק איז געווען רואיק און פריילעך. חנהקען האָט זיך פאַרוואָלט אים דערציילן, פאַרזיכערן, אַז זי פאַרשטייט אים אַז זי איז מיט אים אין איר האַרצן און געדאַנק, אַז זי איז גרייט גיין מיט אים אין עק וועלט, אַז בלויז אין אַ נאַרישער רגע האָט זי געקאָנט טראַכטן וועגן שיידן זיך מיט אים, פאַרגעסן אָן אים, און זי האָט דעריבער מאָדנע אַ הייב

געטאָן איר קאָפּ, איינמאָל און נאָכאַמאָל, העכער און העכער, און געשמייכלט צו אים, געשמייכלט.

פון דער זייט האָט עס אויסגעזען, אַז זי וויל אים דערמונטערן, דערמוטיקן און באַווייזן דער גאַנצער וועלט, ווי שטאַרק זי איז אים איבערגעגעבן. אַלע אַרעסטירטע האָבן זיך אויף איר אומגעקוקט, עטלעכע מענטשן פון די באַגלייטער — אויך.

אַבאַ האָט געענטפערט מיט דעם זעלבן הייב מיטן קאָפּ, מיטן זעלבן שמייכל אויף זיין גוטן, ווייכן פנים. די אַרעסטירטע האָבן אויף אים קוקנדיק אויך געהויבן די קעפּ, געשמייכלט. די באַגלייטער אויפן טראָטואַר, ניט ווילנדיק אָנטאָן קיין לייד זייערע ברידער און שוועסטער און זיך, האָבן אויך געענטפערט מיט שמייכלען.

זייטיקע מענטשן אויף דער גאַס האָבן זיך אומגעקוקט אויף אָט דער מאָדנער שמייכלענדיקער פּראָצעסיע.

— קוק זיי נאָר אָן, — האָט איינער אַ זאָג געטאָן אויפן ראָג פון דער גרויסער און וואָקזאַלנער גאַס, — קוקט נאָר אָן די גדולה אויף זייערע צורות...

— פּאָליטישע... — האָט דער אַנדערער געענטפערט.

— פּאָליטישע... האָט חנהקע איבערגעחזרט, נאָכגייענדיק נאָך די אַרעסטירטע און אַריינקוקנדיק אַבאַן אין זיין ווייך שמייכלענדיק פּנים.

## 12

ביסלעכווייז איז חנהקע אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער אַרבעט.

ביי איר אין צימערל האָט מען שטענדיק געקאָנט געפינען אַ פּעקל אומלעגאַלע ליטעראַטור; זי האָט גוט אויסגענוצט איר באַקאַנטשאַפט מיט די בעל-עגלות אויף אָפּפירן אַ חבר, וואָס האָט ניט געטאָרט פאָרן מיט דער באַן, אויף ברענגען אַ פּעקל, אויף עס „צעוואַרפן" איבער די ישובים. ניט איין מאָל האָט זי איר נחמהקען געזעצט אַלס שמייסערקע אויף די קאָזלעס — צושטעלן אַ חבר אין אַ זיכער אָרט.

אין די ערשטע יאָרן האָט זי עס געטאָן אַזוי, ווי מע טוט אַ געפעליקייט נאָענטע פריינט, — לייכט און מיט איבערגעגעבענער גרייטקייט. דערנאָך איז עס געוואָרן אַ געוואוינהייט. און שפּעטער האָט זיך עס אומבאַמערקט פאַרוואַנדלט ביי איר אין אַ פליכט, אין אַ באַדערפעניש.

אינקורצן נאָך אַבאַס אַרעסט איז אין איינעם אַ פאַרנאַכט געקומען צו

איר אברהמל. ער האָט מאָדנע באַקוקט איר צימער, ווי ער וואָלט זיך גע־קליבן באַזעצן זיך דאָ, און געזאָגט:

— דו ווייסט, חנהלע, צייט דיר בייטן די דירה.

— וואָס געפעלט דיר דאָ ניט?

— דער ווערטער איז קאַליע אַ ביסל.

— איך באַמערק עס ניט.

— אָט זאָג איך דיר.

— וואו וועל איך איצט זוכן אַ בעסערע?

— איך האָב שוין געפונען. קום אַריין צו מיר, וועלן מיר גיין זי אָנ־קוקן. קום מאָרגן. מאָרגן איז פרייטיק. סימפּאַטיזירנדיקע וועלן זיין. דו וועסט עפּעס הערן...

ווען ער איז אַרויס, האָט זיך חנהקע דערמאָנט: געווען דאָ ביי איר אַ שוועסטער ניט לאַנג. יענע האָט אויך פאַרגעלייגט בייטן די דירה, וואַרפן די פאַבריק, אַוועק אויפן מאַרק.

— וואָס איז דער גליק צו האָרעווען צוועלף שעה אין מעת־לעת און האָבן קוים אויף ברויט מיט קרופּניק. אין מאַרק, אַז עס גליקט...

נאָר חנהקע האָט זי אַפילו ניט אויסגעהערט ביזן סוף. זי האָט איר גע־שטעלט טיי מיט צובייסן און גערעדט מיט איר וועגן זייטיקע זאַכן. די שוועסטער איז אַוועק מיט גאַרניט. נאָך דער שוועסטערס אַוועקגיין איז ביי חנהקען געבליבן אַ פאַרדראָס אין האַרצן: צופיל, פונדעסטוועגן, איז זי אָפּ־געריסן פון אירע שוועסטער. מע וואָלט געדאַרפט כאָטש איין מאָל אַ קוק טאָן, ווי זיי לעבן.

וויפל מאָל חנהקע איז ניט געגאַנגען מיטן מאַרק צו אברהמלען, צו דאַבעלען — זעלטן איז איר אויסגעקומען צו זען די קראָמען בייטאָג, ווען דער מאַרק איז פול מיט מענטשן און מיט טומל. דעריבער, ווען זי איז אויף מאָרגן געגאַנגען צו אברהמלען, האָט זי זיך מיט אַ באַזונדערער נייגעריקייט צוגעקוקט צו די צוויי ציילן נידעריקע, געוועלבטע, געמויערטע קראָמען, וואָס האָבן זיך געצויגן פון ביידע זייטן גאַס צום יידישן מאַרק. און דאָס, וואָס זי האָט דאָ דערזען, איז געווען פאַר איר מאָדנע ניי, ווי זי וואָלט ביז איצט קיינמאָל אויף קיין מאַרק ניט געווען.

מענטשן רייסן די קונים איינער ביים אַנדערן, שילטן זיך, שלאָגן זיך; קינדער לויפן אַרום מיט די הוילע בייכלעך און טאַפּטשען אין בלאָטעס; אַ געבונדענער חזיר אויף אַ וואָגן קוויטשעט; שיכורע פּויערים לאַכן ביי דער בויד, וואו אַ געשטופּלטע מויד אין שמוציקן טריקאָ וויזט צירק. אין איין עק מאַרק האָבן פורמאַנעס זיך געשלאָגן מיט די האַלאַבאַליעס, אין צווייטן עק

מאַרק האָט מען געפּאַקט אַ גנבטע. — זי האָט אומבאַמערקט אַרומגעוויקלט אַרום זיך אוודאי צוואַנציק איילן לענטעס און געוואָלט דערמיט אַוועק. דער קרעמער — אַ קליין יידל מיט אַ שיטער בערדל און מיט אַ גרויסן טלית־קטן אַריבער די הויזן, האָט געשלעפּט די גנבטע צום גאַראַדאָוואָי. אין אַ צווייטן ווינקל האָט אַ קאַטערינשטשיק געשפּילט עפּעס זייער אַ טרויעריק מעלאָדיע; אַ גרינער אַלטער פּאַפּוגיי איז אַרומגעשפּרונגען אויף דער קאַטערינקע און פּאַר צענערס געטיילט צעטעלעך, וואו עס איז אַלץ געווען אָפּגעדרוקט וועגן דעם מענטשנס גורל און מזל; אויב איינער האָט זיך געפּרואווט אַליין אַרויס־שלעפּן אַ צעטעלע אומזיסט, איז דער פּאַפּוגיי, ווי אַ שפּאַרבער, באַפֿאַלן די אויסגעצויגענע האַנט און געפּיקט, געפּליקט, און דער עולם אַרום האָט גע־לאַכט. דאָס האָט אויף אַ ווײַלע פֿאַרטויבט די טרויעריקע מעלאָדיע, וואָס דער קאַטערינשטשיק האָט מיט אַ פֿאַרשטיינערטער צורה אַרויסגעדרייט פֿון זיין שפּיל־קאַסטן.

חנהקע האָט זיך אַרומגעדרייט ביי די רונדוקעס, געקוקט די האָווענדיקע מענטשן אין די אויגן, געטראַכט וועגן זייער גורל און לעבן.

— וואָס טוט זיך דאָ? — האָט זי געטראַכט, — ווער סאַרטעוועט עס אַזוי די מענטשן, וואָס אָט זיינען מיר געווען דרייצן שוועסטער — איז איינע פֿון אונדז זיצט איצט אין וואָלאָגדע אין דער פֿאַרשיקונג, און די צווייטע איז אַוועק קיין פּאַלעסטינע, און די דריטע איז געשטאָרבן אין די יונגע יאָרן, און פֿינף האָבן געלעבט אין מאַרק, און דריי פּוכנען פֿון הונגער אין די שטעטלעך אַרום, און איינע איז גאָר אינגאַנצן נעלם געוואָרן, מע ווייסט ניט, וואו איר געביין איז אַהינגעקומען, און די לעצטע, די מיזינקע, זי, וואָס איז שוין איין־מאָל געשטאָרבן לעבעדיקערהייט, ווען לייבע איז אויף דער מלחמה אַוועק, און דאָס צווייטע מאָל ווידעראַמאָל געשטאָרבן לעבעדיקערהייט, ווען חיים־ראובן האָט זי פֿון קרעפּעטע אַרויסגעטריבן, און דאָס דריטע מאָל...

עס איז געוואָרן טונקל. אברהם בורס פֿאַבריקן האָבן זיך אַלע מיטאַמאָל אומעטיק צעפּיפּט — געזופֿן ליכט בענטשן. דער ערב־שבתדיקער טומל האָט זיך אָנגעהויבן. טירן האָבן געסקריפּעט, פֿאַררוקערס האָבן געקרעכצט, שלעסער האָבן געבראַזגעט, מענטשן האָבן געאיילט פֿאַרענדיקן זייערע וואָ־כעדיקע געשעפֿטן, זיך איינוואַשן, איבערטאָן זיך, אויסרוען זיך, ווער ביי די זמירות, ווער ביי אַ מעשה־ביכל, ווער פּשוט אין וואַרעמען געלעגער.

— אַ סוף — אַן עק! — האָט זי זיך אַליין איבערגעריסן אירע געדאַנקען און מיט גיכע טריט זיך געלאָזט צו אַברהמלען.

דער מאַרק איז שוין געווען פּוסט. דער פּרייטיקצונאַכטס איז שוין אָנ־געקומען. די שטיבלעך הינטער די געמויערטע רונדוקעס זיינען געשטאַנען,

ווי הינט־קאָנורעס אויף די הויפן, — אַזוי קליין און אָרעם האָבן זיי אויסגעזען קעגן די געמויערטע ציילן קראָמען. פון אַ הויף האָט זיך דערטראָגן אַ גע־זאַנג מיט אַ געשריי. חנהקע האָט זיך אָפּגעשטעלט און זיך צוגעהערט אַ ווײַלע. אין יענעם הויף איז, ווייזט אויס, אַ שול געשטאַנען, פון דאָרט האָט זיך דער „לכו נרננה" דערטראָגן. חנהקע האָט געשמייכלט: אָט עפּעס אַזוי אומבאַמערקט איז זי פון גאָט אָפּגעשטאַנען — זי געדענקט אַליין ניט, ווען זי האָט אויפגעהערט ליכט בענטשן, ברכות זאָגן, אַן גאָט געדענקען.

וואָס אַ טאָג ווייטער, אַלץ שטאַרקער האָט זי געפילט דעם אָטעם פון עפּעס אַ גרויסער נייער וועלט אַרום זיך. זי האָט זי צוגעמאָסטן צו זיך און זיך געפרייט: אַ סך זאַכן האָבן איר דאָ גוט געקליידט, כאָטש אָנגעקומען איז עס איר — דאָס פאַרוואָרצלען זיך אין דער נייער וועלט — ניט אַזוי גרינג, אָבער אַז זי איז שוין אַריינגעוואַקסן — דאָס זעט זי אַליין.

אָט גייען יידן פון שול, זיי ווינטשעווען זיך איינער דעם אַנדערן אַ גוט־שבת, זי מיידט מען אויס. מיט חשד קוקט מען אויף איר...

ביי אברהמלען אין שטוב איז פריילעך. דער טיש איז, אויף יעדן פאַל, שבתדיק געגרייט. ביים טיש זיצן יונגע מענטשן. מע נעמט זי אויף וואָרעם און היימיש. אָבער דער שמועס רייסט מען ניט איבער. חנהקע הערט זיך צו צו די הייסע רייד.

וועגן דעם אורטייל אין ביילִיס־פּראָצעס ריידן זיי.

איינער אַ לאַנגער שטייט אינמיטן דער שטוב מיט אַ גלאָז טיי אין דער האַנט און שרייט:

— ניין, דאָס איז ניט קיין זיג! דאָס איז גאָר ניט קיין זיג! זיי איז גע־לונגען צו פאַרדרייבן די געשיכטע... דו דערמאָן זיך, ווי יעזואיטיש זיי האָבן עס אָנגעשריבן דעם אורטייל...

אַ שוואַרץ מיידל (חנהקע קען זי ניט) פאַלט אָן אויף דעם לאַנגן יונג.

— ווי מיינסטו, — רעדט זי מיט פאַרזשמורעטע אויגן, — ווי מיינסטו, ווען זיי כאַפּן ניט קיין ציטער פאַרן פּראָלעטאַריאַט, וואָלטן זיי דעם מענדלען ניט אויפגעהאַנגען? נאָך אַ מין! דער אַרבעטער־קלאַס — אָט ווער עס האָט זיי געצוואונגען אַרויסטראָגן אַ באַפרייאונגס־אורטייל! ווייל אונדזער כוח וואַקסט.

חנהקע הערט זיך צום שמועס מיט גרויס נייגער. איר געפעלט זייער, וואָס די מענטשן נעמען דאָ די גאַנצע „מעשה ביילִיס" גאָר פון אַן אַנדער זייט: עס איז ניט נאָר אַ „יידישער אומגליק" — עס איז אַ שטיק פּראָוואָקאַציע פון דער הערשענדיקער שקלאַפן־אָרדענונג! עס איז דאָ צענדליקער און הונ־דערטער אַנדערע פּראָוואָקאַציעס און בלוט־פאַרגיסונגען.

— ניט נאָר יידיש בלוט טרינקט דער וואַמפּיר! — שרייט אויס דאָס שוואַרצע מיידל. — ער טרינקט אויך רוסיש, פּויליש, ליטוויש אַרבעטער־בלוט. און דאָס וועט געדויערן אַזוי לאַנג, ווי לאַנג דער וואַמפּיר וועט זיצן אויפן טראָן, און דער הערשער וועט זיין דער פאַרשאַלטענער קאַפּיטאַליזם.

און ווען די פאַרזאַמלטע נעמען זיך ריידן וועגן מענדל בייליס און זיין ראָליע אין דער גאַנצער געשיכטע, און די שוואַרצע גיט קורץ אַ זאָג: „וואָס איז דאָ צו ריידן וועגן אַ מענטשן, וואָס נאָך אַזאַ איבערלעבונג זאָגט ער, אַז „ווסיאָ, טשטאָ אָט באָגאַ, — יאַ פּרינימאַיו סאָ סמירעניעם”, — טוט חנהקע פאַר זיך אַ שטאַרק צופרידענע אַ טראַכט: „יאָ, וואָס איז דאָ צו ריידן וועגן מענטשן, וואָס האַלטן, אַז גאָט איז גערעכט און זיין משפּט איז גערעכט...”

זי דערשפּירט אין זיך די באַקאַנטע באַדערפעניש צו גיין, טאָן, אַרבעטן, העלפן פאַרניכטן די אָרדענונג, וואו מע רייט אויפן אַרבעטס־מענטש און מע הייסט דאָס אים נאָך אָננעמען פאַר ליב.

זיי גייען אַרויס. עס איז אַ שטילער סוף־אַווגוסט־אָוונט. די גאַסן אַרום מאַרק שלאָפן שוין. חושך. אַ קליין שיטער רעגנדל קאַפּעט פּויל. זיי ריידן כמעט ניט צווישן זיך. די גאַסן זיינען שטום, אָבער ביי די פינצטערע ווענט קאָן מען דאָ אָפּט טרעפן זיך אַרומדרייען שאָטנס אין גרויסע מאַנטלען, זיי ציען אויס, די שאָטנס, זייערע גרויסע אויערן און לוישן, האָרכן, ווי די ווענט.

— ווער גייט? וואָס רעדט מען?

און אברהמל מיט חנהקען וואַרפן זיך דורך מיט עטלעכע פראַזן וועגן טערטל־מערטל, תנאים, חתונות, יום־טובדיקע קליידער און נייע מאָדעס. פאַר זיי איז קלאָר דער זין פון זייער געשפּרעך, און פאַרן לאַנגן אויער פון דער פאַרוואָרפענער שטאָט לאָשוויץ זעט אויס דאָס פּאָרל — אַ פאַרליבטס.

— אָט איז עס, — זאָגט אברהמל שטיל און קלאַפּט אָן אין דעם סאָד־טירל.

— אַ פיין סעדל, — זאָגט חנהקע, — דאָ קאָן מען גאַנצע אָוונטן זיצן און קוקן אויף דער לבנה און מעטשטייען...

— יאָ... צעשמייכלען זיי זיך ביידע און פאַרשווינדן אין סעדל.

## 13

אָנהייב אָווגוסט. באַגינען. אויפן לאָשוויץ־טייך. דער פרימאָרגן איז שטיל און זינגעוודיק. שטיל טראָגט דער טייך לאָשוויץ זיינע וואַסערן. מיט אַ שטילן געשריי טראָגן זיך לענג־אויס דעם טייך מעוועס. זיי פאַלן האַסטיק, ווי געוואָרפענע שטיינער, צום וואַסער, כאַפּן עפּעס שפּייז מיטן שנאָבל און

פליען הויך אויף. שטיל זינגען די פויגלען אין וואַלד, אויפן ברעג טייך. דער וואַלד ליגט נאָך איינגעהילט אין אַ ראָזעווען טוי, אָבער די שפּיצן ביימער זיי־נען שוין באַגאָסן מיט דער שאַרפער שיין פון דער מאַלינאָווער זומערדיקער זון.

חנהקע וואוינט דאָ אויף דאַטשע.

נאָך אין מאַרט איז עפּעס אַ שאָטן געפאַלן אויף איר נייער דירה. האָט מען זי איינגעאָרדנט דאָ. פונדאַנעט איז דריי ווערסט צו דער שוועבעלעך־פאַבריק, ניט ווייניקער צו דער גרויסער גאַס, וואו נחמהקע גיט אירע „אָר־ראַקן״, אָבער דערפאַר איז זייער נאָענט צום האַפּנדל, וואו עס שטעלט זיך אָפּ אַברהם בורס דאַמפּערל „מאַרי״, וואו זאָוול אַרבעט שוין ביים קעסל.

נאָר ווי שיין די נאַטור זאָל ניט זיין אַרום און ווי גוט חנהקע זאָל זיך ניט פילן אין איר ניי לעבן, איז איר האַרץ דאָך פאַרשטאָכן מיט ביטערקייט: אַבאַ איז אונטערן שלאָס און ערגעץ זייער ווייט, און רחל — די איינציקע חברטע און לערערקע אין דער אַרבעט — איז ווינטער געשטאָרבן.

דאַבעלעס לעבן איז פאַר חנהקען געווען אַ מוסטער.

ניט איינמאָל האָט חנהקע געווינטשן צו זיך אַליין אין געדאַנק:

— אָט אַזאַ־אַ דאַרף מען זיין! אָט אַזאַ, ווי דאַבל!

אין דער גרופּע לאָשוויצער באָלשעוויקעס איז דאַבלס אַרבעט געווען: צו דער נויטיקער מינוט פאַרבינדן, צוזאַמענברענגען חברים פון פאַרשיידענע עקן. דאָרט, וואו עס איז פאַר עמעצן אַנדערש אוממעגלעך געווען דורכצושלעפּן אַ פּעקל, אַ בריוו, אַ ידיעה, — דאָרט האָט מען געשיקט דאַבעלען. זי האָט זיך געהאַט אירע וועגן, און אַלע חברים האָבן זי גערופן „די מזלדיקע״, — אַזוי גלאַט איז אַלץ ביי איר געגאַנגען. אָנהויב ווינטער איז דאַבעלע דורכגע־פאַלן. אָבער אויך אין דער תפיסה איז זי געבליבן די זעלבע. ניט געווען קיין איין באַווייז קעגן איר, זי האָט ניט אַרויסגעבראַכט פון מויל קיין איין נאָמען, קיין איין אַדרעס. זי האָט אָנגעגעבן האַלב לאָשוויץ רייכע און מיטעלע קרע־מער אַלס אירע קליענטן — אַלע זייערע ווייבער האָט זי אָנגעטאָן אין זייערע קליידער פון דער לעצטער פאַריזשער מאָדע. געאַרבעט האָט זי אין די רייכע הייזער אַלס שטוב־מאַדיסטקע — און דאָס איינציקע, וואָס די זשאַנדאַרמען האָבן געקאָנט טאָן מיט איר, איז געווען אָפּשלאָגן איר די לונגען. מיט קראַנקע לונגען האָט מען זי פון דער תפיסה אַרויסגעלאָזט. אין זעקס וואָכן אַרום איז זי געשטאָרבן.

ווען חנהקע איז געקומען צו דאַבעלעס טויטן־בעט, האָט זי דאָרט גע־טראָפן איר פּופּציניאַריקע נחמהקע און אַ פּאָר עלטערע ווייבער. פון נחמהקעס גרויסע בלויע אויגן זיינען גערונען אָן אויפהער טרערן. חנהקע איז אַ ווילע

געשטאַנען און האָט זיך שטום צוגעקוקט. אַזעלכע דערוואַקסענע טרערן האָט זי אויף איר טאָכטערס פּנים געזען צום ערשטן מאָל אין איר לעבן. אַ היץ האָט חנהקע דערפילט דערפון, וואָס איר פופצניעריקע טאָכטער ווייגט אַזוי שטום, מיט אַן אויסדרוק אויפן פּנים — אַ האַרבן, אַפילו עטוואָס אַ כעסדיקן.

דאָס איז געווען ווינטער.

איצט איז שוין אויגוסט, באַגינען. נחמהקע איז נאָר וואָס אַוועק אין שטאָט, און חנהקע האָט זי באַגלייט מיטן בליק.

די וועלט איז אויך אין דעם באַגינען געלעגן אַ רואיקע, אַ שטילע, אַ זינגענדיקע — אַלץ האָט, ווי אַלע אינדערפרי, דאָ געזונגען. עס האָט שטיל געזונגען דאָס וואַסער אין טייך, די מעוועס האָבן זיך געדרייט איבערן וואַסער און אויך אַריינגעפלאָכטן זייערע שטילע געשרייען אינעם געזאַנג. עס האָבן געזונגען די פויגלען אינעם וואַלד, דער וואַלד אַליין מיט זיינע באַשיינטע קרוינען האָט אויך געברומט, די וויטלעכע קאָרנפעלדער מיט די פולע בלויאינקע קאָרנבלימלעך אין זיי האָבן זיך שטיל געוויגט. די מאַלינעווע זון האָט זיך געהויבן איבער דער ערד, און חנהקעס געמיט איז פול געוואָרן מיט אָט דעם געזאַנג און מיט עפּעס אַ גרויסער ליכטיקער דערוואַרטונג. זי האָט געקוקט אויפן האַלב־פאַרטונקלטן וואַלד־שטעגל, מיט וועלכן עס איז אַוועק איר יונג קינד אין רויטן קלייד. — אַוועק, אומגעדרייט זיך, אַ שמייכל געטאָן, אַ פאָך געטאָן מיט דער האַנט צו איר מוטער און ווייטער אַוועק.

דעמאָלט איז חנהקע, אַן איבערגעפולטע מיט פרייד פון שפירן דאָס לעבן אַרום זיך, גלייך פונדאַנען אַוועק מיטן ברעג, צום האַפנדל. איר האָט זיך פאַרוואָלט באַגעגענען איר זון. די שיף האָט געדאַרפט אָנקומען אין אַ שעה צוויי אַרום. עס איז געווען שבת. און די שוועבעלעך־פאַבריק איז געשטאַנען. אברהם בורס פאַבריקן זיינען שבת געווען געשלאָסן. דאָס דאַמפּערל „מאַרי", וואָס האָט געהערט צו אברהם בור, איז געווען אַן אויסנאָם — אויפן דאַמפּערל האָט געאַרבעט סך־הכל איין ייד — זאַוול חנהקעס — און צוליב אים אייגעם פּראָוון שבת איז ניט געווען כדאי.

אין וועג האָט חנהקע אַ טראַכט געטאָן וועגן די קינדער. זי האָט זיי צונויפגענומען אין געדאַנק און אַוועקגעשטעלט זיי פאַר די אויגן. זי האָט זיי מיט אַ הייסן געפיל צוגעטוליעט צו זיך צו דער ברוסט, און איר האָט זיך אויסגעדוכט, אַז זיי זיינען שוין העכער פאַר איר.

— איי, סאַראַ גרויסינקע איר זייט אויסגעוואַקסן! — האָט זי מיט אַ שמייכל געשעפּטשעט אין וועג.

דער אַכט־און־דרייסיקסטער זומער האָט איצט געהאַלטן אינמיטן בליען, זינט חנהקע האָט געלעבט אויף דער וועלט.

חנהקע האָט ניט איין מאָל אונטערגעפירט די „אונטערשטע שורה" פון איר לעבן, און יעדעס מאָל איז אויסגעקומען, אַז די וועלט איז אַן אכזר — די וועלט האָט זיך מיט איר ווי געריצט: געגעבן איינס און צוגענומען צוויי מאָל, צען מאָל אַזויפיל, געגעבן איר אַ פּאָר קינדער און צוגענומען אַלץ — טאַטע־מאַמע, די שטוב, די ערד, אַרויסגעטריבן זי פון קרעפּעטע, פון זאַוועלער טראַקט, אַוועקגערויבט די רו, לייבען — איינגעשלונגען אויף אייביק, אויף לאַנג, פערעלען — דאָס גלייכן, די איבעריקע שוועסטער — אָפּגעשיידט, פאַר־פרעמדט, און זי אַליין, חנהקען, כסדר ווי אויסגעפּרואווט, כסדר ווי געריצט זיך מיט איר. וויפל מאָל זי האָט ניט געטראַכט וועגן לעבן — שטענדיק האָט זיך באַקומען איינס: דאָס לעבן איז אַן אכזר! און אַ שוידער פלעגט זי אָנ־כאַפּן, ווען זי פלעגט זיך אַ יאָג טאָן אין איר זינען און כאַפּן אויף אַ ווײַלע דעם געדאַנק, אַז אַזוי, ווי זי לעבט — לעבן מיליאָנען מענטשן. דעמאָלט פלעגט זי אויפברויזן, דעמאָלט איז ניט געווען קיין אַרבעט, וואָס זי זאָל האַלטן פאַר זיך פאַר געפערלעך, דעמאָלט פלעגט איר אַלץ געראָטן — מיט אַן אָפּענעם פּאַק ליטעראַטור, פאַרוויקלט בלויז אין אַ צייטונג און איבערגעבונדן מיט אַ שטריקל, פלעגט זי גיין און פאָרן, וואוהין מע האָט באַדאַרפט, און דורכפירן. און די דרייסטקייט אירע פלעגט שטייגן ביז אומזין.

אַזאַ טאָג איז געווען ביי איר דעמאָלט, אין זוניקן אַווגוסט, ווען זי איז געגאַנגען באַגעגענען איר זון, איר דרייצניעריקן יינגל, וואָס איז שוין געווען אַ קעסל־הייצער און שטיקל מעכאַניקער אויף אברהם בורס דאַמפּערל „מארי".

אָט הויבט זיך איר קינד מיט די טרעפּעלעך פון אונטן, פון קעסל־אָפּטייל, אַרויף אויפן דעק. ער ווישט מיט פאַקליע זיין פאַרשמירט פּנים. דער שטערן איז ברייט און הויך, די אויבערשטע ליפּ איז פאַרקאַטשעט אַרום, די אויגן — עטוואָס פאַרשמעלטע און ווי פאַרנומענע מיט זיך. זיין גופל איז דין און, ווייזט אויס שטייף, און אין טראָט, און אין בליק, און אין פּאַך מיט דער האַנט, און אין גאַנצן באַנעמען זיך מיט מענטשן און מיט זאַכן זעט זיך אַן פאַרבי־טערטע עקשנות.

דאָס דאַמפּערל הוידעט זיך שטיל אויפן וואַסער, אַ פּאָר פּאַסאַזשירן שטייגן אַראָפּ, טרעגער שלעפּן פּעק, קאַסטנס. דער קומען רייכערט זיך מיט אַ דורכזיכטיק רויכעלע. דאָס דאַמפּערל איז ווייס געפאַרבט. די לופט איז דורכזיכטיק און ריין.

זאַוול באַמערקט זיין מוטער און גיט אַ שמייכל צו איר. ער טוט אומדער־וואַרט פלינק אַ שפּרונג אַראָפּ אויפן ברעג און וואָרנט:

— נעם מיך ניט אַרום... דו וועסט זיך אויסשמירן. פונוואַנען האָסטו געוואוסט, אַז איך וועל קומען? איך האָב אַ בריוו, פאַר איינעם אַ חבר, פאַר טראַפּימען... איבערגעבן דאַרף מען היינט, באַלד, גלייך...

— טראַפּים! — חזרט איבער חנהקע, ווי צום פאַרגעדענקען.

— שטילער, מאַמע, — זאָגט צו איר דאָס יינגל מיט אַ שמייכל. — איך ווייס, וואו חבר טראַפּים איז... גיי, מע דאַרף דאָס גלייך איבערגעבן... מאַמע, — זאָגט ער אויפן קול, — איך האָב דיר געבראַכט אַן עפּל. עס געזונטערהייט.

ער נעמט אַרויס פון קעשענע אַ ריזיקן עפּל, לייגט אים אַנידער צו זיך אויף דער דלאָניע. חנהקע וויל דעם עפּל אַננעמעןביים שטענגל, לייגט זאַוול אַרויף זיין האַנט אויף אירער.

— נעם אים אין דער האַנט, — זאָגט ער און ציט שטום אַרויס דאָס שטענגל. — דו זעסט?

חנהקע האָט שוין באַמערקט: דאָס האַרץ פונעם עפּל איז אויסגעהוילט, דאָרט שטעקט אַ פּאַפּירל, פון אויבן איז עס פאַרשטעלט מיטן שטענגל. זי נעמט דעם עפּל אין האַנט און לייגט אים פאַרזיכטיק אַריין אין דער קעשענע פון איר קלייד.

— אַ דאַנק דיר, זונדל, — זאָגט זי, און ער שמייכלט צו איר.

עטלעכע מינוט שפּאַצירן זיי אויפן ברעג. ער איז כמעט אין איין הויך מיט איר, איר זון. דערנאָך גיט מען אים אַ רוף, און פלינק שפּרינגט ער אַרויף אויף דער אויבער־דעק. דאָס דאַמפּערל גיט אַ לאַנגן הייזעריקן פייף און שווימט אָפּ.

חנהקע גייט אַוועק קיין וויאַדוקע — דאָרט איז טראַפּים.

— נאַ דיר אַן עפּל, — טראַפּים — זאָגט חנהקע, — זאַוול האָט אים געבראַכט.

מיט אַ קוים מערקבאַרן שמייכל אין די ליינענע וואָנצעס און גרויע אויגן ציט טראַפּים אַרויס דאָס טרייבעלע פונעם עפּל, צעוויקלט עס און לייענט.

— דו ווייסט, נחמהקע, וואָס דו האָסט געבראַכט? — פרעגט ער ביי איר.

— דערציייל.

— דו וועסט זיך ניט דערשרעקן?

— נו, דערציייל שוין...

— אַבאַ איז דאָ.

— וואו?...

— אין דער ציגעלניע... און דאָס האָסטו שוין געזען? — ער ציט אַרויס פון קעשענע עפּעס אַ מעלדונג.

— וואָס איז דאָס? ווער האָט עס געבראַכט?

— לאהקע... פון לאַשוויץ.

— וואָס באַטייט דאָס?

— מלחמה.

— אינמיטנדערינען? — שעפּטשעט חנהקע און ווערט בלייך.

— אינמיטנדערינען? — טראָפים גיט אַ פיר מיט די אויגן איבערן הימל, אינמיטנדערינען, זאָגסטו?.. די זון, הייסט עס, שיינט, די פייגעלעך אין וואַלד זינגען, אין די סעדער פאַלן די עפּל פון דיביימער, אין די פעלדער שניידן די פּויערים ברויט, און... אינמיטנדערינען — מלחמה!..

ער באַהאַלט די מעלדונג וועגן דער מאָביליזאַציע און נעמט אַן חנהקען פאַרן אַקסל.

— דאָס דוכט זיך דיר, חנהקע, אינמיטנדערינען, דאָס דוכט זיך דיר נאָר אַזוי...

## 14

אין אַווגוסט חודש האָט לאַשוויץ אַ פּיבער געטאָן.

פאַרויס האָבן זיך אַ לאָז געטאָן שוואַרצמאָהדיקע קרעמער און קצבים. זיי האָבן געפּראַוועט די ערשטע מלחמה־מאַניפעסטאַציע — מיט פּראַוואָסלאַוונע פענער, מיט געבעטן צו גאָט, מיט פּאָגראָם־דרשות וועגן אויסראָטן דעם „אי־נערלעכן שונא״.

כוליגאַנישע מאַרק־לייט, טראַקטירשטשיקעס, קאָרטן־שפּילער און הייזל־אייגנטימער האָבן זיך נאָכגעשלעפּט נאָך די לערער פון דער גימנאַזיע און נאָך די זינדלעך פון קרעמער. זיי האָבן זיך געצויגן איבער די גאַסן מיט גע־זאַנג און הורא־געשרייען.

חנהקע איז אַרומגעלאָפן איבער דער שטאָט — עס איז געווען אַ סך אַר־בעט אין די טעג; מע האָט געדאַרפט חברים פאַרבינדן, איינשטעלן נייע אַד־רעסן, זיך זען מיט די, וואָס גייען אַוועק אין דער אַרמיי, אייניקע אויסבאַ־האַלטן. אין נאָכאַבער, האָט זי געזען, האָט זיך דער טשאַד אַ ביסל צעזייט. אין שטאָט האָבן זיך שוין שטאַרק געלאָזט אַנזען די פאַרוואונדעטע. אַלץ אָפ־טער און אָפטער האָט מען געקאָנט טרעפן אומעטום פאַרביטערטע מענטשן, מיט אַ שטומער שרעק פאַרן אומגליק, וואָס האָט געטראָפן די וועלט — פאַר

דער מלחמה, מיט ווייטאָק אויף די אומגעקומענע און צעקאַליעטשעטע זין און מענער.

און פּאַר חנהקען איז דאָס מאָל די מלחמה געווען אי נעענטער, אי ווייטער ווי מיט עלף יאָר צוריק. קיין מאַן אַוועקגעבן דער מלחמה האָט זי ניט געהאַט, אָבער דער פראָנט איז געווען דאָ נאָענט — ניט איין נאַכט אין לאַשוויץ איז געווען פול מיט הילכיקן אַרטילעריע־געדונער — און איר אַרבעט האָט זיך זייער אָפּט אַריינגעפּלאָכטן אין פראָנט און איז פאַרבונדן געווען מיט די פראָנ־טאָוויקעס. און באַקומען האָט זיך, אַז אין דער דאָזיקער מלחמה נעמט זי שוין אַליין איר באַזונדער אַנטייל.

ווינטער איז אַביסל רואיקער געוואָרן. די אויסגעגראָבענע אָקאָפּעס אונ־טער לאַשוויץ זיינען פאַרשאָטן געוואָרן מיט שניי. קיין קאַנאָנאַדע האָט זיך שוין אין לאַשוויץ ניט געהערט. פון מויל צו מויל זיינען געגאַנגען ידיעות וועגן גיכן שלום. אָבער שפּיז איז געוואָרן אַלץ ווייניקער און ווייניקער, אַלץ טייַ־ערער און טייערער, און אברהם האָט אָפּגעזאָגט אַלע זיינע אַרבעטער, געגומען אויף זייער אָרט נייע, מיליטאַריזירט זיינע פאַבריקן און געשטעלט סאָלדאַטן מיט ביקסן ביי די טויערן.

דעמאָלט האָט דער פּאַרטיי־קאָמיטעט באַשלאָסן איינפונדעווען אַ גוטע „יאַווקע" און אַוועקזעצן דאָרטן חנהקען.

מע האָט איר אויסגעקליבן אַן אָרט לעבן גלויבערמאַנס גרויסער רויכ־וואַרג־קראָם. דאָרט איז געשטאַנען אַן אַלט צעלניק־קרעמל. דער באַלעבאָס איז געשטאָרבן. די אלמנה האָט געזוכט אַ קונה. איז אונטערגעקומען חנהקע, אַ נייער מענטש אויף דער „גרויסער גאַס", אַ „סאָלדאַטקע", „דער מאַן האָט איר איבערגעלאָזט אַ ביסל געלט, און זי וויל האַנדלען". זיי זיינען דורכגע־קומען מיט דער אלמנה.

הינטערן קרעמל איז געווען אַ האַלב־טונקעלער צימערל מיט אַ בלינד פענצטער. אַ פּאַדריאַטשיק האָט אינעם הויף געבויט אַ פיר־שטאָקיק הויז, די ווענט האָט מען אויסגעלייגט, פאַרענדיקן האָט מען ניט באַוויזן, — די מלחמה איז אונטערגעשפּרונגען. זיינען געשטאַנען די ווענט פונעם נייעם מויער מיט די שוואַרץ־געוואָרענע רישטעוואַניעס אַרום זיי גלייך אַנטקעגן חנהקעס פענצטערל. פאַר חנהקעס אַרבעט איז עס געווען זייער גוט צוגע־פּאַסט.

דער ווינטער איז געגאַנגען גוט. עס איז געפאַלן אַ רואיקער שניי, די מלחמה איז ערגעץ ווייט ווי פאַרפרוירן געוואָרן — שטיין געבליבן.

נחמהקע האָט געלעבט באַזונדער, טאָקע דאָ דערנעבן, אין איין צימערל מיט איר נאָענטסטער חברטע לאהקע גלויבערמאַן.

זאַוול האָט שוין אויך געלעבט באַזונדער. זומער האָט ער געאַרבעט אויף אַ שיף, ווינטער — אין די שלאָסער־וואַרשטאַטן

נעענטער צו פרילינג, אין אָנהויב אַפּריל, האָט ער זיך באַוויזן אין לאַש־וויץ. ווי ער איז אַריין אין שטוב אין מאַנטל און באַשליק, אַזוי איז ער גע־בליבן שטיין אינמיטן האַלב־טונקעלן צימער, ווי ער וואָלט גלייך געוואָלט צוריק אַוועק.

די מוטער האָט מיט חידוש געקוקט אויף איר יינגל. ער איז אויסגעוואַקסן. אויף דער אויבערשטער ליפּ און אויפן קין האָט זיך באַוויזן אַ בראָנזן פּוכל.

— וואָס שטייסטו אינמיטן צימער, קום אַהער, טו זיך אויס... — האָט זי צו אים אַ זאָג געטאָן.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער איז אַריין זיך געזעגענען. עס איז דאָ אַ גוטע געלעגנהייט אַוועקצוגיין אויפן פּראָנט, אין אַ שלאָסער־וואַרשטאַט, מע דאַרף עס טאָן, און ער וועט עס טאָן.

— משוגע! — האָט זי אויסגעשריען, — וואָס איז דיר געקומען אין קאָפּ אַריין! דו ביסט דאָך אַ קינד.

— גיי, רייד מיט אַבאָן, — האָט זאַוול געשמייכלט.

— ער ווייסט?

— ער הייסט גיין.

— איז ער אויך משוגע, וואָס פאַר אַן אַרבעט קאָנסטו דאָרט האָבן?

— די זעלבע, וואָס דו דאָ.

— וואָס איך דאָ... ביסט דאָך נאָך אַ קליין יינגל...

— כ׳ווער שוין באַלד זעכצן יאָר... און... בכלל, מאַמע... אין אַ יאָר אַרום, מיינסטו, צי אין צוויי יאָר, וועט זיין אַנדערש? אַז דו האָסט מיך געהאַט פּונקט אין אַזאַ יאָר...

— איך וועל גיין צו אַבאָן... דאָס איז דאָך אַן אומזין...

— גוט, גיי...

זי האָט גלייך געוואָלט לויפן צו אַבאָן און גלייך אים דערוויזן, סאָראַ משוגעת עס איז נעמען אַזאַ קינד און שיקן עס אויפן פּראָנט. אָבער מיט אַ פאַרביטערט האַרץ האָט זי זיך דערמאָנט, אַז שוין ניט איין מאָל און ניט צוויי מאָל אין איר לעבן זיינען געווען אַזעלכע פאַלן, ווען זי האָט גלייך אויפן אָרט געוואָלט עפּעס אָפּטאָן און אויף מאָרגן האָט עס אויסגעזען באַריש. זי האָט זיך דעריבער געצוואונגען צו באַרואיקן זיך, גענומען זיך פּאַרען אין שטוב,

אָפּגעקאָכט וועטשערע, מיט געוואַלט געשטופּט זיך די ביסנס אין מויל אַריין, אַז זאָוול זאָל מיטעסן, געפּיבערט איבערן ייִנגל, ווי איר קינד וואָלט אין אַ שווערער קרענק געלעגן, און אָט איז געקומען די קריזיס־שעה...

זי האָט אים קוים איינגעבעטן איבערנעכטיקן.

אַ נאַכט האָט זי אין פּיבער פאַרבראַכט ביי זיין געלעגער. אָט האָט זיך איר אויסגעדוכט, אַז דאָס פאַרברענגט זי די לעצטע נאַכט מיט איר זון, מער וועט זי אים שוין קיינמאָל ניט זען — אַזוי שוידערלעך ענלעך איז אָט די נאַכט אויף דער נאַכט פון מיט עלף יאָר צוריק, ווען זי האָט זיך מיט איר לייבן צעשיידט, און אָט האָט זיך איר אויסגעדוכט, אַז דאָס אַלץ איז ניט מער, ווי אַ שווערער, פינצטערער חלום, און אָט וועט זי אַפּרייסן די הענט פון דער ברוסט, זיך אויפכאַפּן און אויסשפּייען... און אָט איז געקומען די מינוט פון וואָר, און זי האָט זיך געזאָגט:

— דו ביסט אַליין אַוועק אויף דעם וועג, און דו האָסט די קינדער מיט זיך מיטגענומען. וואָס ווילסטו נאָך, נאַרישער מענטש?

אינדערפרי האָט זיך זאָוול אויפגעכאַפּט דער ערשטער. ער איז אַראָפּ־געשפּרונגען פון בעט, איינגעדעקט וואַרעמער די מוטער, גענומען זיך איינ־הייצן דעם אויוון.

אין אַ שעה אַרום איז אויפגעשטאַנען חנהקע. זי האָט זיך מיטאַמאָל אויפגעזעצט, ווי זי וואָלט ניט געוואוסט, וואו זי געפינט זיך. אין דער ער־שטער מינוט איז זי געווען צעטומלט, אין דער צווייטער מינוט האָט זי זיך דערפרייט, וואָס איר ייִנגל איז דאָ מיט איר, זי האָט אַ שמייכל געטאָן, גע־וואָלט אויסשפּייען, זאָגן: — „טפו, וואָס עס האָט זיך מיר אָנגעפּלאָנטערט ביינאַכט!” — נאָר זי האָט זיך דערמאָנט, אַז איר קינד גייט באַלד אַוועק, און זי האָט מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ זיך איינגעוואַשן, גענומען זיך צום אויוון.

נאָכן פרישטיק האָט זאָוול זיך אַ דריי געטאָן איבער דער שטוב.

— נו, זיי געזונט, מאַמע... האָט ער צו איר געזאָגט, ווי מיט עפּעס אַ טרייסט, און זיך אויסגעדרייט אַוועקצוגיין.

זי האָט אים אַרומגעכאַפּט און מיט פולע אויגן טרערן געקושט, גע־קושט...

ער האָט געעפנט די טיר און איז אַרויס.

אין שטוב האָט זיך אַריינגעריסן אַ זייל ליכט. די זון איז אין פרימאָרגנ־דיקן הימל געלעגן אַ רויטע, אַ גרויסע, אַ פייערדיקע, ווי אַן אויסגעשייערטע מעשענע טאָץ.

חנהקע איז געבליבן אַ פאַרשטיינערטע אינמיטן צימערל, מיט אַ קרומען

פּאָס ליכט אויפן פּנים, וואָס האָט, ווי אַ שאַרפער מעסער, געשניטן איר די אויגן.

## 15

די ווינטערדיקע טעג פונעם יאָר 1915 האָבן זיך אין לאַשוויץ געצויגן מאָדנע צוגעשטיקט, ווי מע וואָלט איבער דער גאַנצער שטאָט און איבערן גאַנצן קאַנט אָנגעטאָן אַ נידעריקן שווערן דאַך, נידעריקער פאַרן מענטשלעכן וואוקס, און די מענטשן מוזן גיין איינגעהויקערט אויף פאַרהיטן זייערע קעפּ פון אַ טויט־קלאַפּ.

דער שווערער, אייזערנער דאַך — דאָס איז געווען די צאַרישע אַרמיי. די שוסטער און שניידער האָבן געמוזט באַנייען און באַשוכן די אָפיצערן כמעט אומזיסט, די קראָמען האָבן געדאַרפט געבן שטאָף און לעדער דערויף. די אַרעמשאַפט האָט מען געהאַלטן אין איין טרייבן אָקאָפּעס גראָבן, קיין עסן האָט מען זיי ניט געגעבן. כמעט אַלע טאָג האָט מען די אָקאָפּעס געגראָבן אין אַן אַנדער אָרט. די פורמאַנעס האָט מען אויף חדשים־לאַנג צוגענומען פון דער היים — זיי האָבן באַדינט די אַרמיי — אויך אומזיסט. די משפחות האָבן געהונגערט.

אין איינעם אַ פרימאָרגן האָבן די מאַרק־לייט פון יידישן מאַרק אין סאַמע צענטער פון די רונדוקעס געטראָפן אַ תליה. אויף דער תליה האָט זיך גע־באָמבלט דער געלער משה.

חנהקע איז פאַר דער צייט געווען צוויי מאָל ביי אַבאַן אין דער ציגעל־ניע ,וואָס איז געלעגן אונטער קרעפּעטע.ביידע מאָל איז זי געגאַנגען צופוס מיטן זאַוועלער וועג, און ביידע מאָל האָט זי געזען, אַז דער זאַוועלער וועג איז פאַרלאָזן און פוסט. קיינער האָט זיך מיט דעם וועג ניט באַנוצט.

און די ווינטערדיקע טעג האָבן זיך דערווייל געצויגן. און אומבאַמערקט האָט זיך אָנגערוקט דער פרילינג.

מיטן פרילינג האָט זיך פון שלאָף אויפגעכאַפּט די מלחמה — אין לאַש־וויץ האָט זיך ווידער געהערט די קאַנאָנאַדע.

דאָס רוסישע מיליטער, וואָס איז געשטאַנען אויף דעם באַצירק, האָט געהאַט זיין פּלאַן. דעם אַלטן טראַקט, וואָס האָט זיך געשלענגלט אַרום און אַרום דעם קרעפּעטער וואַלד מיט די זומפּן, האָט עס באַזוימט מיט אָקאָפּעס; דער אַלטער טראַקט איז געלעגן ווי אַ פּאַדקאָווע אַרום די גרויסע קרעפּעטער און לאַשוויצער זומפּן. די רוסישע קאָמאַנדשאַפט האָט געהאַפט פאַרנאַרן איר קעגנער אין מויל פון אָט דער פּאַדקאָווע און דערטרינקען אים דאָרטן. דער

זאַוועלער וועג איז אין ערגעץ ניט באַשריבן געווען, אויף די קאַרטעס, וואָס דאָס רוסישע מיליטער האָט באַקומען פון צאַרישן גענעראַל־שטאַב, איז דאָס אָרט, וואו זאַוול האָט דורכגעלייגט זיין וועג, און צענדליקער וויאָרסטן אַרום אים געווען פאַרשטריכירט מיט שיטערלעך־צעוואָרפענע שטריכעלעך. דאָס האָט באַטייט, אַז דאָ איז אַ טיפער זומפּ — ניט אויף פערד דורכצורייטן, ניט צופוס דורכגיין.

און דער זאַוועלער וועג איז געלעגן פאַרלאָזט און פאַרוואָרפן. ווינטער איז ער באַשאָטן געוואָרן מיט שניי, און פרילינג איז דער שניי צעגאַנגען, די זון האָט געוואָרעמט, די אונטערבאַרנדיקע וואַסערן האָבן אַ פלייץ געטאָן, און אין פיל ערטער איז טאָקע דער וועג ווידער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין זומפּ און שיטערע בלאָטע.

ווען חנהקע איז געגאַנגען צו אַבאַן אין דער ציגעלניע צום דריטן מאָל, איז דאָס שוין טאָקע געווען ניט קיין וועג, נאָר עפּעס פּיצלעך פון אַן אור־אַלטן טראַקט, וועלכן מענטשן האָבן שוין לאַנג פאַרוואָרפן.

אַנהייב מאַי איז חנהקע געגאַנגען צו דער ציגעלניע צום פערטן מאָל. דאָס מאָל האָט זי שוין אַבאַן דאָרט ניט געטראָפן. ער איז אַוועק און איר געהייסן קומען קיין לאַשוויץ, אויף אַ באַשטימטן אַדרעס.

זי איז אַוועק צוריק אין שטאָט. אָבער אונטער לאַשוויץ, אַ קנאַפּע שעה גאַנג צו דער דירה, אין סוף פון דער לינדן־אַליי, דאָרט וואו דער זאַוועלער וועג האָט זיך אומבאַמערקט אַריינגעשמאָלצן אין דעם אַרום־און־אַרומיקן אַלטן טראַקט, האָט זי געמוזט זיך אָפּשטעלן — אין שטאָט האָט זי ניט גע־קאָנט אַריין — דער וועג איז געווען פול באַלייגט און פאַרשטאָפּט מיט מי־ליטער.

פוסגייער און רייטער, האַרמאַטן־בריגאַדעס און אַבאָזן, טעלעגראַף־ראָטעס און סאַפּיאָר־פּאָלקן, פעלד־קיכן און סאַניטאַר־וועגענער — אַלץ האָט זיך צונויפגעפלאָכטן און ווי פאַרפלאָנטערט אין זיך אַליין. אַלץ האָט זיך גע־ריסן פאָרויס, אַלע האָבן געוואָלט אַלעמען אַריבעריאָגן. אַלע האָבן גע־טומלט, געשריען, געזידלט זיך. די פערד האָבן זיך דיבעם געשטעלט. פורן זיינען אויף פורן געקראָכן, און עס האָט אויסגעזען, אַז זיי ווילן אַריבערשפּריג־גען איינס איבערן אַנדערן, אַז זיי זיינען גרייט צעטרעטן איינס דאָס אַנדערע, אַבי זיך אַרויסרייסן פאָרויס. אַבי ניט בלייבן שטעקן דאָ אין ווירוואַר און געמיש, אין גערויש און געקאָך, אין דער שטיקעניש אויפן שמאָלן טראַקט.

בלויז די פוסגייער האָבן זיך ווי־עס־איז איינגעאָרדנט און זיך צו ביס־לעך גערוקט פאָרויס. זיי זיינען אַראָפּ פונעם וועג, געשפּרונגען צווישן די ביימער אויף די קאָטשקעס. און, ווען עס האָט זיך געטראָפן אין וואַלדזוים אַ

שטיקל זומפּ, וואָס זיי האָבן ניט געקאָנט אַריבער, זיינען זיי ווידעראַמאָל אַ־רויס אויפן וועג, געשפּרונגען אַריבער די וועגענער און האַרמאַטן, געשלייכט זיך צווישן די רייטער־פערד, זיינען אַריבער אויף דער צווייטער זייט וועג און ווידער געשפּרונגען מיטן וואַלדזוים פון קאַטשקע צו קאַטשקע.

חנהקע איז אַ ווילע געשטאַנען פונדערווייטנס און געקוקט אַ פּאַרגאַפּטע.

עס איז געגאַנגען די נאָכמיטאָג־שעה. די לינדנביימער אין דער אַליי האָבן געלייגט שאָטנס אויף דער ערד, געשפּרייט אַ ביטערלעכן גערוך פון די יונגע בלעטער; שפּערעלעך זיינען אַרומגעשפּרונגען פון צווייג צו צווייג, געפּאַלן ווי שטיינדלעך אויף דער ערד געכאַפּט ריטעלעך שטרויעלעך, שטיק־לעך פּאַרטריקנטע בלאָטע אין די שנאָבלען, געפלויגן דערמיט אַרום, צו זייע־רע נעסטן. ווי שטאַרק דער טומל אויפן וועג איז ניט געווען, האָט חנהקע דאָך מיטן אויער געכאַפּט דעם שטילן גערויש פון יונגן געבלעטער אין וואַלד, די פאַרעקשנטע האַרעוואַניע פון דער נאַטור אין שפּעטן פרילינג, אויפן שוועל פון זומער.

און פּלוצלונג איז איר האַרץ ווי אין אייזערנע רייפן פאַרקלעמט גע־וואָרן פון עפּעס אַן אומבאַשטימטער בענקשאַפט — וואָלט זי געהאַט צייט זיך פאַנאַנדערקלייבן אין אַט דער גרויסער בענקשאַפט אירער, וואָלט זי דאָרט זיכער געפונען אי ווייטאָק פון פאַרלוסט — זי האָט דאָך זיך ניט גע־קאָנט באַפרייען פון געפיל, אַז זי האָט שוין איר זון פאַרלוירן, — אי פיין פון הילפלאָזיקייט, וואָס אַט שטייט זי באַהאַלטן הינטער אַ בוים אויף איר אייגענער ערד און קאָן צו איר היים ניט קומען.

די ווילעס, וואָס זי איז געשטאַנען אין באַהעלטעניש פון די לינדנביימער, האָבן זיך געצויגן, ווי שעהן, אָבער זי האָט נאָך אַלץ געהאַפּט אַריבערוואַרטן דאָ דעם טומל אויפן וועג: ווי גרויס דער פלאָנטער איז ניט געווען — האָט זיך די קאָלאָנע דאָך באַוועגט פאָראויס, און ווי לאַנג די קייט פון וועגענער, מענטשן, רייטער, האַרמאַטן זאָל ניט זיין — ערגעץ האָט זי דאָך אַ סוף, און ווען דער סוף וועט פאַרשווינדן פון וועג, וועט זי אַריין אין לאַשוויץ.

אָבער קיין סוף האָט זיך נאָך אַלץ ניט געזען.

מיד געוואָרן שטיין — האָט זי זיך גענומען גיין צוריק, זוכן אַ זייטיק שטעגעלע אין וואַלד, מיט וועלכן זי זאָל קאָנען דערגיין אַהיים. אַ סך צייט האָט זי דערויף געפּטרט אַן אַ טאָלק און שפּעט אין אָוונט איז זי ווידער גע־קומען כמעט צום זעלבן פּונקט, וואו זי איז נאָכמיטאָג געבליבן שטיין.

די נאַכט איז געווען אַ האַלב־טונקעלע, אַ שאַרפער סערפּ איז הויך גע־האַנגען אין הימל מיט די הערנער אַרויף. עס איז איצט געווען קילער און

פרישער. דער טומל אויפן וועג איז נאָך אַלץ געשטאַנען, כאָטש ער איז שוין איצטער געווען שטילער, ווי די נאַכט וואָלט אים מיט אַ קאָלדרע איינגעדעקט.

זי האָט זיך אומגעקוקט און געזען: איבער די זומפּן איז געלעגן אַן אָראַנזשעווער רויך. ישובים האָבן געברענט. פון יענער זייט וואַלד האָבן זיך דערטראָגן קורצע, אָפּגעהאַקטע דונערן, — אַרטילעריע האָט דאָרט גע־אַרבעט. ווען זי האָט זיך שאַרפער צוגעהערט, האָט זי אין די אויערן אויפ־געכאַפּט די קלאַנגען פון אַ שטילער און אָפּטער קנאַקעריי — ביקסן, קוילנ־וואַרפער האָבן דאָרט געאַרבעט. ווען זי האָט שאַרפער אָנגעשטרענגט די ראיה, האָט זי געזען, ווי אויף צפון־מערב, אויפן ראַנד פון שיטערלעכן סאָס־נע־וועלדל בליצן אויף און לעשן זיך, פינקלען אויף און צעפלאַקערן זיך פייערלעך. די פייערלעך אַרום איבער דער ערד הין און צוריק איבער דער גאַנצער ליניע, ווי האָזן, ווי פייערדיקע האָזן — דערשראָקן און הילפלאָז, ווי זיי וואָלטן זיך געפּאַקט אין פּאַסטקע. נאָך אַ ווײַלע געקוקט און צוגעהערט זיך, האָט זי באַמערקט: די דונערן, וואָס טרייסלען אויף די לופט — דאָס איז דער געשריי פון די פייערלעך, וואָס טאַנצן אַרום איבערן זוים פון סאָסנע־וועלדל, — דאָרט גייט אַ שלאַכט.

אָפּגעווענדט זיך פון שלאַכט און צוגעהערט זיך צום נאָענטן טומל אויפן וועג, האָט זי באַמערקט: דאָס איז שוין אַן אַנדער טומל, ניט דער בייטאָגיקער. אין דעם איצטערדיקן טומל זיינען געווען אַ סך באַקאַנטע אויסגעשרייען. די אויסגעשרייען האָבן דערמאָנט אַן געשטאַרבענע, אַן געוויין ביי לויות. נאָר דאָס זיינען ניט געווען קיין איינצעלנע אויסגעשרייען, — געשריען האָבן זייער אַ סך קולות, ווי עס וואָלטן זיך צונויפגענומען הונדערטער לויות מיטאַמאָל. געווען אַ סך קינדער־קולות אינעם געיאָמער אויפן וועג.

זי האָט זיך געלאָזט לויפן צום וועג. און דאָס, וואָס זי האָט דאָ דערזען, אויפן וועג, האָט זי אַזוי שטאַרק דערשיטערט, אַז זי האָט דערשפּירט אַ שוואַכ־קייט אין די פיס, ווי זיי וואָלטן הילצערנע געוואָרן. דער גאַנצער וועג, וואָס איז בייטאָג געווען פאַרנומען מיטן אָפּטרעטנדיקן מיליטער, איז איצט נאָך מער פאַרוואַלגערט און פאַרשטאָפּט געווען מיט פּליטים. געווען אַ סך פורן. אויף די פורן זיינען געווען הויך אָנגעוואַלגערט, ווייזט אויס, אין שטאַרקער איילעניש, ווי־עס־איז שטוב־בעבעכעס — קאַסטנס, קוישן, פּעק, קופערטס, טישן, בענקלעך, פערענעס, קישנס. צווישן אָט די בעבעכעס זיינען געזעסן און געלעגן אַלטע לייט, קינדער, יונגע מוטערס מיט זויג־קינדער אויף די הענט. די איבעריקע, ווער עס האָט נאָר געקאָנט אויף די פיס זיך האַלטן — איז געגאַנגען צופוס, ביי דער זייט פון די וועגענער. נאָר די זיינען געווען די גליקלעכסטע. אַ סך מער איז דער וועג פאַרשטאָפּט געווען מיט אַזוינע,

וואָס האָבן קיין פערד־און־וואָגן ניט פאַרמאָגט. די האָבן געשלעפּט אויף די פּלייצעס זייערע בעבעכעס, פּעק, קוישן, קאַסטנס.

אין דער שוואַכער שיין פון דער האַלב־טונקעלער נאַכט האָט חנהקע געזען, ווי איינער שלעפּט אויפן רוקן אַן אַלטע פרוי, ווי צווי ייִנגלעך שלעפּן אַ ייִד מיט אָפּגעהאַקטע פיס. זי האָט געזען, ווי אינמיטן וועג איז געשטאַנען אַ ייִדענע מיט אַ הויכן בויך און אַ גרויסן שווערן פּאַק ביי אירע פיס. זי שלעפּט אָפּ דעם פּאַק איבערן וועג אַ צען טריט און בלייבט שטיין. מער קיין כוחות האָט זי ניט. קללות און זידלערייען שיטן זיך אויף איר קאָפּ, וואָס זי האָט געשטעלט איר פּאַק אינמיטן וועג און פאַרהאַלט אַלע איבעריקע פון הינטן.

קרעפּעטע, בערעזע־פּאַסאַדע, היי־גאַראַדאַק, איוואַן־גאָראַדאַק, וויאַדוקע, האַרעוויטש, קינסטיטש, מילעכאַן, זעליכאַן, — דער גאַנצער קאַנט אַרומיקע שטעטלעך האָט צוועלף בייטאָג באַקומען אַ באַפעל צו זעקס פאַרנאַכט אָפּ־ראַמען זייער וואוינאָרט, אָפּטראָגן זיך פּודאַגען, אָפּרייניקן דעם וועג פאַר דער מלחמה.

חנהקע האָט אויסגעהערט די אַלע ידיעות, געשטוינט, ניט געגלויבט. זי איז אַרויס פון דער ציגעלניע זעקס באַגינען. זי האָט דעם גאַנצן טאָג קיין איין פור, קיין איין פּוסגייער אויפן זאַוועלער טראַקט ניט באַגעגנט, ניט אָב־געיאָגט.

— פאַרוואָס זיינט איר מיטן זאַוועלער טראַקט ניט געפאָרן? — האָט זי געפרעגט ביי באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע ייִדן.

— ניטאָ מער קיין זאַוועלער טראַקט, — האָבן זיי געענטפערט, — אַ זומפּ אָן אַ דנאָ איז דאָרט.

— די דייטשן שטייען אויפן זאַוועלער טראַקט...

און מע האָט זי געטריבן פון זיך. מיט עצות זיינען זיי באַוואָרנט און באַזאָרגט. זיי האָבן זיך ווידער געננומען זידלען איינער מיטן אַנדערן. זיי האָבן ווידער געיאָגט און געטריבן די פערד. — די גליקלעכע, — אַריבער־געיאָגט די פּוסגייער, די טראָגעדיקע ייִדענע מיטן גרויסן פּאַק, דעם פאַרשווין מיט דער מאַמען אויפן רוקן, די ייִנגלעך, וואָס האָבן געטראָגן דעם ייִדן מיט די אָפּגעהאַקטע פיס.

מיט ניין יאָר צוריק איז זי אַליין דאָ אַזוי געפאָרן, אַזוי געלאָפן פון קרעפּעטע אין דער ווייטער וועלט, מיט די בעבעכעס, מיט דער מאַשין, מיט די קינדער... איצט לויפן מיט די היגע וועגן טויזנטער, צענדליקער טויזנטער... מיט די בעבעכעס, וואָס וועלן געוויס אין וועג צעבראָכן ווערן, מיט

די אַלטע לייט, וואָס וועלן געוויס אין וועג שטאַרבן, מיט די זויג־מוטערס, מיט די טראָגעדיקע, וואָס וועלן אין וועג געוויס מפּיל זיין...

זי האָט ניט געוואוסט, וואוהין צו גיין, וואָס צו טאָן. מע וואָלט זיך גע־דאַרפט דערקלייבן קיין לאַשוויץ, אָבער דאָס איז אוממעגלעך געווען.

ווי־עס־איז, מיט גרויס מאַטערניש, דערשלעפּט זיך צום קאָפּ פון דער מיליטער־קאָלאָנע, און די ביידע — דער עק מיטן קאָפּ — זיינען נאָך אַלץ געווען העט וויט, אַ שטיק וועג צו דער לאַשוויצער ראָגאַטקע.

אין דער מיליטער־קאָלאָנע האָט עפּעס פּאַסירט — זי האָט זיך פּלוצ־לינג אַ רוק געטאָן אויף הינטן, אַ וואָלגער געטאָן זיך מיט די הינטערשטע רעדער אויפן קאָפּ פון די פּליטים. זייערע קולות האָבן זיך אויפגעהויבן צום טונקל־בלויען הימל. איבער ביידע קאָלאָנעס האָט זיך פּלוצלינג דורכגעטראָגן עמעצנס אַ הילכיקער באַפעל:

— צורי־י־ק!

— צורי־י־ק! — האָט זיך איבער דער קאָלאָנע געטראָגן אַ געשריי, און אַלץ האָט זיך נאָך מער צונויפגעקוועטשט און פאַרפּלאָנטערט.

— ניין, — האָט חנהקע געטראַכט, — דאָס טאָר מען דער וועלט ניט שענ־קען... ניין... — און זי האָט שטיל, אין זיך, געוויינט, געוויינט.

ווען זי האָט זיך אַביסל באַרואיקט, האָט זי זיך דערמאָנט, אַז מיט די גערטנער אין טאָל, מיט די מאַהילקעס נאָך די גערטנער קאָן מען דערגיין צום טייך לאַשוויץ. אויף יענער זייט טייך איז די שטאָט לאַשוויץ. דעם טייך קאָן מען אַריבערשווימען. און זי איז אַוועקגעלאָפן אָן אַ זייט, צום טאָל, צו די גערטנער. די גערטנער האָט זי גיך געמיטן. זיי זיינען געווען פּוסט. די אויפגעגאַנגענע גרינסן זיינען געלעגן אומבאַרירט. ווייזט אויס, אַז דאָס מי־ליטער און די פּליטים, וואָס זיינען געלאָפן פון די פּאָזיציעס און פון די אַרו־מיקע שטעטלעך, האָבן די היגע ערטער ניט געקענט און ניט געוואוסט, אַז דאָס איז דער קירצסטער וועג קיין לאַשוויץ, אָדער יאָ געוואוסט, אַז אויפן וועג ליגט דער טייך, און קיין בריק איז אין דעם אָרט ניטאָ. קיין וועכטער האָט מען אויך ניט געזען. די ביידלעך זיינען געווען פּוסט.

וואָס נעענטער חנהקע איז געקומען צום טייך, אַלץ שטאַרקער, אַלץ האַס־טיקער איז זי געלאָפן.

וווייט רעכטס האָט שוין געברענט די הילצערנע בריק.

פון הינטן, פון לינקס, האָט זיך פונדאַסניי אַ קוילער געטאָן אַהער אַ פּאַרטויבטע כוואַליע מענטשלעכע געשרייען. חנהקען האָט זיך אויסגעדוכט, אַז מע שרייט „הוראַ". דער הוראַ־געשריי האָט זיך גיך און מיטאַמאָל אי־

בערגעריסן. די לופט איז ווידער פול געוואָרן מיט אַ געקנאַל פון ביקסן, מיט אַ געדונער פון האַרמאַטן.

גלייך אַנטקעגן, אין סאַמע מיטן, ווייזט אויס, פון לאַשוויץ דער שטאָט, האָט זיך פלוצלינג אַ הייב געטאָן אַ ריזיקער זייל פייער צום הימל. אין עט־לעכע סעקונדעס אַרום האָט זיך אַהערצו דערטראָגן אַ פאַרטויבטער אויפ־רייס. די שלאַכט האָט זיך, ווייזט אויס, באַנייט שוין אין לאַשוויץ גופא.

חנהקע האָט זיך אָפּגעשטעלט, צוגעזעצט זיך אויף די שפּיץ פינגער און אומגעקוקט זיך. איר האָט זיך אויסגעדוכט, אַז זי איז אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן. ווען זי האָט שאַרפער אַנגעשטרענגט איר געהער צו כאַפּן, פונ־וואַנען עס גייט די הויפּט־שיסעריי, האָט זי אומווילנדיק געמוזט אויסדרייען איר קאָפּ צוריק, צום זאַוועלער וועג. זי האָט זיך ניט געגלייבט. — זי איז אַליין באַגינען געווען אויף אָט דעם וועג און קיינעם דאָרט ניט געזען. אָבער זי האָט די גאַנצע געגנט אַרום געקענט גוט און האָט ניט געקאָנט קיין טעות האָבן. יאָ, די שיסעריי האָט זיך געטראָגן פונעם זאַוועלער וועג. אויף אַ ווײַלע האָט זיך איר אפילו אויסגעדוכט, אַז די האַרמאַטן־קוילן טראָגן זיך פון זאַווע־לער וועג קיין לאַשוויץ איבער איר קאָפּ, הויך איבער איר קאָפּ. אין דער טונקל־בלויער לופט איז געשטאַנען אַ כסדרדיקע הודזשעניש.

שוין כמעט ביי די לעצטע גערטנער, ווען זי האָט געוואָלט צולויפן צום ברעג און וואַרפן זיך אין וואַסער, האָט זי נאָענט לעבן זיך פלוצלינג דערהערט אַ שאָרך. זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד און האָט אויפן בוים אַוועק־געפּויזעט צוםביידל. דערפּויזעט צום ביידל, איז זי געבליבן ליגן אַ פאַרטיי־עטע, מיט אַ פאַרהאַלטענעם אָטעם, צו כאַפּן שאַרפער אין אויער, פונוואַנען איז געקומען דער שאָרך.

אָפּגעלעגן אַ ווײַלע, האָט זיך איר אויסגעדוכט, אַז עמעצער פּויזעט צו איר מיט אַ קרעכץ. זי האָט זיך אויפגעשטעלט אויף די קני און מיט שטייף פאַרקוועטשטע פויסטן געוואָרנט.

נאָר פלוצלונג האָט זי דערזען גאָר נאָענט לעבן זיך אַ מענטשן. ער האָט אויך, ווייזט אויס, געפּויזעט אויף אַלע פיר.

חנהקע האָט ניט ווילנדיק אויסגעשריען:

— ווער ביסטו? וואָס ווילסטו?

— א־א... — האָט דער מענטש אַ קרעכץ געטאָן אָן ווערטער.

זי איז אויפגעשפּרונגען, געוואָלט זען, ווער דאָס איז. דער מענטש האָט זיך נאָך מער צעקרעכצט. די אויגן אירע זיינען געוואוינט געוואָרן צו דער געדיכטער פינצטערניש, וואָס איז געלעגן אויף דער ערד, און זי האָט דער־

זען נעבן זיך אַ סאַלדאַט. ער האָט געפּרואווט אויפהייבן צו איר זיין קאָפּ און ניט געקאָנט.

— וואָס איז מיט דיר? — האָט זי אַ פרעג געטאָן.

— א־א... האָט זיך צעקרעכצט דער סאַלדאַט.

זי האָט זיך אַנגעבויגן איבער אים, באַטאַפּט אים, געזוכט מיט די הענט די וואונד. אויף דעם צוקנדיקן פוס האָט זיך איר האַנט צוגעקלעפּט צו אַ וואַרעמער קלעפּיקער נאַסקייט. זי האָט צוגעטראָגן איר האַנט צו די אויגן, און אין האַלב־טונקל פון דער נאַכט מיט דער אויסגעשטשערבעטער לבנה אין הימל האָט זי געזען: בלוט.

— סאַלדאַטן טראָגן מיט זיך פּאַקעטן — מאַרליע מיט יאָדינע, — האָט זי צום סאַלדאַט גערעדט, פּאַרקענדיק זיך ביי זיינע מלבושים, — דו האָסט עס?

— איי־איי־איי... — האָט זי צו אים געשעפּטשעט, איינבינדנדיק די וואונד מיט מאַרליע. — איי, סאַראַ שרעק!..

דער סאַלדאַט האָט געשוויגן.

אַ ווײַלע איז זי געשטאַנען אויף די קני איבער אים, דערנאָך האָט זי ווידער געזאָגט:

— נו, און וואָס וועלן מיר טאָן איצטער? קום, — האָט זי אים אַ הייב געטאָן פון דער ערד.

זיין האַנט — אויף חנהקעס אַקסל, חנהקעס האַנט — אויף זיין טאַליע. אַ צענדליק טריט האָט ער נאָך איר נאָכגעהונקען. דעם סאַלדאַטס האַנט אויף איר אַקסל איז געוועזן שלאַבעריק און האָט געציטערט. איר האָט זיך פאַרוואָלט זאָגן דעם סאַלדאַט דאָס, וואָס זי האָט אַליין מיט אַ האַלבער שעה צוריק געטראַכט, אַז אַזוינס טאָר מען דער וועלט ניט שענקען. ניין...

— איך קאָן ניט ווייטער...—האָט דער סאַלדאַט מיט ווייטאָק אין דער שטים אַ זאָג געטאָן און זיך אָפּגעשטעלט. — עס טוט זייער וויי.

— די וואונד? — האָט חנהקע געפרעגט מיט אַ צאַרטקייט, אַן אומגעריכטער פאַר זיך אַליין. — ווייסט וואָס, קום אַהער...

זי האָט אים אַנגענומען ביי די הענט און אַרויפגעוואַלגערט צו זיך אויף איר ברייטער פּלייצע.

— איצט איז בעסער? — האָט זי געפרעגט, אויסדרייענדיק צו אים דעם קאָפּ.

— אַזוי איז גוט. — האָט ער געענטפערט.

מיטן סאַלדאַט אויף אירע פּלייצעס, מיט זיינע הענט אַרום איר האַלדז

און מיט אירע הענט אויף הינטן, אונטער זיין קערפּער, האָט זי אָװעקגעשפּאַנט צום טייך לאָשוויץ.

אַרום און אַרום האָט געקנאַלט און געדונערט — אַ גרויסע שלאַכט איז געגאַנגען. דער הימל איז פון אַלע זייטן געװען באַװאַשן מיט העל־רויטן פלאַם — אַלע ישובים אַרום האָבן געברענט.

## 16

אין פעלד ליגט נאָך דער שניי. ער איז שוין אין די טאָלן איינגעפאַלן און אויף די בערגלעך צעפרעסן פון דער זון.

די װעלדער האָבן שוין אָנגעהויבן גרינען. ביי די סאָסנעס און יעלן האָט די געדיכטע טונקל־גרינע װינטערדיקע פאַרב זייערע גענומען זיך העלן, אָפּפרישן; די יאָסינעס, די דעמבן, די בעריאָזעס האָבן אויך גענומען בייטן זייערע הויטן — אין די גרויסע װינטערדיקע פרעסט זיינען בלויז די שטאַמען פון די בעריאָזעס געבליבן װייס, איז דאָס געװען אַ װייסקייט אַ טויטע, אַ פאַרשנייטע. אָבער די קאָרע אויף די יאָסינעס און אויף די דעמבן איז אַזש שוואַרץ געוואָרן. איצט האָבן די בעריאָזעס אַראָפּגעטרייסלט פון זיך דעם שניי, אויסגעװאַשן זיך, אויסגעטריקנט זיך אונטער דער יונגער אָנהייב־פרי־לינגדיקער זון, און מיט אַלע כוחות האָט יעדער בוים אין װאַלד געצויגן און געזויגן פון דער טיפעניש פון דער אוראַלטער ערד זאַפטן, געטריבן זיי דורך די בוימערשע אָדערן און אַרויסגעשלאָגן אויף די העכסטע צווייגן־שפּיצלעך ברוינלעך־גרינע קנאָספּן.

װען מע זאָל קאָנען אַ קוק טאָן איצט אויף דער גאַנצער געגנט פון דער הייך פון פויגל־פלי, װאָלט מען געזען, װי די אוראַלטע נאַטור אַרבעט מיזאַם און עקשנותדיק אויף איר װידערגעבורט. און די אַרבעט גייט גיך און גוט. אָבער פון דער זעלבער הייך װאָלט מען אויך געזען, װי אין די װעלדער ליגן דאָ און דאָרט צעװאָרפן רעשטלעך פון מענטשלעכע געצעלטן, ברוכװאַרג פון מענטשלעכן האָב־און־גוטס — צעבראָכענע װעגענער, צעשאָסענע זעמליאַנקעס, געהרגעטע פערד, רואינירטע האַרמאַטן, רעשטלעך פון ביקסן, אַמוניציע, געשפּאַן, און אויך דעם טויטן מענטש אַליין איז דאָ ניט שווער צו געפינען אין דעם צעגייענדיקע שניי, אויף די צעשאָסענע װעגן, אינעם מיסט פון פאַראָ־יאָריקע, פאַרצװיי־יאָריקע פוילנדיקע בלעטער.

אומעטום זעט זיך דאָס בילד פון װיסטקייט און חורבה. אין די ישובים גופא איז דאָס בילד נאָך טרויעריקער און קלאָגעדיקער. דאָ זעט זיך בלויז בראָך. די גאַסן זיינען אָפּגעמעקט פון דער ערד, בלויז די האַלב־איינגעפאַ־

לענע קוימענס צייכענען די ליניעס פון די געוועזענע גאַסן. די איינצלנע בראַנדמויער־ווענט דערמאָנען, אַז דאָ איז אַמאָל געווען אַ מענטשלעכער ישוב. און די שיין פון דער זון איבער אָט די געהרגעטע ישובים באַלייכט ביז טרערן. עס קאָן זיך אויסדוכטן, אַז דער גוטער קאַלטער ווינטער האָט מיט אַ געדיכטער שניי־דעק צוגעדעקט די שאַנד פון מענטשלעכן אומזין, און אַז אָט קומט די זון און רייסט עס פרעך אַראָפּ און שטעלט אַרויס נאַקעט צו שפּאָט פון די הימלען די טויטע שאַנד פון דער ערד.

פון שטעטל צו שטעטל, פון דערפל צו דערפל גייט אַרום זאַוול שוין די צווייטע וואָך איבער דער היגער געגנט.

ער איז נאָך העכער אויסגעוואַקסן, די ברוסט און די פּלייצעס האָבן זיך ווי פאַנאַנדערגערוקט, זיינען שטאַרק ברייט געוואָרן; די לאַנגע הענט — גע־וואָוינטע שוין צו אַרבעט, פּלינקע ביים קעסל און מאַשין, שווערע, ווען מע דאַרף געבן אַ קלאַפּ. שטייפע, ווען מע דאַרף געבן אַ שאָס, און רואיקע, ווען זיי הענגען ביי דער זייט אָדער ווען זיי ליגן אין די קעשענעס, — אַרבעטער־הענט. דאָס פּנים האָט זיך נאָך בולטער אויסגעפורעמט, דער בליק אין די בלויע אויגן איז געווען פול מיט קראַפט און אינערלעכן דראַנג.

איינמאָל, ייִנגלוויז נאָך, אַ קוק געטאָן אויף זיך אין שפּיגל, דערזען זיך מיט חידוש אַ דערוואַקסענעם און געהערט פון דער מאַמען און פון די זייטיקע נאָענטע מענטשן, אַז ער איז ווי צוויי טראָפּנס וואַסער ענלעך אויפן זיידן, אויף זאַוול דעם קרעפּעטער, האָט ער מיט גרויס נייגער און אומבאַמערקט פאַר די אַרומיקע אָנגעהויבן קלייבן ידיעות וועגן זיין זיידן. דערוואוסט זיך אַלץ וועגן אים, אויך די מעשה מיט דעם „שדס קאַטשערע" און מיטן טויט אויפן זאַווע־לער טראַקט, האָט ער אָן אים אינקורצן פאַרגעסן, אָבער דער גאַנצער קאַנט אַרום — די פעלדער, די וועלדער, דער זאַוועלער טראַקט, אַלע ווילדע טייכן און טייכלעך, אָזערעס און בלאָטעס, מיט די חיות, מיט די פויגלען, מיט די פיס, און אַפילו די זון מיט דער לבנה מיט די שטערן, וואָס האָבן באַשאָטן דעם היגן הימל — אַלץ איז אים געוואָרן נעענטער און אייגענער.

און אָט די היים איז איצט געלעגן א געשענדעטע און צעשאָסענע. און די מאַמע זיינע איז פאַרפאַלן געוואָרן, און ער האָט זי אין ערגעץ ניט גע־קאָנט געפינען.

צוריק מיט צוויי יאָר, נאָך דער שלאַכט אַרום זאַוועלער וועג, ווען די מו־טער איז אינדערפרי אַוועק און האָט זיך מער ניט געוויזן, איז זאַוול פאַרנאַכט געקומען צו לויפן צו זיין מאַמעס דירה אין לאַשוויץ. אין דער פאַרשטאָט איז נאָך געגאַנגען די שלאַכט, אין אין שטאָט האָט שוין עמיצער באַוויזן צו באַ־ראַבעווען די פאַרלאָזטע היימען.

זאַוול האָט געטראָפן זיין מאַמעס דירה אָפן. די טיר איז געווען אַראָפּגע־ריסן פון די זאַוויעסעס און האָט זיך געוואַלגערט אויף דער גאַס, ביי דער שוועל. זיין טאַטנס פּאָרטרעט איז געהאַנגען איבערן צעריעטן און הוילן בעט קרום און מיט צעבראָכן גלאָז. דער בראָך אין גלאָז איז געווען אויפן לינקן אויג, ווי עמעצער וואָלט עפּעס אַהין געוואָרפן. פון אויג זיינען זיך אין שטראַלן צעגאַנ־גען שפּאַלטן אין אַלע זייטן. זאַוולען האָט זיך אַ ווײַלע אויסגעדוכט, אַז דער פּאָרטרעט הוידעט זיך: מסתמא איז אין אים דער שטיין געוואָרפן געוואָרן נאָרוואָס, איידער ער איז אַהער געקומען.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז אָנגעלאָפן אַהער נחמהקע. דערזען איר ברו־דער אינמיטן דער צעראַבעוועטער און רואינירטער שטוב, איז זי געבליבן שטיין אין דער אָפענער טיר־לאָך.

— וואו איז די מאַמע? — האָט זי אַ פרעג געטאָן ביי אים.

ער האָט זיך אויסגעדרייט און געזאָגט:

— געזען אַן אַרבעט? — און געוויזן מיט די אויגן אויף דער רואינירטער שטוב.

— וועגן דער מאַמע, פרעג איך, וויסטו גאָרניט? — האָט זי נאָכאַמאָל אַ פרעג געטאָן מיט כעס.

— ניין, כ'ווייס ניט. כ'האָב זי דאָ ניט געטראָפן, — האָט ער געענטפערט.

— איז וואָס שטייסטו דאָ, קום.

זיי האָבן זיך אַ נאַכט אַרומגעזוכט. דאָס דייטשישע מיליטער, וואָס איז אַ גאַנצע נאַכט געגאַנגען דורך לאָשוויץ, האָט כלומרשט קיינעם ניט געטשעפּעט, אויף גאָרנישט ניט נאָכגעפרעגט זיך, ווי לאָשוויץ מיט אירע איינוואוינער וואָלטן זיי גאָר ניט אָנגעגאַנגען. זיי האָבן געשפּאַנט איבער די גאַסן, ווי מע שפּאַנט אויף אַ וועג אין פעלד אָדער אין וואַלד, ניט אומקוקנדיק זיך אין די זייטן, אָבער וואָס זיי האָט זיך פאַרגלוסט, האָבן זיי גענומען אין די קראָמען אומזיסט, כאַטש שטיל, שטום. און ווען זיי האָט זיך פאַרוואָלט — האָבן זיי צעשאָסן. עס האָט אויסגעזען, אַז עס גייט אַ באַוואָפנטע ריזיקע בלינדע סטאַדע. מע גייט אַהין, וואוהין דער אַלטער בוהיי פירט, אויפן וועג גיט מען אַ כאַפּ אַ מויל היי פון אַ פרעמדן וואָגן, מע גיט אַ טויט־שטויס מיט די הערנער, מע צעטרעט צעשטערט און מע גייט ווייטער בלינד און טעמפּ.

ביז באַגינען האָבן די קינדער באַוויזן זיך צו זען מיט עטלעכע עלטערע און יינגערע חברים. הינטערן צעראַבעוועטן יידישן מאַרק האָט נחמהקע מיט זאַוולען געטראָפן איינע פון זייערע מומעס. זי האָט זיך אַרומגעדרייט ווי אַ מטורפע אַרום איר פּוסט, צעראַבעוועט קלייטל און געהאַלטן אין איין ברומען:

— אוי, אַ בראָך צו מיר! אוי, ווי צו מיר!..

נחמהקע האָט זיך אָפּגעשטעלט און אַ פרעג געטאָן:

— מומע ברכה, די מאַמע איז ביי איך ניט געווען?

— די מאַמע? ווער איז דיין מאַמע? — האָט ברכה אויסגעשטעלט אויף די קינדער אַ פּאָר אויגן. — א־א... — האָט זי זיך פּלוצלינג געכאַפּט. — ברוך־הבא! סקאַצל קומט! גוט־יום טוב אויף זייערע קעפּ! די מאַמע! — האָט זי אויסגעשריען עפּעס מיט טריאומף. — די מאַמע אייערע, די הולטיי־קע... הי־הי־הי... — האָט זי זיך פּלוצלינג מטורף צעלאַכט. — די מאַ־מע אייערע האָט מען געזען שלעפּן אַ ליובאַוניק אויף די פּלייצעס... הי־הי־הי... ווער וואָס זוכט זיך אין דער מהומה.

— מומע, — האָט אַ זאָג געטאָן נחמהקע און איז צוגעגאַנגען נעענטער.

— וואָס רעדט איר? איר זייטביים זינען? מומע... — און נחמהקע האָט געשטעלט אַ טראָט, געוואָלט אַ קוק טאָן דער מומען נעענטער אין די אויגן, נאָר יענע האָט זיך אָנגעבויגן, געכאַפּט אַן אויסגעבויגענעם אייזערנעם פּרענט פון דער ערד, זיך פאַרמאַסטן אויף נחמהקען. זאַוול איז צוגעלאָפן צו דער מומען, אַרויסגעריסן דעם אייזערנעם פּרענט פון אירע הענט, אַ כאַפּ געטאָן נחמהקען, אָפּגעפירט זי אָן אַ זייט.

— קום אַוועק, דו זעסט ניט, אַז זי איז פון זינען געריוט...

אינדערפרי, אויסגעמאַטערטע, הונגעריקע, דערשלאָגענע, פאַרלאָרענע אין דער אייגענער שטאָט, ווי אין ערגעץ אַ וויסטעניש, האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט אויפן ראָג וואָקזאַלנע גאַס. ניט געוואוסט וואוהין ווייטער צו גיין. אינמיטן דער גאַס זיינען געשטאַנען מיליטער־פורן, האַרמאַטן און קוילן־וואַרפער. פונעם ברענענדיקן וואָקזאַל האָט זיך געצויגן אַ רויך. פון יענער זייט לאַש־וויץ האָט אָפּגעהילכט אַהערצו אַ שיסעריי פון האַרמאַטן. די קראָמען, וואָס מע האָט ניט באַוויזן צו באַראַבעווען, זיינען געווען פאַרמאַכט, עמעצער האָט זיי אַ רוף געטאָן:

— נחמהקעלע, זאַוועלקע!

די קינדער האָבן זיך אומגעקוקט. אויפן טרעפּל פון אַן אָפענער קראָם איז געשטאַנען אין אַ ברוינעם גימנאַזיע־קלייד מיט אַ ווייסן פאַרטעך און קעל־נערל נחמהקעס חברטע — לאָהקע גלויבערמאַן. זי האָט זיי געפירט צו זיך אין צימער. דאָרט איז געזעסן טראָפּים. ער איז געווען רייך געגאָלט און אין אַ שפּאָגל־נייעם העלן אָנצוג. זאַוולען האָט ער באַגעגנט מיט עפּעס אַן אויס־רייד:

— דו האָסט זיך אַרומגעשלעפּט אַ גאַנצע נאַכט?

— די מאַמע איז עפּעס ערגעץ־וואו אַהינגעקומען. זי איז ניט געוואָרן.

— וואָס הייסט — ניט געוואָרן?

— ניטאָ אין דער היים. די דירה איז צעראַבעוועט. אַלע זיינען זיך צע־לאָפן. ניטאָ אַפילו ביי וועמען צו פרעגן.

— מסתמא איז זי דאָ ערגעץ... פאַר דער מאַמע זאָרג ניט...

עס האָט זיך אָנגעזעצן אָן זיינע אויגן, אַז מיט חנהקען איז ער זיכער.

— זי איז ניט קיין קליינינקע, זי וועט ניט פאַרפאַלן ווערן, — האָט טראָ־פים פאַרענדיקט זיין געדאַנק. — איז הערט זשע, קינדערלעך... מיר זיינען דאָ געציילטע. אָ! — האָט ער אויפגעהויבן די רעכטע האַנט און צעשפּרייט די פינגער. — און אַרבעט — איבערן קאָפּ. דו קענסט, זאַוועליוק, די היגע זומפּן? דו ווייסט, דיין זיידע האָט דאָ אין די בערעזקעס אַ וועג דורכגעלייגט...

— ער האָט זיך אויפגעהויבן, טראָפים. אַ נידעריק־געפּאַקטער, אַ פלינקער אין די באַוועגונגען, מיט אַ פריילעכן בליק אין די גרויע אויגן, האָט ער זיך דורכגעשפּאַצירט איבערן צימער מיט דער גלאָז טיי אין האַנט. אַ וואַרעמע ליבשאַפט האָט אַ שווענק געטאָן אין דעם ייִנגלס האַרץ צו אָט דעם עלטערן מענטשן.

— נו, יאָ, טראָפים פּיאָדאָראָוויטש, אוודאי קען איך דעם היגן קאַנט...

טראָפים איז צוגעגאַנגען צום ייִנגל, האָט אַ הייב געטאָן אַ האַנט, גע־וואָלט אים, ווייזט אויס, אַ גלעט טאָן איבערן קאָפּ און גלייך ווי מיט חידוש זיך צוריקגעצויגן: דאָס ייִנגל איז געווען העכער פאַר אים אין וואוקס. דאָס איז פאַר אים געווען אַזוי ניי, אַז ער האָט אים אַזש באַקוקט, צי עס איז טאַקע זאַוול חנהקעס, דערנאָך האָט ער שטיל געזאָגט:

— נעם אַ פּייערטאָפּ, זאַוועליוק, נעם אַ לייט־אייזן. גיי אַוועק איבער די דערפער. ווער אַ בלעכער. וואוהין פאַרפאָרן אין יעדן דאָרף ווייסטו... און נחמהקע וועט זיצן אין וויאַדוקע, ביי מיין סעקלען...

ס'איז שוין כמעט צוויי יאָר, ווי די מאַמע איז אַוועק און ניטאָ, און אַבאָן זעט מען אויך ניט, אוז טראָפים מאַכט זיך דערפון ניט ווייסנדיק, ווי מע וואָלט עס באַדאַרפט אַזוי. נאָר מיט טראָפימען איז גאָר ניט שלעכט. ניט אומזיסט איז טראָפים אויסגעוועזן אַ האַלבע וועלט — ער האָט זי דערלערנט, ער קען און ווייסט, ווי מיט איר זיך אויפצופירן. ער האָט זיי געהייסן בלייבן דאָ, און אַליין איז ער נעלם געוואָרן. די קינדער האָבן ביי אַ יאָר צייט געאַרבעט אָן אים, אָבער געפילט כסדר זיין בליק און אָנזאָג. אָפט האָט ער זיי ברייוולעך צוגע־שיקט, און זיי האָבן אים געפילט די גאַנצע צייט לעבן זיך.

זומער 1916 יאָר זיינען די דייטשן איבער נאַכט פלוצלונג נעלם געוואָרן פון לאָשוויץ, פון קרעפּעטע און פון גאַנצן אַרום.

אין אַ וואָך אַרום האָט זיך באַוויזן טראָפים. ער איז גלייך אַוועק אין וויאַ־

קע צו סעקלען. געטראָפן דאָרט נחמהקען, וואו ער האָט זי איבערגעלאָזט מיט אַ יאָר צוריק, האָט ער זיך שטאַרק דערפרייט.

— נו, — האָט ער געזאָגט מיט אַ פריילעכן וואונק, — איצט וועט עס, טעכטערלעך, אַוועקגיין גאָר אויף אַן אַנדער אופן... פאַראַן עפּעס חברטעס דאָ ביי אייך, צי איר לעבט דאָ ווי די פּיקהעלצער אין די ביימער־לעכער?

די מיידלעך האָבן דערציילט וועגן די קאָליאַדעס, וואָס זיי האָבן דאָ גע־פּראַוועט אין די ווינטער־אָוונטן.

— נו, קאָליאַדעס — דאָס איז אַן אַלטע מעשה, — האָט טראָפּים אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט...

נאָר נחמהקע האָט אים איבערגעריסן:

— די מעשה איז אַן אַלטע, און די איצטיקע מיידלעך זיינען גאָר אַנדע־רע... ע, דו וועסט אונדזערע מיידלעך ניט דערקענען...

אויף מאָרגן איז געקומען זאַוול. ווען טראָפּים האָט אים דערזען, איז ער אַזש אונטערגעשפּרונגען פון גלעכטער.

— אוי, דו, דרוטיאַזש איינער! — האָט ער אים אַ כאַפּ געטאָן און צע־קושט זיך מיט אים.

זאַוול האָט טאַקע געהאַט אַ מאָדנעם אויסזען: אַ פּאָר קורצע דייטשישע הייזלעך אויף די פיס, אַ געשטריקט העמדל מיט קורצע אַרבל, אַ צעשאָסן קאַ־פּעליושל אויפן קאָפּ; און אויפן האַלדז — אַ בייגל דראָט, אין אַ לעדערנעם טאַש — אַ שער, אַ צווענגל, אַ קליין העמערל.

— ווי גייען די דראָטענע געשעפטן? — האָט טראָפּים אַ פרעג געטאָן.

— בעסער ווי גוט, — האָט זאַוול געענטפערט, אַראָפּנעמענדיק דעם בייגל דראָט פון האַלדז. — שוין לאַנג דאָ? מיט אונדזערע יאַטן זיך געזען? וואָס זיינען עפּעס פּלוצלונג די דייטשן נעלם געוואָרן? מיר לעבן דאָ, ווי די בליג־דע... שוין באַלד אַ יאָר קיין איין בלעטל ניט באַקומען. ס'איז אַן אמת, אַז ברוסילאָוו איז שוין הינטער די קאַרפּאַטן?..

גלייך אויף מאָרגן איז אין טיפן וואַלד, הינטער דער פאַרשאָטענער קרע־ניצע, ניט ווייט פון זאַוועלער טראַקט פאַרגעקומען דער ערשטער יוגנטלעכער מיטינג אין דעם קאַנט. די מיידלעך זיינען געקומען מיט קוישלעך זשוראַווינעס און שוואָמען. די יינגלעך מיט די פּאַסטעכער־בייטשן, אַ פּאָר יאַטן זיינען גע־קומען אויף פערד. זאַוול — אין זיין אָנטאָן פון אַ דרוטיאַזש, מיטן בייגל דראָט אויפן האַלדז. טראָפּים איז געווען אָנגעטאָן אין אַ צעריסענער סוויטקע. פו־נעם פּנים איז אים אַראָפּגעהאַנגען אַ שיטער קליאַטשעוואַטע בערדל, שטאַרק גרוילעך שוין. אויפן קאָפּ — אַ קוטשמע צעפּאַטלטע סיווע האָר. קיינער האָט אים ניט דערקענט. זאַוול האָט געהאַלטן אַזאַ מין קורצע רעדע:

— אַט, פֿריינטלעך, האָב איך באַגעגנט אַ מענטשן, וואָס ווייסט אַלץ וועגן דער מלחמה און וועגן נייעס. איך האָב אים געגעבן אַ טעלער באַרשטש, ווייל ער האָט שוין אוודאי צען טעג ניט געגעסן, און דערפֿאַר וועט ער אייך דער־ציילן...

טראָפּים האָט דערציילט מעשיות וועגן די גרויסע שטעט, ווי אַלע הונ־גערן דאָרט, און ווי ביי אַלעמען פּלאַצט דאָס געדולד. אָט־אָט, און זיי וועלן שוין ניט וועלן מער פֿאַרטראָגן די וויסטע הריגות און זיי וועלן איבערקערן די וועלט.

אַ היפּשע צייט האָט אים די יונגע חברה אַלץ ניט אָפּגעלאָזט, אַלץ זיך נאָכגעפֿרעגט אויף פֿאַרשיידענע זאַכן, און ער האָט אַזוי טשיקאַווע געענטפֿערט, אַט דער גוטער מענטש, וואָס האָט זיך זאַוולען אין וועג געטראָפֿן, געענטפֿערט צו דער זאַך און זייער קלאָר, כאָטש יעדן ענטפֿער האָט ער אָנגעהויבן:

— אויף זיכער, קינדערלעך, קאָן איך ניט זאָגן, אָבער איך בין זיך משער אַזוי...

אין אַ וואָך אַרום איז פֿאַרגעקומען אין אַ צווייט אָרט אַן אַנדער פֿאַר־זאַמלונג. אָבער דאָס מאָל אין טראָפּים אַרויסגעטראָטן אָפֿן. זאַוול האָט דאָס מאָל דעם מיטינג אָנגעהויבן אַזוי:

— פֿאַראַכטאָגן איז ביי אונדז געווען איינער אַן אַלטער מענטש, אַ וואַנ־דערער. ער האָט אונדז דערציילט פֿאַרשיידענע מעשיות פֿון דער מלחמה און פֿון דער וועלט. געווען טשיקאַווע צו הערן. ווילן מיר, אַז דו, טראָפּים פּיאָ־דאָראָוויטש, זאָלסט אונדז איצט זאָגן, צי דאָס איז אַן אמת, וואָס ער האָט דער־ציילט.

איצט האָט טראָפּים יעדן ענטפֿער אָנגעהויבן אַזוי:

— דעם אמת געזאָגט, ווענדט זיך אַלץ אָן אונדז, אָן פֿאָלק. ווי מיר וועלן וועלן, אַזוי וועט זיין. אָבער וועלן הייסט ניט — זיצן ביי דער שיסל קוואָס, בליאַבלען און טראַכטן: „איי, ווי גוט עס וואָלט געווען איצט האָבן אַ טאָפּ קרויט מיט פֿלייש"...

אין האַרבסט איז טראָפּים אַוועקגעפֿאָרן. די קינדער האָבן ווייטער געפֿירט דאָ זייער אַרבעט. אומעטום האָט מען גערעדט וועגן די צענדליקער מיליאָנען הרוגים און ביליאָנען רובלס, וואָס די מלחמה האָט שוין אָפּגעקאָסט. זאַוול מאָט ווייטער געדראָטעוועט טעפּ, און נחמהקע האָט געאַרבעט אין שטוב און אין שטאַל.

און אָט איז געקומען דער פֿרילינג פֿון יאָר 1917. אין פֿעלד ליגט נאָך דער שניי, די ישובים זיינען רואינירט און חרוב, ניטאָ קיין שטוב, וואו דער טויט זאָל ניט האָבן אַרויסגעריסן איינעם־צוויי יונגען — די שענסטע און די בעסטע

— און דאַך שיינט די זון היינט אַנדערש — מיט אַ סך מער צוזאָגן אויף גליק און פרייד.

טראַפּים, דער, וואָס האָט מיט אַ יאָר צוריק צוגעזאָגט, אַז עס וועט זיין אַזוי, ווי דאָס פֿאָלק וועט פֿאַרלאַנגען. — ער איז ווידער דאָ אין וויאַדוקע, און ער האָט ווידער אַרויסגעשיקט זאַוולען צונויפֿקלייבן זיין יוגנט, דאָס מאָל — אָפֿן, פֿריי, אויף אַ גרויסן געשפּרעך וועגן דער אַראָפּגעוואָרפֿענער זעלבסט־הערשונג און וועגן די ווייטערדיקע טעג פֿון רוסלאַנדס נייעם לעבן.

17

אין אַ גרויען, רעגנדיקן פֿרימאָרגן זייַנען חנהקע מיט אַבאַן אָנגעקומען קיין לאַשוויץ.

אין צוג נאָך, אין די צעבראָכענע לאַסט־וואַגאָנעס, פֿולע מיט פּליטים, וואָס האָבן זיך פֿון די נאָענטע שטעט צוריקגעקערט אַהיים, — האָט זיך אַבאַ געטראָפֿן מיט אַ צענדליק מענטשן — מערסטנטייל געוועזענע אָקאָפּניקעס, וואָס זייַנען איצט פֿון אַנדערע פֿראָנטן אויך געפֿאָרן אַהיים, — און גלייך פֿון וואָקזאַל איז ער אַוועק מיט זיי אין ערגעץ אין די פֿאַרוואָרפֿענע געסלעך אויפֿן ברעג. צו חנהקען האָט ער ביים אַראָפּשפּרינגען פֿון צוג אַ זאָג געטאָן:

— אפֿשר וואָלסטו צוגעפֿאָרן קיין קרעפּעטע אַ קוק טאָן? פֿאַראַן דאָ איינער אַ קרעפּעטער... מינטשוק! — האָט ער אַ רוף געטאָן.

צו זיי איז צוגעקומען אַ פֿאַרוואָקסענער סאָלדאַט אין אַ צעקנאָדערטן צע־לעכערטן שינעל מיט אַראָפּגעשניטענע עפּאָלעטן, אין אַ גרויער, פֿאַרשמאָל־צעוועטער פּאַפּאַכע; אויף די פּיס האָט ער געטראָגן אַ פּאָר עסטרייכישע געלע שיך מיט כאָקענע וויקלשנורן, אויף דער פּלייצע, — אַ רוקזאַק, פֿון וועלכע עס האָט אַרויסגעסטאַרטשעט די שטיל פֿון אַ האַק; אויף דער צווייטער זייט פּלייצע — אַ ביקס מיטן שפּיץ אַראָפּ, אויף די לענדן אָנשטאָט אַ גורט — אַ פּאַטראָנטאַש פֿול אָנגעשטאָפּט מיט קוילן, מיט אַ פּלינקן, באַוועגלעכן, אָבער אויך פֿאַרמאַטערטן, ניט־אויסגעשלאָפֿענעם בליק פֿון זיינע שמאָלע בלויע אויגן האָט ער אַ קוק געטאָן אויף חנהקען.

— זאַוולס אַ טאָכטער? — האָט ער אַ פֿרעג געטאָן. — חנהקע? אַ־אַ... איך געדענק שוין, איך דערמאָן מיך שוין... איך בין נאָכגעלאָפֿן נאָך דיין וואָגן, ווען דו ביסט פֿון קרעפּעטע אַרויסגעפֿאָרן...

חנהקע האָט באַקוקט דעם סאָלדאַט. וועדליק ווי זי געדענקט, זייַנען נאָך איר וואָגן נאָכגעלאָפֿן קליינע יינגלעך... אָט דאָס איז פֿון די קליינע יינגלעך געוואָרן?..

— שוין לאַנג ניט געווען אין קרעפּעטע? — האָט זי אים געפרעגט.

— זינט פון פאַר דער מלחמה.

— קרעפּעטע איז שוין... אויס... אָפּגעווישט פון דער ערד... אויפן סאָלדאַט האָט דאָס קיין שום איינדרוק ניט געמאַכט.

— דאָס שטעל איך מיר זיך פאָר. — האָט ער רואיק געענטפערט.

— וואָס זשע איז דאָרט דאָ צו טאָן? — האָט זי אומגעריכט פאַר זיך אַליין אַ פרעג געטאָן.

— אַהיים דאַרף מען דאָך קומען, — האָט דער סאָלדאַט געענטפערט מיט אַ שאָקל מיטן קאָפּ. — אַ מענטש דאַרף האָבן דאָך אַ היים. אַ היים ציט! — האָט ער צוגעגעבן מיט עפּעס אַ וואונק.

— אַ היים איז — אַ דאַך איבערן קאָפּ, פיר ווענט, אַ וואַרעמער אויוון, אַ ווייב, קינדער, — האָט חנהקע געשמייכלט.

— מיט ווייב און קינדער האָט מיר דווקא אָפּגעגליקט — איך האָב זיי קיינמאָל ניט געהאַט. און פיר ווענט מיט אַ דאַך איבערן קאָפּ — עטאָ דיעלאָ נאַזשיוואַיע.

— צופוס וועלן מיר גיין?

— וואָדען, מיר וועלן וואַרטן אויף אַ קאַטש... און וואָס איז דאָ צו גיין? אַ נישט מיט אַ גאַרנישט, וואָסערע זיבן מייל... מירן דאָך גיין מיטן זאַוועלער וועג... ביי אונדז אויף די פּאַזיציעס איז אַזוי געווען, — האָט זיך דער סאָלדאַט געגומען פּאַרוויילן מיט אַ שמועס זיין מיטגייערקע, — אַז עס האָט זיך אָנגעהויבן די פרייהייט, האָט יעדער איינער פון אונדז גענומען טראַכטן וועגן גיין אַהיים. אַז איך האָב אַ טראַכט געטאָן, האָט זיך מיר אויך זייער שטאַרק פאַרוואָלט גיין אַהיים, קיין קרעפּעטע. האָב איך זיך געלאָזט גיין. וואָס וועל איך וואַרטן, ביז מע וועט מיך אויסרופן און מעלדן און בעטן: „פּאַזשאַלוסטאַ, גאָספּאָדין סאָלדאַט, איר זייט פריי!” בין איך אַליין אַוועק. אַ סך אַזוי. אַז איך האָב אונטער לאָשוויץ דערהערט, אַז פון קרעפּעטע איז אַ בערגל אַש געבליבן, האָט מיר שיעור די כאָלעריע ניט גענומען פון כעס. דערנאָך גיב איך אַ טראַכט אַזוי: זע נאַר, טראַכט איך, וואָס ברענען דאָס אַזוי ביי דיר די געהירן, ווייניק אַזעלכע צעשאָסענע שטעט און שטעטלעך האָסטו געזען? וואָס איז עס פאַר אַזאַ מיוחסת דיין קרעפּעטע? דו האָסט צעשאָסן אַנדערע שטעט, אַנדערע האָבן צעשאָסן דיין שטעטל... אַזוי גייט עס... איצטער שטעל זיך מיט דער האַק און בוי עס אויס צוריק... אַ זעלטענע האַק האָב איך געפּאַקט אויפן וועג — אַ זלאַטאַראַסטער... די ערד איז אין אונדזערע הענט און דער וואַלד אויך... טאַקע אַן אמת, אַז פּאַסיעקאָצקי האָט זיך אויפגעהאַנגען? אָט דאָס האָט ער געטאָן אַ שכל־זאַך...

עס איז געגאַנגען די מיטיק־שעה. דער רעגן האָט זיך געשטאַרקט. די זון האָט געהאַט אַ לויכט געטאָן אָבער גלייך האָבן זיך אויף איר אָנגעוואָל־גערט וואָלקנס פון אַלע זייטן. מינטשוק האָט אַ קוק געטאָן אויפן הימל מיט אַ געניטן בליק און אַ זאָג געטאָן:

— עס בורעט אַ ביסל דאָרטן, האַ? האַ? ניט שווער דיר צו גיין? נעענ־טער צו פאַרנאַכט האָבן זיי געמאַכט אַ פּריוואַל.

— אַ פּריוואַל — איז אַ פּריוואַל, — האָט מינטשוק פריילעך געזאָגט.

ער האָט אַראָפּגענומען פון זיך די ביקס, דעם רוקזאַק, אַרויסגענומען פון דאָרטן די זלאַטאָוסטער האַק, אָנגעקליבן טרוקענע צווייגן, צעבלאָזן אַ שייטער. עס האָט זיך געזען, אַז דער מענטש טוט עס מיט חשק. דעם חשק האָט, ווייזט אויס, אויף אים אָנגעטריבן זיין מיטגייערקע, די פרוי. איר אָנוועזנהייט איז אים אונטערן דערעסענעם רעגנדל, וואָס האָט זיך אָן אויפהער געזיפּט פון פאַר־כמורעטן הימל, געווען וואַרעם און ליב. ער האָט אָן אויפהער גערעדט:

— די מלחמה לערנט אונדז, — האָט ער אַ זאָג געטאָן מיט דער הנאה פון אַ מענטשן, וואָס טיילט זיך מיט אַ דערפאַרונג, וואָס איז ניט אַלעמען באַוואוסט, — אַז דאָס ערשטע, וואָס דער מענטש באַדאַרף, איז — פייער, וואַרעמקייט. אָן דעם קאָן דער מענטש גאָר אײנגאַנצן ניט אויסקומען. זעץ זיך דאָ, חנהקע, — האָט ער אָנגעוויזן אויף אַ בערגל טרוקענע בלעטער, וואָס ער האָט צונויפגעצ־שאַרט אונטער אַ געדיכט־צעצווייגטן דעמב, — עס איז מיר טשיקאַווע צו וויסן: צו וואָס גייסטו קיין קרעפּעטע?

— די היים ציט, — האָט חנהקע מיט אַ שמייכל געענטפערט, אָנידערזעצנ־דיק זיך אויפן בערגל און אויסציענדיק די פיס צום פייער. — ביזן דנאָ די טיף איז דאָך דאָרט די ערד אונדזערע, זאָגסטו.

— נו, אַ גלייכן! דו האָסט דאָך אַ מאַן, קינדער... דיין היים איז דאָרט, וואו זיי זיינען...

— אוי, ניין! — האָט חנהקע האַסטיק אַ זאָג געטאָן. — וויפל איך האָב ניט געלעבט אין לאַשוויץ, האָב איך זיך אַלץ געפילט אין דער פרעמד... איך פאַרשטיי נאָך אַלץ ניט, צו וואָס לויפן מענטשן אין שטעט, פאַרוואָס קאָן מען ניט מאַכן פונעם אייגענעם שטעטל אַ שטאָט...

— פון אייגענעם שטעטל, זעסטו, האָט מען געמאַכט אַ בערגל אַש, — האָט מינטשוק אַ זאָג געטאָן מיטן טאָן פון אַ מענטשן, וואָס וויל דערמיט זאָגן, אַז ווען ער וואָלט דאָ געווען, וואָלט ער דערצו ניט דערלאָזט.

— נו, אַ בערגל אַש האָט מען געמאַכט, דאַנקען גאָט, פון אַ האַלבער וועלט...

— דאָס זעסטו, איז גראָד אמת. — און ער האָט אָוועקגעשטעלט צו אירע

פּיס אַ סאַלדאַטסקע קעסעלע מיט געשמאַקע, געפּרעגלטע פליש, — נאַ דיר אַ לעפל, עס. אָט איז ברויט. דאָס איז קאָנסערוון, געשמאַקע, מיט לאַרבער־בלע־טער, — האָט ער צוגעגעבן נאָך דעם, ווי ער האָט מיט צוויי שטעקעלעך אַרויס־געשלעפּט אַ שטיקל הייס פליש פון קעסעלע.

חנהקען איז זייער שטאַרק געפעלן געוואָרן, וואָס ער האָט מיט קיין איין וואָרט אַפילו איר ניט דערציילט וועגן די איבערלעבונגען אין דער מלחמה, און ווי ער האָט פריער מורא געהאַט פאַרן טויט און זייער ניט געוואָלט שטאַרבן יונגערהייט און דערנאָך איז ער צוגעוואוינט געוואָרן, און אים איז שוין געווען אַלצאיינס, — זאַכן, וואָס זי האָט זיך אין די לעצטע חדשים אַ סך אָנגעהערט פון געוועזענע אָקאָפּניקעס. זי איז געווען צופרידן צו טרעפן אַ מענטשן, וואָס גייט אַ גאַנג, ווייל די נשמה ציט, — אַהיים גייט ער, און די ביקס האָט ער מיט זיך מיטגענומען — דאָס אַלץ איז געווען ניט ענלעך צו דער אויפפירונג פון די אַמאָליקע יידישע יונגעלייט, דאָס איז געווען ניי. און זי האָט געוואָלט, ער זאָל איר דערציילן נאָך און נאָך.

— אָט, איך פאַרשטיי טאַקע ניט, צו וואָס שלעפסטו מיט זיך די ביקס קיין קרעפּעטע? וועסט גיין אין וואַלד חיות שיסן?

— חיות? — האָט מינטשוק אַ פרעג געטאָן. — פאַרוואָס עפּעס חיות? ווייניק פאַראַן מענטשן ערגערע פון חיות? — ער איז פלוצלונג אויפגעשפּרונ־גען אויף די קני און האָט זיך איינגעהערט. — שטיי נאָר, חנהקע, עמעצער גייט אַהער...

אויפן אָפענעם וועג, אין טונקל־בלוי פון אָנקומענדיקן פאַרנאַכט, אונטערן געדיכטן רעגנדל זיינען געגאַנגען אַ פּאָר מענטשן. געווען, ווייזט אויס, אַ קינד מיט זיי. די מענטשן זיינען שטיין געבליבן און האָבן זיך וועגן עפּעס, ווייזט אויס, געאַמפּערט.

— קומט אַהער, שרעקט זיך ניט! — האָט מינטשוק אויסגעשריען. — קומט אַהער, זיך וואַרעמען ביים פייער...

די מענטשן אויפן וועג האָבן זיך אַ דריי געטאָן אַהין און אַהער. מינטשוק איז זיי אַנטקעגן געגאַנגען. אין אַ ווײַלע אַרום האָט חנהקע דערהערט אַ ווײ־בערשן קוויטש:

— או, ווי מיר ניט!

און אַ מאַנסבילשן:

— זע נאָר, מיר זאָלן אַלע אַזוי געזונט זיין!

חנהקע האָט זיך אויפגעשטעלט אויף די קני. נאָך איידער די מענטשן זיי־נען צוגעקומען צום שייטער, האָט זי זיך צעשאָקלט מיטן קאָפּ און צעשמייכלט — אַלטע באַקאַנטע: בערל דער מולער מיט אסתר־ביילקען זיין ווייב.

מינטשוק האָט געשלעפּט עפּעס אַ קאַסטן זייערן, בערל איז נאָך אים נאָכ־געגאַנגען, געוואָלט אים העלפן און אַלץ געטענהט:

— לאָז, לאָז, דו וועסט זיך אונטעררייסן!

פון דער צווייטער זייט איז אים מיט דריבנע טריטעלעך נאָכגעלאָפן אסתר־ביילקע — אַ קורצינקע, אַ קיילעכיקע. זי האָט מיט איין האַנט גע־שלעפּט נאָך זיך דאָס קינד, אַ מיידעלע פון אַ יאָר צוועלף, מיט דער צווייטער האָט זי רק געוואָלט זיך אָנכאַפּן אָן אַן אויער פונעם קויש און אַלץ ניט געקאָנט אָניאָגן.

צוגעקומענע צום שייטער, דערזען חנהקען, האָט אסתר־ביילקע אַ פּאַטש געטאָן מיט די פּוכקע הענטלעך:

—טאַקע אַן אמת, אַז אַ באַרג מיט אַ באַרג קומט זיך ניט צונויף, אָבער אַ מענטש מיט אַ מענטש יאָ...

בערל — אָנגעטאָן האַלב־סאָלדאַטיש, האַלב־ציוויל — האָט זיך צוגעבויגן מיטן קאָפּ פאָרויס, איינגעקוקט זיך אין חנהקעס פּנים, דערקענט זי און אויס־געראָפן:

— חנהקע זאַוולס, ווי איך בין אַ ייד! שייך צו ריידן — אַן אשת־חיל איז אומעטום די ערשטע! נו, נאַ דיר שלום־עליכם! — האָט ער אויסגעצויגן צו איר זיין האַנט אַריבערן פייער.

און ער האָט זיך גענומען כאַפּן וואַרעמקייט אין די הויפּנס פון צעפּלאַ־קערטן שייטער און רייבן מיט זיי זיין טאַכטערס בעקלעך.

— די פּלייצע שוויצט און די ביינער פרירן, — האָט ער גערעדט, ווי צום פייער, — האָסטו געזען אַזאַ מין זאַך? דו אויך — קיין קרעפּעטע? — האָט ער געפרעגט ביי חנהקען. — איך קום קיין קרעפּעטע — פאַל איך צו מיטן פּנים צו מיין פּיצל ערד. אַזוי, חנהקעלע, וואָס איך האָב זיך אָנגעזען אין דער וועלט! ווי דו זעסט מיך אַ לעבעדיקן, ביזן בלוט גיי איך, אַבי קיין ניקאָלקעס זאָלן מער ניט זיין...

אין קעסעלע איז נאָך עפּעס געבליבן — אַ פּאָר שטיקלעך פלייש, עטלעכע לעפל זופּ. מינטשוק האָט עס פאַרגעלייגט די געקומענע. די עלטערן האָבן עס אָפּגעגעבן זייער קינד.

— דאָס קינד סאַכניעט... שוין אוודאי אַ וואָך, ווי זי האָט אין מויל קיין לעפל וואַרעמס ניט געהאַט... אוי, יאַנקעלע, ווי דעם מלאך האָט דיך גאָט אַליין צוגעשיקט... איך טענה צו מיין בערעלען: משוגע, דול, שונא־ישראל, וואָס הייסט, דו וועסט זיך איינער אַליין באַזעצן אין אַ באַרג אַש? זאָגט ער מיר: „אָט דאָס איז דאָך דווקא גוט. די ערשטע וועלן מיר זיין...״

אָפּגעגעסן, האָבן די מאַנצבילן פאַררויכערט, בערל מיט אסתר־ביילקען

האָבן גענומען דעם קופערט, מינטשוק האָט אויף זיך אַרויפגעוואָלגערט דעם פּאַק, חנהקע האָט גענומען די קליינע אויף די הענט, און צו האַלבער נאַכט איז מען טאַקע געווען אין קרעפּעטע.

איבער די בערגלעך אַש מיט די סטאַרטשענדיקע קוימענס איז אויפגעגאַנגען די פולע לבנה, אַ געדיכט־פאַרוויקלטע אין דורכזיכטיקע וואָלקנס. קיין רעגן איז דאָ ניט געווען, אָבער די לופט איז געווען פייכט און קיל. ערגעץ ווייט האָט געוואויעט אַן איינזאַמער הונט. אַ האַלב־פאַרווילדעוועטע קאַץ איז פאַרבייגעלאָפן, אַ גלאַנץ געטאָן מיט די גרינע אויגן און איז ניט געוואָרן. די מענטשן זיינען אַ ווײַלע געשטאַנען, ווי זיי וואָלטן געטראַכט, צי לוינט אַריין אין אַט דער געוועזענער היים זייערער, וואָס ליגט ביי זייערע פיס אַ טויטע.

— וואָס זשע איז דאָס שטיין דאָ? — האָט חנהקע געזאָגט, — חיים־ראובנס וועגט זיינען געבליבן גאַנץ... אפשר וועלן מיר דאָרט אַ שטיקל דאַך אויך געפינען, וועלן מיר קודם־כל איבערנעכטיקן און מאָרגן וועלן מיר ווייטער זען...

ווי שטאַרק צוגעגרייט זיי זיינען ניט געווען דערצו, אַז זיי זאָלן טרעפן קרעפּעטע אַ חרובע, האָט דאָך דער אָנבליק פון דעם חורבן זיי פאַרקלעמט דאָס האַרץ און אָנגעיאָגט אויף זיי אַ שוידער. דאָס האָט אָבער ניט לאַנג געדויערט. די מענטשן, וואָס מע האָט ביי זוויליק פאַרברענט זייער היים, האָבן דורכגעמאַכט אַ מאַרש דורך דער מלחמה אַהין און צוריק און האָבן שוין איצט געהאַט גענוג דערפאַרונג. האָבן זיי זיך ניט געבאַלעוועט מיט זייערע געפילן. אַן עק אַ סוף. מאָרגן וועלן מיר זען, וואָס ווייטער טאָן. זיי האָבן זיך אויסגעזעצט אין קעלער פון חיים־ראובנס הויז. דאָרט איז געווען פייכט און דומפּיק, עס האָט געשמעקט מיט עפּעס אַ זויערקייט געמישט מיטן גערוך פון געפּגרטע מייז, אָבער דאָ איז געווען אַ שטיקל דאַך איבערן קאָפּ. בערל האָט זיך אַנידערגעזעצט אין ווינקל, פאַרדרויכערט, מכבד געווען מינטשוקן און געלאַסן, מיט פאַרמאַכטע אויגן, אין דער פינצטערניש אַ זאָג געטאָן:

— אין וויאַדוקע, חנהקע, האָב איך נעכטן געזען דיין זאַוולען, דער טאַטע דיינער מיט די ביינער. ער האָט דאָרטן הינטער זיך אוודאי פּופּציק וויאַדוקער יונגען. זיי האָבן זיך אָנגעכאַפּט אויפן פּראַנט פערד מיט ביקסן. כ'לעבן, ווען איך האָב אויף ווענען צו לאָזן אסתר־ביילקען מיט דער קליינער, וואָלט איך אויך מיט זיי אַוועק... אַ גרויל אַ טראַכט צו טאָן: פאַר וואָס? פאַר וואָס האָט מען אַ האַלבע וועלט חרוב געמאַכט?

— עהע־הע! — האָט מינטשוק פריילעך אַ פינקל געטאָן מיטן פייערל פון פּאַפּיראָסל. — דער קאָפּ דינט דיר, בערל... נו, צייט שלאָפן, מיר זיינען אַלע פאַרמאַטערט...

באַגינען איז אויפגעגאַנגען די זון איבער די קרעפּעטער סטאַרטשענדיקע האַלב־איינגעפאַלענע קוימענס. דער באַגינען איז גראָד געווען אַ וואַרע־מער, עפּעס אַ יונגער, אַ פיל־צוזאָגנדיקער, ווי דער פרילינג וואָלט זיך בייניס אָקאָרשט צוריקגעקערט אויף דער ערד, נאָך איידער דער ווינטער איז דאָ אָפּגעוועזן די צייט, וואָס אים קומט.

נאָכן פרישטיק איז מען אַרויס אין דרויסן. מע האָט געקליבן די פלעצער: אַ פלאַץ פאַר מינטשוקן, אַ פלאַץ פאַר בערלען, אַ פלאַץ פאַר חנהקען. דאָ וועלן שטיין די ערשטע דריי שטיבער פון דער נייער קרעפּעטע.

אָנגעשלעפּט אַ ביסל אַרומגעסמאַליעטן געהילץ, צונויפגעלייגט אַ שטאַבעל ציגל, האָט חנהקע געמאַלדן, אַז זי קערט זיך אום צוריק קיין לאַשוויץ: פאַר־שאַפן אַ ביסל געצייג, צושיקן אַהער נאָך קרעפּעטער מענטשן.

## 18

צו יאַנוואַר חודש 1918 יאָר איז דער זאַוועלער טראַקט לעבעדיק געוואָרן.

עס איז געווען אַ פריער ווינטער, אָבער אַ ווייכער. גיך האָט זיך איינגע־שטעלט אַ גוטער שליטוועגס, און די קרעפּעטער מאַנסבילן האָבן געפירט גע־הילץ קיין לאַשוויץ.

איבער קרעפּעטע איז ווידער אויפגעגאַנגען די זון. אַ ווינטערדיקע, אַ גרויסע, אַ קאַלטע, ווי אַ מעשענע טאַץ, אָבער ליכטיק איז אין ישוב געווען און פריילעך אויך. אַ יעדער מענטש, ווי נאָר ער איז אַרויסגעקראָכן פון זיין זעמ־ליאַנקע, האָט ער גאַנץ קרעפּעטע געזען, ווי ביי זיך אויף דער דלאָניע. אויף אַ גלאַט פעלד, אַ באַדעקט מיט אַ פּוכיקן, הויכן שניי זיינען געלעגן אויסגעצויגן צוויי שורות נידעריקע בערגלעך, אויך פאַרשאָטן מיט שניי, אָבער אין דער שפּיץ פון יעדן בערגל האָט זיך געראָיטלט אַ פרישער רויטער קוימען, און ווי בלוילעכע פלעמעלעך האָבן זיך גלייכע בעזעמלעך רויך געצויגן פון אָט די קוימענס צום געדיכט־בלויען ווינטערדיקן הימל. צווישן אָט די צוויי צייַלן בערגלעך מיט רויכערנדיקע קוימענס איז געלעגן אַ ברייטע גאַס. אינמיטן דער גאַס האָט געשיינט אונטער דער זון אַ גוט איינגעטראָטענער, אויסגעגלע־טער שליטוועגס. דאָ זיינען שליטנס געפאָרן, דאָ האָבן זיך קינדער געגליטשט, דאָ האָבן זיך ווייבער אָפּגעשטעלט מיט די עמערס אין די הענט, געטיילט זיך מיט די קאַרגע נייס, וואָס די מאַנסבילן האָבן פון לאַשוויץ געבראַכט, דאָ האָבן קראָען געקראָכעט, געפּיקט די קערנדלעך פון די פערדישע קופּעס מיסט, דאָ איז ווידער געווען לעבן. און באַקומען האָט זיך אַזוי, אַז געמאַכט לעבעדיק קרע־

פּעטע האָט דער דריילינג, וואָס איז פריער פאַר אַלעמען געקומען אַהער: חנהקע, מינטשוק, בערל דער מוליער. חנהקע האָט געבראַכט פון לאָשוויץ העק מיט זעגן, קעלניעס מיט לאָפּעטעס, מינטשוק האָט אויף גיך אויסגעלערנט אַ צענדליק קרעפּעטער מענטשן טעסען געהילץ און פלעכטן ווענט, בערל האָט געוויזן ווי מע דאַרף מישן ליים און לייגן ציגל. עס האָבן זיך געפונען עטלעכע סטאָליאַרעס, וואָס האָבן אויפגיך צונויפגעקלאַפּט טירן און פענצטערלעכער, אַ פּאָר גלעזער, וואָס האָבן געקענט שניידן גלאָז, קנעטן קיט פון קרייד מיט קאָנאָפּליע־בוימל, און פאַר קאַרגע צוויי חדשים איז פּאַרטיק געוואָרן אַ פּיצל היים פאַר יעדן, אַ היים, די גרויס פון פיר שפּאַן אויף פיר שפּאַן, אָבער אַ וואַרעמע, אַ ליבע, אויסגעבויט מיט די אייגענע הענט אויף דער אייגענער ערד.

די קרעפּעטער בעל־עגלות האָבן געשמאַק געאַרבעט, געהילץ האָט קרעפּעטע געפּאָדערט אַ סך. האָלץ פאַר לאָשוויץ האָט מען אויך געדאַרפט אַנזעגן, אָנהאַקן, אַרויספירן — דערפון האָט קרעפּעטע געלעבט און זיך געבויט. דער וואַלד איז געוועזן אָפן און פריי. דער שליטוועגס — ווי אַ שפּיגל, און אויפן זאַוועלער טראַקט האָבן זיך ווידער אַ שאָט געטאָן פריילעכע הוקענישן, געשרייען און בעל־עגלהישע לידער.

אין גאַנצן לאַנד האָט געקאָכט און געברויזט.

אין אוקראַינע איז דאָס סאָוועטישע מיליטער אַריבער אין אָנגריף אויפן דאָנבאַס און איינגענומען לוגאַנסק און דעבאַלצעוואָ;

אין קאַטערינאָסלאַוו האָבן די רויטגוואַרדייער צוויי טעג דורכאַנאַנד זיך געשלאָגן מיט די היידאַמאַקעס און גענומען די מאַכט איבער דער שטאָט.

די סאָוועטישע רעגירונג האָט אַרויסגעגעבן אַ דעקרעט וועגן גרינדן אַן אַרבעטער־פּויערשע רויטע אַרמיי;

דאָס אוקראַינישע סאָוועטישע מיליטער האָט פאַרנומען קיעוו און ליקווידירט די קאָנטרעוואָלוציאָנערע רעגירונג.

אַ ווינטער האָט מען דאָ אין דער געגנט אָפּגעלעבט האַלב־פרידלעך, געהיט די וועלדער, געגרייט זאַפּאַסן, שטאַרק אַ בוי געטאָן קרעפּעטע, בערעזע־פּאָסאָדע און אַנדערע ישובים, וואָס זיינען ווידער באַזעצט געוואָרן מיט מענטשן. אַ היפּש ביסל קרעפּעטער יונגעו און אויך מענטשן אין די מיטעלע יאָרן זיינען אַריינגעטראָטן אינעם רויטאַרמייאישן אָטריאַד, וואָס טראָפּים האָט אָנגעהויבן צונויפזאַמלען און אָרגאַניזירן פון די אָרעמסטע פּויערים אין די אַרומיקע דערפער און פון די סאָלדאַטן, צוריקגעקומענע פונעם פראָנט. אין דעם ווינטער האָט דער אָטריאַד צעקלאַפּט עטלעכע קליינע באַנדעס, וואָס האָבן זיך אין די

וועלדער באַוויזן. אין געשלעג איז דער אַטריאַד געוואַקסן, און זומער האָט ער שוין פאַרמאָגט אַרום צוויי הונדערט מאַן.

אָבער צו האַרבסט זיינען געקומען שווערע חדשים: עס איז געפאַלן קיעוו, קורסק, אָריאָל. נאָענט צום האַרץ פון דער רעפּובליק איז געווען דעם שונאס לאַפּע.

די דייטשן זיינען אַוועק, זיינען די ווייספּוילן געקומען. זיי האָבן אָקופּירט די גאַנצע לאַשוויצער געגנט, און טראַפּימס אַטריאַד האָט זיך גענומען פּאַרטי־זאַנעווען. ער האָט זיך באַהאַלטן אין די אוראַלטע וועלדער ביים זאַוועלער טראַקט. לויט אַלע מיליטערישע געזעצן איז דער אַטריאַד געווען אַ געפאַנגע־נער, אָבער אויפגעפירט האָט ער זיך גאָר אַנדערש: אַכט טעג האָט ער זיך אָפּ־גערוט, אויסגעשפּירט גוט די וועגן אַרום, און אויפן ניינטן טאָג האָט ער זיך פלוצלונג באַוויזן — צעקלאַפּט אַ פּוילישן רעזערוו־פּאָלק און איז צוריק פאַר־שוואונדן אין די וועלדער.

דער צווייטער ווינטער איז געווען נאָך אַ שווערערער פאַרן אַטריאַד. נאָך טיפער אין וואַלד האָט ער זיך געדאַרפט פאַרגראָבן. הונגעריקע וועלף האָבן אַרום אים געוואיעט. דער שניי האָט געשאָטן און געשאָטן. אַרויסגיין פון דער בער־לאָך איז אוממעגלעך געווען — אָן די שפּורן וואָלט מען דעם אַטריאַד ניט געפונען. ער האָט געמוזט ליגן אין די פאַרפרוירענע זומפּן, ניט רירן זיך פון אָרט.

אָבער ווען עס האָט אַ שמעק געטאָן מיט פרילינג, האָט זיך דער אַטריאַד ווי אויפגעהויבן, אויסגעגלייכט די ביינער, אַ שטעל געטאָן זיך אויף די פיס אין זיין גאַנצן וואוקס.

און געוואַקסן איז ער פון טאָג צו טאָג.

אומעטום האָבן זיך די פּויערים אין דער סביבה אַ רודער געטאָן. ניט געוואָלט ליגן און אויסגיין אונטערן יאָך פון דער פאַנסקער הערשאַפט, און צו אַפּרעל חודש האָט שוין דער אַטריאַד פאַרמאָגט אַרום די פינף הונדערט מאַן.

און דאָ איז געקומען אין אַטריאַד אַריין פערעלע און געבראַכט אַ סך פריי־לעכע נייס.

די קאָלטשאַקאָווטשינע איז ליקווידירט, און קאָלטשאַק איז צעשאָסן געוואָרן.

די רויטע אַרמיי האָט פאַרנומען אָדעס;

די ווייטמזרחדיקע פּאַרטיזאַנעס האָבן פאַרנומען כאַבאַראָווסק;

די אַרכאַנגעלסקער אַרבעטער האָבן אָרגאַניזירט אַן אויפשטאַנד, די ווייס־

גוואַרדייאַישע רעגירונג איז אַנטלאָפֿן, די רויטע אַרמיי איז אַריין אין אַרכאַנגעלסק.

עס האָט זיך באַקומען אַ פֿריידיק בילד: אויף מזרח, אויף צפֿון, אויף דרום — אומעטום קלאַפּט די רויטע אַרמיי די שונאים פֿון דער יונגער רעפּובליק, און אָט קומט די ישועה. און זי וועט זיי קלאַפּן צום טויט אויך אויף מערב.

דער אָטריאַד איז ווידער אַרויס אויפֿן וועג. ער האָט צעקלאַפּט די עטלעכע קליינע פֿיינטלעכע גאַרניזאָנען אין קרעפּעטע, בערעזע־פּאָסאַדע און אַנדערע ישובים אַרום.

אַ נײַ לעבן האָט זיך דעמאָלט אָנגעהויבן אין קרעפּעטע. מיט האַסט האָבן זיך די מענטשן אַ נעם געטאָן אויפֿבויען זייער ישוב. אַ גאַנצן זומער האָבן פֿון זון־אויפֿגאַנג ביז בײַנאַכט געזונגען די זעגן און געהילכט די העק. צווײ לאַנגע ציילן הײַזער האָבן זיך פֿאַרן זומער אויסגעצויגן אין אַ ברייטער, ליכטיקער גאַס, און אין סאַמע צענטער, דאָרט, וואו עס איז אַמאָל געשטאַנען חיים־ראובנס מויער, איז שוין סוף זומער פֿאַרטיק געווען אַ גרויסע, אַ ליכטיקע געביידע פֿאַרן קרעפּעטער סאָוועט.

די עפֿענונג פֿונעם סאָוועט איז באַשטימט געוואָרן אויפֿן 7טן נאָיאַבער 1920 יאָר — צום דריי־יעריקן יובילײ פֿון דער גרויסער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע.

גאַנץ סענטיאַבער און אָקטיאַבער האָט זיך קרעפּעטע געפּוצט און אַרויסגעשיינט די שטיבער און דעם סאָוועט אין אַלע דעטאַלן — אַ גרויסן יום־טוב האָבן די קרעפּעטער מענטשן געפּלאַנעוועט פּראַווען דעם זיבעטן נאָיאַבער.

אָבער גאַנץ אָקטיאַבער האָבן געפּליוכעט רעגנס, און די מענטשן האָבן מיט אומרו און פֿאַרדראָס געקוקט אויפֿן הימל: ניט שוין זשע וועט ער פֿאַרשטערן דעם יום־טוב. ערשט אָנהייב נאָיאַבער האָבן די רעגנס אויפֿגעהערט, און עס האָט ווידער אַרויסגעשיינט די זון... אין די היגע ערטער טרעפֿן זיך אַלע יאָר אַזעלכע טעג אין שפּעטן האַרבסט, ווען נאָך אַלע רעגנס, איבער די נאַקעטע ביימער, איבערן פֿייכטן געלן טעפּיך פֿון די אַראָפּגעפֿאַלענע בלעטער, איבער די ברוין־געוואָרענע וואַרצלען פֿון די אַראָפּגעשניטענע תבואה, איבער די בלאָטעס און קאַליוזשעס, איבער די שוואַרץ־ברויטע שטרויענע דעכער פֿון די דערפֿלעך — גייט פֿון דאָסניי אויף די זון, אַ הויכע, אַ שטאַרק־וואַרעמע, און ווי אַן אויסגעשייערטע, גייט זי אַרויס, די זון, גאַנץ פֿרי, ווי זי וואָלט איר זומער־וועג ערשט אָנגעהויבן, ווי זי וואָלט צוגעזאָגט נאָכאַמאָל בליעכץ אין די סעדער און פֿרוכט ביימער, נאָכאַמאָל גרין גראָז אויף די לאָנקעס און פּעט

ברויט אין די זאַנגען, נאָכאַמאָל פויגל־געזאַנג אין די וועלדער און פריילעכער פליעסק פון פיש אין די טייכן...

האָבן די קרעפּעטער מענטשן אויפגעשיינט און זיך גענומען גרייטן צום ליכטיקן יום־טוב — צום יום־טוב פון דער אויסגעבויטער און פאַרפּאַרטיק־טער היים, צום יום־טוב פונעם נייעם לעבן.

אָבער אײדער וואָס־ווען, האָט זיך באַקומען אַ ידיעה, אַז אַ באַנדע איז דאָ אינדערנאָענט, און נאָך היינט קליבט זי זיך גיין אויף קרעפּעטע.

און דער יום־טוב איז געוואָרן אויס.

יעדער איינער, וואָס האָט נאָר געקאָנט טראָגן אַ ביקס אויף דער פּלייצע, איז אַוועק צו טראָפימען אין אָטריאַד.

אַ שטיבל אין וואַלד אויפן ברעג פון דער וויאַדוקע אָזערע. אויפן דאַך אַ רויט פענדל. ס'איז מיטאָג־שעה, אָבער אויב די מיטאָג־שעה איז אַזאַ גרויע, ווי דער פאַרנאַכט, ווי דער פרימאָרגן, ווי דער גאַנצער טאָג. בלויז אַן דער טונקעלער נאַכט קאָן מען דערקענען, אַז עס איז געווען אַ טאָג אויף דער וועלט, אַ טאָג, וואָס איז געווען איין דורכאויסיקער פאַרנאַכט.

אַרום שטיבל שטייען אַ פּאָר מיליטער־וועגעלעך. די קאָנטורן פון די ברעזענטן אויף די וועגעלעך לאָזן זיך אַנשטויסן, אַז אונטערן צודעק שטייען קוילנוואָרפער, טעלעגראַף־אָדער טעלעפאָן־מכשירים.

אויף איין וועגעלע זעט זיך אַ רויטער קרייץ. צו אַ בוים שטייען צוגע־בונדן צוויי געזאָטלטע פערד.

אין די שייבלעך פון די קליינע פענצטערלעך זעט זיך אַ שוואַכע שיין.

אויף יענער זייט אָזערע ליגט דאָס דערפל וויאַדוקע. דרייצן שטיבלעך אונטער שטרויענע דעכער.

דער וואַלד אין שוואַרץ, פאַרכטיק און רוישיקלעך אַ האַרבסטיק רעגנדל שפּריצט אַן אויפהער שוין דריי טעג דורכאַנאַנד.

די אָזערע ליגט אַ פולע, אַן אָנגעטרונקענע און ווי אַן אויפגעהויבענע צום הימל — איין גרוי שטיק פייכקייט איז עס פונעם דעק אירן ביז די בליי־ענע וואָלקנס איבער איר.

צוויי וואָכן שוין אַדורך, ווי די באַנדע איז „אָנגעטאַפּט געוואָרן", אָבער קיין שלאַכט איז נאָך ניט געווען.

צום שטיבל אין וואַלד זיינען צוגעריטן צוויי רייטער. זיי האָבן עפּעס אַוועקגעשטעלט אויף דער ערד, צווישן פיר צעצוויגטע געדיכטע יעלן, און זיינען אַריין אין שטוב.

דאָ האָבן זיי אַראָפּגעוואָרפן די קאַפּיזשאָנען פון די גרינע העלמס מיט די רויטע שטערנס פון פאָרנט. איינער פון זיי, דער העכסטער און עלטערער, האָט אַ זאָג געטאָן:

— קומט אַרויס אַ ווײַלע...

די מענטשן אינעם שטיבל זײַנען אַרויס. אויפן הויף, צווישן די פיר יעלן, האָבן זיי אויף דער אויסגעווייקטער ערד דערזען אַ סאַניטאַריש טראָגבעטל. אַ מענטש איז דאָרט געלעגן. דער אויבערשטער האַלבער גוף זײַנער מיטן פּנים איז געווען פאַרדעקט מיט אַ רעדנע. די פּיס, אַנגעטאָן אין געשטעפּטע הויזן מיט שווערע שטיוול, זײַנען געלעגן אָפּגעדעקטע און טויטע. די הויזן מיט די שטיוול זײַנען געווען פּיטש־נאַס, און זיי האָבן געגלאַנצט.

טראָפּים איז מיט עטוואָס אַ געהויקערטער פּלייצע צוגעגאַנגען צום סאַניטאַר־בעטל, האָט אַ הייב געטאָן די רעדנע, אַ קוק געטאָן און שטיל, ווי פאַר זיך, געזאָגט:

— מינטשוק...

ער האָט אַ קוק געטאָן אויף זאַוולען, אויף די רייטער. זײַן בליק האָט געפרעגט:

— ווי אַזוי איז עס געשען?

זאַוול האָט צוגערופן די רייטער צו זיך.

אַ רעדער־גערויש האָט זיך מיטאַמאָל ניט ווײַט דערהערט. אַלע האָבן זיך אומגעקוקט. עס האָט זיך נאָך גאָרנישט ניט געזען, אָבער דער גערויש איז געוואַקסן. זאַוול מיט די רייטער זײַנען געבליבן שטיין. עס האָט זיך באַוויזן אַ פור, מיט צוויי פערד אין שפּאַן, וואָס האָבן זיך האַסטיק געטראָגן אַהער. פונעם וואָגן איז אַראָפּגעשפּרונגען חנהקע. זי איז מיט אײַליקע טריט צוגעגאַנגען צו דער גרופּע מענטשן, האָט מאָדנע אַ קוק געטאָן אויף זאַוולען, זיך אָפּגעשטעלט אַ רגע. דערנאָך איז זי מיט איר געוויינלעכן טראָט צוגעגאַנגען צום סאַניטאַר־בעטל, אונטערגעהויבן די רעדנע און לאַנג זיך אײַנגעקוקט אין מינטשוקס פּנים.

זאַוול איז אַוועק מיט די צוויי רייטער, וואָס האָבן געבראַכט מינטשוקס טויטן קערפּער.

— ווי אַזוי איז עס געשען? — האָט ער געפרעגט.

— דרייען קעגן זיבן זײַנען מיר געגאַנגען, — האָט איינער פון די רייטער דערציילט.— האָט זיך עס פאַרצויגן אַ ביסל. פונדעסטוועגן האָבן מיר דרייען זייערע אַנידערגעלייגט. די איבעריקע זײַנען זיך צעלאָפן.

— ווי האָט עס פּאַסירט מיט מינטשוקן? — האָט זאַוול נאָכאַמאָל געפרעגט.

— ער האָט זיך נאָכגעיאָגט נאָך די איבעריקע, וואָס זיינען אַנטלאָפן. זיי האָבן זיך אַלע ווילע אויסגעדרייט און געשאָסן, האָט אים אַ קויל געטראָפן.

— וואו האָט איר זיי געפּאַקט?

— ביי דער קרעניצע. אין וואַלד.

— דעם זאַוועלער וועג האָט איר געעפנט?

— ניין, פאַרקערט... דעם זאַוועלער וועג האָבן מיר מאַסקירט... פונעם וועג האָבן מיר זיך ניט וויסנדיק געמאַכט...

— וואָס האָט איר זיך יאָ דערוואוסט?

— דער וועג איז פריי, און עס איז אַ קלאָרע זאַך פאַרוואָס: עס לוינט זיי ניט. דער טראַקט איז אַ שמאָלער, זייער אַ פאַרלאָזענער, פון ביידע זייטן — טיי־פע זומפן. דרייען זיי זיך מיטן וואַלד... צו לאַשוויץ צו... קיין גרויסע כוחות האָבן מיר ניט געזען... איך רעכן, אַז זיי האָבן ניט קיין גרויסע כוחות.

זאַוול האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

אַ הויכער, אַ דינער אין דער טאַליע, אָנגעטאָן אין אַ קורצער לעדערנער קורטקע, אַ ביקס אויף די פּלייצעס, אַ נאַגאַן אויף איין זייט, אַ שווערד אויף דער צווייטער, פלעגט ער מיט זיינע פריילעכע באַוועגלעכע בלויע אויגן כסדר שפּרייטן אַרום זיך מונטערע, מוטיקע לייכטקייט. אָבער איצט איז זיין פּנים געווען שטרענג און בייז, די ציין — פאַרקלעמט. מינטשוקן האָבן זיי אַוועק־געלייגט, די באַנדיטן!

ער האָט געקריצט מיט די ציין:

— זיי וועלן עס מיר באַצאָלן, טייער באַצאָלן...

ווען ער האָט זיך צוריקגעקערט אין הויף, איז שוין פאַרטיק געווען דער קבר.

אַן עסקאַדראָן רייטער איז פונדערווייטנס געשטאַנען גרייט.

ער האָט זיך געזעצט אויף זיין פערד און האָט דעם עסקאַדראָן אַהער גע־בראַכט, צום קבר — באַגלייטן מינטשוקן.

## 19

האַלב פיר פאַרטאָג האָט מען אויפגעהויבן דעם גאַנצן אָטריאַד.

דער רעגן איז געוואָרן שיטערער, אָבער שווערער אין וואָג. אַ שטיל פאַר־פרימאָרגן ווינטל האָט זיך גענומען שפּילן מיט אים. עס האָט אויסגעזען, אַז ער וויל צעטרייבן די וואָלקנס און אָפּדעקן די אויפגייענדיקע שיין. דאָס איז

אים ניט געלונגען. דער רעגן האָט ניט אויפגעהערט. ער האָט נאָר בייז גע־ברומט יעדעס מאָל, ווען דער ווינט האָט אים אַ שאַרפערן ריס געטאָן.

זאַוול האָט געהייסן שפּילן דעם „אויפשטייג״־סיגנאַל.

פון די נאָענטע און ווייטע קוסטעס האָבן זיך אָנגעהויבן אָפּטיילן סילועטן. פאַרשלאָפענע זיינען זיי געקראָכן פון די גרינלעכע אָנגעווייקטעביידלעך, וואָס זיינען צעשטעלט געווען אינעם וואַלד. די מענטשן האָבן געציטערט אונטערן רעגן, געוואַשן די קעפּ מיט די פּנימער אונטער די קאַרגע, אָבער שווערע טראָפּנס, וואָס זיינען אויף זיי געפאַלן פון צווישן די לאַפּעס פון די יעלן, און ביסלעכווייז באַקומען פרייליכקייט און באַוועגלעכקייט אין די גלידער.

אין דער ווייט האָט זיך שטיל געוויכערט די קיך. דאָס לעצטע שטיקל נאַכט האָט זיך צעקלונגען מיט קעסל־געקלאַנג, מיט מונטערע רייד.

נאָכן קורצן פרישטיק האָט מען זיך גענומען צו די פערד. די רייטער האָבן געריבן און געוואַשן די פערדישע רוקנס און פיס. דערנאָך האָבן זיי די פערד געזאָטלט.

זאַוול האָט אַרויסגעשיקט פּאַטרולן אין זאַסטאַוועס. ער האָט איינגע־שטעלט פאַרבינדונג. מער איז דערווייל ניט געווען וואָס צו טאָן. איז ער אַוועק צו די רייטער. ער האָט זיי צעטיילט אויף קליינע גרופּעס — צו צוואַנציק־דריי־סיק מאַן אין אַ גרופּע, און אָנגעהויבן זיי דערקלערן די שלאַכט־אויפגאַבע פונעם היינטיקן טאָג.

דער טאָג האָט זיך דערווייל געזוקט. דער רעגן האָט אויפגעהערט, אָבער די פייכקייט איז איבער דער ערד געהאַנגען געדיכט און שווער.

שפּעטער האָט ער זיך געזעצט מיט אַ פּאָר רייטער אויף די פערד און איז אַוועקגעריטן אַ קוק טאָן די זאַסטאַוועס.

ווען ער איז צוריקגעקומען, איז אים אַנטקעגן געלאָפן לאָהקע.

— וואו ביסטו ניט געוואָרן? — האָט זי כמעט מיט כעס געשריען. — שוין אַ שעה אוודאי, ווי איך זוך דיך אַרום! דער צירקל רופט! גיכער!..

זאַוול האָט אַ שמייכל געטאָן צו איר און איז אַוועק צום טעלעפאָן.

— יאַ־יאַ, — האָט ער געשריען אין טעלעפאָן מיט אַ פריילעכער שטים, — וואָס?.. וויפל?... איצט הער און פאַרשרייב. ערשטנס: אַרויס פון וויאַ־דוקע... פאַרשריבן? צווייטנס: ביי די שיטערע בערעזניקעס זיך אָפּשטעלן, אָפּגעבן דעם ערשטן גוט־מאָרגן... וואָס?.. שטעל אַוועק דעם אַמעריקאַנער הינטערן בערגל און גיב אים דאָס וואָרט אויף אַ מינוט... אויף איין מינוט... וואָס?... אויף איין מינוט אויף דיין קאַזיאָנעם זייגער... דערנאָך געלאָזן זיך אָפּרוקן פון טראַקט... וואָס? יאַ־יאַ... צום ציר‌קל?.. ביים ציר‌קל וואַרט אונדז... אַלץ!..

געענדיקט ריידן מיטן צירקל, האָט ער אָנגעקלונגען טראַפּימאָוון.

— קרעניצע... קרעניצע... קרעניצע... הער, דו, שד פון דער בלאָ־טע... קרעניצע... טראַפּים פּיאַדאַראָוויטש... טראַפּים פּיאַדאַראָוויטש... זאַוול... טראַפּים פּיאַדאַראָוויטש... דער צירקל דערציילט: ביי דער אָזערע האָט זיך באַוויזן די באַנדע... דריי הונדערט, זאָגט ער... יאַ־יאָ... ביי אייך זעט מען ניט? איך האָב באַפוילן... אַרויס פון וויאַדוקע, אַ־די שיטערע בערעזניקעס אַ רייץ טאָן... יאַ־יאָ... פאַרנעמען דעם צירקל... יאַ־יאָ... איך גיי אַהין... ניין... שטייט אויפן אָרט... וואָס?.. וואָס?.. איך וועל זיך ספּראַווען... ביז איר וועט קומען אַהער ,וועט שוין זיין נאָך אַלעמען... מע דאַרף ניט... מע דאַרף ניט ברעקלען די כוחות... יאַ־יאָ... איך נעם עס אויף זיך... וואָס?.. אין אַ שעה אַרום וועל איך זיין אויפן צירקל... וואָס? ווער?... נאַפּאַלעאָן?.. ווען?.. אַ־אָ... איך פאַרשטיי. איך פאַר־שטיי... גוט... איך הער... אַלץ...

ער האָט אַוועקגעלייגט דאָס טרייבל.

— פאַרנומען זיך פונדאַנען! — האָט ער אַ זאָג געטאָן צו לאַהקען. — וויקל דעם דראָט צום צירקל. געהערט, וואָס טראַפּים זאָגט? דעם צירקל האָבן אויסגעבויט רוסישע סאָלדאַטן, ווען זיי האָבן זיך דאָ געשלאָגן מיט נאַפּאַלעאָנס אַרמייען... מיט הונדערט און אַכט יאָר צוריק... טשיקאַווע... ער זאָגט, אַז מיר וועלן זיך שלאָגן אויף היסטאָרישע ערטער, און מיר טאָרן עס ניט פאַרפושן... פאַרשטאַנען, לייטשיק?

ער האָט צו איר אַ שמייכל געטאָן מיט די אויגן. זי האָט זיך ווי אַ ריס געטאָן צו אים, אויך אַ ליכטיקן שמייכל געטאָן. אָבער גלייך זיך אָפּגעקערט צום אַפּאַראַט, געמאָלדן אַלע אירע טעלעפאָן־קאָלעגן, אַז זי וויקלט צום צירקל, אין אַ שעה אַרום וועט זי זיין דאָרטן.

— קרעניצע...—האָט זי פריילעך גערעדט אין טרייבל.—שפּיר מיך נאָך... איך וועל נאָך פון פעלד דיר אָנקלינגען... זאָג אַלע איבעריקע... האַלט פאַרבינדונג. וואָס? יאַ־יאָ!... האַלט... לאָז ניט אַרויס...

לאַהקע איז אַוועק מיטן וואַלד.

זאַוול איז אַוועק צו דער קיך.

— פאַרטיק?—האָט ער אַ פרעג געטאָן ביים קאָכער—אַ קליין, דאַר יידל מיט אַ רייך־געגאָלט געשטופּלט פּנים, אין אַ ווייס מיצל אויפן קאָפּ און גרויען פאַרטעך אויף די רויטאַרמייאישע קליידער.

— פאַרזוך,—האָט אים דער קאָכער דערלאַנגט אַ גרויסן הילצערנעם לעפל באָרשטש.

— הערט, — האָט זאַוול אַ זאָג געטאָן, — אין איינע פינף מינוט זאָל מיר דער טיש זיין צעטיילט!

— איך טו און איך הער! ווי אין דער תורה שטייט...

— איך וועל דיר ווייזן תורה...

דער קאָכער האָט אים ווידער אָנגעכאַפּט ביי אַן אַרבל:

— און וועטשערע?

— מירן קומען צו וועטשערע.

— און אויב ניט? — דער קאָכער האָט אַ וואונק געטאָן מיטן אויג. — מ'אַלע וואָס סע מאַכט זיך אין אַ וועג...

— וואָס ווילסטו?

— וועל איך ברענגען דאָס עסן אויף דער פּאָזיציע... מער וויל איך גאָרניט.

— ברענגען! — האָט זאַוול אַ זאָג געטאָן.

— וואוהין?

— צום צירקל.

— צום צירקל? — האָט דער קאָכער פּאַרטרוימט אַ זאָג געטאָן. — אַ פיין אָרט — דער צירק... נאַפּאָלעאָן איז דאָרט געווען...

— וואָס זשע קאָכן מיר אויף וועטשערע?

— אַ געבראָטנס...

— אויף אַ געבראָטנס איז היינט אויפן מאַרק קיין פלייש ניט געווען... איך וועל מאַכן קרעפּלעך... פאַלשע קרעפּלעך מיט הירזש... עס גייט דאָך עפּעס סוכות אויף דער וועלט...

אין אַ שעה אַרום איז דער עסקאַדראָן געוועןביים צירקל. די טאָג־שיין האָט זיך שוין גענומען לעשן.

דער צירקל — אַ הויכלעכער וואַל אין דער פאָרם פון אַן אָפענעם צירק, באַוואַקסן מיט געדיכטע, נידעריקע קוסטעס „וועלפישע יאַגעדעס" — איז פון דער קרעפּעטער זייט שוין געווען אין פולער טונקלקייט. דער גרויסער וואַלדקרייז, ביי אַ וויאָרסט אין דיאַמעטער, — איין עק זיינער האָט זיך גע־וואַשן אין דער וויאַדוקער אָזערע און דער צווייטער האָט זיך איינגעשפּאַרט אינעם שמאָלן שטעגל, וואָס האָט געפירט פון וויאַדוקע קיין קרעפּעטע, — איז איצט געלעגן, ווי אַ פאַרטעציע, ווי אַ וויטלעכער קרעפּעטער פאָרפּאָסט. די וועלדער אַרום זיינען שוין געווען גאָר שוואַרץ, אַהין איז שוין אָנגעקומען די נאַכט.

לאַהקע איז געלעגן אויף איר אָרט — אין סאַמע צענטער פון צירקל. זי האָט געהאַלטן אין איין שרייען אינעם טעלעפאָן־טרייבל:

— קרעניצע... קרעניצע... קרעניצע...

פאַר די עטלעכע חדשים, וואָס זי איז געווען אין טראַפּימס אָטריאַד, האָט זי באַקומען אַ שם פון אַ מענטשן, וואָס האָט קיין מורא ניט אפילו פאַרן אשמדאי אַליין. — אונטער דעם גרעסטן האַגל קוילן גייט זי מיט איר קלעצל און וויקלט זיך דעם דראָט, וואוהין זי דאַרף, — און אויך פון אַ מענטשן, וואָס קאָן אַרויס־רופן אפילו „יענע וועלט".

— אַ קולעכל אַזאַ! — האָבן די רייטער געשמייכלט. — ניטאָ קיין סאָ־וועסט ניט אָפּצורופן זיך אויף אַזאַ קול...

און די קרעניצע האָט ענדלעך געענטפערט.

לאַהקע האָט מיט איר זיס און דערפרייט קולכל זיך גענומען אויספרעגן ביי דער קרעניצע אַלע נייס.

נאָר ביי דער קרעניצע זיינען נאָך דערווייל קיין וויכטיקע זאַכן ניט געשען. די פאַרפּאָסטן האָבן באַמערקט איינצעלנע רייטער, אָבער די באַנדע האָט זיך נאָך ניט באַוויזן. עס האָט אויסגעזען, אַז די באַנדע באַהאַלט זיך אויס, אָדער זי מאַנעווורירט ערגעץ אויף צו באַווייזן זיך פון אַן אומגעריכטער זייט.

זאַוולען האָט עס נערווירט.

ער האָט געקוקט אויף זיינע רייטער, וואָס זיינען געלעגן שלאַכט־גרייט, און אים האָט פאַרדראָסן, וואָס דער אויספּיר איז אַזוי שלעכט געווען באַ־וואָרנט, אַז עס איז שוין אַוועק דער טאָג, און ער האָט נאָך גאָרניט ניט אויפ־געטאָן און ער ווייסט ניט, וואו דער שונא איז.

פלוצלונג האָט זיך פון הינטן באַוויזן אַ רייטער־גרופּע. אַ מאַן זיבן האָבן געריטן מיטן טאָל.

— פעדיע? — האָט זאַוול ביי זיך אַליין אַ פרעג געטאָן און צוגעלייגט דעם בינאָקל צו די אויגן.

די רייטער־קייט אויפן צירקל האָט זיך אַ רודער געטאָן, אַ ציי געטאָן זיך צו דער רייטער־גרופּע, וואָס האָט זיך קאַריער אַהער געטראָגן.

פעדיע איז געווען דערפרייט, וואָס ער האָט ניט געפונען די זייניקע, אָבער דאָס, וואָס ער האָט דערציילט, איז געווען זייער אומגעריכט און כמעט ניט צום גלייבן. די באַנדע גייט מיטן שמאָלן שטעג אויפן ברעג קרעפּעטע־טייך. אין האַרבסט איז דער ברעג אין דורכאויסיקער זומפּ. פאַרוואָס טוען זיי עס?

— צו די פערד! — האָט זאַוול אַ געשריי געטאָן.

— צו וואָס זיי טוען עס, פאַרגעסן, פעדיע? זיי ווייסן, וואָס זיי טוען. מיטן ברעג טייך איז מען פאַר דריי שעה אין קרעפּעטע.

— אויב זיי מיינען דאָס, איז שוין פאַרפאַלן...

— וואָס?

— מירן זיי ניט אַניאָגן...

— הערט נאָר, — האָט זאַוול אַ רוף געטאָן, — קינדער, — האָט ער צו זיי מיט אַ שמייכל אַ זאָג געטאָן, — געהערט די נייס? די באַנדע גייט מיטן ברעג... דאָס איז אַן איידל שטיקל אַרבעט. דאָס דאַרף מען קענען... דער מיין זייערער איז קלאָר: צעטרעטן קרעפּעטע, פאַרכאַפּן דעם טראַקט. אַניאָגן זיי, זאָגט פּעדיושע, וועלן מיר שוין ניט באַוויזן, צו ווייט אַוועק. וואָס טוען מיר?

—איבערהאַקן דעם וועג, — האָט זיך איינער אָפּגערופן.

—אַריבערשווימען דעם טייך? — האָט זאַוול אַ פרעג געטאָן.

— אויב עס געראָט אונדז אַריבערכאַפּן זיך, האָבן מיר זיי — אַט־אַ־דאָ!

— האָט אַ זאָג געטאָן אַ קליין רייטערל און באַוויזן אַ פויסט.

— פאַרוואָס זאָל ניט געראָטן?

— דער טייך איז דאָ טיף.

— דאָס וואַסער איז — אייז־קאַלט.

— נו! איצט איז עס גראָד וואַרעמער, וואַרעמע רעגנס זיינען געגאַנגען...

— שווימען, זאַוול!

אַ מאָן זיבן — אַכט יונגע קינדער, אַלע מיט כמעט נאָך נאַקעטע פּנימער. מיט גרויסע טשופּרינעס, זיינען געשטאַנען אַנטקעגן זאַוולען. זאַוול האָט צו זיי געשמייכלט, זיי האָבן אים געענטפערט מיט אַ שמייכל.

—אַלץ איז גוט, — האָט איינער פון זיי אַ זאָג געטאָן, — אָבער מיט די מאָטשאַנקעס, מיט די סאַניטאַר־וועגעלעך, מיט די קעסלעך פּאַטראָנעס וועט זיין שווער... דאָס וואַסער איז אין דעם אָרט טיף...

— גיי ווייס פריער, וואָס שפּעטער וועט זיין!..

— קינדערלעך, — האָט זאַוול נאָך ברייטער געשמייכלט, — גיין דורכן טייך קומט אונדז אויס צום ערשטן מאָל... דאָס איז אמת... אָבער קיין אַנדער וועג איז דאָך ניטאָ?

— ניטאָ! — האָבן אַלע געענטפערט.

— ווייסט איר וואָס? — האָט דער יינגסטער, דער קלענסטער אין וואוקס, זיך אָפּגערופן. — לאָמיר צעגעמען די מאָנטשאַנקעס... אַ ראָד קאָן יעדער איינער אויף זיך שלעפּן, אַן אַקס — אויך...

זיי זיינען אַוועק, יעדער צו זיין גרופּע, און האָבן זיך צענומען דעם גאַנצן טראַנספּאָרט זייערן אויף איינציקע טיילן.

און אַט טראָגט זיך שוין איבער דעם שטילן שטראָם פון טיפן קרעפּעטער טייך אַ מחנה רייטער איינער נאָך איינעם, ווער מיט אַ ראָד, ווער מיט אַן אַקס, ווער מיט אַ פּאָר קעסטלעך פּאַטראָנעס, און ווער מיטן גאַנצן קאָרב פונעם צווייערדלדיקן פּורל איבערן קאָפּ.

זאַוול וויזט דעם וועג. די פערד שווימען מיט שטייף־אויסגעצויגענע מאָרדעס איבערן וואַסער, זיי טראָגן זייערע רייטער מיט די שווערע שטיקער מאַסעס איבער זייערע קעפּ פּאָרזיכטיק, אָפּגעהיט און זיכער, טראָט נאָך טראָט, שפּאַן נאָך שפּאַן. אַ טייל רייטער שטייען אויף די רוקנס פון די פערד און האַלטן אויף זייערע אייגענע רוקנס רעדער, קאַסטנס פּאַטראָנעס, „מאַקסימען" און „קאָלטן". ווי נאָר זיי קומען נעענטער צום ברעג, דרייט זיך זאַוול אויס, שטעלט זיך אָן אַ זייט, לאָזט דורך אַלע זיינע רייטער און זאָגט זיי אָן:

— פונדאַנען — גאַלאָפּ־גאַלאָפּ... דאָס וואַסער איז קילבלעך... די באַלעבאַטישקייט וועלן מיר צונויפשטשאָבען אין אַלשאַניק, וואַרעמט אָן די פערדלעך, קינדער... גיב איבער... — שמייכלט ער צו יעדן רייטער באַזונדער.

— גיב איבער, — דרייען אום די רייטער די קעפּ צו זייערע חברים.

און אָט טראָגט זיך שוין אַ רייטער־מחנה איבערן נאַסן פעלד. דאָ זיינען די „באַפּאַלעאָנער אינדזעלעך". פון דריי זייטן זיינען זיי אַרומגערינגלט מיט טיפע שיטערע זומפּן, פון דער פערטער — פּאַראויס — ליגט דער טייך קרעפּעטע, וואָס דרייט זיך און שלענגלט זיך ווי אַ וויזעלע הין און צוריק צווישן זומפּן און וועלדלעך. דאָ, מיטן שמאָלן ברעג־שטעגעלע, האָט זיך ניט אייליקן טראָט געטראָגן די באַנדע.

ווען זאַוול האָט באַפוילן זיך צעשיטן אויף די אינדזעלעך, צעשטעלן דאָ אין אַלשאַניק די „קאָלטן" מיט די „מאַקסימען" און אַרויסלאָזן די ערשטע פּאָר לענטעס, האָט מען אין עק פון דער באַנדיטישער קאָלאָנע, וויזט אויס, באַמערקט די באַוועגונג אויפן אינדזל, אָבער אין דער זעלבער רגע האָבן שוין די קוילנוואַרפער געאַרבעט, געצויגן דורך זיך די לענטעס און האַסטיק געשאָסן. דאָס איז געווען, וויזט אויס, אומגעריכט פאַר דער באַנדע, און אין די ערשטע מינוטן האָט זי געהאַט שווערע פאַרלוסטן. אָבער אויך די באַנדע האָט זיך גיך איבערגעגרופּירט, אויסגעלייגט זיך אין אַ קייט פּאַזע דעם ברעג טייך, און די שלאַכט האָט זיך צעשפּילט.

לאָהקע איז געלעגן אָן אַ זייט, אונטער אַ קוסט, און אַריינגעשריען אין טרייבל:

— קרעניצע... קרעניצע.... קרעניצע..

און לסוף — מיט פרייד;

— קרעניצע!..

זי האָט מיט אַ הייסן געפּליסטער דערציילט אין טעלעפאָן־טרייבל וועגן דער שלאַכט, וואָס האָט זיך פאַנאַנדערגעוויקלט דאָ, אין אומגעריכטן אָרט. זי האָט געקוקט פון הינטערוועג קוסט און געזען, ווי די רייטער זיינען גע־בליבן ליגן איינע קעגן די אַנדערע — קיינער פון זיי האָט ניט געוואָגט צו גיין אין אַטאַקע; צווישן זיי איז געלעגן אַ טיפער זומפּ. זי האָט פּינקטלעך גע־וואָלט באַשטימען די גרויס פון דער באַנדע.

— אַ מאַן דריי הונדערט זיינען זיי! — האָט זי אַריינגעשריען אין טרייבל.

אָבער אין אַ מינוט אַרום האָט זי באַמערקט, ווי אויפן וועג האָבן זיך באַוויזן נאָך און נאָך רייטער, און זי האָט מיט שרעק אין דער שטים געשריען אין טרייבל אַריין, אַז פון דער קרעניצע דאַרף מען גלייך אַרויסשיקן הילף, גלייך, די מינוט... און פון לאָשוויץ דאַרף מען אַרויסרופן הילף... הילף... די מינוט .. אין דריי מאָל, אין פינף מאָל אַזויפיל זיינען דאָ די באַנדיטן... עס זעט אויס, אַז דאָ זיינען די הויפּט כחות זייערע...

— הילף... הילף... — האָט זי געשריען, — די מינוט... די מינוט...

עפּעס האָט אַ דזשיקע געטאָן, אַ ברום געטאָן לעבן איר אַפּאַראַט, עפּעס האָט אַ ברי געטאָן אין דער האַנט. לאָהקע האָט גערופן, געבעטן, געדראָעט, געשריען:

— קרעניצע... קרעניצע...

די קרעניצע איז פּלוצלינג שטום געוואָרן.

אין דער רעכטער האַנט האָט זי דערפילט אַ היץ, אַ פייכטקייט.

— בלוט? — זי האָט ברייט צעעפנט אירע טונקעלע ווייבשל־אויגן און גלייך ווייטער גערופן:

— קרעניצע... קרעניצע... קרעניצע ...

מיטאַמאָל האָט זי באַמערקט: דאָס טרייבל איז צעהאַקט, צוויי פינגער אירע הענגען, ווי אָפּגעבראָכענע צווייגלעך, די גאַנצע האַנט איז ווי אַנגעטאָן אין אַ רויטער הענטשקע זי האָט זיך אויפגעהויבן און איז אַנטלאָפן מיט דער וואַלד־סטעזשקע אין דער זייט פון קרעפּעטע. זי איז געשפּרונגען פון קאַטש־קע אויף קאַטשקע, האָט געוואָרפן מיט דער פאַרוואונדעטער האַנט, ווי זי

וואַלט געוואַלט אַ וואָרעם פון דאָרט אַראָפּוואַרפן, און אַלע ווײַלע איז זי געפאַלן אויף דער ערד. אַלע ווײַלע האָט זי צוגעפּויזעט צו די קוסטעס און אַרויסגעקוקט צו דער שלאַכט.

ווען זי איז געוואָרן נאָענט צו קרעפּעטע, האָט זי געזען: צוויי קאָלאָנעס רײַטער האָבן זיך ענדלעך צונויפגעפּלאָכטן אויף אַ שמאָל שטעגעלע אין אַ האַנט־געפעכט. אַ סך פערד זיצן ביז די בײַכער אין זומפּ, אַ סך פון זיי ליגן שוין מיט פאַרוואָרפענע פיס אַרויף, אַנדערע — מיט אויסגעצויגענע, שטום אויסגײַענדיקע מאָרדעס אַריבערן זומפּ. אַ סך רײַטער ליגן שוין טויטע אויפן אינדזל.

נאָר די שלאַכט גייט ווײַטער.

פון וועג קומען אַלץ נײַע און נײַע רײַטער — באַנדיטן

זי זוכט מיט די אויגן זאַוולען און דערזעט אים אין סאַמע מיטן געקאָך. איר דוכט זיך, אַז ער שמייכלט, אויסמײַדנדיק קונציק די קלעפּ פון די באַנ־דיטן, וואָס האָבן אים שוין כמעט ווי אַרומגערינגלט.

— אויס. אַן עק!.. — שרײַט זי אויס.

די אויגן פאַרלויפן בײַ איר מיט אַ נעפּל. זי זעט גאָרניט, און פון שרעק, און פון ווילן עפּעס צו דערזען, פאַרזשומערט זי זיי אויף אַ ווײַלע.

נאָר אָט גיט זי זיי ווידער ברייט אַן עפן און זי זעט זייער קלאָר, זייער דײַטלעך: זאַוול האָט זיך שוין ווידער אַרויסגעריסן פונעם רינג, ווידער טראָגט ער זיך מיט עטלעכע פון זײַנע מענטשן גלײַך אויף די באַנדיטן... אויפן האַרצן ווערט איר גרינגער...

און פּלוצלונג דערזעט זי, ווי זאַוולס גרופּע ווערט ווידער צעשאָטן. ווי־דער איז ער איינער אַליין אין פײַנטלעכן, בלוטדורשטיקן רינג, און אָט איז דער קלאַפּ שוין געפאַלן אויף זײַן קאָפּ, און אָט איז שוין זאַוולס פערד אָן אַ רײַטער, דיבעם האָט זיך דאָס פערד געשטעלט און איז אומגעפאַלן אויפן רוקן, מיט די פיס אַרויף, און אָט איז...

אָבער אין דער זעלבער רגע דערזעט זי, ווי פון הינטן, ערגעץ פון דער זײַט, מיטאַמאָל, ווי פון אונטערן וואַסער, שווימען אַרויס נײַע רײַטער, — איינער נאָך איינס, פּאָר נאָך פּאָר, דרײַלינג נאָך דרײַלינג...

דאָס האָט די קרעניצע צוגעשיקט אַהער פרישע כחות?

זיי ציען זיך פון אונטערן וואַסער, ווי אַן אומענדלעכע קייט, זיי וואַקסן, זיי קלעפּן זיך אײַנע צו די אַנדערע, און אָט איז שוין אויסגעוואַקסן הינטער דער באַנדע אַ גרויסע קאָלאָנע, און מיט האַסט טראָגט זי זיך פון הינטן און פון דער זײַט אויף דער באַנדע.

— דאָס זײַנען אונדזערע, אונדזערע... האָט זי זיך דערפרייט.

עס האָט זיך ווידער פאַרקאַכט אַ האַנט־געפּעכט.
זי קאָן אָבער שוין מער ניט קוקן.
זאַוולען זעט מען ניט.
— זאַוול איז טויט, טויט... שעפּטשען אירע ליפּן.

זי וויל לויפן צום שלאַכטפעלד, אַריינרייסן זיך אינמיטן און זען, וואָס איז געוואָרן מיט זאַוולען. נאָר די קניען האַקן זיך ביי איר אונטער, און זי פאַלט אַוועק. איר דוכט זיך, אַז דאָס אַלץ, וואָס זי האָט נאַרוואָס געזען, איז ניט מער, ווי אַ בייזע פאַרבלענדעניש. אין דעראַמתן ליגט זי אויף איר אַלט אָרט, הינטער די קוסטעס. דאָס טעלעפאָן־טרייבל איז ביי איר אין די הענט, און זי דאַרף וואָס גיכער אַרויסרופן די קרעניצע. איר דוכט זיך, אַז זי נעמט דאָס טרייבל אין האַנט און קלאַנגלאַז, אין איינעם געדאַנק בלויז, גיט זי אַ שעפּטשע:

— קרעניצע...

און פאַרלירט דעם באַוואוסטזיין.

אָבער אין אַ ווײַלע אַרום, ווי איר דוכט זיך, הייבט זי זיך אויף און דער־מאָנט זיך מיט שרעק, אַז עפּעס איז געשען מיט איר האַנט. זי כאַפּט פלינק אַרויס איר אינדיווידועלן סאַניטאַר־פּאַקעט, גיט אַ האַק דאָס העלדזל פונעם יאָדינע־פלעשעלע אָנעם צעבראָכענעם אַפּאַראַט, גיסט אויס די ברוינע, ברע־נענדיקע פליסיקייט אויף די צעשאָסענע פינגער, פאַרבינדט זיי מיט מאַרליע און דערזעט פּלוצלונג אין דער שוואַכער שיין פונעם אויסגייענדיקן טאָג אַ גרויסע קאָלאָנע רייטער. די קאָלאָנע איז געבויט מאָדנע — אין דער פאָרם פון אַ ריזיקן „ס". אייגוויניק, אינעם רינג פון דער קאָלאָנע, גייען אַ סך מענטשן אָן געווער, מיט געבויגענע פּלייצעס און אַראָפּגעלאָזטע קעפּ.

זי וויל צולויפן צו זיי, אָבער זי דערשפּירט אַ שוואַכקייט אין די פיס. איצט זעט זי שוין קלאָר, אַז אין רינג זיינען איינגעשלאָסן די באַנדיטן. עס כאַפּט זי אָן יענע פרייד, וואָס מען קאָן טרעפן ביי מענטשן, וואָס קומען ענדלעך נאָך אַ לאַנגער שווערער רייזע צום געגאַרטן ציל, אָבער דאָ דערמאָנט זי זיך אָן זאַוולען, אָן זיין טויט, און זי בלייבט שטיין אין אַ פאַרלעגנהייט, ווייסט ניט וואוהין צו גיין.

הינטער דער ערשטער קאָלאָנע, וואָס פירט די געכאַפּטע באַנדיטן, באַ־וויזט זיך אַ צווייטע, אַ ריכטיק־געבויטע קאָלאָנע, צו דריי רייטער אין אַ ריי. די קאָלאָנע טראָגט זיך גאַלאָפּ, און ווען זי יאָגט אַריבער די קאַנוואָאירטע געפאַנגענע, רייט זי אַוועק מיט אַ רואיק טראָט און פאַרציט אַ זיגערישע ליד.

לאַהקע דרייט זיך אויס, וואַרפט אַ בליק אויף די פּוסטע און שטום־גע־

וואָרענע „נאַפּאָלעאָנער אינדזלעך״, גייט אַרויס אויפֿן זאַוועלער טראַקט און שרייט נאָך אַ פּורל, וואָס טראָגט זיך קיין לאַשוויץ. זיצנדיק אין וואָגן, פֿילט זי, ווי שטאַרק עס קלאַפּט איר האַרץ, שעפּטשעט שטום מיט די ליפּן:

„נײַן, נײַן... עס קאָן ניט זײַן... ער איז גאַנץ... ער לעבט, זאָוול...״

און איר דוכט זיך, אַז זי הערט זײַן קול אינעם געזאַנג פֿון די רײַטער.

## 20

חנהקע האָט געטראָפֿן פּערעלען מיט אַ פּענכער אײַז אויפֿן שטערן, אָן באַ־וואסוטזיין. בײַ איר בעט איז געזעסן די שוועסטער ברכה, פֿאַרוויקלט אין אַ טוך אַריבער די אויגן, און האָט זיך געשאָקלט הין און הער, ווי בײַ אַ מת.

ניט אויפֿהערנדיק זיך שאָקלען, האָט ברכה אַ קוק געטאָן אויף חנהקען מיט אַ בליק פֿול מיט שנאה.

— וואָס מאַכט זי? — האָט חנהקע שטיל געפֿרעגט בײַ דער שוועסטער.

ברכה האָט בלויז געשעפּטשעט מיט די ליפּן.

— וואָס זאָגסטו? — האָט חנהקע שטיל איבערגעפֿרעגט.

— דושעהובקע, — האָט ברכה אַרויסגעזייט פֿון צווישן די ציין, ווי אַ קללה.

חנהקע האָט גאָרניט געענטפֿערט.

דער דאָקטער האָט אָפֿן געזאָגט, אַז מיט זייער שוועסטער האַלט שמאָל: בײַ איר איז שטאַרקע לונגען־אָנצינדונג אויף בײדע לונגען. בײַ איר אָפּגע־שוואַכטן אָרגאַניזם, אין איר עלטער, איז עס זייער געפֿערלעך.

ווען דער דאָקטער איז אַוועק, איז ברכה אַרויס מיט געשרייען קעגן חנהקען. זי האָט באַשולדיקט חנהקען אין דער שוועסטערס טויט.

— די גאַנצע וועלט לעבט רואיק, — האָט זי געשריען, — איינע דו ביסט אַזאַ, וואָס וואו צוויי, מוזטו זײַן די דריטע... דו ביסט ווינטער ערגעץ פֿאַרפֿאַלן געוואָרן מיט זיי, מיט די... איז זי געגאַנגען דיך זוכן און פֿאַר־קילט זיך די לונגען... דו וועסט די קינדער אויך פֿאַהובען...

חנהקע האָט איר געוואָלט דערקלערן, אַז פּערעלע איז ווינטער גאָר געגאַנגען זוכן דעם פּאַרטיזאַנישן אָטריאַד... און נאָך האָט זי געהאַט איר עפּעס צו דערקלערן און דערקלערן... אָבער ווען ברכהקע האָט געענדיקט, איז בײַ חנהקען אָפּגעפֿאַלן דער חשק צו אַמפֿערן זיך מיט איר. ענטפֿערן — וואָלט געהייסן בלויז פֿאַרקאָכן אַ קריגערײַ בײַ דער קראַנקערס בעט. האָט זי אַ זאָג געטאָן צו ברכהקען שטיל און רואיק, אַז זי מוז אודאי זײַן שטאַרק

אויסגעמאַטערט — אַ גאַנצע נאַכט איז זי דאָך דאָ געזעסן — זאָל זי איצט גיין זיך אָפּרוען. זי, חנהקע, וועט דאָ זיצן...

די שוועסטער האָט נאָך עפּעס אַ בורטשע געטאָן און איז אַרויס.

שפּעט אין אָונט איז געקומען אַבאַ. גלייך נאָך אים איז געקומען דער דאָקטער. אַבאַ איז געווען עפּעס אומישנעדיק מונטער אין די באַוועגונגען און זייער בלייך, שטאַרק פינצטער אין פּנים. ער האָט זיך מאָדנע צאַרט באַנו־מען מיט חנהקען. חנהקע האָט עס באַמערקט און מיט אומרו געפרעגט:

— וואָס איז געשען?

דער דאָקטער האָט קורץ באַטראַכט די קראַנקע און גלייך זיך צוגעזעצט, ווי אַ מענטש, וואָס האָט דאָ ניט וואָס צו טאָן.

אַבאַ האָט געפּרואווט פאַרפירן אַ שמועס מיטן דאָקטער.

— איר ווייסט, — האָט ער געזאָגט, — די באַנדע איז ליקווידירט.

— פאַראַן ידיעות? — האָט חנהקע האַסטיק געפרעגט.

— יאָ, איך האָב באַקומען ידיעות...

אַ היפּשע ווײַלע זיינען אַלע געזעסן שטום.

חנהקע האָט אַ פרעג געטאָן:

— קיין פּרטים פון דער שלאַכט ווייסט מען נאָך ניט?

— ניין... — האָט אַבאַ פאַרטראַכט געענטפערט.

דאָ איז אָנגעקומען האַלבע נאַכט, און די טעמפּעראַטור ביי דער קראַנקער איז מיטאַמאָל שטאַרק געפאַלן.

פּערעלע האָט אויף אַ ווײַלע געעפנט די אויגן, געפּרואווט אויפהויבן אַ האַנט, ווי זי וואָלט געוואָלט, אַז עמעצער זאָל איר העלפן אויפשטיין, און שטיל, זייער שוואַך אָפּגעהאַקט, אַרויסגעברומט עטלעכע ווערטער. דעם זין זייערן האָט מען ניט געקאָנט כאַפּן.

דער דאָקטער האָט זי אָנגענומען ביי דער האַנט. ער האָט געשעפּטשעט מיט די ליפּן, געציילט דעם פּולס.

אין דער רגע האָט זיך אויף דער שוועל באַוויזן לאָהקע. די רעכטע האַנט אירע איז געווען פאַרבונדן, אָבער די מאַרליע איז געווען דורכגענעצט און אויסגעשמירט אין בלוט און אין בלאָטע. איר פּנים איז געווען צעפלאַמט, די טונקעלע ווײַנשל־אויגן האָבן געפינקלט מיט פיבער. די בלייכע ליפּן זיינען פאַרטריקנט געווען.

— מאַמעס מיינע! — האָט זי אויסגעשריען און איז געבליבן שטיין איג־מיטן צימער.

— שטילער, — האָט דער דאָקטער געזאָגט און צוגעטראָגן פּערעלעס האַנט נאָענט צו זיין פּנים. דערנאָך האָט ער זיך אָנגעבויגן איבער דער קראַנקער.

חנהקע איז צוגעגאַנגען צו לאַהקען, האָט זי אַרומגענומען און אָפּגעפירט אָן אַ זייט. זי האָט זי געוואָלט פרעגן וועגן דער שלאַכט. אָבער לאַהקע האָט זיך אַרויסגעריסן פון חנהקעס הענט און איז צוגעלאָפן צום דאָקטער.

— זי איז שוין געשטאָרבן, יאָ?

דער דאָקטער האָט זי צוגעצויגן צו זיך.

— ווייז די האַנט, — האָט ער געזאָגט און אָנגעהויבן פאַנאַנדערבינדן די שמוציקע מאַרליע, — זעץ זיך...

— זי איז שוין געשטאָרבן, יאָ? — האָט זיך לאַהקע אַלץ געריסן צום בעט.

— רואיק זיין! — האָט דער דאָקטער שטרענג אַ זאָג געטאָן און גע־נומען פאַרבינדן איר צעקאַליעטשעטע האַנט מיט פרישער מאַרליע.

חנהקע איז געשטאַנען אַ פאַרגליווערטע אינמיטן שטוב. זי האָט גע־קוקט אויף אַבאַן, און שטומע טרערן האָבן זיך איר געגאָסן פון די אויגן.

ווי אַ מענטש, וואָס איז געווען אין אַ סך געפאַרן, האָט חנהקען ניט גע־שראָקן דער טויט. זי האָט געהאַלטן אין איר זכרון אַ גאַנץ הייפל נאָענטע ליבע מענטשן, וואָס זיינען אַוועק פון דער וועלט פאַר איר אין די אויגן. זי האָט ניט געקענט רייסן די האָר אויף זיך און שלאָגן זיך מיט די פויסטן אין קאָפּ, ווען זיי זיינען געלעגן טויטע אויף דער ערד. זי האָט בלויז געקענט פאַרגיסן שטומע טרערן. זי האָט זיך אָפּט געפילט אַזוי, ווי איר האַרץ וואָלט געווען אַ בית־עולם, וואו עס ליגן באַהאַלטן די נשמות פון אָט די נאָענטע מענטשן אירע, און איר האָט זיך אָפּט געדוכט, אַז זייער אָנדענק לעבט ביי איר אין האַרץ אַזוי לאַנג דערפאַר, ווייל זיי האָבן עפּעס ניט דערטאָן אויף דער וועלט און, שטאַרבנדיק, האָבן זיי איר ווי איבערגעגעבן אָט די ניט־פאַרענדיקטע אַרבעטן זייערע, אַז זי זאָל זיי פאַרענדיקן.

זי איז שוין אַרויס פון יענעם עלטער, ווען מע טרויערט איבער דער פאַרשוואונדענער קינדהייט, איבער דער צו גיך פאַרלוירענער יוגנט. עס האָט אָפּגעוועלקט און עס איז צעשטויבט געוואָרן איר אַמאָליקער געפיל, אַז עכט לעבן איז געווען בלויז דעמאָלט, ווען זי האָט שפּאַצירט מיט לייבלען אויפן זאַוועלער טראַקט.

זי איז אַלט געוואָרן פיר און פערציק יאָר, און איצט האָט זיך איר שוין אויסגעדוכט, אַז איר לעבן האָט זיך אָנגעהויבן ערשט דעמאָלט, ווען פערעלע, מיט־די שוועסטער אירע, וואָס ליגט איצט אַ טויטע אויפן בעט, האָט זי פון דרעפּעטע אַרויסגעשלעפּט...

ווען איר טאָכטער נחמהקע איז באַגינען אַריינגעקומען אין שטוב אַריין, ניט וועלנדיק באַמערקן אַבאַס שטומע וואונקען צו איר, האָט זי זיך אַ

שטעל געטאָן אינמיטן דער שטוב און, קוקנדיק מיט פולע פייכטע אויגן דער מוטער גלייך אין פּנים אַריין, שטיל, אָבער דייטלעך געזאָגט:

— מאַמע... זאָוול... —

האָט חנהקע ניט אויסגעהאַלטן, זי איז צוגעלאָפן צו דער טאָכטער.

— וואָס? — האָט זי אויסגעשריען. — וואָס איז געשען? — און ניט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפער, האָט זי צעעפנטביידע טירן און דערזען לאָהקען ליגן אויף דער באַנק אַ פאַרחלשטע.

פונדעסטוועגן האָט זי נאָך טיף אין האַרצן געהאָפט, אַז דאָס אַלץ דוכט זיך איר אויס. נחמהקע האָט איר גאָרנישט ניט געזאָגט וועגן זאָוולען, מיט לאָהקען איז גאָרנישט ניט געשען.

ווען זי האָט אין אַ ווײַלע אַרום דערזען, ווי לאָהקע ליגט אויפן טאַפּטשאַן אין צווייטן ווינקל צימער, איז זי שוין זיכער געווען, אַז דאָס איז ניט מער, ווי אַ היץ בילד, אַ רייַנער קאָשמאַר. אָבער דער קאָשמאַר האָט געפייניקט, און זי האָט געפרעגט:

— וואָס האָט געטראָפן מיט זאָוולען, נחמהקע? דו האָסט דאָך מיר געוואָלט דערציילן.

נחמהקע האָט אויפגעהויבן אויף דער מוטער אירע פאַרוויינטע אויגן.

חנהקע האָט זיך אָפּגערוקט פון איר.

דער דאָקטער איז געשטאַנען מיט עפּעס אַ פליסיקייט אין אַ גלעזל און געשטופּט עס חנהקען אין מויל.

— נעמט! — האָט ער באַפוילן. — נו, טרינקט אויס, — האָט ער זיך געבעטן.

חנהקע האָט אים אָוועקגעשאַרט מיט דער האַנט. אירע אויגן האָבן זיך געעפנט אַלץ ברייטער און ברייטער, זי האָט אָנגעקוקט די מענטשן מיט עפּעס אַ פאַראיבל אין די פולע ליפּן, מיט עפּעס אַ ווייטעק אויפן פּנים. און פּלוצלינג האָט זי מיט שאַרפן אויסרייד אַ קוק געטאָן אויף די מענטשן.

— וואָס באַהאַלט איר פון מיר אויס?

— זי האָט ווידער אַ קוק געטאָן ערגעץ ווײַט דורכן פענצטער אויף דער אויפגייענדיקער שיין, אַ הייב געטאָן די הענט, אַראָפּגעלאָזט זיי אויף די היפטן און מיט אַ לויטער־געוואָרן פּנים שטרענג געזאָגט:

— אַבאַ, דו מיינסט — איך ווייס ניט, אַז זאָוול איז טויט? נו, זאָג מיר, אַבאַ...

פון יענעם טאָג אָן איז זי אַרײַן אין אַטריאַד. דעמאָביליזירט האָט זי זיך פון דער רויטער אַרמיי ערשט אין אַ יאָר אַרום נאָך דעם, ווי די שלאַכטן

אויף אַלע פראָנטן זיינען פאַרענדיקט געוואָרן, ווען דאָס גאַנצע לאַנד איז באַפרייט געוואָרן פונעם ווייסגוואַרדייאישן און אינטערווענטישן אויסוואורף, דעמאָביליזירט זיך און אַוועק צוריק קיין קרעפּעטע.

21

קאַרגע אַנדערהאַלבן צענדליק יאָר זיינען אַוועק זינט יענער צייט.

וויט־ווייט האָט שוין איצט אויסגעזען אין אירע אויגן יענער רעגנדיקער אָוונט, ווען זי איז צוזאַמען מיט מינטשוקן און מיט בערל דעם מוליער אַריין אין דער פאַרברענטער קרעפּעטע צוריק. איצט, ווען זי האָט זיך אומגעקוקט אויף צוריק, האָט זי טיף געפרייט, וואָס אויך איר קרעפּעטע איז געגאַנגען אין שלאַכט.

איצט פאָרן שוין צוגאָם די בעל עגלות אויפן זאַוועלער טראַקט, וואָס איז צעגראָבן און צעוואַלגערט, ווי איבערגעקערט מיטן דנאָ אַרויף.

די וועלדער אַרום האָבן באַקומען נייעם לשון. זיי זיינען פול פון באַגינען ביז שפּעט אין דער נאַכט מיט געהוק און געהודזש פון מאַשינעס, מיט גע־שריי און געלעכטער פון די מענטשן. פון סאַמע מערב ביז קרעפּעטע, און פון קרעפּעטע ביז לאַשוויץ, און פון לאַשוויץ ביז ווייטער צו מזרח, צום האַרץ פונעם לאַנד, ליגט שוין אויסגעשפּרייט אַ ברייטער וועג. און אויף דער גאַנ־צער לענג זיינער — מענטשן און מענטשן, מאַשינעס און מאַשינעס.

די קרעפּעטער און לאַשוויצער בעל־עגלות זיינען איצט אַ בריגאַדע. בריגאַדיר איז בערל דער מוליער. ווען זיי זיינען צום ערשטן מאָל צוגאָם אַרויסגעפאָרן פון קרעפּעטע אויף דער אַרבעט, האָט בערעלע דער מוליער געזאָגט:

— אַרבעט וועט דאָ זיין אַ ים... און מענטשן — ווי זאַמד אויפן ברעג ים... איך טראַכט: הונדערט פורמאַנעס זיינען מיר... אַ מאה, אַ סאָט־ניע קרעפּעטער קאָזאַקן... אויף אונדזער ערד מאַכט מען אַ גוטע זאַך... פרעג איך ווי וועט זיך אָנזען, אַז מיר לייגן דאָ אויך צו אַ פּלייצע? פונ־וואַנען וועט מען וויסן, אַז קרעפּעטער בעל־עגלות האָבן אויך געבויט דעם וועג?

— הערט אַ מעשה! — האָט זיך איינער אָפּגערופן. — דאָס איז דאָך דער זאַוועלער טראַקט... חנהקעס טאַטע האָט אים דאָך דער ערשטער געפונען און אויסגעשאָטן.

— מאַלע וואָס עס איז געווען...

— און חנהקע אַליין? זי איז דאָך פון דער וואָלאָסט...

— די וואָלאָסט זיינען מיר אַלע...

— און די טאָכטער אירע... הערסט אַ מעשה! די טאָכטער אירע איז דאָך אינזשעניער אויף אונדזער אוטשאַסטאָק...

— נו, איז וואָס? — האָט זיך בערעלע ניט באַרואיקט. — איך פרעג: מיר, קרעפּעטער בעל־עגלות, וועלן זיך אין דער אַרבעט אָנזען? דאָס רייד איך, ווייל איך וויל, אַז איר זאָלט פאַרשטיין: מע דאַרף אַ בריגאַדע... אַן אייגענע בריגאַדע... אַ קרעפּעטער, און לאָמיר זען, ווער עס וועט בעסער אַרבעטן.

— וואָס איז דער טומל, חברים? — פרעגט חנהקע.

שטענדיק אַזוי, זי וואַקסט פּלוצלינג אויס אין אַ געזעמל מענטשן מיט איר שמייכל אויף די ליפּן.

זי איז אַ ביסל געעלטערט געוואָרן, חנהקע. דער קאָפּ איז שוין גרוילעך, דער בליק איז פאַרשמעלט, די אויגן־דעקלעך זיינען, ווי מידע, אויף דער העלפט אַראָפּגעלאָזט איבער די גרויסע אויגן, דאָס פּנים אינגאַנצן איז עטוואָס פאַרטרוימט, פאַרטרויערט, אָבער דאָס מויל איז פריש, אין גוטן קאָליר, אָן קנייטשן, און דער שמייכל רוט שטענדיק אויף אירע ליפּן. יעדן איינעם ווילט זיךריידן מיט איר.

אוודאי איז אַ בריגאַדע בעסער, — זאָגט זי. — ער איז דאָך געררעכט, בערל. דער וועג וועט זיין אַ גרויסער, ביז מאָסקווע. אונדז שטייט ניט אָן, אַז וועגן די קרעפּעטער בעל־עגלות זאָל מען גאָרניט הערן...

פון יענעם טאָג אָן זיינען זיי געפאָרן צוזאַמען, די קרעפּעטער פורמאַנעס.

באַגינען, גלייך מיט טאָג, פלעגן זיי אַרויספאָרן פון זייער סטאַן — העכער הונדערט פורן, לייכטע פורלעך — דריי ברעטלעך אויף פיר רעדער — מיט אַ לאָפּעטע ביי דער זייט.

קרעפּעטע איז שוין געווען אַ גרויסער ישוב, ביי צוויי הונדערט נייע, זויבערע, פריש־געטעסעטע — אַ היפּשע צאָל אויך פון ציגל געמויערטע — הייזער פון ביידע זייטן גאַס, מיטן סאָוועט אינמיטן, מיט דער שול אַנטקעגן, מיט קראָמען, מיט אַ באָד, מיט אַן עלעקטראָסטאַנציע, מיט אַ קלוב, מיט אַ קינאָ, מיט אַ ראַדיאָ־רער אויפן דאַך פון סאָוועט.

פעלדער, פאַרזייטע מיט קאָרן, גערשטן, האָבער, קאַנאָפּליע, קאַרטאָפל, גרינסן זיינען געלעגן אין איין זייט.

טראַקטאָרס, ווייעלקעס, זייעלקעס האָבן דאָ געפּעכקעט מיט רויך, גערוישט פון פריען פרילינג ביז כמעט נאָכן ערשטן פרעסטל.

דער וואַלד מיטן רויען וועג, מיט די הונדערטער מאַשינעס און טויזנטער, טויזנטער מענטשן, וואָס האָבן דעם וועג געבויט. — דאָס אַלץ איז געווען אויף דער צווייטער זייט, קעגנאיבער.

און אינמיטן — די וואַרעמע, ליבע היים — די ניי־אויסגעבויטע קרע־פּעטע. אין יעדער שטוב — ליכט און מוזיק און „לעצטע נייס" פון דער ראַ־דיאָ, עס רעדט מאָסקווע.

און די קרעפּעטער מענטשן זיינען שוין געוואוינט געוואָרן דערצו, ווי צום ברויט אויפן טיש, ווי צום קלייד אויפן לייב.

נחמהקע איז אַרומגעגאַנגען איבער די באַצירקן אין וואַלד אין איר קור־צער געלער קורטקע, אין הויכע שטיוול און מיט אַ שטאָטיש היטעלע אויף דער הויכער קוטשמע שוואַרצע האָר. מיט דער מוטער פלעגט זי זיך איצט זען זעלטן. נאָר ווען זיי פלעגן זיך טרעפן און שטיין אַ ווײַלע אייגע לעבן דער אַנדערער, האָבן זיך מענטשן נאָך אַלץ פאַרקוקט אויף זיי, כאָטש די ענלעכ־קייט האָט זיך שוין אָנגעהויבן אַלץ מער און מער אָפּווישן פון ביידנס פּנימער — חנהקע איז געעלטערט געוואָרן, און נחמהקע — אינמיטן פרעכטיקן בלי.

די אַלטע וואונדן זיינען ביי חנהקען פאַרצויגן און פאַרוואַקסן געוואָרן מיט נייע לעבעדיקע הויטן. דאָס לעבן האָט געיאָגט און געמאָנט הייסע אַר־בעט יעדע מינוט.

אַלע אַנשטאַלטן אין שטאָט האָבן געפאָדערט חנהקעס בליק, איר וואָרט, איר הילף. זי האָט געמוזט זיין אין די יאַסליעס, אין קינדערהיים, אין אַמ־בולאַטאָריע, אין געבורט־הויז, אין קלוב.

ברייט איז זיך צעוואַקסן דער ישוב פאַר די לעצטע צען יאָר. אָבער ווי גרויס דער ישוב זאָל ניט זיין — ווי אַ מילבעלע האָט ער שוין איצט אויסגעזען קעגן דער אַרבעט אויפן וועג, וואָס האָט זיך דאָ מיט צוויי יאָר צוריק אָנגעהויבן.

געווען אויך אין די יאָרן אַ סך גליקלעכע אָוונטן ביי חנהקען. אָבער דאָס זיינען שוין ניט געווען יענע אָוונטן מיטן פינפער לעמפּל אויפן טיש און מיט דער שטוב־אַרבעט אין האַנט, ווען דערנעבן זיצט אַבאָ און דערציילט מיט אַ מונטערן אויסדרוק אויפן פּנים שווידערלעכע מעשיות פון קאַמף און שווערן פינצטערן לעבן. דאָס אַלץ איז שוין געלעגן הינטער די פּלייצעס. איצט איז זי געווען גליקלעך צו זיצן אין קלוב אויף דער בינע און הערן אַבאָ פאַרטראַגן און באַריכטן וועגן דער גרויסער אַרבעט, וואָס עס טוט זיך אויפן אַלטן זאַוועלער טראַקט. איצט איז זי געווען גליקלעך דערמיט, וואָס אַיעדער קרעפּעטער בעל־עגלה, ווען מען זאָל ניט אויסרופן, קאָן אַרויס אויף דער בינע און דערציילן וועגן די צענדליקער טויזנטער קובאָ־מעטער גרונט, וואָס די קרעפּעטער בריגאַדע האָט אַרויסגעפירט, און ווי די דאָזיקע בריגאַדע האָט געוויזן דער גאַנצער וועלט, וואָס הייסט — אַרבעטן!

אַבאָ איז פאַר די צוויי יאָר בויאונג עטלעכע מאָל געווען אין מאָסקווע.

יעדעס מאָל איז ער פון דאָרט צוריקגעקומען אַ נאָך מער אָפּגעפרישטער, אַ מונטערער. ער איז געוואָרן דאַרער און באַוועגלעכער.

— חנהלע, — האָט ער באַגייסטערט דערציילט, — פינף און צוואַנציק מינוט אויפן זייגער וועט געדויערן דער וועג פון קרעפּעטע קיין לאַשוויץ. גיי דערצייל דעם טאַטן... פון פיר און צוואַנציק שעה — אויף פינף און צוואַנציק מינוט... כאַפּ אויפן קאָפּ... אַ טרוים חנהלע... אין שוואַרצן וואַלד וועלן מיר אויסבויען אַ האָטעל... נאַר... פאַראַן נאָך אַ מעשה... ווייסט, אַכט מעטער די טיף זייגען דאָ די זומפּן... זיי דאַרפן אויסהאַלטן צענדליקער מיליאָנען קובאַמעטער זאַמד, פיר מיליאָן קובאַמעטער שטיינער... פאַראַן אַ פּלאַן אָפּצורייסן דעם גאַנצן זומפּ מיטאַמאָל... אין אַ חודש אַרום רייסן מיר אים אום, דעם זאַוועלער זומפּ דיינעם...

געבויט האָט מען בייטאָג און ביינאַכט. בייטאָג האָט געלויכטן די אור־אַלטע זון, ווי זי האָט געלויכטן מיט פופציק יאָר צוריק דעם אַלטן זאַוולען. ביינאַכט — מעכטיקע פּראָזשעקטאָרס. אָפט פלעגט אַבאַ אינמיטן דער נאַכט אויפשפּרינגען פון בעט, זיך אָנטאָן אַנטלויפן.

— דו האָסט זיך דאָך נאַרוואָס געלייגט, — פלעגט חנהקע זאָגן. איר שטים האָט געקלונגען ווייך, צאַרט און מיט געבעט. — מע טאָר אַזוי ניט אַרבעטן...

— אַנטשולדיק, אַנטשולדיק, חנהלע... איך קאָן ניט אַנדערש...

דער אויפרייס פון די קרעפּעטער זומפּן איז באַשטימט געוואָרן אויפן מיטן יולי. דער טאָג איז געווען אַ וואונדערלעך שיינער. ס'האָט זיך געדוכט, אַז די גאַנצע געגנט אַרום האָט זיך אויסגעלייגט, ווי עפּעס אַ ריזיקע באַשעפעניש, וואָס דאַרף אָט־אָט געבוירן איר קינד. אַלץ האָט זיך אָפּגעשטעלט. אַלץ האָט זיך פאַרטייעט. אין אַלע פּונקטן האָבן די אינזשענירן נאָכאַמאָל קאָנטראָלירט די טונעלן פאַר די אויפרייס־שנורן, נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל. דער אינזשעניערישער שטאַב איז געזעסן איבער די צייכענונגען, ציפערן און נאָכאַמאָל אויסגערעכנט, צי איז אומעטום געווען אַמאָנאַל פאַרלייגט געוואָרן, צי וועט טאָקע דער אויפרייס אַ הייב טאָן דעם ריזיקן זומפּ־צודעק און פאַרשליידערן אים אָן אַ זייט, צי וועט זיך טאָקע די דאַמבע „זעצן" אויף אָרט אויפן מינעראַלן גרונט, צי וועט זי גוט „אויסקוועטשן" פון אונטער זיך די לעצטע רעשטלעך טאָרף.

דאָס לעבן אין די וועלדער און די זומפּן איז זיך געגאַנגען ווי אין אוראַלט. די זון האָט צעוואַרעמט די זאַפטן אין דיביימער און גרעזער, און זיי האָבן געשפּרייט אַ געדיכטן דערקוויקנדיקן גערוך; זי האָט געוואַרעמט אַיעדעס

גרעזעלע און מילבעלע, געשפּייזט מיט אירע שטראַלן אַלע גרויסע און קליינע באַשעפעניש אויף דער ערד. די גאַנצע געגנט איז געלעגן אַ פאַרטייעטע — שוין לאַנג אַזאַ שטילקייט דאָ ניט געווען.

ווען דער אויפּרייס האָט זיך דערהערט, האָט חנהקע ניט ווילנדיק אַ ציטער געטאָן. פאַר אירע אויגן האָט זיך אַ שטעל געטאָן דער אַלטער זאַוועלער וועג, די שטאַמען פון די ביימער, וואָס דער טאַטע אירער האָט געהאַקט, די בלעטער פון די קרוינען, וואָס ער האָט דאָ געשפּרייט אין די זומפּן, די פּניאַקעס, וואָס זיינען שוין פאַרוואַקסן געוואָרן מיט אַ גרינעם מאָך — דאָס אַלץ איז איצט מיט אַ ריזיקן געדונער געפלויגן אינדערלופטן, געהויבן הויכע פאַנטאַנען שוואַרצע בלאָטע, געטראָגן פּניאַקעס, שטאַמען און גאַנצע ביימער הויך איבער די וועלדער, ווי אונטערגעצונדן פון עפּעס אַ שוואַרצן פלאַם.

עטלעכע רגעס האָט געדויערט דער אויפּרייס. אין דעם דאָזיקן אויגנבליק, וואָס איז אונמעגלעך געווען צו כאַפּן, אָפּשטעלן, פאַרהאַלטן אויף אַ ווײַלע, איז אויסגעוואָרצלט געוואָרן אַ שטיק אַלטע וועלט — אַ פאַמעלעכע, אַ גרויע, אַ פינצטערע, און עס איז געבוירן געוואָרן אַ ניי שטיק וועלט — אַ פלינקע, אַ פריילעכע, אַ ליכטיקע, ווי דער היינטיקער טאָג.

צום מיטאָג האָט חנהקע אָנגעטאָן איר שענסטע קלייד. זי איז אַרויס אין דרויסן, וואו ס׳זיינען געשטאַנען יום־טובדיק געדעקטע טישן. זי איז געגאַנגען מיט איר געלאַסענעם טראָט, מיטן פאַרטרוימטן און עטוואָס פאַרטרויערדיקן שמייכל אויף די פולע ליפּן און אין די פייכטלעכע אויגן. זי האָט באַקוקט די הונדערטער געסט אַרום די טישן, געזען דאָ און דאָרט אירע קינדער, אבער — און שטומע טרערן האָבן זיך געקייקלט אויף אירע באַקן. זי האָט מיטאַמאָל דערזען פאַר די אויגן דעם גאַנצן וועג אירן, פון דער וויג, וואָס איז געהאַנגען אין דער קרעפּעטער שטוב אונטערן באַלקן מיטן „שדס קאַטשערע״, ביז צום אויגנבליק, ווען די זומפּן פונעם זאַוועלער טראַקט זיינען געפלויגן צום לויטערן, זומערדיקן הימל, און זי האָט זיך איצט ניט געשעמט מיט אירע שטומע טרערן.

---

ברייט איז זיך צעוואַקסן דער קרעפּעטער ראַיאָן. בונט האָבן זיך צעבליט די פעלדער, סעדער און וועלדער.

ווען חנהקע פאָרט אַרויס אויף איר אַוטאָמאָבילכל איבער די ישובים, ווען זי קומט אַריין אין אַ בערעזע־פּאַסאַדע, טיפּעטשיסט, וויאַדוקע, זעליכאַן, מילעכאַן, ווילט זיך איר אויסשרייען:

— ווער האָט עס אַמאָל געזאָגט וועגן אונדזער געגנט, אַז זי איז הוילער זומפּ און טויבע וועלדער?

אומעטום, וואו דאָס אויג קאָן נאָר כאַפּן, — פעלדער מיט ליין און הרעטש־קע, מיט קאַרטאָפל און ברויט, גערשטן און האָבער, פּרוכט־סעדער, בינשטאָקן, גרינסן, סטאַדעס פּי און שאָף, חזרים און עופות — שפע פון דער ברייטער שויס האָט די ערד אָנגעהויבן אַרויסגעבן. עס האָט זיך אויסגעדוכט, אַז די ערד אַליין האָט זיך צום לעבן צוגעכאַפּט נאָך אַזויפיל יאָרן פאַרגליווערטקייט און פּוסט־און־פּאַס, אַז ערשט אין די לעצטע יאָרן האָבן זיי זיך איינע די אַנדערע אָנגעקוקט און דערקענט ווי עס באַדאַרף צו זיין, — די ערד מיטן מענטש, — און איצט האָבן זיי זיך אַרומגענומען אין ליבשאַפט און איבערגעבנקייט און שיטן מיט שפע און מיט פרייד.

ווען עס איז באַוואוסט געוואָרן, אַז דער ראַיאָנער צענטער פונעם נייעם ראַיאָן וועט זיין אין קרעפּעטע, האָט זיך חנהקע אַ ביסעלע דערשראָקן — צי וועט זי זיך ספּראָווען מיט דער אַרבעט?

איבערגענעכטיקט מיטן געדאַנק, האָט זי שוין אינדערפרי יידנשאַפטלעך געוואָלט, אַז עס זאָל טאַקע אַזוי זיין, אַז זי זאָל פאַר אַלע אירע יאָרן טאַקע קאָנען ווייזן עפּעס אַ ביסל רעכטע אַרבעט.

עס איז געגאַנגען אַ שטילער, ניי־געשריבענער געוועט צווישן איר מיט דער טאָכטער, מיט אַבאָן, מיט איוואַן בעסמערטני — די בויער פונעם וועג און דער נייער בריק.

זי האָט געאַרבעט ביי זיך אין קאַבינעט ביז שפּעט אין דער נאַכט איבער ציפערן פון די קאָלווירטן און פון דער ראַיאָן־ווירטשאַפט. אין איין שופלאָד פון איר שרייבטיש זיינען געלעגן פּלענער, דיאַגראַמעס, טאַבעלעס. אין צווייטן שופלאָד — ווערטער־ביכער, ביכלעך וועגן אַגראָטעכניק, פּיצוכט, בינענצוכט, בוכהאַלטעריע, באַדנקענטעניש.

זי האָט שוין געהאַט ביי פאַרענדיקן דעם זעקסטן צענדליך יאָרן אירע, אָבער בלויז איין מאָל האָט זי דערלויבט דעם לעבן עטוואָס אַ בייג טאָן איר פּלייצע, אַ שאָט טאָן אַ קליינעם הויפן זילבערשטויב אויף אירע האָר — דאָס איז געווען אין יענעם באַגינען, ווען זי האָט פאַרלאָרן זאָוועלען מיט פּערלען.

די לעצטע יאָרן, אַז ס'איז איר ווען־עס־איז אויסגעקומען אַ טראַכט צו טאָן וועגן לעבן, האָט זי זיך געזאָגט, אַז אומגליקלעכסטן לעבט דער, וואָס טוט, וואָס ער וויל, און וויל, וואָס מע באַדאַרף, אַז מענטשן זאָלן לעבן ווי מענטשן. זי האָט זיך פאַררעכנט צווישן די גליקלעכע.

ווען עס איז קלאָר געוואָרן, אַז אין האַרבסט וועט פאַרטיק ווערן דער טייל וועג לאָשוויץ — קרעפּעטע מיטן בריק איבערן טייך לאָשוויץ, איז זי ווידער אַוועק איבער ישובים און דערפער, און אומעטום, וואו דאָס בלויע אַוטאָמאָ־בילכל האָט זיך באַוויזן, זיינען פריילעכע רעדלעך מענטשן אויסגעוואַקסן.

— מע וועט פאָרן אויפן יום־טוב ? — האָבן זיי געפרעגט.

— יאָ, יאָ, — האָט חנהקע געענטפערט. — מע דאַרף פאָרן זיך אויס־חשבונען מיט זיי, אָבער דעם כבוד צו פאָרן דאַרף מען נאָך קאָנען פאַרדינען. יאָ, יאָ, עס איז נאָך דאָ צייט צו פאַרדינען דעם כבוד.

און דער טאָג איז געקומען, אַ וואונדערלעך־שיינער נאָיאַבער־טאָג, אַ טאָג דורכאויס פון גאָלד אויסגעשפּינט, אַזאַ ווי עס טרעפט זיך אין די היגע געגנטן אין שפּעטן האַרבסט.

פון אַלע עקן ראַיאָן איז מען געפאָרן. די מאַשינעס זיינען געווען אויסגע־פּוצט מיט בלומען און סטענגעס, מיט פענער און פלאַקאַטן. די מענטשן זיינען געווען אָנגעטאָן אין נייע, שיינע מלבושים. געווען אַ סך יוגנט, וואָס איז גע־קומען צו רייטן אויף נייאינקע וועליסאַפּעדן. געווען אַ סך עלטערע, וואָס זיינען געקומען צו רייטן אויף פערד. עטלעכע זיינען געווען אין די רויטאַר־מייאישע מלבושים, וואָס זיי האָבן נאָך פאַרהיט פון דעמאָלט, ווען זיי זיינען גע־ווען רייטער אין טראַפּימס אָטריאַד.

אַלע האָבן זיך אָפּגעשטעלט ביי דער נייער בריק.

דאָס איז געווען אַ גרויסער שטאָלענער בויגן, הונדערט מעטער די לענג. ער איז געלעגן אַריבערגעוואָרפן איבערן שטילן און אין דעם אָרט טיפן לאַש־וויץ־טייך. דער בויגן איז געפלויגן פריילעך אַרויף. הויך איבערן וואַסער. מיט אַ הויך אויסגעבויגענעם רוקן — אונטער אים זאָלן קאָנען פריי דורכגיין שיפן — איז ער געפלויגן צוריק אַראָפּ, געפאַלן גראַציעז אַלץ נידעריקער און נידע־ריקער, ביז ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויף די צוויי לאַפּעס, אויף די בעטאָנע־נע ברעג־אָנשפּאַרן, וואָס זיינען געווען געדעקט מיט גרויען, ניט געשליפענעם גראַניט.

אין אַלע פיר עקן בריק זיינען געשטאַנען סקולפּטורן — פיגורן פון פיר נאַקעטע יונגע מענער מיט ריזיקע, מילך־ווייסע קוילן אין די הויך אויפגעהוי־בענע הענט. זיי זיינען געשטאַנען אָנגעבויגן עטוואָס פאָראויס — פון בריק צום וועג — און דאָס האָט געשאַפן ביי די געסט דעם איינדרוק, אַז די יונגען באַ־גענענען זיי מיט גרויס און מיט שייך.

עס האָט זיך אָנגעהויבן דער מיטינג.

חנהקע האָט זיך געהאַט געגרייט אַרויסטרעטן אויפן מיטינג און דער־ציילן, ווי זי האָט אַמאָל געלעבט אין אַ וועלט פון געשפּענסטער. זי האָט אויך געוואָלט דערציילן וועגן זאַוועלער וועג, וועגן „מכות“ פון די שדים, וועגן דעם זומפּ אָן אַ דנאָ, וואָס דאָ איז געווען, נאָר — איינער נאָך איינעם זיינען אַרויס די בויער פונעם וועג און די אַרבעטער פון די קרעפּעטער פעלדער און האָבן זיך געחשבונט, ווער און ווי אַזוי עס האָט געאַרבעט, ווער און ווי אַזוי ס'האָט

אַריינגעלייגט זיין חלק אין דעם נייעם בנין. און זי האָט פריילעך אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט צו זיך אַליין, ווי איינער זאָגט: „רוק זיך אָפּ מיט דיין אייערנעכטיקער רעדע... אַנדערע חשבונות ווערן דאָ איצט אונטערגעפירט”...

נאָכן מיטינג איז מען אויף פיל צענדליקער אויסגעפּוצטע קאָלווירטישע מאַשינעס אַרויסגעפאָרן אויפן נייעם וועג — אויספּרוּוון אים. אין די מאַשינעס האָט מען אַריינגענומען די בויער. זיי האָבן הויך די הענט געהויבן, געפּאָכט און געזונגען פריילעכע הילכיקע לידער.

הינטער די טויערן פונעם קאָלווירט „פעלקער־פריינטשאַפט” אין גרויסן פּרוכט־סאָד, צווישן דיביימער, זיינען געשטאַנען געדעקטע טישן, פול מיט אַלדאָס בעסטע פון דעם, וואָס די ערד האָט געגעבן.

די זון איז נאָך געשטאַנען גאַנץ הויך. דער טאָג האָט זיך ווי געפּוילט אוועקצוגיין. די געסט האָבן זיך אויסגעזעצט ביי די טישן. הילכיקע טאָסטן האָבן זיך געטראָגן פון עק צו עק. דער גאַנצער סאָד איז פול געווען מיט פריילעכן טומל. אַ גאַנצע נאַכט האָט מען פאַרבראַכט ביי די געדעקטע טישן, געזונגען לידער, געטאַנצט.

באַגינען, ווען די זון האָט, ווי אַ גאָלדענע קויל, זיך באַוויזן צופוסנס די שטאַמען פון די ביימער אין דעם אוראַלטן קרעפּעטער וואַלד, האָט חנהקע מיט אַ שמייכל און מיט אַ האַרציקן דאַנק זיך געזעגנט מיט די מענטשן. זי האָט זיך אויפגעהויבן און איז אַוועק מיטן נייעם וועג. דער וועג איז געווען אַ גלייכער, און אַ לאַנגע צייט האָט זיך דאָרט געזען איר הויכע, שטאַלענע פיגור מיטן הויך־אויפגעהויבענעם, עטוואָס גרוילעכן שוין, שטאָלצן קאָפּ.

דעקאַבער 1936 — יאַנוואַר 1938.

# דאָס לעבן הייבט זיך אָן

אין איינעם אַ לויטערן האַרבסט־טאָג האָט מיך אינמיטן גאַס אָפּגעשטעלט אַ ראָהאַטשאָוזער יידענע מיט אַ פּיצל קינד אויף די הענט און אַ פרעג געטאָן, ווי מע גייט דאָ צום „דעטציק״,— זי האָט אַהין אַ וויכטיקן ענין, צו קאַליבינען, זי איז היינט אינדערפרי געקומען פון קרים, זי האָט שוין קלאָר געמאַכט — מיכאַאיל איוואַנאָוויטש איז דאָ אין מאָסקווע, ער נעמט אויף קינד און קייט, ווער נאָר עס ווענדט זיך צו אים, און העלפט יעדן איינעם, ווי ווייט אַ מענטש קאָן נאָר העלפן.

איך האָב אַ קוק געטאָן אויף דער יידענע.

זי מוז זיין אַלט אַרום פופציק יאָר. זי איז געקליידט ניט זייער גרויס־שטאָטיש, אָבער קיין קליינשטעטלדיקן שליומפּער זעט מען ביי איר ניט. זי האָט זיך ניט אויסגעפּוצט אין אירע יומטובדיקע קליידער — זי טראָגט איר געוויינלעך וואָכעדיק אָנטועכץ. איר פּנים איז לענגלעך — אַ סימפּאַטישער אָוואַל. אירע האָר ליגן גאַנץ גלאַט פאַרקאַמט אונטער איר טוך, זי האָט זיי ניט געשוירן, ווייזט אויס, אָבער פון פאַרנט, איבערן שטערן, ציען זיך פון מיטעלן גלייכן שרונט צוויי, לייכט באַשאָטענע מיט זילבערשטויב, פּאַסמעס. אַ נאָז האָט זי אַ גלייכע. די נאָז קוקט איר אַראָפּ צום מויל אַ ביסעלע פאַרומערט, אָבער דאָס מויל שיינט אַרויף מיט צוויי ניט־געדאגהט־קנייטשעלעך. די יידענע שמייכלט און עפּעס מידלש־אַנציענדעס איז דאָ אין דעם שמייכל. אירע אויגן האָבן אַ גרינלעכן קאָליר און לויכטן נאָך גאַנץ גוט. די הויט אַרום די אויגן איז אַ ביסל געראָנצלט, אָבער דאָס איז, דוכט זיך, מערער פון שמייכל, ווי פון אַלטקייט. זי איז צו דער צייט געעלטערט, לחלוטין ניט אָפּגעלאָזן און געפעלט מיר פון ערשטן בליק.

און דאָס קינד, וואָס זיצט ביי איר אויף די הענט, איז אַ פלאַקס־האָריקס אַ בלוי־אויגיקס, מיט אַ פּיצינקן נעזעלע און שמאָלע ליפּן, — אַ „גויאיש״ קינד לויטן גאַנצן פּנימל און אַלט מוז דאָס זיין סך הכל אַ דריי יאָר.

איך האָב דער יידענע אויף דער פראַגע וועגן „דעטציק״ ניט גלייך געענט־פערט, מחמת איך בין געווען פאַרנומען מיט באַטראַכטן זי אַליין, דאָס קינד,

וואָס האָט איר געקאָנט זיין אַן אייניקל, אַ גליד־פּלימעניקל, אָבער ניט קיין אייגן קינד. האָט זיך די יידענע צו מיר ווידער געווענדט:

— קוקט ניט אויף מיר, יונגערמאַן, ווי אויף אַ פּאָרטרעט. איך בין אַ פרעמדע דאָ הי, קום נאָרוואָס אַן אַהער און האָב דאָ קיינעם ניט, וועט איר מיר אפשר עצהנען, ווי איך זאָל זיך דאָ צו אַ טאָלק דערשלאָגן?

די יידענע, וואָס איז אַליין דאָ אין דער צערוואָרפּענער מאָסקווע, האָט מיר גערירט, נאָר איך האָב די רירעניש אין זיך דערשטיקט און קינדערש מיטן קינד זיך אַ שפּיל געטאָן, אַ פרעג געטאָן אויף רוסיש:

— ווי רופט מען דיך, אַקטיאָבערל?

— ער פאַרשטייט ניט קיין רוסיש, — האָט מיך די יידענע איבערגעשלאָגן.

— יידיש קענט איר? פרעגט אויף יידיש, וועט ער איך ענטפערן.

— ס'איז אַן אייניקל?

— וואָס איז דען די נפקא־מינה? אַ גלאָז מילך קאָן מען דאָ ערגעץ פאַר אים קריגן?

איך האָב זיי אַריינגעפירט אין אַ קיך און האָב געהייסן דערלאַנגען דעם קינד אַ גלאָז מילך און, אגב, אונדז — מיטאָגן.

מיר האָבן געגעסן אונדזערע שפּייזן, און דאָס עסן צוזאַמען ביי איין טיש האָט אונדז דערנעענטערט. פריער זיינען געפאַלן פון מיין מויל פּאַרזיכטיקע פראַגעס צו דער יידענע, ווער זי איז, פונוואַנען זי קומט, ווער איז דאָס קינד און פאַרוואָס דאַרף זי עפּעס צו קאַלינינען אַליין. דערנאָך האָט זי מיר אַליין דערציילט די גאַנצע געשיכטע אירע, וואָס האָט זי מיטן קינד אַהער, קיין מאָס־קווע, געבראַכט צו טראָגן.

צי זי האָט אַ מאַן? ווי זשע דען? געוויס האָט זי אַ מאַן. ניין. זי האָט אים ניט. זי האָט געהאַט אַ מאַן. ניין. זי ווייס אַליין ניט, ווי האַלט זי איצטער אין דער ספירה מיט איר מאַן; צי זי האָט אים, צי זי האָט אים געהאַט, צי זי וועט אים אם ירצה השם האָבן. נאָר קיין סך וויל זי וועגן אים ניט ריידן. עס לוינט ניט. ניט דאָס איז איצטער ביי איר דער עיקר.

איך דאַרף זיך ניט פאַרקוקן אַזוי אויף איר. זי איז אַמאָל געווען אַ גאַנץ שיין מיידל. זי האָט אַנדערע מעלות דערצו אויך. קיין גרויסער נאָר איז זי קיינמאָל אין לעבן ניט געווען.

צי זי האָט ליב געהאַט אַמאָל אַ בחור? ווי־זשע דען? געוויס האָט זי ליב געהאַט. קאָן זיין, אַז טאַקע צוליב אָט יענעם בחור איז זי איצטער געקו־מען אַהער קיין מאָסקווע, צו קאַלינינען.

צי זי האָט אים איצט ליב? ניין, איצט האָט זי ליב עמעצן אַנדערש. איצט האָט זי ליב אָט דאָס טרפהנע ביינדל, וואָס זיצט אַקעגן אונדז און זשליאַ־

קעט די מילך. איצט, דאַרף איך וויסן, איז זי שוין אַלט אַכט און פערציק יאָר, און אויף דער עלטער האָט זי אַ בן זקונים געפּאַקט. ניט געפּאַקט האָט זי, ניט געמאָזלט, ניט דער בויך האָט איר ווי געטאָן, אָבער אַ זונדל האָט זי זיך איינגעשאַפּט — אויף אַלע סאָוועטסקע עקרות געזאָגט געוואָרן. זי ווינטשט עס זיי פון פולן האַרצן. כאָטש עס מעג זיי אָנקומען אַ ביסל גרינגער, נאָר איך דאַרף זיך ניט אַזוי פאַרקוקן אויף איר. איך דאַרף זיך בעסער צוקוקן צו איר זונדל.

איאָ, עס פּאַסט זיך צו איר ? עס וועט זיך שוין פּאַסן. איך מעג שוין קיין יסורים ניט האָבן. זי האָט שוין גוט אַלץ אויסגעשמעקט, זי האָט זיך שוין קאַפּויר געשטעלט, ווי אַלע שטייען איצט —אויףביידע פיס — וועט איר שוין זיין גרינגער אַ ביסל צו לעבן איצט, כאָטש ... וואָס אָן אמת איז ... אַ גרויסע מלחמה גייט איצט אָן, מיטן פּשוטן אויג וועסטו עס אַמאָל ניט גלייך באַמערקן ... ווי ווערעם אין אַ מאָגן בויערן זיך די פאַלשע מענטשן אין אונדזער לעבן ... נאָר זי האָט קיין מורא ניט פאַר מלחמות, כאָטש מיטן קינד אויף די הענט איז שווער, אָבער אין מיינע אויגן זעט זי אַ גוטע פריינטשאַפט, וועט זי שוין מיר בעסער דערציילן אַלץ בהדרגה, קאַפּיטל נאָך קאַפּיטל, איך דאַרף נאָר איר צוזאָגן, אַז איך וועל זי אָוועקפירן צו קאַלינינען.

— איז פון וואָס זאָל איך אייך אָנהייבן ? פון אַמאָל ?

פון אַמאָל איז כמעט ניטאָ וואָס צו דערציילן. זי — די אַמאָליקע — איז שוין געשטאָרבן. נאָר אַ מענטש שטאַרבט ניט מיטאַמאָל. אַ מענטש שטאַרבט ביסלעכווייז — אַלע טאָג שטאַרבט ער אָפּ אַ קאָפּעקע, און איינעם לעצטן טאָג גיט ער אָפּ די לעצטע קאָפּעקע, דעם לעצטן הויך, און ביי מענטשן הייסט עס, אַז ער איז נאָרוואָס געשטאָרבן. אַ פרישינקער, אַ צאַפּלדיקער בר־מינן. באַגראָבט מען אים. אָדער מע פאַרברענט. זי ווייס פון דער נייעס. זי איז מסכים. בעסער טאָקע פאַרברענען, ווייל אַש איז ריין און האָט קיין שום גערוך ניט. איך מוז איר מוחל זיין, זי בעט מיר איבער מיין כבוד. ניט ביים עסן וועגן אַזעלכע זאַכן צו ריידן.

יאָ, איך מוז זי אויסהערן : זי איז מיט אַ שטיקל צייט צוריק געוואָרן אַ טשלען פון אַ קוסטאַר־אַרטעל, האָבן פיינע לייט זי אַרויסגעוואָרפן פון דאָרטן, זי וועט אויך וועגן דעם מאָנען יושר ביי קאַלינינען.

ווער איז פאַרט איר מאַן ?

איר מאַן איז אַ זייגערמאַכער און גאָלדשמיד. מיט אַ יאָר פינף און צוואַנציק צוריק, ווען זי האָט אים צום ערשטן מאָל דערזען, האָט איר גלייך אין קאָפּ אַ קלאַפּ געטאָן : אָט דאָס איז ער ! זי איז דעמלט אַלט געווען דריי און צוואַנציק יאָר. ער — איין און צוואַנציק. ער איז געווען נאַריש, ווי אַ קינד, און זי איז קעגן דער גאַנצער וועלט געגאַנגען. איר פאָטער איז געווען אַ לערער אין

אַ תלמוד־תורה. איר פֿאָטער איז געווען אַ פֿאַרגעשריטענער מענטש. ער האָט זיך געשוירן די באָרד און ניט זייער שטאַרק געהאַלטן פֿון יידישקייט. זי איז איינע געווען ביי אירע עלטערן און האָט אַ פּיריאָריקן פּאַנסיאָן געענדיקט. דאָרט האָט מען געלערנט ווייבערשע האַנטאַרבעט און דייטש. זי איז געווען אַ גערעָטענע. איר טאַטע פֿלעגט מיט איר שמועסן פֿירן. פֿון קינדוויז אָן. אַז זי איז אַלט געוואָרן פֿופֿצן יאָר, און עס האָט זיך אין איר לעבן אַ געוויסע ענ־דערונג באַוויזן, האָט עס דער טאַטע אירער אָן אירע אויגן דערקאָנט און געזאָגט צו איר:

— קום, דבורהלע, מירן זיך דורכשמועסן מיט דיר וועגן דעם.

און זי איז געגאַנגען צו אים אין זיין קליין צימערל, וואָס איז מיט ספרים פֿאַרוואַלגערט געווען, און געהערט זיינע רייד וועגן דער וויכטיקער ענדערונג, וואָס איז איצט אין איר לעבן פֿאַרגעקומען. און צו דריי און צוואַנציק יאָר האָט זי דעם טאַטן אירן גערופֿן:

— קום, טאַטע, איך דאַרף זיך דורכשמועסן מיט דיר.

זי האָט אים דערציילט, ווי זי האָט באַגעגנט אַ בחור, וואָס איז געקומען פֿון קאַטערינאָסלאַוו. ער איז אַ זייגערמאַכער און אַ גאָלדשמיד. זי האָט זיך באַקאָנט מיט אים. זיי געפֿעלן זיך איינע די אַנדערע. זיי זיינען אַ פּאָר. ווי מיינט ער?

ער האָט שלעכט געמיינט. ער האָט צו איר גערעדט עפּעס ניט ווי שטענ־דיק. זי האָט אים ניט פֿאַרשטאַנען, צו וואָס ער רעדט אַזעלכע זאַכן, וואָס האָבן צו זיי קיין שייכות ניט. איינס איז געווען פֿאַר איר פֿאַרשטענדלעך: אים גע־פֿעלט ניט, וואָס ער איז יינגער פֿאַר איר אויף גאַנצע דריטהאַלבן יאָר. ס׳איז ניט קיין פּאָר, האָט ער געזאָגט. און די גאַנצע וועלט האָט מסכים געווען מיט אים. און זי האָט קיינעם ניט געהערט. זיי האָבן חתונה געהאָט און געלעבט אַ יאָר צוואַנציק.

ווי געלעבט? ווי זאָל זי עס מיר אויסדריקן?

זי האָט געלעבט מיט איר מאַן און אויף גאָרנישט ניט פֿאַרטראַכט זיך. ער איז געווען אַ נאַרישעוואַטער און פֿאַרבליבן אַ נאַרישעוואַטער ביזן היינטיקן טאָג. כאָטש צו דער נאַרישקייט איז עפּעס אַ פֿאַלשקייט צוגעקומען און איך דאַרף וויסן, אַז פֿאַלשקייט איז שטענדיק גיפֿט און סם. נאָר דעמלט איז ער נאָך געווען אַן ערלעכער נאַר און זי האָט אים געהיט, ווי אַן אויג אין קאָפּ, מחמת זי האָט אים ליב געהאַט, ווי אַן אייגן דערוואַקסן קינד... און... דאָ קומט מען צו אַ שווערן פּונקט: קיין קינדער האָבן זיך ביי זיי ניט געהאַלטן. זי האָט זיך ערשט אין די לעצטע יאָרן געכאַפּט: איינמאָל פֿאַר אַלעמאָל וועט זי קלאָר מאַכן, ווער ס׳איז שולדיק דערין, וואָס קיין קינדער האַלטן זיך ניט ביי זיי. זי

איז אויסגעווען אַ וועלט, ביי אַלע באַרימטע פּראָפעסאָרן איז זי געווען, און אַלע אין איין קול שרייען, אַז זי איז געווען אַ פרוי ווי אַלע פרויען און האָט געקאָנט האָבן געזונטע קינדער. דער מאַן, ווייזט אויס, איז מיט עפּעס אַ מום. איצט, פאַרשטייט זיך, איז שוין שפּעט, פאַרפאַלן!

ווי זאָל זי עס מיר איבערגעבן?

אַ רעוואָלוציע האָט זיך ביי איר אין האַרצן געעפנט. זי איז געוואָרן אויס מענטש. פריער האָט זי צום מאַן געהאַט אַ ווייכע באַציאונג, מחמת אויסער ליבע האָט זי נאָך אויף אים רחמנות געהאַט, וואָס ער מוז צוליב איר זיך אָפּזאָגן פון אַ קינד. איצט, האָט זיך אַרויסגעוויזן, איז זי גאָר דער קרבן און ער איז דער כהן־גדול, וואָס האָט זי צוואַנציק יאָר אַזוי מיאוס גענאַרט.

איך דאַרף זיך שטאַרק ניט נאָכפרעגן, וואָס פאַר אַ משוגעת עס איז אויף איר אָנגעפאַלן. די דאָקטוירים האָבן איר געהייסן פאָרן קיין קרים, די נערוון באַרואיקן. אין לאַנד איז נאָר וואָס שטיל געוואָרן. די ווייסע האָט מען אויסגעראָטן ביזן לעצטן. און אין קרים איז ווי נאָך אַ שלאַקסרעגן: פאַרוויסט און חרוב. אָבער זון און ים איז פאַראַן, און זי האָט זיך דאָ געפילט, ווי אין אַ נייער הויט. האָט זי אים גערופן אַהער וואוינען.

און דאָ האָט זיך ערשט אָנגעהויבן די אמתע מעשה.

— עס איז צום לאַכן און צום וויינען, ווי אַזוי די ליבע מיינע מיט מיין זייגערמאַכער האָט זיך ביי מיר פאַרענדיקט.

ער איז געקומען צו איר קיין קרים. זיי האָבן זיך געדונגען צוויי צימערלעך צו וואוינען, און אַ בײדל אויף אַ ראָג גאַס פאַר אים אויף צו אַרבעטן. זי האָט געהאַט פאַרהיט איר ביסל צירונג, האָט זי עס פאַרקויפט און געקויפט אַ שטוב. זי האָט אָנגעהויבן אַ ניי לעבן. ער האָט געאַרבעט און ניט שלעכט פאַרדינט, און ניט זייער שלעכט איז זיי געווען. קיין בורזשוען זיינען זיי קיינמאָל ניט געווען, און איצט האָט ער געהאַט אַ טיטל: „קוסטאַר אָדינאָטשקע״. ס׳איז אי אַ בורזשוי אי אַ פּראָלעטאַריער, — ווי דו ווילסט, אַזוי רעכן זיך. קיין גרויסער אינטערעס אין לעבן איז ניטאָ. אַ ביכל אין שטוב וואָלגערט זיך יאָ. לייענט מען אַמאָל און מע דערוויסט זיך פון פרעמדע צרות, ווערט אַ ביסל בעסער — ניט פון די ערגסטע ביסטו, טראַכט זיך דיר. איז דאָך אַלץ גוט, יאָ? נאָר איין קלייניקייט.

די קלייניקייט באַשטייט דערין, וואָס זי האָט מיטאַמאָל אויפגעהערט צו טרעפן אין ציל. פינף און צוואַנציק יאָר האָט זי געשאָסן גוט, און געלעבט מיטן מאַן פיין, און אויפן זעקס־און־צוואַנציקסטן האָט ער אָנגעהויבן פון שטוב פאַרפאַלן צו ווערן. אויף טעג און אויף נעכט. ס׳האָט ביי איר דאָס האַרץ ווידער אָנגעהויבן פלאַצן. זי האָט זיך געכאַפּט, אַז ער איז נאָך גאָר אַ יונגער,

פוצט זיך ווי אַ חתן־בחור, גאָלט זיך די מאָרדע איבער אַ טאָג, און דאָס אַלץ — גאָרניט פון אירטוועגן.

און דערנאָך איז די מכה ארויסגעשפּרונגען.

ער האָט זיך אָפּגעשניטן אַ האַלבע שטוב און געבראַכט אַהין אַ צוויי־און דרייסיק־יאָריקע — די אמתע יפהפיה...

ס'איז שוין איצט ניטאָ אויף וואָס זיך נאָכצופרעגן. זי קאָן זיך נעמען אַ שטעקעלע מיט אַ טאָרבע און אַוועק איבער דער וועלט... אַן אַנדערע איז גע־קומען. ראַמען און וואַשן און קאָכן קאָן אַ דינסטמיידל אויך, און אַ ווייב באַ־דאַרף זיין אַ יונגע און אַ שיינע.

צי יענע איז שיין? אַ קאַץ — אַ בריליאַנט. ווער עס האָט קיין שענערס ניט געזען, יענער מעג די אויגן האַלטן אַראָפּגעלאָזט פון בושה, אָבער צוגע־פּוצט איז זי געווען, דאָס יאָ. און דאָס נעמט.

איך מוז איר פאַרגעבן, און זי בעט עטלעכע מאָל איבער מיין כבוד: יע־נערס אונטערקליידל, ווען מע שלעפּט אַראָפּ פון איר, איז עס ניט זייער ריין שטיקל שמאַטע, און אַז עס הענגט אויף איר — רייצט עס אים די געבליטן. זי האָט עס גוט באַמערקט. זיי פּלעגן זיך טרעפן אַמאָל אין פירהויז, די ווייבער. יענע האָט געהאַט אַ „נאַכאַלנע" צורה, און אירע איז פינצטער, ווי די ערד.

וואָס האָט זי געהאַט מיט יענער צו ריידן? עס וועט אַמאָל קומען איר ביטערער מזל צוגאַסט. דערווייל איז זי אויפן פערד. און דאָס פערד שוויגט. דאָרט, מיט איר, אין דער צווייטער האַלבער שטוב קלינגט זייער „נאַכאַלנע" געלעכטערל, און אַז ער קומט צו איר אַמאָל אַריין, איז ער פינצ־טער און נאַריש, אַז עס ווילט זיך אים אַזש אַרויסטרייבן.

נאָר מיטן פערד האָט זי איינמאָל גערעדט. זי האָט אים געגעבן צו דער־קלערן, אַז זי פאַרשטייט אַלץ, אַז זי האָט גאָרניט צו אים, אַז זי וויל זיך נאָר פאַנאַנדערגיין. זי וועט אַליין איר שטעטל באַשטיין. די שטוב מיט די זאַכן זיינען אירע. פאַר איר צירונג געקויפט. זאָל ער זיך בויען אַ נייעם בנין, ווי־באַלד ער איז אַ יונגער חתן־בחור געוואָרן. און ער שוויגט. חדשים שוויגט ער. און אַז זי שטופּט אים צו צו דער וואַנט, ענטפערט ער, אַז ער קאָן ניט. וואָס קאָן ער ניט? פאַנאַנדערגיין זיך מיט איר קאָן ער ניט. פאַרוואָס? ווייל ער קאָן ניט. וואָס־זשע דרייט ער זיך אַרום מיט דער יונגער קליאַטשע? די געדאַנקען האָבן זיך ביי אים צעמישט.

גוט — טראַכט זי — זי וועט אים אַנטקעגן גיין. זי וועט אים העלפן די געדאַנקען אין אָרדענונג ברענגען.

און זי האָט עס אַזוי געטאָן:

איינמאָל, ווען דאָס יונגע פּאָרל איז אַוועק צום ים שפּאַצירן און אפשר

אין קינאָ, האָט זי זייערע שמאָטעס אויפן גאַנעק אַרויסגעהאָנגען, און דיביידע העלפטן פון דער שטוב פאַרשלאָסן, איינע פון דרויסן, די צווייטע פון אינ־וויניק און געלייגט זיך שלאָפן. דאָס האָט אָבער געהאָלפן נאָר אויף אַ העלפט: זיי האָבן איבערגענעכטיקט אויפן גאַנעקל און אינדערפרי זיינען זיי אַוועק, גע־דונגען זיך אַ דירה און געלעבט חדשים נייַן צו צען. און זי האָט זיך דערווייל אַ פּראָפעסיע איינגעשאַפט. עס איז איר צונויף געקומען דער פּאַנסיאָן אירער: זי האָט אָנגעהויבן נייען טשיפּקעלעך מיט סאַראַפאַנעס פאַר די קוראָרט־דאַמע־לעך און עסט דערפון איר שטיקל ברויט.

ס'איז צום לאַכן און צום וויינען, ווי די גאַנצע מעשה האָט זיך ביי זיי פאַרענדיקט:

די צוויי־און־דרייסיק־יאָריקע איז מיט מזל טראַגעדיק געוואָרן. אַ נייע פּלאָם בושה איר אין די אויגן: קומט אויס ווידעראַמאָל, אַז אַלע פּראָפעסאָרן וויסן ניט פון זייער אייגענעם ליבע און לעבן, אַ סימן — אַט איז זי דאָך יאָ טראַגעדיק געוואָרן, און דווקא פון אים, און דווקא אין איינע צען חדשים, און זי האָט, אומשטיינס געזאָגט, אָפּגעפּאַטשקעט זיך מיט אים אַ לעבן און קיין פּיצל סימן קינד איז דערפון ניט געבליבן. מילא — פון איר דעמאָלטיקן אומזיסטן ווייטיק וועט זי מיר שוין בעסער ניט דערציילן.

גאָרניט. טראָגעדיק געוואָרן. געהאָט אַ קינד. דאָס שותפותדיקע פערד אונדזערס איז אויפן זיבעטן הימל. וואָס ער קאָן, שלעפּט ער פון שטוב אַרויס — אַלץ פאַר דער נייער משפחה. זיין געשטעל רוּאינירט ער. לעבט און קווועלט אָן פון איר מיטן קינד. דאַרף דאָך זיין גוט? אַ נפקא מינה, אַ מענטש געפינט אַ פּיצל גליק — ביי אַן אַלטער ידענע, אָדער ביי אַ יונגער יפהפיה? איז אָבער ניין. זי איז ניט אַליין. ניט אין קיין פריילעכן טאָג קומען צו איר צו פאָרן צוויי קינדער — איינס דרייצן יאָר אַלט, דאָס צווייטע — אַכט. און יעדעס קינד האָט זיך זיין טאַטן. און זי איז זייער מאַמע. און די טאַטעס זיינען אויך דאָ. לעבן זיי אָפּ זאַלבעזעקסט אין דער איינער שטאָט, ווי זעקס קעץ אין איין זאַק, און דאָס פּיצל מינד איז אַ זיבעטס און דער פיינער משפחה.

ניין, איך דאַרף קיינעם ניט מקנא זיין. דער צוויי־און דרייסיק־יאָריקער איז אויך ניטאָ וואָס מקנא צו זיין. זי פּאַלט נעבעך פון די פיס: אַלע טאָג מיט מיט אַן אַנדער מאַן און מיט אַן אַנדער קינד, און מע דאַרף נאָך מאַכן אַזוי, אַז די דריי מענער זאָלן זיך צווישן זיך ניט באַגעגענען. באַשטימט זי זיי יעדערן זיין שעה. אָבער יעדער געוועזענער מאַן רופט זי, זי זאָל גיין מיט אים לעבן. אַן אויסבאַפּעניש ממש! און מיין פערד ניאַנטשעט זיך אַרום מיטן קינד, אַז עס איז אַ ביטער/ער רחמנות אויף אים. עסן קומט ער צו איר, צו

דער אַלטער. קינדער־וועש וואַשט ער אויך ביי איר. און די געדאַנקען זיינען נאָך ביי אים אַלץ צעמישט.

מיט וואָס האָט זיך דאָס פאַרענדיקט?

אַז דער סעזאָן האָט זיך פאַרענדיקט, און עס איז „אָסיען" אָנגעקומען, זיי־נען זיי זיך אַלע צעפאָרן, און די קליאַטשע איז מיט איינעם פון אירע מענער קיין קיעוו אוועק. פאַרן אוועקפאָרן האָט זי אים איבערגעלאָזט אַ בריוול מיט אַן אַדרעס און דאָס קינד. זי האָט אים געשריבן, אַז ווי אַן ערלעכער מענטש, מוז זי אים אַנטפּלעקן דעם סוד, אַז זי האָט אים קיינמאָל ניט ליב געהאַט, און דאָס, וואָס זי איז זיך מיט אים אויף אַ ווײַלע צונויפגעגאַנגען, איז עס געשען דער־פאַר, מחמת עס איז איר דאָ איינער אַליין, ווינטער, זייער אומעטיק געווען, און זיין כאַראַקטער איז איר זייער שטאַרק געפעלן געוואָרן — אַן איבערגעגעבענער און צוגעלאָזטער איז ער זייער. אין צוויי יאָר אַרום וועט זי קומען נאָכן קינד. דערווייל לאָזט זי אים איבער אַן אַדרעס, ער זאָל איר בריוולעך שרייבן וועגן זיין געזונט און וועגן קינדס געזונט. דאָס קינד זאָל ער זיך נעמען און היטן עס. קאָרמענען מיט דער ברוסט דאַרף מען עס שוין ניט. עס איז שוין אַנט־ווײַנט, זיי, — אַן אַלט פאַר פאָלק, וואָס האָט סיי־ווי־סיי קיין קינדער ניט, וועלן דערווייל האָבן אַ שטיקל נחת אויף דער עלטער, און זי ראָט אים טאַקע זיך אומקערן צו דער אַלטער (צו איר הייסט דאָס), מחמת קיין בעסערע העלפט פאַר זיך וועט ער גאָר אויף דער וועלט ניט געפינען.

ווי זאָל זי עס מיר אַרויסברענגען?

דער ליכטיקער מאַן אירער האָט זיך אַרומגעדרייט מיט אַ פינצטערער צורה איינער אַליין אַ חדשים צוויי, און די געדאַנקען זיינען נאָך ביי אים, אַפּנים, אַלץ געווען צעמישט. מיטן קינד האָט ער זיך אַרומגעניאַנטשעט דאָרטן ביי זיך אין די צוויי צימערלעך, און צו איר קומט ער מיטן קינד מיטאָג עסן און דאָס ביסל קינדער־וועש אויסוואַשן.

איז דאָס נאָך אַלץ ניט אַזוי פיל. עס קאָן זיין נאָך מער. עס האָט גאָר קיין שיעור ניט צו דער מעשה. דער גרעסטער פילאָזאָף אין לעבן קאָן קיינ־מאָל אַזוי פיל ניט צוטראַכטן, וויפל דאָס לעבן אַליין שפּינט אָן. מאָלט אייך אויס, אַז סע שפּינט זיך ניט פון דער העלער הויט אָדער פון הימל. שפּינערס פאַראַן — לעבעדיקע מענטשן, און אַז די מענטשן זיינען נאָך דערצו פאַלשע, שפּינען זיי אַזוי... אָט ווי די אמתע שפּינען...

— איז, הייסט עס, איך האָב שוין געהאַט כמעט שלום געמאַכט מיט דער נייער דאַליע מיינער. זאָל ער, טראַכט איך, זאָל ער טאָן, וואָס ער וויל, מחמת דער געדעכטער אין דער גאַנצער שווערער און ביטערער געשיכטע איז דאָך ער און ניט איך. איך האָב געטראַכט אַזוי: ער האָט אַ גאַנץ לעבן געוואָלט

האָבן אַ קינד? געוואָלט. מיט דיר האָט ער עס ניט געהאַט? ניט געהאַט. איז ער אַוועק צו אַן אַנדערער. ער איז דען מחויב אונטערגייז פון דער וועלט אָן איינזאַמער? ניין! קאָן זייער זיין, אַז איך אַליין וואָלט אויך אַזוי געטאָן, ווען איך וואָלט אַ מאַנצביל געווען, אָדער ווען איך וואָלט פריער אויף זיכער געוואוסט, ווער דער שולדיקער איז דאָ. נו, גוט. אַוועק. מיט יענער האָט ער געהאַט אַ קינד? געהאַט. אַי, עס איז אומעגלעך ער זאָל האָבן אַ קינד, מחמת אַלע פּראָפעסאָרן אין דער וועלט האָבן אין איין קול דערקלערט, אַז ער איז דער עקר, און איך בין ניט די עקרה — ווייסן זיי ניט פון זייער לייב־און־לעבן. עס טרעפט זיך אַזוינס ביי פּראָפעסאָרן. עלע וואָס, די פּאַסקודנע יפהפיה האָט אים דאָס קינד צוגעוואָרפן און איז נעלם געוואָרן — איז וואָס איז ער דאָ שולדיק דערין? אויף אים קאָן מען נאָר רחמנות האָבן. און דאָס עופהלע איז אוודאי אין גאַרנישט שולדיק. קומט אויס, דבורה־לעבן, — האָב איך זיך אַליין אין איינעם אַ שווערן פּאַרנאַכט אַ זאָג געטאָן, — אַז די גאַנצע שולדיקע ביסטו דאָ איינע אַליין, ווייל איצט ביסטו דאָך שוין געוויס אַן עקרה, אַ פּוס־טאַצוועט, און וואָס פריער איז מיט דיר געווען איז אויך דערוויל אומבאַ־וואוסט... געדאַרפט אפשר זיך אַ פּרואוו טאָן מיט אַן אַנדער מאַנצביל, וואָל־סטו זיך דערוואוסט אויף זיכער, ניט געפּרואווט זיך, איז... מאַך אַ שוויג. איצט איז שוין שפּעט? שפּעט. איז... לייד און שוויג און העלף אים מיט עפּעס, אויב דו קאָנסט. און, מאָלט אייך אויס, ס'האָט מיך אַ חשק אָנגעכאַפּט צו אַ פאַמיליען־לעבן און איך האָב זיך פּונסניי גענומען לאַשטשענען צו אים און, דער עיקר, צום קינד. ס'איז מיר ניט גרינג אָנגעקומען... איך האָב די ערשטע צייט שטאַרק געפאַלשעוועט, אָבער דאָס איז געווען נאָר דערפאַר, ווייל איך האָב נאָך אַליין ניט קלאָר געוואוסט וואָס איך וויל און וואָס איך באַדאַרף.

וואָלט אַלץ אפשר טאַקע געענדיקט זיך גוט, ווען ניט אַ נייע מעשה, מיט אַ בריוול.

אין איינעם אַ טאָג באַקומט זיך אַ בריוול אויפן אַדרעס פונעם זייגער־מאַכערס צוויי צימערלעך. אַ בריוול פון ראָסטאָוו, פון איינעם אַ בחור, אַ בעלאָצערקאָווסקי, צו איר, צו דער צוויי־און דרייסיק־יאָריקער, אַז אויב זי וויל, קאָן זי קומען צו אים קיין ראָסטאָוו מיט זייער קינד, נאָר זי דאַרף מיט זיך מיטברענגען אַ צימער מיט אַ פּרנסה, פון וועלכער זיי זאָלן קאָנען איינדרייען לעבן, מחמת ער איז, ווי זי ווייס, אַ סטודענט, איז הויל ווי אַ קאַמזויל און האָט נאָך צו לערנען אין אוניווערסיטעט דריי יאָר צייט, דאָס נפשל, דאַרף איך זיך נעמען אין אַכט, ווייזט זיך אַרויס, איז גאַרנישט דעם זייגערמאַכערס, דער טאַטע זיינער איז דער ראָסטאָווער סטודענט בעלאָצערקאָווסקי.

איך מוז איר גלייך אויפן אָרט זאָגן, צי געפעלט מיר אַזאַ קער.

וועגן דעם זייגערמאַכער איז שוין איצט ניט אינטערעסאַנט. דער זייגער־מאַכער גנבעט זיך אַרויס פון דער שטאָט און אַנטלויפט קיין קיעוו, צו דער יפהפיה, און דאָס קינד וואַרפט ער אַריין צו מיר.

ווי זי האָט אויפגענומען דאָס קינד, איז ניט שייך צו דערציילן, וואָס איז דען דאָס קינד שולדיק?

נאָר פונדעסטוועגן מעג איך עס אויסהערן. ס'איז גאַנץ טשיקאַווע.

זי קומט אַזוי איינמאָל פון שטאָט מיט די טשיפּקעלעך און סאַראַפאַנעס אויף די הענט און דערהערט אַ יונג קולכל אין דער צווייטער העלפט שטוב. עס קוויטשעט און עס לאַכט און עס וויינט — עס טוט זיך! זי גייט אַהין אַריין און טרעפט דאָס נפשל ליגט אין אַ נעץ און מיט די פיסלעך וואַרפט עס און שפּילט זיך מיט אַ קאָלירטע פּילקעלע, וואָס מע האָט איבער זיין געלעגערל אופגעהאַנגען. זי האָט אים איבערגעבעט אַ טרוקענעם ליילעך. זי האָט אומ־גערן פאַרטשעפּעט דאָס פּילקעלע, און דאָס קינד האָט זיך דערפון צעלאַכט מיט אַלע זיינע אבֿרימלעך. עס האָט זיך ביי איר דאָס האַרץ קאַפּויר איבערגע־קערט. זי האָט עס בגנבֿה אַ קוש געטאָן און פאַרשעמט זיך פאַר זיך אַליין. זי איז פון אים אַוועק און צוריק צו אים זיך אומגעקערט.

ביי איר אַליין האָבן זיך די געדאַנקען אירע צעמישט.

וואָס זאָל זי טאָן מיטן קינד?

אירע אייגענע קינדער האָט זי בלויז אין פינצטערע און שווערע חלומות געזען, ווי יידן אין שוואַרצע קאַפּאָטעס טראָגן זיי אַרויס, ווי טויטע חיהלעך, האָט זי געזאָלט דעמאָלט אָנטאָן אַ שוואַרצע קאַפּאָטע און אַרויסוואַרפן עס, ווי אַ ווערעמל? עס האָט ביי איר אַ ביסל צייט גענומען, ביז זי איז צום שכל גע־קומען, אַז אויב דער סטודענט מיט דער יפהפיה האָבן אַ שטיקל חלק אינעם נפשל, קאָן זי האָבן אין אים דעם גרעסטן חלק. זי האָט זיך געגעבן אַנגעמוט־שעט מיטן קינד. עס איז געווען אַ גאַנץ פריילעך קינד, נאָר זי האָט עס אין קדחת געוואָרפן: אָט האָט זי עס משוגענערוויז געקושט, און אָט האָט זי זיך אַליין מיט די פויסטן אין די שלייפן געהאַקט און געוויינט פון כעס, וואָס זי דאַרף אַליין מיט זיך מלחמה האַלטן. עס האָט אַ ביסל צייט גענומען, ביז זי האָט זיך צום קינד צוגעוואוינט.

נאָר אָט איז שוין אַוועק אַכצן חדשים, ווי זי איז אַליין מיטן קינד. איצט איז שוין עפּעס אַנדערש. איצט דאַכט זיך איר אויס, אַז זי האָט עס אַליין גע־בוירן, אַליין פון איר ברוסט זויגן געגעבן. איצט וועט זי פריער די אייגענע נשמה אירע אַוועקגעבן, איידער זי וועט דאָס קינד עמעצן אַוועקגעבן. זי רעדט דערמיט אומישנע אויף יידיש. זי האָט אים אומישנע אַ נאָמען געגעבן „זונדל". זי דאַרף אים נאָר אין „זאגס" פאַרשרייבן. און איר קרימער „זאגס"

וויל ניט. עס שיקט זיך ניט פאַר זיין זאגסישן שכל, אַז זי מעג זיין די מאַמע פון אַזאַ מין נפשל, איז מילא, טראַכט זי זיך, זאָל זיין אַ „זאגס״. ניט דער „זאגס״ איז דאָך דער באַלעבאָס איבער די מענטשלעכע געפילן... אדרבא, ס׳וועט נאָך זיין טשיקאַווער און אמתדיקער, ווען ס׳וועט ביי איר אויסוואַקסן דאָ אַ קינד, אַ יונג, וואָס וועט זיין צוגעבונדן צו איר דערפאַר, ווייל אַלע האָבן אים אַוועקגעוואָרפן און זי האָט אים מיט אַ פּאַרבלוטיקט האַרץ אויפגעהויבן. זי האָט זיך אַליין אפילו איבערגעאַנדערשט, אַ נייע געוואָרן, מיידלשע געדאַנקען וועגן עפּעס אַ גוט לעבן, וואָס שטייט איר פאַר זיינען איר אין קאָפּ געקראָכן. אומגעריכט, אויף דער עלטער, האָט זיך דאָס גליק ביי איר אויף „קוואַרטיר״ אָפּגעשטעלט, זי קאָן זאָגן אָן קיין שום גוזמא: זי איז פונסניי יונג געוואָרן און געטראַכט אַפילו, אַז ס׳פּאַסט שוין איצט ניט פאַר איר אַזוי צו לעבן, ווי זי האָט געלעבט ביז איצט. ס׳פּאַסט ניט צו זיצן ביי זיך אין שטוב, נייען טשיפּעקלעך מיט סאַראַפאַנעס און אַרומטראָגן עס ווי אַ קאַראַבייניצע איבער די דאַטשעס און שמייכלען צו די קוואַרטיר־דאַמעלעך. זי קאָן שוין איצט זיין אַ מענטש פאַר זיך. וואו קאָן מען דאָס אַזוי זיין אַ מענטש פאַר זיך? ערגעץ צווישן מענטשן, אין אַ וואַרשטאַט, אָדער אין פאַבריקל. דאָרט קאָן מען אַמערסטן זיין אַ מענטש פאַר זיך, ווייל מען איז אינאיינעם און קיינער וועט ניט לאָזן דיך אומזיסט באַוועלהן. איז זי טאַקע אַוועק אין אַן אַרטעל, געבראַכט צו שלעפּן אַהין איר מאַשין מיטן רעשט גרייטע טשיפּעקעס און סאַראַפאַנעס, וואָס זי האָט האָט געהאַט און געמאָלדן זיי:

— איר נייט קינדער־קליידלעך, איר נייט לייבלעך, פּליודערן און ווייס איך נאָך, קיין טשיפּעקעס מיט סאַראַפאַנעס נייט איר ניט. לאָמיר נייען סאַראַפאַנעס מיט טשיפּעקעס. עס וועט זיין גוט. אין קאָן די מלאכה. אין קאָן צולערנען נאָך אַ פאַר ווייבלעך די אַרבעט.

אַ פאַרוואַלטער איז דאָרט געזעסן גראָד אַן ערלעכער, איבערגעגעבענער מענטש: האָט ער אַ קוק געטאָן אויף איר און צעשמייכלט זיך:

— טאַקע אַן אמת, חברטע דבורה.

ער רופט אַלעמען „חברטע״.

— ס׳איז מיר אַזש אַ חרפּה, — זאָגט ער, — צווישן זיך גערעדט.

— וואָס איז דאָ די חרפּה?

— געדאַרפט אַליין זיך כאַפּן דערויף. ביי אונדז אין שטאָט איז פאַראַן נאָך אַ סך איינצלנע קוסטאַרקעס. געדאַרפט זיי אָרגאַניזירן.

— ס׳ווענדט זיך וועלכע, — זאָג איך, — ניט אַלע וועלן זיך לאָזן, אַנדערע וועלן קומען ניט אויף אַרבעטן, נאָר אויף טומלען.

— אַלצאיינס, — זאָגט ער, — געדאַרפט פירן אַן אַרבעט. פאַרשלאָפן... ס׳איז מיר באמת אַזאַ חרפה...

— ווישט אָפּ די חרפה, — זאָג איך, — חבר טענענבוים, און לאָמיר זיך פּרוּוון. איך וועל זיך דורכשמועסן מיט אייניקע ווייבלעך.

ער איז געווען זייער צופרידן דערפון. וועגן זיך וויל זי שוין ניט ריידן. זי האָט געאַרבעט, געשמועסט מיט די ווייבלעך, אייניקע טאָקע אַריינגעצויגן אין אַרטעל און איר לעבן האָט זיך אָנגעשטאָפּט מיט אַ געשמאַקן אינטערעס. — אַרבעטן האָט זי שטענדיק ליב געהאַט און צווישן מענטשן —אַוודאי. און נאָך דער אַרבעט ביסטו ווידער ניט אַליין: מע גייט אין יאַסליע אַריין נאָכן קינד, ווי אַ יונג ווייבעלע... קינדער מאַכן טאָקע יינגער אַן עלטערן מענטשן, איך מעג זיך נעמען אין זיבעץ אַריין...

אַזוי האָט זי אָפּגעאַרבעט אַ יאָר צייט.

איז דאָך גוט, איאָ?

זיינען אָבער פאַראַן שפּינערס אין לעבן, פאַלשע און ליידיקגייערישע מענטשן, וואָס זוכן רק אַ לעב צו טאָן אויף יענעמס חשבון, — קאָן שוין ניט זיין גוט ביי אַזאַ מין לאַגע.

— וואָס אַ שטייגער, וועל איך זאָגן, אויב זי וועט מיר דערציילן, אַז איצט האָט זי שוין גאָרנישט? זי האָט ניט קיין אַרטעל, זי האָט ניט קיין שטוב, זי האָט ניט קיין זאַכן, זי איז אַ פאַלנע בעספּריזאָרנע עקרה מיט אַ קינד אויף דער האַנט, מיט אַ שטיקל קרימינאַל אויף די פּלייצעס.

איך מעג עס איר גלייבן. ס׳איז אַזוי. אַן אַ גוזמא.

ווי דאָס האָט פּאַסירט? גאַנץ איינפאַך.

נאָכן יאָר אַרבעט האָט זי זיך גענומען איר אורלויב, אַריינגעלאָזט אַ שכן צו זיך אין שטוב, גענומען דאָס קינד אויף די הענט און אַוועקגעפאָרן צו גאַסט קיין ראַהאַטשאָוו. זי האָט גוט פאַרבראַכט אין ראַהאַטשאָוו, כאָטש אַנדערע ווייבלעך האָבן געלאַכט פון איר. טשעפּן האָט מען זי ניט געטשעפּעט — ניט די אַמאָליקע צייטן, אָבער כיכיקעט האָט מען. זאָלן זיי, וואָס אַרט עס איר? אויף צופּיקעניש די כיכיקערנס האָט מען זי געזעצט אין פּרעזידיום ביי די ראַהאַטשאָווער קוסטאַרן אויף פייערלעכן אָוונט לכבוד דער אָקטיאָבער־רעוואָ־לוציע, און ניט זיי. די מעשה מיטן קינד האָבן זיי זיך גלייך, פאַרשטייט זיך, דערוואוסט, און ביי די פאַרגעשריטענע מענטשן אין די אויגן האָט זי דערמיט גוט אויסגענומען, „חברטע" האָט מען זי דערפאַר גערופן. ס׳איז עפּעס ווערט: אַוועקגעפאָרן אַ פּשוט ווייבל און געקומען צו גאַסט אַ חברטע. נאָר זי האָט לאַנג דאָרט ניט פאַרבראַכט. און ווען זי איז צוריקגעקומען...

מאַלט אייך אויס, אַז אויפן וואָקזאַל נאָך האָט זי דערשמעקט, אַז דאָ איז

עפּעס געשען. ס'איז געווען שפּעטער האַרבסט, ס'זיינען געשטאַנען גרויסע בלאָטעס, דער טראַמוויי איז ניט געגאַנגען, דער סעזאָן האָט זיך שוין געענ־דיקט, און די פּאָר מענטשן, וואָס זי האָט באַגעגנט אויפן וואָקזאַל קוקן אויף איר עפּעס מאָדנע: רחמנות זעט זי אין זייער בליק און איילקייט — זיי איילן זיך און אין דער איילקייט אין זייערער, זעט זי, שטעקט אַ באַהאַלטענער מיין, ווי איינער רעדט: „זאָל איר אַן אַנדערער די גוטע בשורה אָנזאָגן. איך בין ניט מחויב. . .״

זי האָט גלייך דערפילט: ניט גלאַט. אָבער זי האָט זיך באַרואיקט, אַליין פון זיך געלאַכט: מאַלע וואָס עס דוכט זיך אויס, וואָס האָט געקאָנט פּאַסירן? די שטוב האָט אָפּגעברענט? עס זעט זיך ניט אָן. ווייס־גוואַרדייער האָבן פאַר־כאַפּט די שטאָט? ניין, אַ סאָוועטישער מיליציאָנער דרייט זיך אַרום אויף דער פּלאַטפאָרמע. דער מאַן האָט זיך אין ים דערטרונקען? דאָס קאָן טאַקע מעגלעך זיין: מאַלע וואָס אַ מענטש קאָן אָפּטאָן אין לײדיקגייערישן אומעט! און ס'האָט איר אין האַרצן אַ שטאָך געטאָן. קיין ליבע איז צו אים ניט גע־בליבן, אָבער ווייטיק אין האַרצן פאַר זיינע צרות האָט זי געהאַט.

זי וועט מיך ניט פאַרהאַלטן מיט אירע געפילן, וואָס זי האָט דעמלט געהאַט.

זי כאַפּט דאָס קינד, און, ווי דאָס האַרץ וואָלט איר געזאָגט, אַז זי וועט דאַרפן באַלד צוריקפאָרן, לאָזט זי די זאַכן אירע אויפן וואָקזאַל און אַנטלויפט אין שטאָט אַריין.

זי קומט צו צו איר שטוב. אויף דער טיר הענגט אַ שלעסל. זי דרייט זיך אַרום דער שטוב. אַלץ איז, דוכט זיך, ווי געווען. די זעלבע פאַרהאַנגען אויף די פענצטער. אירע פאַרהאַנגען. זי וויל אַריין צו אַ שכן, ערשט זי זעט. . .

איך וועל טרעפן, ווען זי האָט דערזען?

ניין, איך וועל ניט טרעפן.

דאָס פּאָרל שפּאַצירט זיך.

דאָס פּאָרל גייט אַהער, צו דער שטוב.

זי, דבורה, איז פינצטער ווי די ערד. זי פילט עס.

ער קומט צו צום גאַניקל און שליסט אויף די שטוב.

אַלץ איז דערווייל רואיק. די יפהפיה גייט פון הינטן אויך אַ גאַנץ רואיקע דערווייל, נאָר ווען די טיר איז געעפנט און מע דאַרף אין שטוב אַריין, גיט זיך די קליאַטשקע פּלוצלונג אַ וואָרף צום קינד.

— מיין עופהלע! — קוויטשעט זי און וויל עס ביי מיר פון די הענט אַרויסכאַפּן.

דאָס קינד דערשרעקט זיך, צעווייַנט זיך, טוליעט זיך צו מיר. עס פאַר־שטייט ניט, וואָס די פרעמדע פרוי וויל פון אים, עס פאַרשטייט ניט איר שפּראַך.

— מיין עופהלע! — קוויטשעט זי און כאַפּט זיך אָן ביי די האָר.

דאָס קינד שרעקט זיך, וויינט.

איך קוק אויף איר און, דעם אמת געזאָגט, שנײַדט מיך ביים האַרצן. איך בין קיינמאָל קיין אמתע מאַמע ניט געווען און ווייס ניט, וואָס מע פילט, ווען מען זעט אַן אייגן קינד אַזוי אָפּגעריסן פון זיך. איך קוק אויף איר און איך פיל, אַז די הענט חלשן ביי מיר: אָט־אָט נעם איך דאָס קינד און גיב עס אַוועק... מאָלט אייך אויס, עפּעס האָט מיר אַ שיין געטאָן פאַר די אויגן... עפּעס האָב איך דערזען דאָס האַלטעניש, די הענט אירע אויפן קאָפּ, עפּעס האָב איך נאָכאַמאָל דערהערט דעם קוויטש, עפּעס האָט אין מיר אינווייניק אַ געשריי געטאָן: „פאַלש" און אַזאַ מין העלישער כעס האָט זיך אין מיר צע־יוכעט, אַז איך האָב זיך ניט געקאָנט איינהאַלטן — אויך צעקוויטשעט זיך:

— קוויטשע ניט, אויסוואורף! שרעק ניט קיין קינדער! דיינע עופהלעך וואַלגערן זיך אין די רינשטאָקן! ס'איז ניט דיינס, צויג!

— מאַ־אַ־ם, — כליפּעט דאָס קינד, — כ'האָב מוי־ר־א...

מיין פערד שטיים ביי דער אָפענער טיר. זיין אונטערשטע פערדישע ליפּ ציטערט, ווי ביי אַ פערד טאָקע.

— איך בעט אייך... ניט אויף דער גאַס... איך בעט אייך...

און פירט זיי אין שטוב אַריין.

זיי גייען אַריין.

זי האָט מורא די שוועל אַריבערצוטרעטן.

ער רופט זי.

— דבורה, — זאָגט ער, — קום אַריין אויף אַ ווײַלע.

— אויף אַ ווײַלע צו זיך אין שטוב, אַ פיינער קער, האַ?

די יפהפיה גייט אַוועק אין צווייטן צימער און פאַלט אַוועק אין אַ היסטע־ריקע. דאָס פערד פאַרעט זיך אַרום איר. דבורה שטייט אינמיטן שטוב מיטן קינד אויף די הענט, ווי אַ משוגענע, ווי אין חלום.

ניין, קיין חלום איז עס ניט געווען.

ס'איז אַלץ פשוט, וועדליק ווי פאַרן געוויסן פון פאַלשע שפּינערס.

— מיין פערד האָט זי אויסגעזוכט. ער איז געקומען צו איר אין אַ גליק־לעכער מינוט פאַר איר. די צוויי מענער, ווייזט זיך אַרויס, האָבן זיך גע־טראָפן, דערקאָנט איינער דעם אַנדערן, צעבוטשקעט זיך מיט די פּאַסקודנע צורות און ביידע נעלם געוואָרן פון איר. זיי האָבן זיך שוין ביידע מיטאַמאָל

פּאַסטאַרעט באַצאָלן איר ווי עס באַדאַרף צו זיין פאַר אירע שיינע מעשים. ווען מיין פערד קומט ניט אָן אין דער רגע, בלייבט זי אַ נאַקעטע אויף דער גאַס. אויפן סטודענט בעלאַצערקאָווסקי איז ניט געווען וואָס צו האַפן. יענער איז אַליין נאַקעט. ווען מיין פערד איז געקומען צו איר, האָט ער זי געטראָפן אין אַ פיינער לאַגע: עמעצער אַ דריטער האָט זי שוין פאַר די האָר געשלעפּט און געטריבן פון זיין קאָרידאָר. האָט ער זי גענומען און געבראַכט אַהער, ווייל די געדאַנקען זיינען שוין ביי אים איצט קלאָר און ער ווייסט אַלץ. וואָס ווייס ער? ער ווייס, אַז ער האָט זי ליב און קאָן אָן איר ניט לעבן. און זי האָט איך אויך ליב. ער ווייס, אַז ס'איז אַ ליגן די גאַנצע מעשה מיטן סטודענט בעלאַצערקאָווסקי, דאָס האָט זי אים געוואָלט בלויז אויספּרואוון. ס'איז אַ פאַלשער בריוו, זי אַליין האָט עס געשריבן. ס'איז זיין קינד. זיין אייגן בלוט און פלייש. ער ווייס... איז זאָל זי אים ניט שטיין אין וועג.

נאָר זי האָט אים ניט אויסגעהערט ביזן סוף. זי האָט אויסגעשפּיגן און איז אַוועק. דאָס קינד האָט זיך איר איינגעקלאַמערט מיט די הענטלעך אין האָלדז און געשלעפּט זי:

— קום אַוועק־עק פונדאַנען, מאַ־אַם...

אין שטאָט האָט זי זיך דערוואוסט: ער האָט זי דאָ אָפּגעגט און פאַרשריבן זיך מיט דער יפהפיה. די שטוב איז אויף זיין נאָמען און ער האָט איצט כלאַפּאָטשעט, מע זאָל עס איבערשרייבן אויף דער יפהפיהס נאָמען.

אין שטאָט האָט זי זיך נאָך דערוואוסט: פון אַרטעל האָט מען זי אויסגעשלאָסן. דער פאָרזיצער איז ניטאָ. און דער געהילף זיינער שמייכלט ווערמדיק:

— אַ קרימינאַליסטקע זייט איר... אַ קרימינאַלע דיעלאָ איז דאָ אויף איך... מיר קאָנען אַזעלכע אין אַרטעל ניט האַלטן... מיר האָבן איך אומגעקערט די מאַשין אייערע... זי שטייט ביי אייער געוועזענעם מאַן, אַזוי צו זאָגן...

וואָס האָט זי געזאָלט טאָן?

זי איז אינעם זעלבן טאָג פון דער שטאָט אַוועק. זי איז אין סימפערָאָפּאָל אַוועק. זי איז ביים פּראָקוראָר געווען. זי איז ביי יוריסטן געווען. קיינער קען איר דערווייל ניט העלפן. די צופעליקע באַזוכער ביים פּראָקוראָר און ביי די יוריסטן, וואָס האָבן איר געשיכטע אויסגעהערט, האָבן איר געראָטן וואָס גיכער אַוועקפאָרן פון קרים אָדער אומקערן דאָס קינד. ס'איז אַ קרימינעלע געשיכטע, זאָגן זיי. איז זי געקומען צו קאַלינינען. זאָל ער דער ריכטער זיין, וועמעס קינד ס'איז. קיין אַנדער מענטש פאַרטרויט זי ניט איר דיעלאָ. עס רעדט יידיש, דאָס קינד, דאָס איז אמת. און אויב דאָס

איז אַ פאַרברעכטן, טאָ זאָל מען זי באַשטראָפן דערפאַר, אָבער זי האַלט, אַז ניין, ניטאָ דאָ קיין שום פאַרברעכן דעריין. ס'איז ניט אַזוי געגאַנגען אין צולהכעיס, מיטן קינדס יידיש, הייסט עס, ווי ס'איז איר נעענטער אַזוי, זי פילט דאָס קינד נעענטער צו זיך, ווען עס רעדט צו איר אויף מאַמע־לשון. דאָס וואָרט „טאַטע" וויס ער ניט. און דעריין זעט זי אויך קיין שום פאַרברעכן ניט. זיין נאָמען איז „זונדל" און ער רופט זי „מאַמע". אדרבא, זאָל מען פרעגן ביים קינד, צי קאָן ער אַן אַנדער מאַמע.

די מעשה איז פאַרענדיקט. די אויגן ביי דער ראַהאַטשאָווער יידענע לייכטן. איצט קוקט זי שוין אויף מיר ווי אויף אַ פאַרטרעט, זי שטעכט מיך מיט אירע גרינע אויגן. איך מוז איר זאָגן: האָט זי ריכטיק געהאַנדלט? האָט זי געקאָנט עפּעס אַנדערש טאָן? קאָן איך איר מיט עפּעס העלפן צו קאַלי־נינען זיך דערלאַנגען? אויסטענהען זיך מיט אים וועט זי אַליין — די דאַרף נאָר, איך זאָל איר בלויז קאַלינינען אָנווייזן.

איך האָב געקוקט אויף דער יידענע. אַ קאָפּעלע צעשרויפּט איז זי, די ראַהאַטשאָווער יידענע, אָבער דאָס איז בלויז פון פּחד, אַז מע קאָן ביי איר דאָס קינד צונעמען. איך האָב איר צוגעזאָגט מאָרגן צו פירן צו קאַלינינען.

**
*

מיט אַ שטיקל צייט צוריק בין איך פאַרבייפאָרנדיק געווען צו גאַסט ביים שוואַרצן ים. איך בין אַריין צו מיין ראַהאַטשאָווער יידענע, צו דער חברטע דבורה. איך האָב זי געטראָפן אין דער זעלבער שטוב, ווי זי האָט מיר אָפּגעמאָלט אין מאָסקווע. אויף די פענצטער זיינען געהאַנגען, דוכט זיך, די זעלבע פאָרהאַנגען. די אַלטע איז געווען שטייף און מונטער. דער זילבער־שטויב אויף אירע האָר איז געדיכטער געוואָרן, אָבער זי אַליין איז געווען אַזוי אָנציִענד, ווי אין מאָסקווע. מיר האָט זיך אַפילו אין יענער שעה אויסגע־דוכט, אַז זי איז פאַר דער צייט יינגער געוואָרן. זי האָט מיך באַגעגנט מיט אַ כמעט מיידלשער פרייד. זי איז עפּעס ווי אויסגעוואָקסן, מיין חברטע דבורה. זי קוקט אַנדערש, רעדט אַנדערש, — וויניקער און פאַרשטענדיקער. אין די צימערלעך איז מיידלש ריין, ווי צוויי קרישטאָלענע בעכערלעך זיינען זיי מיט זון אָנגעגאָסן. אויפן דעק פון איינעם פון אָט די בעכערלעך, אין אַ ווינקל, שפּיגלט זיך אין אַלע קאָלירן פונעם ספּעקטער אַ קינדער־טישל מיט פאַרביקע ביכלעך און שפּילצייג אויף אים און אַרום אים. איבערן טישל הענגט אַ גרויסער פאַרביקער פאָרטרעט — מיכאַיל איוואַנאָוויטש קאַלינין.

איך האָב באַקוקט איר היים. מיין בליק איז געפאַלן אויף דער אַקעגנ־איבערדיקער שפּיגלוואַנט. מיין בליק האָט זיך דאָרט פאַרהאַלטן. זי האָט עס באַמערקט און אַ זאָג געטאָן:

— איר קוקט אויף מיין איצטערדיקן פּאָרטרעט, חבר? — און צוגע־פירט מיך נעענטער צו דער וואַנט.

אויף דער וואַנט איז געהאָנגען אין אַ פיינעם גלאַטן רעמל, אונטער אַ ריינעם גלאָז, אַ פאַרביקע סאָוועטישע „גראַמעטע" פאַר גוטער שלאָגלערי־שער אַרבעט.

— אַהאַ! — האָב איך אויסגעשריען — ס'גייט ביי דיר אַ גאַנג, חברטע דבורה!

זי האָט אַ קוק געטאָן אויף מיר זייער מאָדנע. איר בליק האָט אויסגע־דריקט דאַנקבאַרקייט און ליבע. מיר האָט זיך דעמלט אויסגעדאַכט, אַז איר בליק רעדט: „דו האָלסט מיך טאַקע פאַר אַ נאָענטן, אייגענעם מענטשן? דו האָסט מיר געזאָגט „דו"?

נאָר זי האָט מיט כמעט מיידלשער שעמעוודיקער איינגעהאַלטנקייט גע־ענטפערט:

— מיר שטייען ניט אָפּ.

מיר האָבן געשמועסט ווי אַלטע גוטע פריינט.

וועגן דאָס פּאָרל האָט זי דערציילט אויפגיך, ווי די גאַנצע געשיכטע וואָלט איר זייער איבערדריסיק געווען. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן נאָך ערגער, ווי זי האָט וועגן זיי געטראַכט. ס'איז געווען אַן אמת, אַז די קוויטשערייען פון דער יפהפיה מיט דער גאַנצער היסטעריקע צוליבן קינד איז אַ פאַלשער אָנ־שטעל געווען. ניט דאָס האָט זי געמיינט. זיי זענען אויפגיך אַוועקגעלאָפן פון דער שטאָט, נאָך איידער זי האָט זיך פון מאָסקווע צוריקגעקערט. זי האָט אים אַריינגעצויגן אין זייער מיאוסע ספּעקולאַציעס און מע האָט זיי סוף־כל־סוף געפּאַקט ביי דער האַנט... זיי האָבן זי רואיִנירט, דאָס גאַנצע ביסל שטוב־זאַכן, וואָס איז אין שטוב געווען, האָבן זיי פאַרטאַכלעוועט. אָבער זי האָט עס שוין לאַנג פאַרגעסן. די אַרבעט צעוואַקסט זיך און דאָס לעבן אירס, קאָן מען זאָגן, הייבט זיך ערשט אָן. אַזוי פילט זי זיך יעדנפאַלס.

— און זונדל וואו איז?

— אָט וועל איך דיר אים באַלד ווייזן.

זי האָט אַרויפגעוואָרפן אַ רויט זיידן טיכל אויף אירע מיט זילבער־באַשטויבטע האָר, פאַרבונדן עס פון הינטן, אַ שמייכל געטאָן צו מיר.

מיר זיינען אַרויס.

אויפן ים־האָריזאָנט האָט זיך געשמאָלצן די אויגוסט־זון.

זי האָט מיך אָנגענומען ביי אַ האַנט און אָפּגעשטעלט.

— אָט איז ער.

אונטער די קרומלעכע שוין שטראַלן פון דער פאַרנאַכטיקער דרום־זון

האָט שטיל מאַרשירט אַהער אַ גרופּע קינדער. זיי זיינען געווען נאַקעט, אַלע אין ווייסע טרוסיקלעך, מיט פאַרברענטע לייבער.

די קינדער האָבן זייער מאַרש פאַרענדיקט. די אָנפירערן האָט צו זיי עפּעס אַ זאָג געטאָן, אַ שמייכל געטאָן און די גרופּע האָט ווי אַ הויפן בוסן זיך צעשאָטן אין אַלע זייטן. דאָס קלענסטע קינד איז מיט דער אָנפירערן געבליבן. די אָנפירערן האָט עס גענומען פאַר אַ הענטל און אַוועק מיט אים אויף דער זון.

די זון האָט זיך געשמאָלצן. דבורהס רויט קאָפּטיכל האָט געשיינט און ווי אונטערגעשמייכלט מיט דער זון.

— מאַ־אַם! — האָט אויסגעשריען אַ שטייפער, העלהאָריקער, בלוי־אויגיקער יאַט, און פאַרהאַקט זיך: דערזען אַן אומבאַקאַנטן מענטשן לעבן זיין „מאַ־אַם".

ער האָט זיך אומצופרידן אויסגעדרייט צו מיר מיט דער פּלייצע און געשוויגן.

— וואָס האָסטו געוואָלט דערציילן, זונדל? — האָט זי רואיק פרעג געטאָן.

— מיר פאָרן מאָרגן צום רויטן פּלאַט... גרייט מיר אָן מיין העלע מאַטראָסקע... — און אַוועקגעלאָפן פון אונדז.

די זון האָט זיך געזעצט אין ים. מיין שיף האָט מיך גערופן. איך האָב זיך געזעגנט. דבורה האָט צוריקגערופן איר קינד און זיי האָבן אינצווייען מיך באַגלייט. ווען די שיף איז שוין ווייטלעך פון ברעג געווען, האָב איך געזען: אַ לעצטן פּאָך געטאָן מיט די הענט האָבן צו מיר מיינע פריינט — די חברטע דבורה מיט איר אונטערגעוואַקסנדיק קינד, אַ פּאָך געטאָן, אַ שמייכל געטאָן און אַוועק צו זיך, אין דער סאָוועטישער היים אויפן זון־געבענטשטן ברעג פונעם שוואַרצן ים.

# לינישטשער יאַטן

זומער 1920, אַ וואַטאַגע פּוילישע סאָלדאַטן האָבן צען אַזייגער אין אָוונט אַרומגערינגלט דעם אַלטן לינישטשער בית־המדרש מיטן שימל־גרינעם דאַך. אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָבן זיי פון דאָרט איינציקווייז אַרויסגעפירט אַכט און צוואַנציק יידן, זייער אָרעם אַנגעטאָן און מיט שטאַרק פאַרדאגהטע האָ־רעפּאַשנע פנימער, און אויסגעשטעלט זיי אין אַ שורה, צו צווי אין אַ ריי. דאָ האָט אויף זיי געוואַרט אַ וואַטאַגע פּוילישע רייטער אויף מאָגערע פערד און מיט פאַריסענע נעזער. מע האָט די אַרעסטירטע אָועקגעפירט אין דער קאָ־מענדאַטור אויפן ברעג טייך. אין דער קאָמענדאַטור האָט מען עטלעכע אַרעס־טירטע אַריינגעפירט אין אַ באַזונדער צימער און מע האָט זיי פאָרגעלייגט חתמענען אַ פּאַפּיר. אינעם פּאַפּיר איז געשטאַנען געשריבן, אַז אין דער אַלטער בעל־עגלהשער שול אינעם קאַפּצאַנסקע געסל אין דער שטאָט לינישטשע איז געווען אַ קאָנגרעס פונעם היגן קאָמינטערן. אויפן קאָנגרעס פונעם היגן קאָ־מינטערן איז באַשלאָסן געוואָרן מיט געווער אין די הענט אַרויסטרעטן קעגן דער פּוילישער מאַכט. דאָס געווער, הייסט עס, איז געפונען געוואָרן טאַקע דאָ אין שול, אינעם אָרון־קודש, אונטער באַלעמער. דאָס איז אַ רוסיש געווער — ביקסן מיט שפּיזן און מיט קוילן און קוילנוואַרפער — דאָסגלייכן: מיט לענטעס קוילן.

די יידן האָבן געמיינט, אַז מע מאַכט חוזק פון זיי, און זיי האָבן זיך אָפּ־געזאָגט צו געבן זייער חתימה אויף אַזאַ פאַלש פּאַפּיר. זיי האָבן געטענהט אין איין קול, אַז זיי קאָנען זיך ניט מיטן קאָמינטערן און אַז זיי האָבן געהאַט אַן אסיפה אין שול וועגן פרנסה־זאַכן. אַזוי ווי מע האָט ביי זיי, ביי אַלעמען, ווי ביי איינעם, צוגענומען די פערד מיט די וועגענער, און די ווייבער מיט די קינדער געלאָזט הונגעריק און נאַקעט, קרוע־בלוע, האָבן זיי באַטראַכט וואָס ווייטער צו טאָן.

— קיין געווער, — האָבן זיי מיט געלעכטער געטענהט, — איז ביי אונדז אוודאי ניט געווען און ניטאָ, מחמת דאָס איינציקע געווער אונדזערס פון איי־

ביקע יאָרן איז די בייטש, גייט און קאָנפיסקירט די בייטשן, ווי באַלד איר האָט צוגענומען די פערד מיט די וועגענער.

די מענטשן האָבן זיך געהאַלטן זייער שטיף, מחמת זיי האָבן געזען, אַז מע האָט זיי אַפילו ניט באַזוכט. און זיי זיינען זיכער געווען, אַז דאָס ערגסטע, וואָס מע קאָן מיט זיי טאָן — איז טרייבן אָקאָפּעס גראָבן. דעמלט האָט פּאַרוטשיק ביאַלי אַ גלאַנץ געטאָן מיט זיינע באַרימטע חזירשע בלייענע אייגלעך און געבעטן ביי זיי די פּעסער. ער האָט זיי געהייסן נאָכאַמאָל זיך אונטערשרייבן אויף די פּעסער, כדי גאָר אויף זיכער פעסטשטעלן, אַז זיי — דאָס זיינען טאַקע זיי.

מוישל פערטשיק — אַ יינגל פון ניט פולע פערצן יאָר, מיט אַ פיגור ברייטער ווי לענגער, מיט אַ קאָפּ געקרייזלטע האָר און פלאַמענדיקע וויינשלאויגן, אָנגעטאָן ווי דער טאַטע זיינער, אין אַלטע טראַנטעס און אַ באַרוועסער דערצו — האָט צו דער מינוט געוואוסט וועגן אַרעסט. ער איז גראָד געלאָפן רופן דעם טאַטן פון בית־מדרש, און פונדערווייטנס האָט ער באַמערקט, ווי דער בית־מדרש איז אַרומגערינגלט און ווי מע פירט איינציקווייז פון דאָרט די יידן אַרויס. ער איז באַהאַלטענערהייט אַוועק נאָך זיי און האָט פעסט באַשלאָסן ניט אָפּרייסן זיך פון די אַרעסטירטע, זען אַקוראַט, וואוהין פירט מען זיי, וואָס וויל מען פון זיי, וואָס וועט מען טאָן מיט זיי און וואָס וועט דאַ ווייטער זיין.

אַ גאַנצע נאַכט איז ער ניט געשלאָפן, זיך אויסגעקוקט די אויגן און אויסגעמאַטערט זיך ביז חלשות, צוקוקנדיק זיך און צוהערנדיק זיך צו דעם, וואָס עס טוט זיך ביי דער קאָמענדאַטור. ער האָט געזען, ווי מע האָט מענטשן איבערן ברעג טייך אַרומגעטריבן, געהערט פאַרשטיקטע גוואַלדן, אַ קלינגעריי פון לאָפּעטעס, ווי מע וואָלט אָקאָפּעס אָדער קברים געגראָבן. באַגינען האָט ער דערזען, ווי מע האָט אַרויסגעפירט אַלע אַכט און צוואַנציק יידן צום ברעג טייך, געשטעלט זיי מיט די רוקנס צו אַ לאַנגער פריש־אויסגעגראָבענער גרוב און מיט פינף זאַלפּן אַלע זיי אַוועקגעלייגט טויטע אין דער גרוב אַריין, און די, וואָס זיינען צופעליק געבליבן פון אויבן, מיט אַ פוס זיי אַריינגעשאַרט אַהין און פאַרשאָטן מיט ערד. האָט זיך מוישל געשטעלט אַזש אויף אַלע פיר, ווי אַ חיהלע, ניט געגלויבט, אַז דאָס איז אויף דער וואר, אָבער ווי אַ מענטש שוין אַ ביסל אַ געפּרואוווטער — ער איז שוין זומער דריי טעג געווען מיטן עלטערן ברודער אויף דער פּאָזיציע, ווען די פּאָזיציע איז אונטער ליגישטשע געווען און די רויטע האָבן זיך מיט די פּאָליאַקן דאָ געשלאָגן, — האָט ער זיך אויפגעהויבן אויף די פיס, אַרומגעקוקט זיך און איז גלייך אַוועקגעלאָפן אין שטאָט.

ער איז געגאַנגען זוכן זיינע חברים. מע האָט געדאַרפט עפּעס טאָן.

דעם ערשטן, וועמען ער האָט געטראָפן, איז געווען שלמהקע קעצל. ער איז געזעסן אויפן טראָטואַר און מיט הנאה געקייט אַ שטיק שוואַרץ ברויט. מוישל האָט אים געוואָלט דערציילן, אַז ער האָט געזען, ווי מע האָט זייערע טאַטעס צעשאָסן, אָבער ער האָט זיך דערוויל אָפּגעהאַלטן דערפון. אים איז שטאַרק ניט געפעלן געוואָרן, ווי דאָס יאָטל זיצט רואיק און רייסט מיט הנאה די ביסנס פון דער לוסטע. „ניין, דוכט זיך, אַז דער טויג צו גאָרנישט"... נאָר דאָ האָט אים שלמהקע אַליין אַ צי געטאָן ביי אַ קאָלאָשווע פון די הויזן, געזאָגט צו אים גאַנץ גלייכגילטיק:

— דו ווייסט, מיין טאַטן האָט מען באַנאַכט געשאָסן און מיר האָט מען געגעבן ברויט, אַז איך זאָל ניט וויינען.

— ביסט אַ בהמה! — האָט משהל מיט כעס אַ ברום געטאָן און איז גלייך אַוועק פון אים.

ער האָט זיך אַרומגעטראָגן איבער די גאַסן און געטראַכט, אַז „אויף לעצט ברירה" וועט ער אינצווייען מיט זאַוועלע בושל אויספירן דאָס, וואָס זיי האָבן צווישן זיך שוין לאַנג אָפּגערעדט. נאָר אויף דער דריטער גאַס האָט זיך אים פּלוצים אויסגעדוכט, אַז שלמהקע קעצל גייט אים נאָך. ער האָט זיך אויסגעדרייט, אַ קוק געטאָן, געזען, אַז דאָס איז טאַקע אַזוי, האָט ער זיך דערפרייט, אָבער די פרייד זיינע באַהאַלטן און געזאָגט האַרט און גראָבלעך:

— דו גייסט — איז קום, קום טאַקע! וואָס שלעפּסטו זיך נאָך ווי אַ הינטל?

אויף דער פערטער גאַס האָט ער זיך פּלוצלינג דערמאָנט, אַז ער איז נאָך אין דער היים פון נעכטן אָן ניט געווען און די מאַמע ניט געזען. וואָס טוט זי?

ער האָט פאַרקערעוועט אַהיים. שלמהקע איז אים נאָכגעגאַנגען.

די מוטער האָט ער געטראָפן אויף דער שוועל. זי איז געוואָרן אַן אַנדערע, עפּעס אַ שטייפערע, ווי אין איר וואָלט אַריין דעם טאַטנס נשמה אויך. זי האָט געלאָזט אַ טרער, ווי אַ מאַמע, ווען זי האָט אים דערזען, ניט קיין גרויסע טרער, ווי עס פּאַסט פאַר מענטשן מיט צווי שטאַרקע נשמות. זי איז געשטאַנען אַנטקעגן אים, געקוקט אויף אים, און פון אירע אויגן האָט געקאַפּעט.

— דו ביסט געווען דאָרטן? — האָט זי געפרעגט. — דו ווייסט שוין אונדזער אומגליק...

— מע דאַרף ניט וויינען, מאַמע, — האָט ער צו איר געזאָגט און אַליין שיעור ניט צעוויינט זיך.

— איך ווייס ניט, — האָט זי געענטפערט, — וואו זעסטו מיך ווייגען... מע וועט זיך שוין אָפּרעכענען מיט זיי דערפאַר...

און זי איז גלייך אַוועק צו דער קאָמענדאַטור. אַהין האָט זיך געצויגן האַלב ליגישטשע — ווייבער און קינדער — זיי האָבן געמאָנט די טויטע קערפּערס פון זייערע מענער און טאַטעס, אַז מע זאָל זיי לאָזן צו מענטשלעכער קבורה ברענגען.

„מע וועט זיך שוין אָפּרעכענען מיט זיי", — האָט משהלען געקלונגען אין די אויערן. „גוט, מאַמע, — האָט ער שטום, אין זיך איר געענטפערט, — מע דאַרף זיך טאַקע אָפּרעכענען..."

ער האָט זיך פאַרטראַכט, און פאַר די אויגן האָט זיך ווידער געשטעלט דאָס בילד, ווי מע פירט די טאַטעס איינציקווייז פון בית־המדרש, ווי די בערד פלאַטערן ביי זיי, ווי זיי גורען זיך אין זייערע צעריסענע לייבלעך אונטערן רעגן, ווי זיי גייען מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, ווי מע פירט זיי באַגינען צום ברעג... נייִן... פריער ווי זיי האָבן אַליין אַ גאַנצע נאַכט אַ קבר פאַר זיך געגראָבן, דערנאָך, ווי מע פירט זיי אַרויס און זיי טוליען זיך איינער צום אַנדערן, ווי זיי שעפּטשען עפּעס מיט די ליפּן, ווי מען שיסט זיי און ווי זיי פאַלן, פאַלן ווי די סנאָפּעס אין גרוב אַריין, און ווער עס פאַלט ניט אין גרוב, שאַרט מען אים אַהין אַריין מיט אַ פוס און מען פאַרשיט זיי מיט ערד אויף אייביק...

מע דאַרף זיך טאַקע אָפּרעכענען מיט זיי דערפאַר"... — האָט ער הייס אַ טראַכט געטאָן.

ער האָט זיך שאַרף אַ קער געטאָן און איז ווידער אַוועקגעלאָפן איבער די גאַסן. שלמהקע קעצל איז אים נאָכגעלאָפן. דאָ איז אים עפּעס איינגעפאַלן, און ער האָט אַ געשריי געטאָן:

— וואָס לויפסטו מיר נאָך ווי אַ הינטל? טו עפּעס!

— וואָס? — האָט שלמהקע געפרעגט מיט געבעט. — זאָג, וואָס?

— לויף, רוף צונויף די קאָמאַנדע.

— גוט. אָט באַלד ברענג איך זיי.

נאָך האַלבן טאָג זיינען שוין אַלע געווען אין קלויסטער־גאָרטן. דאָ איז געווען זאַוועלע בושל — אַ הויכער, אַ דאַרער, מיט אַ פּאָר הענט ביז אַריבער די קני און מיט אַ שמאָל אייביק־פרייילעך פּנים אויף אַ לאַנגן האַלדז. דאָ איז געווען אברהמעלע קירבעס — אַ קורצער און אַ קיילעכדיקער, אַ געלער און אַ פול־באַשאָטענער מיט קלייען. דאָ איז געווען יאַשקע סמאַלע — שוואַרצע האָר, שוואַרצע ברעמען, שוואַרצע וויעס, שוואַרצע אויגן, שוואַרצע נעגל. דאָ איז געווען אייזיק דער שטאַרקער — אַ יינגל, פאַר וועמענס קלאַפּ אַלע האָבן מורא געהאַט. דאָ איז געווען פּיצע־קוצע — אַ קליינס, אַ שרעקעוו־

דיקס, מיט אַ פּאָר געלע קנעפּלעך־אויגן און מיט רויטע דראַטענע האָר. דאָ איז געווען די גאַנצע באַסע קאָמאַנדע — אַט די לינישטשער יאַטן, וועמעס טאַטעס מע האָט באַנאַכט צעשאָסן. און אַ מאַמע איז געווען נאָר ביי איינעם — בה משהל פּערטשיק. די איבעריקע מאַמעס — ווי ביי גרויסע קבצנים אין שווערע יאָרן — וועך עס איז געשטאָרבן פון אַ קימפּעט און ווער פון אַ טיפוס, וועך עס איז געווען ביי אַן עלטער קינד צוגאַסט „אויף יענער זייט" און איז געבליבן שטעקן דאָרט און ווער עס איז דערהרגעט געוואָרן נאָך אינעם ערשטן פּאָגראָם, אַזוי אַז איצט, נאָכן טויט פון די טאַטעס, זיינען די לינישטשער יאַטן שוין געבליבן גאָר אויפן אייגענעם באָראָט...

— ווייסטו וואָס? — האָט זאַוועלע בושל געזאָגט צו משהלען, — לאָמיר עס טאָקע אָפּטאָן גלייך היינט באַנאַכט... דריי פּאָיעזדן גייען היינט אָפּ, און אין אַלע דריי האָב איך באַקאַנטע טאָוואַרישטשעס... ווילסטו היינט — איז גוט, אַניט, דאַרף מען גאָרניט.

— אַט אַזוי־אָ, ווי מע שטייט און גייט? — האָט משהל געפרעגט.

— אפשר דער, וואָס האָט אַ מאַמע, דאַרף זיך נאָך גיין געזעגענען מיט איר, קושן זיך מיט איר, פּוטער־געבעקס נעמען ביי איר... מיר זיינען פרייע פייגל און האָבן סיי־ווי ניט וואו צו נעכטיקן... — האָט זאַוועלע בושל געענטפערט.

דאָס האָט געברענט און פאַרדראָסן.. „... וואָס בין איך שולדיק, אַז איך האָב אַ מאַמע?" — האָט משהל ביטער געטראַכט און מער ניט גערעדט וועגן דעם — אָוועק צוזאַמען מיט דער גאַנצער קאָמאַנדע צום וואָקזאַל.

אויף דעם וואָקזאַל־גאַס זיינען זיי אַריין אין דער גרויסער בעקעריי, זיי האָבן זיך געהייסן — שוין, די מינוט, — דערלאַנגען צוויי גרויסע לאַבנס ברויט. דער באַלעבאָס אַליין איז אַרויס אויפן טומל, וואָס אייזיק דער שטאַרקער האָט אויפגעהויבן אין דער ברויט־קראָם.

— גיב, גיב, — האָט דער באַלעבאָס געזאָגט צום פאַרקויפער, — גיב זיי. מע דאַרף ניט קיין געלט. — האָט ער מיט זיין קורץ הענטל צוריקגעשאַרט דאָס פּאַפּירל, וואָס אייזיק האָט אים דערלאַנגט.

די יאַטן האָבן זיך איבערגעקוקט, און זאַוול האָט מיט די אויגן געהייסן באַצאָלן פאַרן ברויט. אייזיק האָט נאָכאַמאָל אַ שטופּ געטאָן דאָס געלט דעם באַלעבאָס אין די הענט אַריין.

— גייט, גייט, — האָט דער באַלעבאָס געענטפערט האַלב־דערשראָקן, ער האָט געזען, ווי ביי דער טיר שטייען און וואַרטן די איבעריקע פינף יאַטן, און ער האָט ניט געוואוסט, מיט וואָס די שפּיל וועט זיך דאָ ענדיקן. — גייט,

גייט, — האָט ער געוואָלט זאָגן מיט רחמנות, און באַקומען האָט זיך עס ביי אים מיט שרעק. — איר זייט אומגליקלעכע יתומימלעך...

דאָס האָט שוין זאָוועלע בושל ניט געקאָנט איבערטראָגן, ער איז צוגעשפּרונגען צום באַלעבאָס און האָט אַ געשריי געטאָן:

— נעם געלט, זאָגט מען דיר, דו!.. דערנאָך וועסטו גיין זאָגן, אַז באַלשעוויקעס ראַבעווען... פּאַסקודנע חזרים!

אייזיק האָט אַ וואָרף געטאָן דאָס פּאַפּירל אויפן בופעט און איז אַוועק צו דער טיר. נאָר דאָ איז צוגעלאָפן צום באַלעבאָס אַברהמל קירבעס.

— גיב אַהער אַ דריטן לאַבן! — האָט ער געזאָגט, — דאָ איז געלט פאַר דריי לאַבנס.

באַקומען דעם דריטן לאַבן, זיינען די קינדער אַוועק.

גלייך אויף דער גאַס האָבן זיי אַ האַלבן לאַבן צעטיילט אויף זיבן גלייכע חלקים און, קייענדיק, זיך אָן עצה געהאַלטן:

— דו גייסט? — האָט משהל געפרעגט ביי אייזיק דעם שטאַרקן.

— וואוהין? — האָט געפרעגט קעצל.

— וואַרט צו, ביי דיר פרעגט מען דאָך ניט.

— וואָסי?

— דיר אַז מע גיט אַ לוסטע ברויט, איז שוין אַלץ ביי דיר גוט...

— וואָס זשע? ניט נעמען, אַז מע גיט? אַז סע ווילט זיך עסן, — האָט ער צוגעגעבן נאָך אַ קליין שוויגן.

— וואוהין טאַקע ווילט איר גיין? — האָט געפרעגט דער שוואַרצער.

— צו די רויטע אַרמייער, — האָט אים בושל אַריינגערוימט אין אויער. אָבער אַלע האָבן עס געהערט.

— איך וויל. וואָס האָב איך מורא?

— וואָס וועלן מיר דאָרט טאָן? — האָט געפרעגט פּיצע־קוצע.

— מירן קלייבן שוועמלעך, — האָט משהל מיט כעס געענטפערט.

— ניין, טאַקע? — האָט געפרעגט סמאָלע.

— מירן נעמען ביקסן און זיך שלאָגן...

— אָט גלייך גיט מען דיר...

— וועלן מיר טראָגן פּאַטראָנעס... שאַט, איר ווייסט, איך האָב געלייענט אין אַ ביכל...

— מירן שוין געהערט פון דיין ביכל. איר ווילט — איז גוט, אָניט, דאַרף מען גאָרניט. מיינע טאָווארישטשעס וועלן אַוועקפאָרן, ווערט די גאַנצע מעשה אויס, — האָט בושל געזאָגט.

— ווער פילט זיך שוואַך? — האָט משהלע פּלוצלונג אַנטשלאָסן, מיט, פאַרקוועטשטע אויגן אַ פרעג געטאָן.

— איך ווייס, איך ווייס, — האָט זיך פּיצע־קוצע פריילעך צעשריען און צעשפּרונגען. — דאָס איז אויך פון אַ ביכל... פון חומש, צי פון תנ״ך...

— איך זאָג; ווער עס פילט זיך שוואַך, — דער קאָן גיין אַהיים.

— ווער האָט מורא? — האָט משהל נאָך אַנטשלאָסענער און מיט נאָך מער כעס אַ פרעג געטאָן.

— איך, — האָט פּיצע־קוצע קעגן זיין ווילן שטיל אויסגערופן. נאָר גלייך זיך פאַרכאַפּט. — דאָס איז ניט איך... דאָס האָב איך אומיסטן, — האָט ער אַ דערשראָקענער געלאַכט. עס איז אים זייער ביטער געווען אין דער מינוט: ער האָט טאַקע מורא געהאַט גיין, אָבער ער האָט זיך אויך געשראָקן, אַז אַט גייען אַלע אַוועק און מע לאָזט אים דאָ איבער איינעם אַליין.

— מיר ווייסן דיינע אומיסטנס... גלייכער גיי טאַקע ניט... דאָרטן...

— איכל סיזווי נאָכלויפן, — האָט אים פּיצע־קוצע איבערגעשלאָגן שיעור ניט מיט אַ געוויין.

— לויף נאָך...

— נייך, האָט בושל געזאָגט, ווי ער וואָלט טאַקע דער עלטסטער דאָ געווען. — אַזוי טויג ניט. אָדער מיר נעמען אים יאָ, אָדער מיר נעמען אים ניט, אויב גענומען — איז גענומען.

נאָכדעם איז שוין אַלעמען זיס געוואָרן צו גיין די מינוט אין דער רויטער אַרמיי. און קיינער האָט זיך שוין ניט געקאָנט פאַרשטעלן, אַז ער וועט ניט גיין. פּיצע־קוצען האָט מען באַשלאָסן נעמען אויף אַ פּרואוו. אָבער פּיצע־קוצע איז שוין איצט ביי זיך זיכער געווען, אַז ער וועט דעם פּרואוו גוט אויסהאַלטן. ער וועט נאָך זיי באַווייזן, ווער עס איז אַ העלד און ווער ניט... און פון פרייד האָט ער זיך אַרויסגערופן טראָגן די לאָבנס ברויט דעם גאַנצן וועג...

זיי זיינען גלייך אַוועק צום וואָקזאַל, זיי זיינען געווען ניט וואַזשנע אָנגעטאָן, די יאַטן, ווער אין אַ וואַטניק און ווער אין אַ קאַמזויל, ווער מיטן טאַטנס היטל איבער די אויגן און ווער אין דער מאַמעס שיך מיט די שפּיציקע נעזער און מיט די לאַנגע אויבערן פון פאָרנט און פון הינטן, און ווער גאָר באָרוועס און מיט נאַקעטע, שוואַרצע עלנבויגנס. זיי זיינען געווען אָנגעטאָן ניט ערגער און ניט בעסער פאַר זייערע טאַטעס, וואָס מע האָט היינט־ביינאַכט צעשאָסן, ניט ערגער און ניט בעסער פון אַלע לינישטשער יאַטן — אין שוועַרע שמוציקע שמאַטעס ניט צו דער מאָס, אָבער געשפּאַנט האָבן זיי זייער בראַוו און מוטיק, אין אַ געשלאָסן גרופּקעלע. פון פאָרנט, ווי אַ קאָמאַנדיר,

איז געגאַנגען דער לאַנגער זאַוועלע בושל, פון הינטן, ווי דער אַבאַז — דער פּיצינקער פּיצע־קוצע מיט צוויי מיט אַ האַלבן לאַבן ברויט אונטער די קליינע אָרעמס, און אַלע האָבן זיי געשפּאַנט מיט פּאַריסענע נעזער דורך דער גאַנצער וואָקזאַל־גאַס.

אַ היפּשע צייט האָבן זיי זיך אומגעדרייט אויף די פּאַרוואָרפענע רעלסן, אין די טונקעלע ווינקלען, הינטער די ביידלעך און אין טואַלעט, געוואַרט אויף בושלען מיט אַן ענטפער פון די טאָוואַרישטשעס וועגן די דריי צוגן, וואָס גייען היינט אָפּ.

און אין אָוונט איז מען שוין געלעגן אין וואַגאָן, אין באַהאַלטענע ווינקעלעך, הינטער פּעק. מע האָט געקייט דאָס פרישע ברויט, און אין קאָפּ האָבן זיך געפּלאָנטערט ליכטיקע חלומות וועגן יענעם לאַנד, וואָס דאָס לעבן איז ניי און פריי. די הוידעניש האָט איינגעוויגט, און די קינדער זיינען איינגעשלאָפן.

כמעט אַנדערהאַלבן מעת־לעת איז מען געפאָרן די זעכציק קילאָמעטער, וואָס איז געוועזן פון דער שטאָט ליגישטשע ביזן פראָנט. אין צוג האָט מען אָפט אַבלאַוועס געמאַכט, אָבער פאַר יעדער אַבלאַווע האָט זיך באַוויזן איינער פון זאַוולס דריי טאָוואַרישטשעס און שטילערהייט צעשטופּט די חברה אין באַהאַלטענע ווינקעלעך.

אויפן צווייטן מעת־לעת באַגינען האָט זיך דער צוג אָפּגעשטעלט אינמיטן פעלד. איינער פון זאַוולס באַקאַנטע, מיט אַ פאַרלאָשענעם לאַמטערן אין דער האַנט, האָט די יאַטן אויפגעוועקט, אַרויסגעזעצט זיי פון די וואַגאָנעס אַרויס אינעם טונקל פונעם האַרבסטיקן פאַרטאָג. אַ צווייטער איז אַוועק מיט זיי אין וועלדל דערנעבן. אַריינגעפירט זיי אַ ביסל טיפער אין וועלדל האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און אַזוי געזאָגט, וויַזנדיק מיטן פאַרלאָשענעם לאַמטערן:

—אָט אַ־דאָ לויפט אַ שטעגל — טאָרט איר דאָ ניט גיין. אָ־דאָרט, איר זעט, לינקס, שטראָמט אַ טייכל, טאָר מען אויך ניט גיין. רעכטס שטייען דריי בערעזעס איינע הינטער דער אַנדערער ווי די גענדז. ציילט מען אָפּ דרייסיק טריט אויף רעכטס פון די בערעזעס און מע קומט צו אַ גראָבענדל, פון ביידע זייטן גראָבענדל זעען זיך אָפּגעריסענע שטיקלעך שטעכדראָט, — אַ פּאָזיציע איז דאָ געוועזן, — האַלט מען זיך מיטן גראָבנדל גלייך־גלייך, — קומט מען צו אַ שטיבל אין וואַלד. דאָרט וואוינט דער אַלטער יאָאַכים — דעם נאָמען האַלט אין קאָפּ — מיט אַן איניקל אַ מיידל. עס דאַרפן דאָרטן זיין אַ פּאָר פערד און אפשר אַלע דריי. הינטערן שטיבל שטייען די רויטע.

דער טאָוואַרישטש — אַ ליגישטשער וואַגאָן־באַגלייטער אין פאַרפּעסטעטע קליידער מיטן אויסגעלאָשענעם לאַמטערן אין די הענט, אָבער מיט אַ פייער־דיקן בליק אין די אויגן, — האָט אַ שמייכל געטאָן און געפרעגט:

— אַלץ פאַרשטאַנען? ווער קאָן מיר איבערחזרן וואָר אין וואָרט?

— משהל, — האָט איזיק פעסט געזאָגט, — חזר איבער.

(משהל איז געווען באַרימט צווישן די יאַטן: ער האָט אַלע פופציק ביכ־לעך, וואָס ער האָט אויף זיין לעבן אויסגעלייענט, געוואוסט אויף אויסווייניק).

משהל האָט איבערגעחזרט.

דער חבר איז געבליבן צופרידן.

— אין ערגסטן פאַל, — האָט ער צוגעגעבן, — זייט איר דאָך יאַטן בעל־עגלהשע, זעצט מען זיך אויף דעם אַלטינקנס פערד און מען רייט גלייך צו דער זון, קומט מען אויפן אָרט. ברויט האָט איר?

— נאָך אַ גאַנצן לאַבן, — האָט פּיצע־קוצע מיט שטאָלץ געענטפערט און געוויזן דעם דריטן לאַבן ברויט.

— איך וואָלט אייך געגעבן נאָך, האָב איך ניט. אויב איר ווערט האָבן שכל און צייט, ווערט איר כאַפּן אַ קיי ביים אַלטינקן, און דאָס ברויט ווערט איר באַ־האַלטן אויף שפּעטער. גיין קאָנט איר? גיין ניט אין איין קופּע, גייט ווי אַ קאָלאָנע חייל: פיר אין צווי רייען, צוויי — איינציקווייז, אָן אַ זייט, רעכטס און לינקס פאָרויס, אויף צו זען, וואָס עס טוט זיך אַרום, איינער — פון הינטן

— אין דער פלייצע דאַרף מען אויך האָבן אָן אויג... נו, לינישטשער יאַטן...

— ער האָט אויסגעצויגן אַ האַנט.

זאָוול האָט געשטעלט אַ טראָט צו זיין חבר, גענומען זיין האַנט, גע־דריקט:

— אַ גוטן טאָג, טאָוואַרישטש. אַ דאַנק. מירן טאָן גוט.

אַלע קינדער האָבן אים נאָכגעטאָן, געשטעלט טריט, געדריקט דעם באַל־שעוויקס האַנט, גערופן אים טאָוואַרישטש, געדאַנקט.

זיי זיינען געגאַנגען מיטן גראַבנדל, זיי האָבן זיך געהאַלטן שטרענג אין אָרדענונג, ווי דער באַלשעוויק דער חבר האָט זיי געהייסן... זיי האָבן געפּו־נען אַלע סימנים און זיינען געגאַנגען צום שטיבל אין וואַלד. נאָך איידער זיי זיינען צוגעקומען צום שטיבל, איז זיי אַנטקעגן געקומען דער אַלטער. ער איז געווען מאָדנע אָנגעטאָן — אין אַ לאַנגער ברוינער סוויטקע, אַזאַ ראָזעווער שאַרבן, אַרום און אַרום באַזוימט מיט ווייסן פוך, די באָרד — אויך ווייס, אַזש גרין. פון אונטער די געדיכטע געלע ברעמען האָבן אַרויסגעקוקט אַ פּאָר פריי־לעכע, בלויע אויגן. דער גאַנצער אויסזען זיינער האָט אַרויסגערופן גרויס חשק מיט אים צו שמועסן.

— זדראַסטי, זיידע יאַאָכים! — האָט זיך געאיילט דער ערשטער ריידן פּיצע־קוצע, ווייל די יאַטן האָבן שוין אין וועג חוזק געמאַכט פון אים, וואָס ער גייט די גאַנצע צייט אַ שטומער מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן. מסתמא כאַפּט

ער שוין אַ ציטער, דער האָז, קאָן מען אים וויזן דעם וועג צוריק. זאָל ער נאָר אָפּגעבן דעם לאָבן ברויט — און ער קאָן גיין.

— אויף געסט האָט איר געוואָרט? — האָט דאָס ווייטערדיקע אונטער־געזאָגט יאַשקע סמאָלע.

דער אַלטער האָט באַקוקט די יאָטן, גאָרנישט דערווייל ניט געענטפערט.

— „יאַאָכים" — דאָס איז געווען דער פּאַראָל, אַז די יאָטן זיינען אייגענע.

דערנאָך האָט ער פונדעסטוועגן די יאָטן ניט געלאָזט שטיין מבולבלע, אוועקגעפירט זיי צום שטיבל. אין וועג געענטפערט:

— געסט האָב איך אָפּט. פון ווייט קומט איר?

— פון ליבישטשע.

— אַזש פון ליבישטשע?

— אַזש! — האָט מיט שטאָלץ געענטפערט פיצע־קוצע.

— וואָס האָט דאָרט געטראָפן?

— אונדזערע טאַטעס האָט מען צעשאָסן.

— באָלשעוויקעס געווען?

— בעל־עגלות.

— בעל־עגלות? פאַרוואָס האָט מען עס זיי?

די יאָטן האָבן געקוקט איינער אויפן אַנדערן, ניט געוואוסט וואָס צו ענט־פערן. זיי האָבן אַליין ניט געוואוסט, פאַרוואָס מע האָט זייערע טאַטעס צעשאָסן.

— וועלכע בעל־עגלות, פרעג איך, האָט מען צעשאָסן?

די קינדער האָבן, איבערגעשלאָגן די רייד איינער דעם אַנדערן, אָנגערופן אַכט און צוואַנציק נעמען פון טאַטעס.

—אָט אַזוי רייד, — האָט דער אַלטער געזאָגט, ווי איצט וואָלט אים שוין אַלץ קלאָר געוואָרן. — לייבע האָט אַ זון אין דער רויטער אַרמיי, איז ער טאַקע ווערט די קויל, און בער אויך, און דיין טאַטע אויך. — האָט ער זיך געווענדט צו משהלען, — אַ סך זייערע האָבן זין ביי די רויטע. האַנקאַ, — האָט ער געזאָגט צום מיידל, — מאַך עפּעס אויפגיך פאַר די ליבישטשער יאָטן, ניטאָ קיין צייט צו האַלטן זיי דאָ לאַנג.

אָפּגעגעסן, האָבן די יאָטן געבעטן די פערד ביים אַלטן.

— מע דאַרף ניט קיין פערד, — האָט ער צו זיי געזאָגט, — איר האָט יונגע פיס. די פערד האָבן בילכערע אַרבעט. צו באַגינען וועט איר זיין אויפן אָרט. גייט אין שייער, שלאָפט זיך אויס, צו דער צייט וועל איך אייך אויפ־וועקן.

ווער עס איז געשלאָפן, און ווער — ניט. געשלאָפן זיינען דרייען: שלמהקע קעצל, אייזיק דער שטאַרקער און פיצע־קוצע. זאַוועלע בושל,

אברהמל קירבעס און יאַשקע סמאָלע האָבן געדרימלט. עפּעס האָט אין זיי גע־ברויזט. ניט געלאָזט זיי איינשלאָפן. זיי האָבן זיך געפרייט מיט דער דורכגע־מאַכטער רייזע און אַ ביסעלע זיך געשראָקן פאַרן לעצטן שטיקל וועג — צי וועלן זיי בשלום קומען צו אַ טאָלק. סוף־כל־סוף זיינען זיי אויך איינגעשלאָפן.

גאָר אינגאַנצן ניט געשלאָפן איז איין משהל פערטשיק. ער האָט אַלע געשעענישן פון די לעצטע צוויי מעת־לעת אַנטקעגן די אויגן זיך געשטעלט ווי אַ ביכל, פונדאָסניי אין געדאַנק אַלץ דורכגעקוקט — פון דעם, וויאַזוי מע האָט איינציקווייז די טאַטעס אַרויסגעפירט פון בית־מדרש, ביז דעם, וויאַזוי דער אַלטער יאָאַכים האָט זיי באַגעגנט. און פאַר די אויגן איז אויסגעוואַקסן אַ מאָדנע בילד: אין אַ טיפן וואַלד, צווישן שרעקלעכע חיות, ליגט אַ פאַר־כישופטער שמאָלער שטעג. אויפן שטעג זיינען אויסגעשטעלט די לינישטשער עלטערע יאַטן, וואָס זיינען אַוועק מיט דער רויטער אַרמיי, דער טאַוואַרישטש דער באָלשעוויק מיטן פאַרלאָשענעם לאַמטערן אין דער האַנט און די צוויי פינקלענדיקע לאַמטערנדלעך אין די אויגן און דער אַלטער יאָאַכים מיט זיין יונגן אייניקל. אַז מע גייט מיט אָט דעם פאַרכישופטן שטעג, קומט מען צו אַ טאָלק... און ער האָט אויך איינגעדרימלט.

אינקורצן האָט דער אַלטער זיי אויפגעוועקט.

עס איז שוין געווען נאַכט. שיטערע שטערן האָבן אין הימל געפינקלט. דער אַלטער האָט זיי אַרויסגעפירט אויפן וועג און געהייסן גיין גלייך־גלייך, ווען זיי וועלן קומען אויפן אָרט, זאָלן זיי פרעגן אויפן מאַטראָס סאַמסאָן. און גאָר. יאָ, אויב מע וועט שיסן — זאָלן זיי פאַלן. די, וואָס וועלן לעבן בלייבן, זאָלן זיך אויפהייבן און לויפן ווייטער פאַראויס, דאָ איז שוין ניט וויים.

באַגינען זיינען אַלע זיבן יאַטן געקומען צו יענעם וועלדל, הינטער וועלכן עס זיינען, לויט יאָאַכימס רייד, געשטאַנען די רויטע מיטן מאַטראָס סאַמסאָן. אין וועלדל זיינען געווען מענטשן מיט ביקסן. פערד זיינען געשטאַנען צווישן דיביימער.

— שטיי! — האָט מען אויסגעשריען, און די יאַטן זיינען שטיין געבליבן, פיצע־קוצע איז אַזש שיעור געפאַלן פון שרעק.

עס זיינען צוגעקומען צוויי מענטשן אין פעלצלעך, מיט ביקסן אין די הענט.

— ווער זייט איר? פונוואַנען קומט איר? וואוהין גייט איר?

עס האָט זיך איבערגעחזרט דער געשפרעך, וואָס די יאַטן האָבן געהאַט מיטן אַלטן יאָאַכים: לינישטשער יאַטן זיינען זיי, די טאַטעס זייערע האָט מען צעשאָסן, בעל־עגלות זיינען די טאַטעס געווען, קיין באָלשעוויקעס ניט, מסתמא

האָט מען זיי צעשאָסן דערפֿאַר, וואָס די זין זיינען אַוועק מיט דער רויטער אַרמיי.

— יאָ, גאָר פֿאַרגעסן, מיר דאַרפֿן דעם מאַטראָס סאַמסאָן.

עס איז צוגעגאַנגען צו זיי אַ מאַטראָס — אַ הויכער און אַ ברייטער — טאַקע אַ שמשון־הגיבור. די מענטשן מיט די ביקסן, וואָס האָבן די יאַטן פֿאַרנומען, האָבן פֿאַר אָט דעם שמשונען אַרויסגעלייגט דאָס אַלץ, וואָס די קינדער האָבן דערציילט, דערביי האָבן זיי פֿון זיך פֿאַרגעלייגט:

— אָפּשיקן זיי אין פּעסאָטשנע.

פּעסאָטשנע איז אַזאַ שטאָט ווי ליניטששע, נאָר דאָרט זיינען די רויטע געשטאַנען.

— אויף הפקר? — האָט סאַמסאָן געפֿרעגט.

— אין אַ קינדערהיים, — האָבן די מענטשן מיט די ביקסן אויף די אַקסלען געענטפֿערט.

— טשטאָ? — האָט משהל זיך אַריינגעריסן אין די רייד, — טשטאָ טאָקאָוואָ? אויף וואָס דאַרפֿן מיר אַ קינדערהיים? אַ קינדערהיים האָבן מיר אין דער היים געהאַט, מיר האָבן זיך אויסגעזעצט אויף דער ערד מיט אַ טאָפּ קאַרטאָפֿליעס צווישן די קני, אָט איז דיר די בעסטע קינדערהיים.

— אָט דאָס זיינען דבורים! — האָט סאַמסאָן געזאָגט, — איז וואָס זשע וואָלט איר געוואָלט, יאַטן?

סאַמסאָן האָט אַ קוקט געטאָן אויף זיי, אַ שמייכל געטאָן, צוגערופֿן עפּעס אַן עלטערן מאַן, אויך מיט אַ ביקס אויפֿן אַקסל, און געזאָגט צו אים:

— נעם זיי צו זיך. גייט מיט אים, יאַטן, — האָט ער געזאָגט צו די קינדער, — מיטן דיאַדקע. ער וועט אייך וויזן „פּאַטשאָם פֿונט ליכאַ".

עס האָט אַ שפּריץ געטאָן אַ רעגנדל. דער עלטערער מענטש מיט דער ביקס האָט אַוועקגעפֿירט די קינדער אין דער טיף פֿונעם וועלדל צו אַ ביידל, באַקוקט זיי, און מיט אַ וואונק פֿונעם ליַנקן פֿריילעכן און קלוגן אייגל האָט ער זיי אַנידערגעזעצט ביי אַ בערגל קאַרטאָפֿליעס. געגעבן מעסערס אין די הענט אַריין און געזאָגט:

— נו, יאַטן, הייבן מיר, הייסט עס, אָן...

און ער האָט זיי געוויזן, ווי מע דאַרף שיילן קאַרטאָפֿל.

עס איז געגאַנגען דאָס יאָר טויזנט ניין הונדערט צוואַנציק.

***

אין זיבעצן יאָר אַרום, אויך אין האַרבסט, זיינען קאָמאַנדירן פֿון דער רויטער אַרמיי זיך צונויפֿגעפֿאָרן אויף אַ באַראַטונג אין מאָסקווע.

משהל פּערטשיק — איצט שוין פּאָלקאָווניק מאָיסיי אַבראַמאָוויטש פּער־

צאָווסקי —אַ פיינער יונג פון איין און דרייסיק יאָר, מיט אַ ראָזלעכן שראָם אויף דער לינקער באַק, איז געזעסן אין דער דריטער ריי פאַרטער פונעם גרויסן דעמבענעם זאַל און געשמועסט מיט אַ חבר. פּלוצלונג האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז ער הערט אַ באַקאַנטע שטים. ער האָט אַ קוק געטאָן אויפן רעדנער, און אַ היץ האָט אים אַ שלאָג געטאָן אין פּנים: לויט אַלע סימנים איז דאָס געווען זאָוועלע בושל. קוים דערוואַרט זיך אויפן איבעררייס, איז ער צו אים צוגעלאָפן, אַ קוק געטאָן אין די אויגן און ווי אַ פּאַראָל אַ וואָרף גע־טאָן איין וואָרט:

— זאָוועלע!

איין רגע האָבן זיי ניט געוואוסט, וואָס צו טאָן איינער מיטן אַנדערן. דער־נאָך האָט דער הויכער פּאַלקאָווניק מיט די הענט די לענג אַריבער די קני עט־וואָס אָנגעבויגן איבערן נידעריקן און ברייטן פּערצאָווסקי און אויסגערופן:

משהל!

און גלייך זיך געכאַפּט קושן.

די אַרומיקע האָבן ניט געוואוסט, וואָס דאָ קומט פאָר, נאָר — מענטשן זיינען מענטשן, און ווען צווייען קושן זיך אומגעריכט, — שמייכלען זיי.

די צוויי פּאַלקאָווניקעס האָבן זיך מיט אַ זייט אויסגעשטעלט איינער צום אַנדערן און מיט גליקלעכע פּנימער זיינען זיי אַוועק צום אַרויסגאַנג.

אויף דער אָוונט־זיצונג האָבן זיי געפונען די איבעריקע לינישטשער יאַטן: אַ קאַפּיטאַן פון לופט־פלאָט מיט אַ לעניז־אָרדען — טרעפט ווער? דוקא שלמהקע קעצל; אַ כימיקער מיט אַן אָרדען פונעם רויטן שטערן אויף דער ברוסט — גראַד אברהמלע קירבעס; און אַ בראָוון לייטענאַנט — יאָשקע סמאָליאַר.

ווען זיי האָבן זיך אויף אַ ווײַלע פאַרזאַמלט אין פּאָיע, איז קלאָר געוואָרן, אַז די איבעריקע צוויי — אייזיק דעם שטאַרקן און פיצע־קוצע, — איז נישטאָ וואָס צו זוכן: זיי זיינען אומגעקומען אין די שלאַכטן.

אויף מאָרגן אין אָוונט, ווען מע האָט זיך איינפינפן פאַרזאַמלט ביי אַ טיש מיט וויין און פרוכטן און בלומען, האָט מען קודם־כל דערמאָנט די צוויי העלדיש־אומגעקומענע חברים — אייזיק דעם שטאַרקן און פיצע־קוצען. וועגן פיצע־קוצען האָט מען גערעדט מער. זיין אמתן נאָמען האָט מען פאַרגעסן און דעם צונעמעניש האָט מען ניט געוואָלט באַנוצן. האָט מען אים דאָ אויפן אָרט, זעכצן יאָר נאָך זיין טויט, געקרוינט מיט אַ נייעם נאָמען „דער קליינ־טשיקער". וועגן „קליינטשיקן" האָט מען גערעדט אַ סך דערפאַר, ווייל יעדער איינער האָט געדענקט, אַז מע האָט אים געהאַלטן פאַר אַ שרעקעוודיקן האָז,

און ווערליק ווי עס דערציילט איצט יאַשקע סמאָליאַר, איז ער געשטאָרבן, ווי גאָר אַ גרויסער העלד.

איזיק דער שטאַרקער איז געשטאָרבן געווײנלעך: אין איינער זייער אַ שווערער איבערגאַרד־שלאַכט אויף דער בערעזינע איז ער געפאַלן פון דעם שונאס אַ קויל.

דערנאָך האָט מען זייער געגוי, מיט אַלע פּרטים, דערמאָנט די געשיכטע, וויאַזוי זיי זײַנען זאַלבעזיבן אַוועק אין דער רויטער אַרמיי. אָט די זעלבע געשיכטע, וואָס איז אויבן באַשריבן. דערביי איז מען אומבאַמערקט אַריבער אויף די אַלטע נעמען און מע האָט זיך איינער די אַנדערע גערופן: משהל פּערטשיק, שלמה קעצל, זאַוועלע בושל, אברהמל קירבעס, יאַשקע סמאָלע, און זיי האָבן זיך ווידער דערפילט ווי אין דער קינדהייט — פריילעכע לינישטשער יאַטן.

# דער יום טוב פון פריינטשאַפט

1

אַן ערך דריי הונדערט קילאָמעטער פון שטאָט ראָסטאָוו, מיטן וואַסער אַרויף, אויפן ברעג פונעם אוראַלטן און שטילן טייך דאָן, ליגט די קאָזאַקישע סטאַניצע צימלאַ.

עס איז סוף אַפּריל. דער טייך איז צעגאָסן. ער צעשפּאַרט די ברעגן. דאָס וואַסער שניידט זיך אַריין אין די הויכע זאַמדן, פאַרפליייצט די לאָנקעס, פאַרטרינקט די וועלדער ביז די גרינע קעפּ פון די ביימער, און פון דערווייטנס זעט דאָס אַלץ אויס אַזוי, ווי אויף דער זילבערנער אויבערפלאַך פונעם ברייט־צעגאָסענעם וואַסער וואָלט געשוואומען אַ וואונדערלעכער, גרינער מאַיאָווער סאַד.

אויף די הויכע ברעגן פונעם טייך הענגען די ווייגערטנער. דאָ וואַקסן די באַרימטע ווייַנטרויבן, פון וועלכע עס ווערן געמאַכט יענע געשמאַקע ווייַנען, וואָס פּושקין האָט זיי נאָך באַזונגען.

צימלאַ איז אַ טיפּיש קאָזאַקיש דאָרף — אַ „סטאַניצע" מיט שמאָלע געסלעך און הויכע הייזער אויף סלופּעס, מיט אַ סך געמויערטע און הילצערנע קראָמען מיט שווערע טירן, מיט אַ פּאָר קלויסטערס, מיט אַ סך פערד־שטאַלן און מיט דעם אַלעם, מיט וואָס דאָס קאָזאַקנטום האָט געלעבט יאָרהונדערטער. אָבער אויף די אַלטע הייזער הענגען נייע, פלאַמיקע טראַנספּאַראַנטן וועגן אײַבערגעגעבענער מי, וועגן גרויסע גערעטענישן, וועגן לאַנדשוץ, וועגן פריינטשאַפט פון פעלקער.

אויף די גאַסן זעען זיך אַ סך רייטער מיט רויטע לאַמפּאַסן אויף די הויזן מיט רויטע אָקאָלישקעס אויף די היטלען, מיט פיינע טשובן פון אונטער די דאַשעקעס. אַזוינס האָט מען שטענדיק געקאָנט זען אין אַ קאָזאַקישער סטאַניצע. איצט זעען זיך אויף די גאַסן אויך אַ סך רייטער אויף וועליסאַפּעדן. און דער ברען מיט וועלכן זיי נעמען איין די שווערע זאַמדיקע וועגן פון די צימלער גאַסן, און דער חשק צו דער מאַשין — איז אַ נייער, אַ יונגער און

שטאַרקער. אַ סך קאָזאַקן האָבן זיך שוין געזעצט אויף מאָטאָרציקלען, טראַק־טאָרס און טאַנקען. עס גייט שוין אַפילו אַ שטומער געוועט צווישן פערד און מאַשין, און דאָס פאָלק האָט שוין געשאַפן זיין ווערטל: „פאַרלאָז זיך אויפן טראַקטאָר און גיב אַכטונג אויפן פערד".

עס וואַרפן זיך אין די אויגן אויך די קינדער אין קאָזאַקישע אוניפאָרמס, מיט רויטע לאַמפּאַסן אויף די קינדערשע הייזלעך, מיט רויטע אָקאָלישקעס אויף די היטלען, אָבער אויך מיט רויטע פּיאָנערישע האַלדזטיכלעך אויף די העלדזער.

צו אָט דעם ברעג איז סוף אַפּריל צוגעשוואומען אַ שיף „מאָסקווע". מיט אָט דער שיף זיינען צווישן פאַרשיידענע אַנדערע פּאַסאַזשירן געקומען אַהער קיין צימלא אַ גרופּע מענטשן, וואָס זיינען נאָך קיינמאָל דאָ ניט געווען — יידישע קאָלווירטניקעס. זיי זיינען געקומען אַהער פון זייער באַציאַנאַלן יידישן ניי־זלאַטאָפּאָליער ראַיאָן אויף שליסן אַן אָפּמאַך וועגן סאָציאַליסטישן געוועט מיט די קאָזאַקן קאָלווירטניקעס.

אַראָפּ פון דער שיף אָן פּאַראַד און טומל, אָפּגעגעבן שלום־עליכם די אַלע קאָזאַקן, וואָס האָבן זיי באַגעגנט אויפן ברעג, האָבן די געקומענע יידן זיך אָפּ־געזאָגט אַפילו פון פרישטיק, — זיי האָבן פאַרזיכערט, אַז זיי האָבן גוט צוגע־ביסן אויף דער שיף, — און געבעטן, אַז מע זאָל זיי גלייך פירן אין אַ קאָל־ווירט, באַווייזן זיי, ווי לעבן די סאָוועטישע קאָזאַקן.

אינעם קאָלווירט „נאָוואַיאַ זשיזן" האָט די געסט ליבלעך באַגעגנט דער אַלטער קאָזאַק איוואַן אַנדרייעוויטש קאָזשעמיאַקין. ער האָט פאַרזשמורעט אַן אויג און באַקוקט די זעקס יידישע קאָלווירטניקעס, אַ שמייכל געטאָן, גלעטנדיק די גרויסע וואָנצעס. אויפן ערשטן קוק, זעט דער אַלטער, זיינען דאָס מענטשן — ווי מענטשן. פאַרשיידענע זיינען זיי. אָט איז דאָ צווישן זיי איינער אַ הויכער, אַ געזונטער, אַ שוואַרצער יונג מיט אַ ברייט פּנים און מיט אַ גוטן שמייכל אויף די פולע ליפּן. און אָט איז דער צווייטער גאָר אַ ברעקל. פאַראַן אַ מעלקערן מיט שוואַרצע האָר און מיט שיינע טונקעלע איילבערט־אויגן. פאַרגעס אויף אַ ווײַלע, אַז זי איז אַ יידיש קינד, איז זי דיר לויטן אויסזען אַן אמתע קאָזאַטשקע. פאַראַן אַ בריגאַדיר, פאַראַן אַ פעלד־מייסטער. און אויב דו גיסט אַ קוק אויף זייערע הענט... דער אַלטער קאָזשעמיאַקין גיט זיך אַ גליטש מיטן בליק פון זיין פאַרזשמורעטן אויג איבער אַלעמענס הענט, — לויט די הענט און לויט די טיטלען, מיט וועלכע זיי רופן זיך אָן, האָסטו דאָ צווישן זיי אַלע פאַכן, וואָס מע באַדאַרף האָבן אין אַ גוטן קאָלווירט. דער אַל־טער גיט נאָכאַמאָל אַ קוק די יידן אין די פּנימער. אַז מע וויל שטאַרק, —

טראַכט ער, — קאָן מען זיך טאַקע איינריידן, אַז דאָס זיין אמתע קאַלווירט־ניקעס...

אָבער ער האָט זיך ניט אַזוי גיך געלאָזט איינריידן. ער האָט געהאַלטן, דער אַלטער קאָזאַק קאַזשעמיאַקין, אַז ער איז אַ מבין אויף די יידן — ער האָט אַ סך יאָרן געדינט דעם קייסער, און די גאַנצע דינסט זיינע איז אַדורך אין יידישע שטעט און שטעטלעך. ער קאָן גוט יידן און ער זעט קלאָר, אַז די געקומענע זיינען ניט פּאַכאָזשע אויף יידן.

דערווייל זיינען צוגעקומען אַהער נאָך קאָזאַקן, געקומען קאַזשעמיאַקינס זון, אַנדריי, און דער אַלטער האָט זיך דערמיט דערפרייט, אַ צי געטאָן אים ביים אַרבל, אָפּגעפירט אין אַ זייט, אַ פרעג געטאָן:

— דן ווייסט אויף זיכער, אַז דאָס זיינען זיי, די יידן?

אַנדריי האָט אַ שמייכל געטאָן.

— טאַטע, — האָט ער געזאָגט מיט אַ קליין פינטעלע חוזק אין טאָן, — און דו האָסט געמיינט, אַז דאָס זיינען טערקן?

— איך גלייב ניט! — האָט דער אַלטער אַ קוועטש געטאָן מיט די אַקסלען, איך גלייב ניט, אַז יידן קאָנען זיין גוטע ערד־אַרבעטער. איך קען זיי פון לאַנגע צייטן...

אַנדריושקע האָט ווידער אַ שמייכל געטאָן און געוואָלט שוין עפּעס שאַרפס זאָגן דעם פאָטער, נאָר דאָ האָבן די געסט געבעטן ביים אַלטן, ער זאָל זיי ווייזן דעם פאַרזיי. דער אַלטער האָט, פון איידלקייט וועגן, אַוועקגעפירט די געסט אין פעלד, געוויזן זיי דעם פאַרזיי און זיך גענומען דערקלערן וואָס און ווען און וויאַזוי, נאָר די געסט האָבן אים איבערגעריסן, גענומען אַ הויפן ערד אין דער האַנט, געריבן אים צווישן די פינגער, געפּרוּווט אויף דער צונג, און אַליין זיך גענומען דערציילן דעם אַלטן, וואָס און ווען און וויאַזוי מע דאַרף באַאַרבעטן אַזאַ מין סאָרט ערד. און דער סוף איז געווען, אַז דער שוואַרצברוך איז ביי די פריינט קאָזאַקן ניט אַזוי וואָזשנע באַאַרבעט, די פּראָסע טויג גאָר אינגאַנצן ניט, און די בהמות גיבן ווייניק מילך.

עס האָט זיך באַקומען אַזאַ טשיקאַווע מעשה, אַז דער אַלטער קאַזשעמיאַקין האָט זיך לכתחילה אַפילו עטוואָס פאַרלאָרן. ער האָט געמיינט, אַז די יידן זיינען געקומען צו אים זיך לערנען באַאַרבעטן די ערד, און דאָ האָט זיך גאָר אַרויסגעוויזן, אַז זיי שטעלן אים גאָר קשיות און גיבן אים גאָר עצות און האָבן גאָר טענות צו די קאָזאַקן, און אין איינִיקע זאַכן זיינען זיי דיר טאַקע אמת גערעכט. און דער אַלטער האָט שוין מיט אַ ביסל היץ, ווי ער וואָלט געהאָט אַנטקעגן זיך אמתע פאַכלייט, צערייצט אַ זאָג געטאָן:

— אונדזערע בהמות קאָנען ניט געבן מער מילך, מחמת זיי זיינען „קאַל־מיטשקעס״.

נאָר די געסט זיינען דערפון ניט נתפעל געוואָרן.

— און אַז „קאַלמיטשקעס״ איז וואָס? — האָבן זיי זיך זייערס געטענהט.

— אַ בהמה, מעג זי דיר זיין אַ „קאַלמיטשקע״, בלייבט זי אַלץ אַ בהמה, זי האָט ליב, מען זאָל זי צעמעלקן. וואָס מער דו מעלקסט זי, אַלץ מער מילך גיט זי.

אין גאַנג פונעם שמועס האָט דערווייל דער אַלטער קאָזשעמיאַקין געזען, אַז יאָ, ווערליק נאָך דער אויסשפּראַך און נאָך דער באַנעמונג נאָך און נאָך דעם געזאַנג, מיט וועלכן זיי ריידן, זיינען דאָס טאַקע אמתע יידן, אָט אַזעלכע, ווי ער האָט זיי געקאָנט, ווען ער האָט געדינט דעם קייסער אין די יידישע שטעט און שטעטלעך. אָבער ווערליק ווי זיי קאָנען דיר אויסגעבונדן די ערד מיט דער ערדאַרבעט, מיט דער פיצוגט, זיינען דאָס אמתע קאָלווירטניקעס. דאָ קאָנסטו גאָר ניט מאַכן.

און צו פאַרנאַכט, ווען די געסט זיינען אַוועקגעפאָרן אין אַ צווייטן קאָל־ווירט, האָט ער אויפגיך צונויפגענומען דעם גאַנצן קאָלווירטישן אַקטיוו זיינעם און אַזאַ מין רעדע פאַר זיי געהאַלטן:

— געזען די מענטשן? ווי געפעלן זיי אייך? וואָס קומט מיר אַרויס דערפון, וואָס זיי האָבן אונדז געריימט און געלויבט פאַר דער ריינקייט אין אונד־זערע הייזער און פאַר די גוטע ווייַנשטאָקן אונדזערע, און האָבן נאָך אונדז צו־געזאָגט צו לערנען זיך ביי אונדז, וויאַזוי מע דאַרף אַכטונג געבן אויף וויינ־שטאָקן. זייער פיין, זאָג איך אייך, איז דאָס, וואָס זיי וועלן זיך לערנען ביי אונדז. זיי וועלן זיך לערנען און וועלן זיך טאַקע גיך אויסלערנען אויך. אַזעל־כע מענטשן זיינען דאָס. אָבער וואָס באַדאַרפן מיר איצט טאָן? צי האָט איר פאַרשטאַנען, קאָזאַקן, אַז די אַנצוהערעניש, וואָס זיי האָבן אונדז געמאַכט וועגן דעם שוואַרצבראָך, איז טאַקע אַ ריכטיקע אַנצוהערעניש? אַז די רייד וועגן דעם, אַז די בהמה, מעג זיך דיר זיין אַ „קאַלמיטשקע״, האָט זי אַלצאיינס ליב, אַז מע זאָל זי צעמעלקן, — זיינען ריכטיקע און אמתדיקע רייד? צי האָט איר גוט אַ קוק געטאָן, וואָלט איך געוואָלט וויסן, וואָס פאַראַ קולטורעלע ערדאַר־בעטער די יידן זיינען! לערנען זיך ביי זיי באַדאַרף מען דאָך!

און עס איז גלייך אויפן אָרט באַשטימט געוואָרן, אַז מאָרגן גאַנץ פרי גייט מען אַרויס אין פעלד און מע באַראַטנעוועט איבער פונדאַסניי דעם גאַנצן שוואַרצבראָך.

2

די ערב־יומטובדיקע טעג האָבן די געסט פאַרבראַכט אויף די פרילינג־דיקע פעלדער, אין די קאָזאַקישע קאָלווירטן. עמעצער האָט אַ נאָמען געגעבן די דאָזיקע באַגעגעניש צווישן יידן מיט קאָזאַקן אויף די קאָלווירטישע פעל־דער — „אַנקומעניש".

— תנאים וועלן מיר שרייבן אין צימלא דעם ערשטן מאַי, די חתונה וועלן מיר שפּילן אין סאָצדאָרף אין נאָיאַבער, די „קרעסטינעס" וועלן מיר פּראַוון... האָט זיך די קאָזאַקישע יוגנט געוויצלט.

אין די שמועסן, אין די ויכוחים וועגן דעם, ווי איז בעסער צו באַאַרבעטן די ערד, האָבן די קאָזאַקן גאָר נייע זאַכן וועגן די יידן.

— אַמפּערט זיך ניט, איך בעט אייך, — האָט צו די קאָזאַקן געזאָגט איינער פון די געסט, דער הויכער שטאַלטנער איצקאָוויטש, — דער דאָזיקער ראַציאָן איז שוין אויסגעפּרוּווט געוואָרן אין משך פון יאָרצענדליקער.

— וואָס זאָגסטו? — האָט מיט אָפענעם נייגער און פריינטשאַפט זיך נאָכגעפרעגט ביי אים אַנדריושקע, — יאָרצענדליקער זאָגסטו? ווי לאַנג פאַר־נעמט איר זיך בסך־הכל מיט ערד־אַרבעט?

— ווי לאַנג? — איצקאָוויטש האָט אַ שמייכל געטאָן. דער שמייכל זיינער, האָבן די קאָזאַקן געזען, איז עפּעס אַ פאַרטראַכטער, ווי ער וואָלט זיך באַמיט צו דערמאָנען, וויפל יאָר פאַרנעמט ער זיך שוין טאַקע מיט ערד־אַרבעט — סך־הכל, — האָט נאָך אַ ווײַלע טראַכטן געענטפערט, — בין איך גאָר געבאָרן גע־וואָרן אין סטעפּ.

די קאָזאַקן האָבן אים באַקוקט. אין זייערע בליקן האָט מען געקאָנט זען נייגער, אָבער אויך אַ טראָפּן אומגלויבן.

— אַז וואָס מיינט איר, חברים, — האָט זיך געכאַפּט ענטפערן אויף זייער אומגלויבן דער גאַסט זעלדין, אַ מענטש אין די מיטעלע יאָרן מיט אַ ברייט פאַרפלאַמט פּנים, — שוין העכער הונדערט יאָר, ווי מיר זיצן אויף ערד.

און ער האָט זיי גאַנץ גענוי דערציילט די געשיכטע, וויאַזוי יידן האָבן זיך באַזעצט אין די כערסאָנער סטעפּעס נאָך מיט הונדערט צוואַנציק יאָר צוריק.

— אָבער אונדזער דאָליע, — האָט ער צוגעגעבן צום סוף, — איז גע־ווען פּונקט אַזאַ ביטערע, ווי די דאָליע פון אַלע אָרעמע פּויערים ביים צאַריזם. אַן אמת לעבן האָבן מיר פאַרזוכט ערשט ביי דער ראַטנמאַכט.

די מעלקערן האָט אויף אַ שטיק קול געגעבן צו פאַרשטיין די קאָזאַטש־קעס, ווי זי גיט אַכטונג אויף איר בהמה דער „דייטשקע".

— איר פאַרשטייט, — האָט זי געלאָסן געדעדט, און עס איז איר שווער אָנגעקומען צוצוקלייבן די געהעריקע ווערטער, — אַ בהמה — דאָס איז אַ שטומע צונג. אַ בהמה האָדעוועט איז שווער. אַ בהמה קאָן מען ניט נעמען ווי אַ קינד אויף די הענט און פרעגן ביי איר: וואָס ווילסטו, בהמה? מע דאַרף זיך אַליין אָנשטויסן. מע דאַרף וויסן, אָנשטויסן זיך איז שווער.

— מיר אַלע זיינען צו ביסלעך געבוירן געוואָרן אין סטעפּ! — האָט געטענהט צו די קאָזאַקן אַבראַמאָוויטש, אַ ברייטער, געזונטער מענטש מיט אַ קלוג פּנים און שאַרפן שמייכל.— ביי אונדז אין קאָלווירט זיינען דאָ אַ סך אַזוינע, וואָס זיינען דערוואַקסענערהייט נאָכאַמאָל פונדאָסניי געבאָרן געוואָרן אין סטעפּ. לאָמיר נעמען חיים באַרעסמאַן. וואָס איז געווען אַזוינס חיים באַרעס־מאַן ביז דער רעוואָלוציע? אַ שלימזלניק, אַ קאַראַביינִיק. און וואָס איז ער איצטער? אַ באַרימטער מענטש מיט אַ גראַמאָטע. איז וואו איז ער עס גע־וואָרן אַ באַרימטער מענטש? — אין סטעפּ. דאָ איז ער פונדאָסניי געבאָרן געוואָרן. איז וויפל איז ער אַלט געווען ביים פונדאָסניי געבאָרן ווערן? — 44 יאָר. איך געדענק עס ווי היינט, עס קומט צו אונדז אין סטעפּ אַ קאַראַביי־ניק און גיט זיך אַ שטעל אַנידער ווי אַ בעטלער ביי דער דרעש־מאַשין. „יידן — זאָגט ער — איר דרעשט ברויט? — צו געזונט אייך! און ביי מיר האָבן זיך די נאָדלען מיינע געשטעלט פּאַפּערעק אין גאָרגל, ניט אַהין, ניט אַהער. נאָט אייך די נאָדלען — זאָגט ער — און גיט מיר ברויט". „אויפן ברויט איז באַלעבאָס די פּראַצע — האָט אים געענטפערט אונדזער אַ חבר, — די נאָדלען קאָנען מיר צעטיילן צווישן די באַלעבאָסטעס. עס וועט זיי צוניץ קומען. אָבער וואָס וועט דערנאָכדעם זיין מיט דיר? דו וועסט דערנאָך נעמען ברויט? אויף ברויט דאַרף מען פּראַצעווען. גיב אַ טראַכט". „שוין אָפּגעטראַכט — זאָגט דער קאַראַביינִיק, — וואָס מיינסטו, איך בין מיט דער פּראַצע צעקריגט, צי איך בין ברוגז אויף איר, צי מיר זיינען, חלילה, שונאים איינער דעם אַנדערן? צו פּראַצע בין איך געוואוינט. נאָר וואָס זשע דען, ביז אַהער בין איך גע־וואוינט געווען, אַז די פּראַצע מיינע זאָל גיין אויפן ווינט. איצט וויל איך זיך צוגעוואוינען די פּראַצע מיינע אַריינלייגן אין דער ערד, וועט אויסוואַקסן ברויט". און ער האָט זיך געשטעלט ביי אונדז צו דער אַרבעט. און וואָס מיינט איר? דער מענטש האָט איצט דערלאַנגט אין זאַגס אַ מעלדונג: ער בייט זיין פאַמיליע. „וואָס פאַר אַ צאַרעסמאַן בין איך?" — פרעגט ער ביים זאַגס און פאַרטייטשט. אַז „צאַרעסמאַן" הייסט ניעסשטשאַסטנער, אַן אומגליק־לעכער מענטש, און דאָס שטימט ניט מיטן אמת, זאָגט ער, ווייל ער לעבט גליקלעך און פאַרלאַנגט צו טראָגן אַ גליקלעכע פאַמיליע.

— גענוג דיר מעשות צו דערציילן, — רייסט אים איבער זעלדין, —

אַט וועל איך אייך בעסער זאָגן, חברים, גאָר אַן אַנדער זאַך. איך פאַרשטיי עס ניט, איר האָט אָפּגעדראָשן די תבואה און די שטרוי איבערגעלאָזט אויפן פעלד. די שטרוי פאַרמיסטיקט דאָס פעלד, זי פריעט. אמער וואָלט איר גלייכער פאַרברענט די שטרוי און דאָס אַש צעשאָטן איבערן פעלד, האָט איר פּאַרטיקע באַמיסטיקונג.

— טאַקע אינדעראמתן, — ענטפערן די קאָזאַקן, — טאַקע אַזוי! עס קאָן זייען זיין, אַז אַזוי ווי איר עצהט, איז טאַקע בעסער.

אומבאַמערקט גייען אַזוי אַוועק די ערב־יומטובדיקע טעג. פון אינדערפרי ביז פאַרנאַכט — רק מע באַקוקט די פעלדער, די ווייַנגערטנער, די שטאַלן. מע עצהט זיך, מען אַמפּערט זיך, מע פאַרשרייבט אין די בלאָקנאָטלעך, און אויפן פערטן טאָג גייט שוין אַוועק אַ גוטער קלאַנג צווישן די קאָזאַקן:

— די יידן קאָנען די ערד!

אין די אָוונטן קלייבן זיך צונויף די קאָזאַקן מיט די קאָזאַטשקעס אין די קאָלווירטישע קלובן. און יעדער קלוב שיקט רופן צו זיך אַ גאַסט. געסט זיינען געקומען ווייניק — זעקס מאַן — קאָלווירטישע קלובן זיינען דאָ אַ סך. יעדער קלוב וויל דוקא האָבן ביי זיך אַ גאַסט — אַ יידישן קאָלווירטניק. רייסט מען די געסט איינער ביים אַנדערן, שטעלט מען אויס אַפילו פּיקעטן אויף די וועגן און מע כאַפּט איבער די געסט, און מע פירט זיי אַוועק ניט אַהין, וואו זיי האָבן צוגעזאָגט צו זיין. און אַזוי ווי זיי ווילן דאַך האַלטן וואָרט, די געסט, קומט זיי אויס צו זיין אין איין אָוונט אין עטלעכע קלובן. אין די קלובן זינגט מען לידער און מע טאַנצט, און מע בעט די געסט ווייזן, וואָס זיי קאָנען: צי קאָנען זיי זינגען פריילעכע לידער, צי קאָנען זיי טאַנצן שיינע טענץ?

— צום נאָכאַבער־יום־טוב באַדאַרפן מיר אומבאַדינגט ליקווידירן אונדזער אָפּגעשטאַנענקייט, — שושקען זיך די געסט פאַרנאַכט אויפן געלעגער, — אין די טענץ זיינען מיר שטאַרק אָפּגעשטאַנען פון זיי, אָבער טאַקע גאָר שטאַרק! אונדזער איצקאָוויטש טאַנצט גוט, דאָס איז אַן אמת, איז ער דאַך אָבער איינער ביי אונדז, און ביי זיי טאַנצן אַלע!

— איינעם אַ טרומף האָבן מיר נאָך, — האָט דער אַלטער קאָזשעמיאַקין געזאָגט בסוד צו אַ גרופּע פריינט זיינע אין קלוב, נאָך דעם, ווי די געסט, זיינען אַוועק, — דעם צווייטן מאַי וועלן מיר, קאָזאַקן, זיך זעצן אויף די פערד און אַ דזשיגיטעווע טאָן... דאָ וועלן די געסט אונדזערע אַ ביסעלע... דעם טרומף האָבן זיי ניט מיט וואָס צו דעקן...

— נעמט אויף אַ גאַסט, ליבע עלטערן, — האָט איינעם זעלבן אָוונט געזאָגט דוניאַשע קאָזשעמיאַקינס יינגערע טאָכטער, אַריינקומענדיק אין שטוב מיטן יידישן קאָלווירטניק, מיטן „ברעקעלע״.

מע האָט אים געגעבן צום טיש און מע האָט צוזאַמען געגעסן וועטשערע. ביים עסן האָט דער שמועס זיך געדרייט אַרום פראַגן פון ערדאַרבעט, און אַלע האָבן הנאה געהאַט פונעם געשפרעך: דאָס „ברעקעלע" ווייסט דיר אַ טאַלק אין די זאַכן, אָבער ער פאַררייסט ניט די נאָז, ער הערט זיך דיר צו מיטביידע אויערן צום אַלטנס רייד, ווי אַ זון הערט זיך צו צו די רייד פון אַ פאָטער.

נאָך וועטשערע זיינען די יונגע אַוועק שפּאַצירן. דער אַלטער קאָזשעמיאַקין איז זיך דורכגעגאַנגען איבערן צימער, ווי ער וואָלט עפּעס געזוכט און ניט געוואוּסט וואָס. לסוף האָט ער געזאָגט צו דער אַלטער:

— עפּעס זע איך אים אָפּט מיט אונדזער דוניאַשען...

— דאָס „ברעקל"?

— אוהום. ניט קיין פּאָר אַמאָל?

— ביידע טראַקטאָריסטן — חברן זיי זיך. זאָלן זיי...

— נו, און דיך אַרט עס ניט?

— ניין...

דער אַלטער האָט אַ טראַכט געטאָן, עטלעכע מאָל אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— און אין מיין קאָפּ קריכט עס נאָך ניט.

— אַ האַרטע קאָפּ ביי דיר, קריכט עס פּאַמעלעך, — האָט די אַלטע לערעריש געזאָגט.

— האָסטו געזען, סאַראַ פּריטקע זי איז דיר געוואָרן! — האָט ער אַ וואָרף געטאָן מיטן קאָפּ אויף איר.

— אָט אַזאַ ווי געווען — אַזאַ בין איך. אַ קאָזאַטשקע בין איך. אַ דזשיגיטאָווקע וועט ביי אייך זיין?

— איך רעכן, אַז ס'וועט זיין.

די אַלטע האָט, ווייזט אויס, עפּעס אַ סוד געוואוּסט. זי האָט מיט אַ מאָדנעם שמייכל געקוקט אויפן אַלטן. איר האָט זיך זייער שטאַרק געוואָלט דערציילן אים, אַז אָט איז זי אַזאַ מאַמע, אַז דוניאַשע האָט פאַר איר קיין סודות ניט. און ער, דער טאַטע, איז אַזאַ, אַז ער ווייסט נאָך גאָרנישט. אָבער זי האָט זיך איינגעהאַלטן, מחמת זי האָט זיך דערשראָקן. זי איז געווען כמעט זיכער, אַז ווען דער אַלטער ווייסט דאָס, וואָס זי ווייסט, וואָלט אויסגעבראָכן אין שטוב אַ גרויסער סקאַנדאַל. דער חשק צו דערציילן דעם אַלטן דאָס, וואָס זי ווייסט, איז ביי איר געווען גרויס, און זי האָט זיך געכאַפּט, אַז, יעדנפאַלס, זאָגן דעם אַלטן, אַז אויף דער דזשיגיטאָווקע וועט פאַרקומען עפּעס אַזוינס... — דאָס קאָן מען, זאָל ער זיך דערווייל טראַכטן, וואָס וועט דאָרט פאַרקומען. אָבער זי האָט זיך דערמאָנט אָן דעם צוזאָג, וואָס זי האָט געגעבן דוניאַשען, —

קיין וואָרט ניט אַרויסברענגען ביז אַ צייט — און זי האָט געשוויגן. טאָקע אַזוי, האָט זי געטראַכט, וואָס האָסטו זיך צו באַרימען מיט אַ זאַך, וואָס דו האָסט נאָך ניט געזען מיט דיינע אייגענע אויגן!

און זי האָט אויסגעלאָשן די שיין און זיך געלייגט שלאָפן.

3

אויף דער ערשטמייאיקער דעמאָנסטראַציע האָט מען די געסט אָוועקגע־שטעלט אויבנאָן אין דער שפּיץ פון דער קאָלאָנע, סאַמע אונטער די רויטע פאָנען. אויפן מיטינג האָבן די קאַזאַקן און די יידן, אין הייסע רעדעס, גערופן איינע די אַנדערע צו ערלעכער סאָציאַליסטישער מי, און מע האָט גערעדט וועגן דער פריינטשאַפט פון פעלקער.

אין אָוונט, אויפן מאָלצייט, האָבן די קאָזאַטשקעס אונטערגעטראָגן לכבוד די געסט אַ ריזיקן פלאָדן, געפילט מיט אויבסט און מיט אַ געדריידלטער יידישער אויפשריפט, געמאַכט פון ראָזעוון צוקער אויף געלן קרעם: „זאָל לעבן און זיך שטאַרקן די יידיש־קאַזאַקישע פריינטשאַפט"! די אַלטע קאָ־זשעמיאַקינאַ, אויסגעפוצט אין אַן אַנזשעוו זיידן קלייד מיט אַ גרויסן ווייסן זיידענעם טוך אויף די אַקסלען, האָט פייערלעך דערלאַנגט דעם פלאָדן דער יידישער מעלקערן.

— געלויבט און געריכט זאָלן זיין די ברידער געסט, — האָט זי אויפריכ־טיק און פראָסט געזאָגט. — טייל, שוועסטער, דעם פלאָדן, אָבער טייל אים מיט אַ טאַלק, צעשנייד אים אַזוי, אַז יעדער זאָל באַקומען דעם סאַמע שענסטן חלק.

די יידישע מעלקערן, אַ באַשיידענע פרוי אין אַ שוואַרץ זיידן קלייד מיט אַ ווייס קעלנערל, מיט אַ ליבן שמייכל אין די גרויסע איילבערט־אויגן, מיטן פלאָדן אויף אַ ריזיקער טאַץ אין דער לינקער האַנט, מיט אַ גרויסן הילצער־נעם גאָפל אין דער רעכטער האַנט, האָט זיך געלאָזט גיין אַרום טיש, געטיילט די חלקים, געפונען דערביי די קורצע פריילעכע ווערטער, וואָס האָט יעדן איינעם געדאַרפט באַווייזן, אַז דוקא אים קומט אָן דער סאַמע שענסטער חלק. אַזאַ מזל האָט ער שוין, אָבער אויך דער שכן האָט זיך ניט וואָס צו באַליידיקן, מחמת דער גאַנצער פלאָדן האָט באמת טעם גן־עדן.

מע האָט געגעסן און געטרונקען און זיך געלאָזט וואוילגיין, מע האָט גע־זונגען לידער און מע האָט דערציילט מעשיות, — פון די פראָנטן און פון די שלאַכטן און אויך פונעם פינצטערן אַמאָל, ווי מע האָט געבידעוועט, אָבער גע־האָפט אויף בעסערע צייטן, און טאָקע זיך דערשלאָגן צו די בעסערע צייטן.

די יוגנט האָט זיך איבערגעוואונקען און איבערגעוואָרפן מיט הייסע בליקן, זיך צוגעמאָסטן איינער צום אַנדערן און גערופן מיט די אויגן איינע די אַנ־דערע צום טאַנצן.

דער ערשטער האָט זיך פון טיש אויפגעהויבן אַנדריושקע. מיט אַ פריי־לעכן רוף אויפן פּנים האָט ער מיט אַ לייכט טענצל זיך אַוועקגעגליטשט אַנט־קעגן דעם פינף־און־פערציק־יאָריקן זעלדינען, איינגעלאַדן אים צום טאַנץ.

זעלדין, דער סאַמע עלטסטער צווישן די יידישע געסט, האָט פאַרשעמט אַ שמייכל געטאָן, פאַרלאָרן צעשפּרייט די הענט.

— אַ חרפה, אַ שאַנדע... — האָט ער געזאָגט רויט ווערנדיק, — אָבער איך קאָן ניט...

נאָר די זאַך האָט גלייך פאַרריכט איצקאָוויטש.

ניט וואַרטנדיק אויף קיין איינלאַדונג, איז ער פלינק אַרויסגעשפּרונגען פון פאַרן טיש, אַ דריי געטאָן זיך אַנטקעגן אַנדריושקען, אַ טופּע געטאָן מיטן פוס, אַ פּאַטש געטאָן אין די הויפּנס און איז אַ צעהוידעטער אַוועקגעשוואו־מען אין אַ ריטמישן טאַנץ. אָט האָט ער עטוואָס פאַרלאַנגזאַמט זיין טאַנצנדיקן טראָט, ווי ער וואָלט זיך אָפּגערוט, און אָט האָט ער ווידער זיך אַוועקגעדרייט ווי אַ וויכער, האַסטיק, מיט צעשפּרייטע הענט, אויף אויסגעצויגענע פיס, מיט אַ דריידל, מיט אַ צוזעצן זיך, מיט עטלעכע ריטמישע פּעטשלעך אין די דלאָ־ניעס און מיט אַ גאַנצן הויפן צעשאָטענע פּעטשלעך פון די דלאָניעס איבער די גלאַנציקע כאָליעוועס פון די שטיוול, צום טאַקט פון דער מוזיק.

האַ־האַ־האַ! — האָט די יוגנט פריילעך געשריען. — זעט נאָר, זעט נאָר, ווי איצקאָוויטש טאַנצט! וואויל טאַנצט ער! איי, וואויל! אָט, יאָט! אַ מאָ־לאָדיעץ אַ יאָט!

— פּאָרוויין! פּאָרוויין! שריען די פאַרזיצערס פון די קאָלווירטן.

— אַ וואָלס! אַ וואָלס! — מאָנען די ווייבער, — לאָמיר אָקאָרשט זען, ווי ער וועט טאַנצן מיט אַ דאַמע אַ וואָלס!

— פּאָזשאַלויסטאַ! — זאָגט איצקאָוויטש, מיטאַמאָל אָפּהאַקנדיק זיין טאַנץ, — אַ וואָלס — איז אַ וואָלס!

איצקאָוויטש גייט צו צו אַ דאַמע, זי שטעלט זיך אויף אַנטקעגן אים, פאַר־ריכט אויף זיך דאָס קלייד, פאַרוויקלט אין שאַל איר הויכע ברוסט, הייבט אויף די הענט און לייגט אַרויף איצקאָוויטשן אויף די אַקסלען.

דין איז אין דער טאַליע דער פאַרזיצער פונעם יידישן קאָלווירט „נייער וועג" דער חבר איצקאָוויטש, שיין טאַנצט ער און טאַקע מיט געפיל אויך! און די קאָזאַטשקעס קאַרגן זיך ניט און צאָלן אים דערפאַר מיט רופנדיקע שמייכ־לען און ליבלעכע בליקן.

די הויכברוסטיקע מאַרינאַ פילט, אַז זי הייבט זיך שוין אָן באַגיסן מיט אַ שוויס אין טאַנץ מיט איצקאָוויטשן, אָבער זאָגן עס אים פּאַסט ניט, שיידן זיך מיט אים — ווילט זיך ניט. זי זעט און זי פילט, אַז די קאַזאַטשקעס קוקן איצט אויף איר און זיינען איר מקנא; ווי לייכט ער האַלט זי ביי דער טאַליע, ווי איידל ער האַלט אירע פינגער, ווי גרינג עס שווימט זיך אין טאַנצן מיט אַזאַ מין קאַוואַליער!

שיידן זיך מיט אַזאַ מין קאַוואַליער — ניי־יין!

— און איר זאָגט: אַ חרפּה, אַ שאַנד, מיר קענען ניט! — האָט פריילעך אויסגעשריען דער אַלטער קאָזשעמיאַקין. — דו זע, ווי ער טאַנצט! מוזיק, בלייב ניט הינטערשטעליק!

און די מוזיק קלינגט נאָך העכער און נאָך הייסער.

שיין טאַנצט די יוגנט... איצקאָוויטש טאַנצט ניט שענער פאַר אַנדערע. נאָר אַלע דאַמעס האָבן חשק דוקא מיט אים טאַנצן. צי ער וויזט מער פייער אין טאַנץ, צי דאָס פייער זיינס איז הייסער, נאָר מע לאָזט אים ניט רוען, איצקאָוויטשן; ווי נאָר ער טאַנצט אָפּ מיט איינער, אַזוי לייגט אַרויף אירע הענט צו אים אויפן אַקסל אַ צווייטע דאַמע. און ער וויל זיי ניט פאַרשעמען, און ער קען זיי ניט אָפּזאָגן, און מיט אַ צאַרטן און ליבן שמייכל אויפן לאַנגן פּנים טאַנצט ער מיט אַלע דאַמעס אַזוי לאַנג, וויפל כוחות זיי פאַרמאָגן נאָר.

די אַלטע לייט זיינען מקנא דער יוגנט. די אַלטע קאַזאַקן ווינקען צו קאָזשעמיאַקינען, קאָזשעמיאַקין ווינקט צו זעלדינען — רופט אים צום טאַנץ. זעלדין דערמאָנט זיך פּלוצלינג, אַז געטאַנצט האָט ער דאָך פונדעסטוועגן יאָ אַמאָל, נו... שמחת־תורה אין שול האָט ער געטאַנצט אַמאָל צי ניין? אודאי האָט ער געטאַנצט! וואָס האָט ער דאָרטן געטאַנצט? אַ „דיי־דאַ”, וואָס איז אַזוי שלעכט אַ „דיי־דאַ”? דאָס איז אַ טאַנץ, וואָס פאַרמאַטערט ניט, אַ גרינגער טאַנץ, אָבער דערפאַר אַ התלהבותדיקס, מיט אַ קנייטש, מיט אַ קרעכץ.

און מיט אַן איילנדיקן טראָט און מיט אַ שיינענדיקן שמייכל אויפן פּנים גייט ער צו צום אַלטן קאַזאַק, הייבט אויף יענעמס רעכטע האַנט און לייגט אַוועק צו זיך אויפן רעכטן אַקסל, הייבט אויף זיין רעכטע האַנט און לייגט אַוועק צו קאָזשעמיאַקינען אויפן רעכטן אַקסל, בייגט אָן דעם קערפּער, פאַרוואַרפט דעם קאָפּ אויף הינטן, הייבט אויף הויך איבער זיין קאָפּ די לינקע האַנט זיינע, ווי ער וואָלט עפּעס געריסט אָדער פון עפּעס געכאַפּט התפּעלות, און טופּעט מיט די פיס אין הילצערנעם דיל פונעם קאָלווירטישן קלוב, און דרייט דעם אַלטן קאָזשעמיאַקינען פון רעכטס אויף לינקס און פון לינקס אויף

רעכטס, בייט די הענט און שרייט מיט אַ פאַרוואָרפענעם קאָפּ צו דער סטעליע:

— איי, איי, גוט, איי, איי, איי!

דער אַלטער קאָזשעמיאַקין פלאָנטערט נאָך דערווייל אַביסל מיט די פיס. ער פאַרשטייט, אַז זעלדין איז אַוועק מיט אים אַ יידישן טאַנץ. ער זוכט ביי זיך אין זכרון: צי האָט ער געזען אַמאָל אַזאַ טאַנץ, ווען ער האָט געדינט דעם קייסער אין די יידישע שטעט און שטעטלעך? ניין, אַזאַ טאַנץ האָט ער ניט געזען. ס'איז אַ סברה, אַז ער האָט דעמאָלט נאָך אַ סך זאַכן טאָקע ניט געזען. „מע דאַרף זיך צוקוקן, צוקוקן, — טרייבט זיך אונטער דער אַלטער קאָזאַק, — מע דאַרף ניט אָפּשטיין פון אים" און ער קוקט זיך צו, טאַנצנדיק, און ער זעט: דאָס איז אַ פּשוטער טאַנץ, אַ כיטרער טאַנץ, אַ טאַנץ פאַר אַלטע לייט, וואָס האָבן שוין קיין כוח ניט צו דרייען זיך ווי אַ וויכער, אויף איין געבויגענעם פוס און מיט דעם צווייטן אַן אויסגעצויגענעם. דאָס איז פאַר די פיס אַ וואוילער אָפּרו־טאַנץ, אָבער די פרייע הענט וואַרפט מען אַרויף הויך איבער די קעפּ, און מע פלאָטערט מיט זיי, די קעפּ פאַרוואָרפט מען אויף הינטן און מע טרייסלט לייכט מיט זיי, און דערביי שרייט מען מיט פייער:

— איי, איי, גוט, איי, איי, איי!

איצט איז שוין טאָקע גוט. דער אַלטער קאָזאַק האָט שוין געכאַפּט דעם „קנייטש" פון דעם דאָ נאָך ניט געזעענעם מאָדנעם טאַנץ. איצט שטייט ער שוין ניט אָפּ פון זעלדינען. איצט גייען זיי ביידע ריטמיש און געמאָסטן. מיט פאַרלייגטע הענט איינע ביי די אַנדערע אויף די אַקסלען, מיט אויסגעצויגענע פלאַטערנדיקע אין דער הויך פרייע הענט, מיט פאַרוואָרפענע אויף הינטן קעפּ, ביידע מיטאַמאָל שרייען זיי שוין:

— איי, איי, איי!

— איי, ווי גוט! איי, ווי שטאַרק! איי, ווי שיין! — היצט אונטער פריילעך דער עולם און פּאַטשט צום טאַקט אין די הויפּנס.

— אַט פּרוּווט זיך איר איצטער אַזוי... — זאָגט דער אַלטער קאָזשעמיאַקין צו דער יוגנט און פירט אָפּ זעלדינען אַן אַ זייט, עצהט זיך מיט אים וועגן עפּעס.

די יוגנט טאַנצט ווידער, זינגט לידער, שרייט אויס הויכע טאָסטן ביז שפּעט אין דער נאַכט.

שפּעט ביינאַכט, פאַרן פאַנאַנדערגיין זיך, שטעלט זיך דער אַלטער קאָזשעמיאַקין אויף אַ שטול און רופט אויס מיט אַ פייערלעכן קול:

— הערט מיין מעלדונג. — זאָגט ער און מאַכט אַ שטרענג פּנים פון אַן אַלטן סאָלדאַט. — מאָרגן, פּונקט צוועלף בייטאָג, נאָל מינוט נאָל סעקונדן, וועט אויף אונדזער רייט־פעלד פאָרקומען אַ וועט־געלויף מיט אַ דזשיגיטאָווקע

מיט שפּרינגען איבער באַריערן און מיט האַקן ריטער. ווער פון די געסט קאָן פאַרלאַנגען אַנטיילצונעמען אין אַט דעם וועט־געלויף מיט דער דזשיגיטאָווקע? אויף בייצוזיין אַנטיילצונעמען אין אַט דעם וועט־געלויף מיט דער דזשיגיטאָווקע האָבן מיר פאַר די טייערע געסט פאַרגרייט ערטער אויף דער טריבונע, און מיר בעטן זיי אַלע קומען און זען. איך פרעג נאָר, ווער פון די געסט האָט אפשר חשק ניט נאָר צו קוקן און זען, נאָר אויך טאַקע זיך זעצן אויפן פערד און אַליין א דזשיגיטעווע טאָן? אָדער אפשר זיינען די טייערע געסט צו אַזעלכע מינע זאַכן ניט געוואוינט? פאַראַן צווישן די טייערע געסט אַזעלכע? וואָס האָבן חשק דערצו?

פאַראַן! — האָט זיך דערהערט אַ געדיכטע באַסאָווע שטים פון צווייטן עק טיש: דאָס האָט „ברעקעלע" זיך אָפּגערופן, שטעלנדיק זיך אויף אַ שטול מיט אַ גלאָז ווין אין דער האַנט. — איך פאַרלאַנג אַנטיילצונעמען אין דער דזשיגיטאָווקע! — זיין שטים האָט געקלונגען נאָך געדיכטער און נידעריקער, אָבער די אויגן האָבן געשמייכלט.

— אפשר?... — האָט מיט אומצוטרוי געפרעגט דער אַלטער קאַזשע־מיאַקין, — מיר שטעלן די פראַגע גאַנץ פאַראַנטוואָרטלעך...

— מיר גיבן דעם ענטפער אויך פאַראַנטוואָרטלעך, — האָט נאָך אַלץ גע־שמייכלט „ברעקעלע" — אַ פערד, אַ שווערד, דאָס, מיין איך, וועט מען קריגן ביי אייך...

— און אַ שטוב האָט ער אַן אייגענעם! — שרייט אויס, אַרויסשפּרינגענ־דיק אויף אַ שטול „ברעקעלעס" שכן אַבראַמאָוויטש און צופּט דעם טשוב ביים נייעם דזשיגיט.

— און אַ טשוב האָבן מיר אַן אייגענעם, — שמייכלט „ברעקעלע", — אַט האָסטו דיר די גאַנצע אַמוניציע.

דער גאַנצער עולם האָט זיך אויפגעשטעלט. דער חידוש איז געווען גרויס ניט נאָר ביי די קאָזאַקן, אייניקע יידישע קאָלווירטניקעס האָבן אויך ניט ווייניק זיך געחידושט.

— וואָס טוט ער? — האָט מיט שרעק אַ טראַכט געטאָן זעלדין, אָבער גלייך זיך באַרואיקט: — מסתמא ווייסט ער, וואָס ער טוט. ניט פון יענע יינגלעך איז ער, וואָס זאָל וועלן אונדז פאַרשעמען לסוף.

מיט אַ וויכן בליק האָט אויפן „ברעקעלע" אַ קוק געטאָן די יידישע מעל־קערן. זי האָט געטראַכט: „דאָס איז טאַקע גוט, וואָס ער האָט זיך אַרויסגע־רופן. זאָלן זיי זען דאָס אויך. אַז דער בחור איז ניט קיין פּוסטער באַרימער — דאָס האָט זי געוואוסט נאָך פון פריער.

ביי דוניאַשען האָט זיך דאָס האַרץ מיטאַמאָל אַזוי הילכיק צעטראַסקעט,

אַז זי האָט זיך אַזש אומגעקוקט אין די זייטן: צי באַמערקט מען ניט, ווי די פאַרב האָט איר אַ זעץ געטאָן אין פּנים. נאָר ניין. אַלע זיינען פאַרנומען איצט מיט עפּעס אַנדערש: מע קוקט אויף איר פאָטער, מע קוקט אויפן „ברעקעלע״ — וואָס וועלן זיי איצט טאָן איינער מיטן אַנדערן? און דוניאַשע באַרואיקט זיך און טראַכט: „גוט אַזוי, וואָס ער האָט זיך אַרויסגערופן, אַזוי ווי דאָס איז אָפּגערעדט געווען. לויט אַ פּלאַן פירט ער זיך אויף״.

— אַ גוט פערד קאָנען מיר ביי זיך געפינען, — זאָגט ענדלעך דער אַל־טער, — און אַ שאַרף קלינגל וועט זיך אויך אָפּזוכן ביי אונדז... וועלן מיר אים פאַרשרייבן?

— יאָ, יאָ, פאַרשרייב, איוואַן אַנדרייאַיטש.

— אין דער ריי אים, לויטן ראַנזשיר!

— ניין! וואָס פאַר אַ ראַנזשיר! אַ גאַסט איז ער!

— אַ גאַסט קומט דאָס ערשטע אָרט!

— טאַקע דעם ערשטן אים לאָזן!

— ניין! — זאָגט דער אַלטער שטרענג. — דעם ערשטן אים לאָזן קאָן מען ניט. און לויטן ראַנזשיר טויג אויך ניט. אַ גאַסט איז ער — דאָס יאָ! אַ טייערער און געוואונטשענער גאַסט, אָבער מיר ווייסן נאָך ניט, ווי ער רייט, און מיר ווייסן נאָך ניט, ווי ער זשיגיטעוועט. מירן אים געפינען זיין אָרט, דערויף, מעזשדו פּראָטשים, ווערט געמאַכט דער וועט־געלויף, אַז יעדער איינער רייטער זאָל באַווייזן, וואָס פאַר אַן אָרט אים קומט.

ערשט איצט האָט דוניאַשע באַמערקט, אַז אַלע שטייען מיט גלעזער ווייַן אין די הענט. זי האָט זיך אַנגעבויגן, גענומען פון טיש אַ גלאָז וויין, פאַרריכט אויף זיך דאָס גרינגע זיידענע קלייד, אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, געוואָלט פאַר־טרייבן דאָס פלאַמפּייער פון די באַקן און שטיל אויסגערופן:

— לאָמיר אויסטרינקען דערפאַר...

און זיך פאַרהאַקט, ווייל איר האָט אויסגעדוכט, אַז זי האָט דעם טאָסט צו הויך אויסגעשריען און אַלע האָבן זיך אומגעקוקט אויף איר. מיט איין זאַלפּ האָט זי אויסגעטרונקען איר גלאָז געדיכטן, שמעקעדיקן צימלער וויין.

אויף איר קוקנדיק, האָבן אַלע איבעריקע איבערגעקערט די גלעזער אין די מיילער אַריין. דערנאָך האָבן זיי הייס אַפּלאָדירט. דערנאָך האָט מען פאַר־צויגן אַ ליד. נאָר דאָ האָט הויך און פייערלעך, מיטן טאָן פון אַן אַלטן קאָמאַנ־דיר, באַפוילן קאַזשעמיאַקין:

— גרייט מאַכן פאַרן גאַסט דעם „קאַבאַרדינעץ״! מיר וועלן דזשיגי־טעווען!

4

דער פרימאָרגן פון יענעם צווייטן מאַי איז אויפגעגאַנגען מיט אַ הויכן בלויען הימל און מיט אַ שיינער יונגער זון איבער דער סטאַניצע צימלאַ און איבערן טייך דאָן.

פון אַלע עקן האָבן צום גרויסן רייט־פעלד זיך אַ לאָז געטאָן מענטשן אויף פערד, אויף וועלאָסיפעדן, אויף לאַסט־מאַשינעס, צופוס. דאָ און דאָרט האָבן געפינקלט רויטע לאַמפּאַסן אויף די הויזן, רויטע אַקאַלישקעס אויף די היט־לען, פאַרביקע טיכלעך אויף די קעפּ פון די פרויען. דאָס גאַנצע פאָלק האָט פון סאַמע אינדערפרי אָן זיך געצויגן פון די הייזער און גאַסן, פון די דער־בייאיקע ישובים און דערפלעך אַהער, צום פּליץ, צום רייט־פעלד, אַ קוק טאָן אויפן וועט־געלויף פון זייערע פלינקע מענער, זין און ברידער.

אַ שעה פאַר דעם, אײדער עס האָט זיך אָנגעהויבן דער וועט־געלויף, איז שוין דאָס גאַנצע רייט־פעלד געווען איינגעשלאָסן אין אַ ריזיק בונט רעמל יום־טובדיק־געקליידטע מענטשן מיט פריילעכע פּנימער. פונדערווייטנס און פונ־דערהייך, למשל, פון דער טריבונע, וואו עס האָבן זיך געפונען די געסט, האָט אָט דער ריזיקער לעבעדיקער קרייז אויסגעזען ווי אַ בונטער פילפאַרביקער בלומען־קראַנץ. די זון איז שוין אין דער שעה געווען גאַנץ הויך איבער דער היגער ערד און די שטראַלן האָבן געשפּילט מיט אַלע פאַרבן פונעם רעגנבויגן אינעם בונטן אָנטאָן פון די צושויער.

די באַריערן זיינען שוין צעשטעלט, די רייטער זיינען שוין אויך אין די נעסטן, דער רינג אויפן הויכן שטעקן זילבערט זיך אַנטקעגן דער זון, די ריי־טער זיצן שוין אויף די פערד און זיינען גרייט.

דער אַלטער קאָזשעמיאַקין, אָנגעטאָן אין דער פולער קאָזאַקישער אוני־פאָרם, טראָגט זיך אַרום אויף זיין הויכן שוואַרצן דאָנער פערד איבערן רייט־פּלאַץ. ער מאַכט די לעצטע פאַראָרדענונגען, באַקוקט די רייטער, גיט ערנסט און ליב אַ גלעט דעם האַלדז פונעם „קאַבאַרדינעץ״, אויף וועלכן עס זיצט דאָס „ברעקעלע״. דאָס פערד איז הויך, דער יידישער קאָלווירטניק איז זייער קליין אין וואוקס.

„אַך, אַזאַ מין נאַרישקייט! — טראַכט זיך דער אַלטער קאָזשעמיאַקין, — גאָר פאַרגעסן אַ קוק צו טאָן, וויאַזוי האָט זיך אַרויפגעקאַראַבקעט אויף אַזאַ מין הויך פערד אַזאַ קליינגעוואוקסיק מענטשל. נו, מילא, דאָס וועט מען שוין זען שפּעטער. אַך, יאָ, נאָך עפּעס: אַ נאַרישקייט טאַקע — ניט געדאַרפט לאָזן זיך זעצן אויפן „קאַבאַרדינעץ״ דעם יידישן קאָלווירטניק אין זיין ציווילער מאַרינאַרקע. געדאַרפט אים אָנטאָן אין קאָזאַקישער אוניפאָרם. הערסט אַ מעשה, אין גאַנץ צימלאַ, מיין איך, איז גאָר ניט צו קריגן אַן אוניפאָרם פון אַזאַ

מין קליינער מאָס. און, ווידעראַמאָל: ניט אין אוניפאָרם שטעקט דאָ די זאַך. מירן זען, ווי ער וועט דזשיגיטעווען..."

דער אַלטער גיט אַ צי דאָס צימל, וויל זיך שטעלן אויף זיין אָרט און געבן די קאָמאַנדע אָנהייבן דעם וועט־געלויף, נאָר די געדאַנקען לאָזן אים היינט עפּעס ניט צורו, און ער פאַרטראַכט זיך ווידער.

„נו, צו וואָס האָט ער זיך געלאָזט פאַרפירן פונעם שלעכטן געפיל און געוואָרפן זיין פאָרשלאָג, אַז עמעצער פון די געסט זאָל אויך אָנטיילנעמען אינעם וועט־געלויף? ער האָט דען ניט געוואוסט, אַז די יידן האָבן זיך קיין־מאָל ניט פאַרנומען מיט אַזעלכע זאַכן? ברענגען צו חרפּה און שאַנד זיי, די געסט? איז דאַך ווידעראַמאָל דאָס זעלבע: וועט דאָך עס ווידעראַמאָל זיין די חרפּה פון צימלא. זעט אַקאָרשט, — וועלן די קאָזאַקן פון די שכנהשע סטאַניצעס לאַכן און שפּאָטן פון די צימלער, — קוקט זיך נאָר איין, ווער עס קומט צו זיי צו גאַסט: קאָלווירטניקעס יידישע, קאָלווירטניקעס אַזעלכע, וואָס אַז דו זעצסט זיי אַרויף אויף אַ פערד, פאַלן זיי דיר פון דעם אַראָפּ! אָט דאָס איז טאַקע געווען די גרעסטע נאַרישקייט, וואָס ער האָט זיך נעכטן אַרויס־געכאַפּט מיט זיין פאָרשלאָג. די געסט האָט ניט געפּאַסט זיך אָפּזאָגן — אַ קלאָ־רע זאַך! און איצט איז שוין שפּעט, פאַרפאַלן! ער זיצט שוין אויפן פערד, און אַלע זעען און וויסן, אַז אין דער דזשיגיטאָווקע באַטייליקט זיך איינער פון די געסט, אַ יידישער קאָלווירטניק".

דער אַלטער קאָזשעמיאַקין רייט אַוועק צום ראַנד פון פעלד. ער וויל שוין אָנהייבן דעם וועט־געלויף, נאָר דאָ דערזעט ער זיין דוניאַשע. ער כאַפּט אין אומרואיקן בליק און ער ווייסט, אַז איר אומרו האָט עפּעס אַ שייכות צום „ברעקעלע", וואָס זיצט איצט אויפן „קאָבאַרדינעץ", ווי ניט אים וואָלט מען געמיינט.

— אַך, גייט עס צום טייוול, די גאַנצע קאָפּדרייעניש מיט די איבעריקע געדאַנקען! — שעפּטשעט צו זיך דער אַלטער, שטעלט זיך אויף זיין אָרט, הייבט אויף די רעכטע האַנט — אַ סיגנאַל, אַז דער וועט־געלויף האָט זיך אָנגעהויבן.

אָנגעבויגן איבערן פערדס האַלדז, גיט זיך אַ לאָז דער ערשטער רייטער צו די באַריערן.

גרינג און פלינק, מיט אַ שיינעם הייב פון די פאָדערשטע פיס, שפּרינגט דאָס פערד אַריבער די באַריערן. ריין און גלאַט האַקט די שאַרפע שווערד די ריטער.

דאָס אַרבעט אַנדריושקע קאָזשעמיאַקין. ער טוט אַזוי: אינעם סאַמע היציקסטן געשפּרונג פונעם פערד גיט ער האַסטיק אַ הייב זיין בייגעוודיקן

און דינעם קערפּער און וואַרפט זיך אַרויס פון זאָטל, בלייבט הענגען אויף איין האַנט, ערגעץ ביי דער רעכטער זייט פונעם פערד. אַנדריושקע הענגט אויף איין האַנט, און דאָס פערד טראָגט זיך גאַלאָפּ.

דער ריזיקער מענטשן־קראַנץ, וואָס באַזוימט דאָס רייט־פעלד, הודזשעט צופרידן.

אָפּגעטראָגן זיך אַ צוואַנציק מעטער ביי דער רעכטער זייט פונעם פערד, גיט אַנדריושקע אַ וואָרף זיין קערפּער אינדערלופטן, וואַרפט אים אַריבער דעם פערדס רוקן און בלייבט הענגען אויף דער צווייטער זייט פון זיין פערד — אויף דער רעכטער האַנט. דער רייטער הענגט אויף דער רעכטער האַנט, און דאָס פערד טראָגט זיך גאַלאָפּ.

דער מענטשן־קראַנץ אַרום רייט־פעלד רוישט פריילעך.

דורכגעשפּרונגען אַזוי מיט זיין פערד נאָך אַ צוואַנציק מעטער, הייבט זיך אויף דער רייטער אויף דער רעכטער האַנט, ציט אויס די פיס אַרויף, שטעלט זיך מיטן קאָפּ אַראָפּ. אָבער דעם רייטערס קאָפּ ליגט ניט אויף קיין אָנשפּאַר — בלויז מיט דער באַק האָט דער רייטער זיך צוגעטוליעט צו דער זייט פון זיין צעהיצט פערד, וואָס טראָגט זיך נאָך אַלץ איבערן פעלד ווי פייל־אויסנבויגן.

דער גאַנצער מענטשן־קראַנץ אַרום רייט־פעלד אַפּלאָדירט הילכיק און פריילעך.

דערנאָך גיט זיך דער רייטער אַ שטעל מיט די פיס אויפן זאָטל, קערט זיך איבער אינדערלופטן, גיט זיך אַ גליטש אַראָפּ אויף דער רעכטער זייט און פאַרויס, און אַ ווײַלע דוכט זיך אויס, אַז ניט קיין רייטער טראָגט זיך עס, נאָר אַ יונגער קענטאַוור שפּרינגט דאָ אויפן פעלד — אַ פערד מיט אַ מענטשישן קאָפּ.

די צושויער שטורעמען, און דער אַלטער קאַזשעמיאַקין ציט אָן דאָס ציימל און גלייכט אויס די פּלייצעס פון הנאה: ער האָט עס גוט געמאַכט, אַנדריושקע, און ער וועט שוין ווידער האָבן דאָס ערשטע אָרט.

גלייך נאָך אַנדריושקען לאָזט זיך אויף זיין „קאָבאַרדינעץ" דאָס „ברעקעלע", דער יידישער קאָלווירטניק פון „ניי־לעבן". דער עולם ווערט שטיל, און אויך דער אַלטער פאַרגעסט אָן אַלץ — ער יאָגט זיך מיטן בליק נאָכן רייטער.

אָט איז שוין דער יידישער רייטער ביים באַריער. דריי טריט פונעם באַריער. אָט וועט מע דאַרף צוימען דאָס פערד. אויף וואָס וואַרט ער? אָך, ניין, אַ טעות! ער האָט אים געצוימט צו דער צייט! גוט! גרינג גענומען

דעם באַריער! מאַלאַדיעץ! אין יעדער קונסט שפּילט די גרעסטע ראָליע די גרינגקייט!

דער אַלטער פאַרגעסט, אַז ער האָט צומאָל ניט קיין קוק געטאָן: ווי זיצט דאָס „ברעקעלע" אויפן פערד — גוט צי שלעכט. ניין, דאָס איז אים שוין גאָר אין קאָפּ ניט געקומען אַפילו. ער האָט גלייך אָנגעהויבן דערפון, וויאַזוי דער יידישער קאַלווירטניק האָט גענומען דעם באַריער. גענומען האָט ער אים גרינג.

— ווען מיר קוקן ווייטער, — שעפּטשעט עפּעס אַ שטים דעם אַלטן אין אויער אַריין.

ביים פערטן באַריער האָט דער רייטער אויף עפּעס אַ צענטל סעקונדע דאָך פאַרשפּעטיקט מיטן צוימען דאָס פערד, און דער „קאָבאַרדינעץ" האָט זיך שיעור ניט ספּאָטיקעט.

דער אַלטער האָט זיך אַזש אונטערגעבויגן אין זאָטל:

— אַך, אַ גאַרנישט אַ יונג! — האָט ער אויסגעשריען. — ער ווערט מיר נאָך פטרן דעם אַגער!

אָבער ווידער ניין! דער רייטער האָט ערגעץ באַוויזן אָנצויאָגן דאָס פאַרשפּעטיקטע צענטל סעקונדע, איינגעצוימט דאָס פערד, אָפּגעלאָזט, און אויך אַט דער באַריער איז גוט אַריבערגעשפּרונגען געוואָרן. נאָר די גרינג־קייט איז שוין ניט אַזאַ ווי ביים ערשטן באַריער, ניין! דאָס צווייטע אָרט וועט ער אים ניט געבן. עס קומט אים ניט. ער מעג זיך זיין צען מאָל אַ גאַסט. דאָס פינפטע, דאָס זעקסטע אָרט וועט ער קריגן. מיר האָבן נאָך אַזעלכע אָד־לערס! ניט נעענטער פונעם זעקסטן אָרט קריגט ער!

און דער אַלטער פאַרגעסט ווידעראַמאָל, אַז מיט אַ מינוט צוריק האָט ער ביטער חרטה געהאַט אויף דער גאַנצער מעשה, וואָס ער האָט נעכטן פאַר־טראַכט, ווייל עס האָט זיך אויסגעדוכט, אַז דעם יידנס דזשיגיטאָווקע וועט זיך ענדיקן מיט אַ מיאוסן סקאַנדאַל.

ביים האַקן די ריטער טרעפט אַן אומגליק. דער ערשטער רוט ווערט גע־האַקט, אָבער ניט ריין, ער בלייבט הענגען ווי אַ פאַרוואונדעטע האַנט. עס ווענדט זיך, אויף וואָס פאַר אַ קעגנער אַט אַזאַ מין רייטער וועט אין שלאַכט אָנטרעפן. אויב ער וועט אַזוי האַקן אין שלאַכט און דער קעגנער זיינער וועט זיין אַן עכטער קאַוואַלעריסט, קאָן ער, דער קליינער, באַצאָלן מיטן קאָפּ פון אַזאַ מין האַק. מחמת אַזאַ מין האַק באַטייט, אַז ער האָט דעם שונא בלויז לייכט פאַרוואונדעט. און אַ שטאַרקער שונא, אויב אַפילו ער איז פאַרוואונ־דעט, קאָן ער פאַרוואונדעטערהייט ענטפערן מיט אַזאַ האַק...

נאָר דער צווייטער, דער דריטער, דער פערטער רוט פליט פיין! ווערליק

ווי עס זעט זיך פונדאַנעט, באַדאַרף די דיאַגאָנאַל פונעם שניט אויך זיין אַ גאַנץ פיינע! גוט. מיר וועלן זען, וואָס עס וועט ווייטער זיין. דאָס פּערטע אָרט וועט ער היינט זיכער נעמען!

דער רייטער טראָגט זיך. מע זעט אים קוים אויפן פערד. נאָר אָט גיט אַ בלאַנק די שווערד, מיטן שפּיץ גיט זי אַ כאַפּ דעם רינג פון שטעקן, הייבט אים הויך איבערן קאָפּ, פאַרשליידערט אים ווייט אויף הינטן, און דער קליינ־געוואוקסיקער רייטער דרייט מיט דער שווערד איבער זיין קאָפּ אַזוי, ווי ער וואָלט שוין אַ גאַנצע מאה שונאים הינטער זיך אַוועקגעלייגט און איז גרייט נאָך איינע אַ מאָה פאַרויס זיך אַוועקלייגן אויף טויט.

— וואויל, וואויל, — שעפּטשעט ניט ווילנדיק דער אַלטער, — ניין, דער איז דיר ניט קיין ליבהאָבער פון דער זאַך — דער איז דיר אַ געלערנטער רייטער!

און ער נעמט אָפּ זיין בליק פונעם יידישן קאַלווירטניק, ער קוקט זיך אום אויף די מענטשן אַרום. אים ווילט זיך זאָגן: „האַ, וואָס זאָגט איר? ווי געפעלט אייך? דאָס האָב איך דאָך פאָרטראַכט!״ נאָר די מענטשן קוקן זיך אויף אים ניט אום. זיי שרייען, פּאַטשן בראַוואָ, שטורעמען הילכיק און מיט פרייד.

דערנאָך גייען די איבעריקע רייטער.

זיי טוען דאָס זעלבע.

זיי גיבן צו עטוואָס נייס.

איינער צעזאָטלט אינמיטן זיין פערד.

דער אַנדערער וואַרפט אַראָפּ אויף דער ערד זיין היטל, קערט זיך אום, בייגט זיך אָן, כאַפּט עס פון דער ערד מיט דער האַנט.

דער דריטער שטייט מיטן קאָפּ אויפן פערדס רוקן און מיט די פיס וואַרפט ער פריילעך אינדערלופטן.

מע רייט איינציקווייז, פּאָרווייז, גרופּעסווייז.

ניט אַלע אַרבעטן ריין. ביי איינעם בלייבט אַ ניט אָפּגעהאַקטער רוט; דער צווייטער וואַלגערט אום אַ באַריער; ביים דריטן פאַלט אַראָפּ דער רינג ניט צו דער צייט.

די דורכגעפאַלענע רייטן אַוועק פאַרשעמטע צום סאַמע עק פונעם רייט־פעלד.

עס איז נאָך פון פריער אָפּגערעדט געוועזן מיטן יידישן קאַלווירטניק, מיטן „ברעקעלע״, אַז אויב ער וועט די ערשטע דזשיגיטאָווקע דורכמאַכן, ווי עס באַדאַרף צו זיין, מעג ער צום סוף פונעם וועט־געלויף נאָכאַמאָל אַרויס אויפן פעלד אַ דזשיגיטעווע טאָן.

און אַט האָט זיך דאָס „ברעקעלע" ווידער באַוויזן אינמיטן פעלד. דאָס מאָל האָט ער אויף זיין הויכן „קאָבאָרדינעץ" מיט אַ באַזונדער שטאַרקן האַסט זיך אַ לאָז געטאָן.

אַט האָט ער געמאַכט דאָס אַלץ, וואָס אַנדריושקע האָט געמאַכט אינעם סאַמע אָנהייב פונעם וועט־געלויף. און כאָטש עס האָט זיך געלאָזט מערקן, אַז דער יידישער קאָלווירטניק מאַכט נאָך אַנדריושקען און ער מאַכט אייליקער און ניט אַזוי גרינג ווי יענער, דאָך האָט דער גאַנצער עולם אַרום ווידער זיך צעשטורעמט. נאָר אַט האָט ער זיך געגומען טאָן אַזוינס, וואָס מע האָט נאָך דאָ הײנט ניט געזען, ער האָט זיך אינגאַנצן אַרויסגעוואָרפן פון זאָטל, אַ בייג געטאָן זיך מיטן קאָפּ צו דער ערד, און האַלטנדיק זיך מיט איין האַנט אָנעם פערדס בויך־רימען, האָט ער מיט דער צווייטער האַנט אַ ריס געטאָן אַ בלימל פון פעלד, אַ גליטש געטאָן זיך צוריק, אַרויף אויפן זאָטל, אַ זוך געטאָן עמעצן, אָנבייגנדיק זיך רעכטס און לינקס, געפונען, וויזט אויס, ווייל ער האָט רעש אַ קער געטאָן זיין פערד צום מענטשן־קראַנץ און אַ וואָרף געטאָן דאָס בלימל צו דוניאַשען אויף דער ברוסט. דערנאָך האָט ער אַ שפּרונג געטאָן אין זאָטל, מיט איין דריי זיך אומגעקערט מיטן פּנים אויף הינטן און מיטן רוקן צום פערדס קאָפּ, שמייכלענדיק צו די מענטשן.

און אַזוי איז ער אָוועקגעריטן גאַלאָפּ: מיטן שמייכלענדיקן פּנים צום עולם, מיטן רוקן צום פערדס קאָפּ.

די מענטשן האָבן לאַנג געדונערט און געשטורעמט און ניט באַמערקט, ווי צווישן זיי דרייט זיך אַרום אַ יונגער, קליינוואוקסיקער מענטש און זוכט עמעצן. מסתמא האָט ער געזוכט דוניאַשען, נאָר דוניאַשע איז שוין דאָ ניט געווען. צודריקנדיק דאָס בלימל צו דער ברוסט, איז זי אָוועקגעלאָפן גרייטן די טישן.

***

אין אָוונט האָט מען זיך ווידער געזעצט צו די יום־טובדיקע טישן.

דער אָפּמאַך וועגן פריינטשאַפט און סאָציאַליסטישן געוועט איז שוין אונטערגעשריבן. איצט גייט דער געזעגענונגס־מאָלצייט. די שמועסן דרייען זיך אַרום היינטיקן וועט־געלויף, און ביי די טישן לאָזן זיך אָפּט הערן די נעמען פון די קאָלווירטישע ישובים.

— צימלא, ליבע געסט, — זאָגט איינע, — האָט אייך היינט באַוויזן, וואָס זי קאָן.

— סאָצדאָרף, — זאָגן אַנדערע קאָזאַקן, — האָט זיך אויך דאָס פּנים ניט געשוואַרצט.

דער אָוונט איז פון יענע ליבע מאַיאָווע אָוונטן, וואָס זיינען פול מיט גוטן צוזאָג, אַז דער פרילינג מיטן זומער וועלן זיין שיינע און גוטע, אַז די גערע־

טעניש וועט זיין אַ גרויסע און די מיידלעך מיט די יינגלעך וועלן זיך באַנעמען ליב און איידל איינע מיט די אַנדערע.

די יוגנט קאָן ניט איינזיצן ביי די טישן. זי גייט אַרום דרויסן. זי לאָזט זיך מיטן ברעג פונעם ברייט־צעגאָסענעם שמעקנדיקן דאָן.

אויפן ברעג שפּאַצירט אויך דער סאָצדאָרפער דזשיגיט יאָסיף ראַבינאָ־וויטש מיט דוניאַשע קאָזשעמיאַקין. זייערע אַקסלען זיינען ווי צונויפגעגאָסן, און די טריט אויך — לייכט און אייניק.

— איך טראָג מיך אַרום די גאַנצע צייט מיט אַזאַ מין געדאַנק, — זאָגט דוניאַשע, — דו ביסט אַ טראַקטאָריסט, און איך — דאָסגלייכן. מיר וואָלטן געקאָנט מיט דיר...

— אַ פריינטשאַפט פאַרפירן, — לאַכט יאָסיף.

— דו שדכנסט זיך צו מיר? — האָט זי שטיפעריש געלאַכט.

— אוודאי שדכן איך זיך צו דיר. ווי מאַכט מען דאָס ביי איך? מע דאַרף שיקן שדכנים מיט אַ פלעשל בראַנפן?

— רייד נישט קיין נאַרישקייטן. הער, וואו האָסטו זיך אויסגעלערנט אַזוי דזשיגיטעווען?

— אין דער רויטער אַרמיי.

— ביסט אַ בייזער דזשיגיט.

— איך? אַ בייזער — אַ שרעק! דו נעם זיך עס אין זינען אַריין.

— אַ בייזער? וואָס גייט עס מיך אָן? דו ביסט אַ טראַקטאָריסט, און איך בין אַ טראַקטאָריסטקע, און דו ווילסט גיין אין אַ געוועט מיט מיר...

— איז אַ געוועט — אַוודאי! אָט ווי איך קום אַהיים, אַזוי שרייב איך דיר אָן: אַזוי און אַזוי, דוניאַשע, קום צו מיר צוגאַסט, קום, טו אַ קוק, ווי איך אַרבעט, ווי איך לעב...

— מאָדנע, — האָט דוניאַשע פאַרטראַכט געזאָגט, — אַפילו דער פאָטער זאָגט: „עס באַקומט זיך, זאָגט ער, אַז מיר האָבן זיי ניט געקאָנט, מיר האָבן ניט געוואוסט, וואָס פאַראַ מענטשן דאָס זיינען איצט, די יידן. אַנדערע מענטשן זיינען זיי איצט. און איך האָב געמיינט, אַז ווער־ווער, נאָר איך קאָן זיי, די יידן. ערשט, ניין! אַמאָל האָב איך זיי געקאָנט, נאָר איצט זיינען זיי געוואָרן אַנדערע מענטשן". און וועגן דיר האָט ער מיר דערציילט. פונ־וואַנען ווייסט ער וועגן דיר? — האָט זי נאָענט אַ פרעג געטאָן און זיך צוגע־טוליעט צו אים.

— ער האָט זיך ביי מיר נאָכגעפרעגט, האָב איך אים דערציילט.

— נו, איז אָפּגערעדט? — האָט זי געפרעגט, טוליענדיק זיך צו אים, — דו וועסט שרייבן?

ער האָט זי אַרומגענומען. זי האָט זיך ניט געװערט, און פּלוצלונג האָט זי דערפילט, אַז ער איז מיטאַמאָל אַזוי אומעטיק געװאָרן...

— װאָס איז מיט דיר? — האָט ער ביי איר געפרעגט, באַמערקנדיק, װי זי האָט אַ ציטער געטאָן. — עס איז דיר קאַלט?

— יאָ, — האָט זי טרויעריק געשמייכלט, ניט אַפּלאָזנדיק אים.

ער האָט זי אַרומגעכאַפּט און אויפגעהויבן אויף די הענט. זי האָט זיך געװערט און האָט אַרומגעכאַפּט זיין האַלדז און דערפילט זיך אַזוי גוט װי אַ קליין קינד ביים גרויסן און שטאַרקן פאָטער אויף די הענט.

װען זיי זיינען צוריקגעקומען צום קלוב, זיינען שוין אַלע געװען דרויסן. די לאַסט־מאַשין, אַ באַפּוצטע מיט רויטן שטאָף, האָט שוין געװאַרט אויף זיי. עס האָבן זיך געהערט די לעצטע טומלדיקע געזעגעניש־אויסגעשרייען.

— סאָצדאָרף! — האָט זעלדין געשריען אין דער פינצטער. — אַלע זייט איר דאָ? דער דזשיגיט אונדזערער איז געקומען?

— צימלאָ! — האָט איצקאָװיטש פריילעך געהוקעט. — אַלע אייערע זיינען אויפן אָרט? גיט אַכטונג, מיר האָבן קיינעם ביי אייך ניט צוגעגנבעט?

— אָט זיינען זיי! — האָט אַנדריושקע פריילעך אויסגערופן. — אָט זיי־נען די פאַרפאַלענע... דוניאַשע, שטעל זיך אַהער, גיכער, מיר װאַרטן אויף דיר! פאַרצי! האָט ער צו עמעצן אַ קאָמאַנדעװע געטאָן.

עס האָט אַ קלונג געטאָן אַ האַרמאָשקע מיט גלעקלעך, און אַ צענדליק יונגע שטימען האָבן אַ זונג געטאָן אַ הילכיקע און פריילעכע ליד.

דאָס איז געװען אַ ליד, װאָס איינער אַ צימלער קאָלװירטישער פּאָעט האָט אין די לעצטע טעג פאַרפאַסט װעגן די יידן מיט די קאָזאַקן.

די ליד האָט אַלעמען געגרירט — דאָס איז טאַקע געװען אַ שיינע און אַ האַרציקע ליד װעגן דעם נייעם און האַרציקן יום־טוב פון פריינטשאַפט.

# אַ דעמב ביים ווייסל

דער אַלטער איטשע־בער איז געשטאָרבן כמעט ביי די פערד.

פאַר זיין טויט איז גראַד דער וועטער קאַליע געוואָרן. דאָס איז געווען אין דער נאַטור פון דער צייט — האַרבסט, נאָר דער אַלטער האָט זיך געהאַט זיינע סימנים — ער האָט אינעם פוילן רעגנדל דערשמעקט זיין טויט.

זיין טויט איז געווען אַ קורצער.

ער האָט אויסגעשפּאַנט די פערד און אַ געשריי געטאָן צו זיין אַלטער:

— נעכע, קום קאָרשט אַהער, איך האָב קיין צייט ניט...

ער איז אַריין אין שטוב, זיך אַ קראַץ געטאָן, אַ קרעכץ געטאָן, זיך צוגע־לייגט, אַ קוק געטאָן אין דער שויב, — ווי ער וואָלט געוואָלט זיך געזעגענען מיט דער וועלט, — נאָר די שויב איז געווען באַהאַנגען מיטן געדיכטן, פאַמע־לעכן רעגן, דער רעגן איז געווען באַדעקט מיטן בליי־פינצטערן האַרבסטיקן הימל. מער האָט מען דאָרט גאָרנישט געזען.

דער אַלטער האָט זיך דערפילט גאָר שלעכט און מיט אַן אָפּגעשוואַכטער שטים געזאָגט:

— רוף אַריין יידן, נעכע...

אים איז שווער געוואָרן צו רעדן. מיט די לעצטע כוחות האָט ער זיך אַ הייב געטאָן אויפן געלעגער און פּלוצלונג דערזען פאַר זיינע אויגן זיין וועלט, דאָס הייסט זיין שטוב מיט דער קראָם. ער האָט ניט געוואָלט שטאַרבן און אים האָט זיך אויף אַ ווילע אויסגעוויזן, אַז מיט אים גייט אונטער די גאַנצע וועלט. דערנאָך איז ער געקומען צום זינען און גערעדט קלאָרע רייד, כאָטש דאָס ריידן איז אים אָנגעקומען זייער שווער.

— אויף דער לויה זאָלט איר אַרויספירן מיינע פערד... — האָט ער געכריפּעט. — נאַשפּיץ זאָלן זיי גיין... אַלע צען פאַר... באַלעבאָס איבערן פאַרמעגן זאָל ווערן אברהם־מאיר.

און ניט דערדעדט מער האָט ער קיין כוח ניט געהאַט.

צו נאַכט איז געבליבן אַ קלייניקייט: מינוטן. אין די מינוטן איז ער געשטאָרבן.

דער טויט זיינער איז געווען אַ גרינגער און אַ קורצער. די יללות אויף זיין טויט זיינען געווען לאַנגע, שוידערלעכע. די אַלטע האָט זיך געריסן דאָס שייטל פון קאָפּ, די זין האָבן געיאָמערט און געריסן פון זיך די לייבער, דאָס הייסט געשניטן די לאַצן, ווי עס פּאַסט זיך ביי יידן. דער רעגן האָט געשמיסן ביז אויף מאָרגן פאַרנאַכט. ערשט נאָך זיין קבורה האָט זיך דער וועטער אויסגעלייטערט, ווי ער וואָלט זיך באַרואיקט דערפון, וואָס דער אַלטער איטשעבער ליגט שוין אַ צוגעדעקטער מיט ערד.

איטשע־בערס לעבן איז געווען אַ לאַנגס אין יאָרן, — ער האָט אַריינגעלעבט שיעור ניט אין די ניינציקער, — אַ קורצס אין געשעענישן.

ער האָט זיך געהאַט זיין קינדהייט ביי אַ טאַטן אַ ביינער־קלייבער. דער טאַטע זיינער האָט פאַרמאָגט אַן אויסגעדאַרטע קליאַטשע, וואָס האָט געשלעפּט דעם וואָגן מיט די ביינער און שמאַטעס. איטשע־בער האָט אים פון קינדוויז אָן געהאָלפן. ווען ער איז אונטערגעוואַקסן, האָט זיך אים פאַרוואָלט האָבן אַן אייגענע פּאָר פערד. ער איז געווען אַ וואוקסיקער און אַ געזונטער. צו אַכצן יאָר האָט ער באַמערקט, ווי נעכע דעם שוסטערס שאַרט זיך צו אים. נעכע איז געווען אַ שוואַרצחנעוודיק מיידל, און ער האָט זיך אויסגעמאָלט, אַז זי דאַרף זיין אַ גוט ווייב. ער האָט נאָר ניט געוואוסט, ווי זאָל ער עס צונויפּפאָרן מיט זיין פאַרלאַנג צו האָבן אַ גוטע פּאָר פערד. ער האָט אויף זיין לעבן זייער ווייניק געטראַכט, נאָר ווען ער פלעגט זיך אַ נעם טאָן צו דער דאָזיקער מלאכה, איז עס ביי אים געגאַנגען פלינק און שטענדיק האָט ער צוגעטראַכט עפּעס גוטס פאַר זיך.

— וועט איר טאַטע קויפן אַ גוטע פּאָר פערד, האָב איך מיט איר חתונה, — האָט ער באַשלאָסן און מער וועגן דעם ניט געטראַכט.

נאָר נעכע האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר מער מענטש, ווי ער האָט וועגן איר געטראַכט. זי האָט געטענהט, אַז ער פאַרשאַכערט זיך. זי שטעלט אַ גרעסערן פּרייז: אַחוץ פערד — אַ פולן אויסשטייער, ווי עס פּאַסט פאַר אַ לייטישער טאָכטער, מיט אַ זילבערנעם זייגער דעם חתן. די פערד האָט מען געקויפט צו די תנאים. דעם זילבערנעם זייגער — צו דער חתונה. די פערד האָבן זיך פאַר זיין לעבן געביטן אַ מאָל צען. דער זייגער איז געבליבן, ווי אינעם חתונה־טאָג, — אַ גאַנצער און אַ נייער אינעם זאַמשן־בייטעלע.

איטשע־בער האָט מיט נעכען געהאַט זיבן זין. ווען זיי זיינען אונטערגעוואַקסן, האָט ער זיי פון די פערד צעטריבן אין די שטעט אַריין. די זין זיינען אין די שטעט געוואָרן שמידן, שלאָסערס, שוסטער, לידיק־גייער, קליינהענדלער. איינעם האָט אָפּגעגליקט: ער האָט געקראָגן חן אין דער באַלעבאַסטעס

טאַכטערס אויגן און ער איז געוואָרן אַ מענטש מיט אַן אינטעליגענטנעם טאַ־לאַנט אין די הענט — אַ קאָמאַשן־שטעפּער.

דעם ייִנגסטן זון, אברהם־מאירן, האָט ער געלאָזן אין שטוב. ווען אברהם־מאיר איז אַלט געוואָרן זעכצן יאָר, האָט זיך אָכצן וויאָרסט פון שטעטל פאַר־ענדיקט בויען די באַן.— איטשע־בער האָט געקויפט פּאָר אברהם־מאירן נאָך אַ פּאָר פערד. איטשע־בער האָט געמיינט, אַז אברהם־מאיר וועט זיין דער אָנ־טרייבער — אינצווייען וועלן זיי פאָרן צו דער באַן און פירן סחורה, פּאַסאַ־זשירן. נאָר אברהם־מאיר האָט זיך דערפון אויסגעלאַכט. ער האָט געדונגען אַ שמייסער צו די פערד און אַליין האָט ער זיך גענומען פירן דאָס געשעפט: פּאַקן די קאַסטנס סחורה אין די וועגענער.

איטשע־בער האָט אברהם־מייערן ניט אומזיסט געלאָזט לעבן זיך. דער יונג האָט געהאַט אַ גרויסן טאַלאַנט: ער האָט געקאָנט אַנידערלייגן אַן אי־בעריק קעסטל טיי אויפן וואָגן, אַן איבעריקן פּאַק שניט־סחורה. דאָס הייסט, ער האָט פּשוט געקאָנט גוט צושלעפּן. די קראָם האָט אויף די סחורות גע־וואַרט. אויף די אומזיסטע — אודאי. ביי איטשע־בערן אין קראָם האָט מען געלייזט ביליקער איידער אין דער גאַנצער שטאָט. ער האָט גיך איינגערעדט די קונים, אַז ביליקער קאָסט דערפאַר, וואָס ער צאָלט זיך ניט קיין פור־געלט. מחמת זיין וועג איז „פאַרדינען וואָס ווייניקער, אַבי לייזן וואָס מער. איז דעם אָרעמאַן גרינגער און מיר בעסער. מיר טיילן זיך מיטן ביסן, האָבן מיר אַלע צו ביסלעך...״ מע האָט געגלייבט און געקויפט, בפרט, אַז עס איז ביי אים טאַקע געווען ביליקער. אמת, מע האָט ניט שטאַרק געגלייבט אינעם שטענדיקן זול — אַלע קרעמער לייזן פון אָנהייב ביליק — אָבער אין די ערשטע יאָרן איז דער האַנדל געגאַנגען רעש און אברהם־מאיר איז געוואַקסן שנעל.

איטשע־בער איז געווען אויסער זיך. ער האָט באַשיימפּערלעך געזען, אַז ער האָט אַ לעבן אָפּגעלעבט ווי אַ נאַר, ווי אַ טעם, ווי אַן אָקס. און לעבן האָט מען געדאַרפט ווי דער יונג. ניט אָנטרייבן די פערד מיט אַ בייטש, נאָר אַ יאָג טאָן דעם מענטשן, דאָס גיט אַ גרעסערן ריוח... נאָר ער האָט זיך גע־טרייסט מיט אברהם־מאירן. סוף־כל־סוף איז אברהם־מאיר מיט זיין גאַנצן פאַרמעגן — זיינער, זיין בלוט און פליייש, ער האָט אים אויסגעהאָדעוועט, און דאָס איז אַלצאיינס, ווי ער אַליין וואָלט אויף דער עלטער שכל באַקומען.

אויף דער לויה האָט מען די פערד ניט אַרויסגעפירט.

— איך בין באַלעבאָס, — האָט אברהם־מאיר געזאָגט. — מע דאַרף ניט קיין צערעמאָניעס. ס׳וועט אים די ערד אַזוי אויך גרינג זיין...

ער האָט שוין מער קיין קעסטלעך ניט געשלעפּט. וויפל קאָן אַ מענטש

אָנשלעפּן מיט די אייגענע הענט! ער האָט עס געמאַכט אויף אַנדערע אופנים: ער האָט אָנגעזעצט, געליגן געלט אויף הויכע פּראָצענטן זיינע קאָנקורענטן און דערנאָך געלאָזט זיי צום גרונט, צוגערעדט אַנדערע צו שלעפּן און ברענגען עס אים פאַרקויפן, — ער האָט געטאָן פּשוטע זאַכן, פון וואָס מע באַקומט אַ סך געלט מיטאַמאָל. קיין סך קינדער האָט ער ניט געוואָלט האָבן. „דאַרף עך האָבן אַכט זין און זיבן זייערע צעטרייבן איבער דער וועלט, אַמער וועל עך בעסער האָבן איינעם און מאַכן אים פאַר אַ...‟ — האָט ער איינמאָל באַשלאָסן און אַזוי אויסגעפירט.

צום 1900 יאָר איז זיין זון יוסף אַלט געווען צען יאָר. אין באַנק האָט אברהם־מאיר דעמאָלט פאַרמאָגט צען טויזנט רובל. ער האָט פאַרקויפט די צען פאָר פערד און איז אַוועק קיין וואַרשע. ער האָט זיך געקויפט דאָרט ניט וויט פון דער ווייסל אַ שטוב מיט אַ סאָד. דאָס יינגל זיינס האָט ער אַוועקגעגעבן אין דער גימנאַזיע.

אין 1904 יאָר האָט זיך אברהם־מאיר אַריינגעדרייט אין אַ מלחמה־פּאָד־ריאַד. ער האָט זיך אויסגעקליגט צו פאַרשלאָגן די ביליקסטע פּרייזן, געבן די העכסטע כאַבאַרן און ליפערן די סחורה צום טערמין. זיין אויסזען — אַ הוי־כער, מיט גרויסער בראָנדזענער באָרד, מיט אַ פּאָר פריילעכע און כיטרע אויגן, און פאות, אָבער שטענדיק אין אַ קאַפּאָטע, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ מין וויזיט־ראָק, האָט שטאַרק אימפּאָנירט. מע האָט אים געהאַלטן פאַר אַ וואָרטסמאַן און גערן מיט אים געהאַנדלט. „דאָס איז אַן איראָפּייער מיט אַ יידישן קאָפּ‟, איז געווען דער נאָמען, וואָס איז אים פאַראויסגעגאַנגען און נאָכגעגאַנגען אין אַלע זיינע געשעפטן.

אין 1908 יאָר האָט זיין זון געענדיקט מיט אַ גאָלדענעם מעדאַל די גימ־נאַזיע און איז אָנגעקומען אין אוניווערסיטעט אויפן יורידישן פאַקולטעט. אברהם־מאיר האָט צו דער צייט פאַרמאָגט הונדערט טויזנט רובל אין באַנק און אַ האַנדל־שטוב אויף דער קרולעווסקע־גאַס.

ביים אָנקומען אין אוניווערסיטעט האָט דער יונגער מעדאַליסט אַרויס־געפירט זיך און זיינע עלטערן פון דער מלאָווער פּלעבייאישקייט: ער האָט אָפּגעגאָלט דעם טאַטנס באָרד, אָנגעטאָן אים אין אַ „דייטשישן‟ ראָק, אויסגעפוצט די מאַמע אין אַ לאַנג קלייד מיט נאַקעטע אַקסל. ער האָט אויך אויסגע־פּראַוועט נייע פּעסער מיט אַ נייער פאַמיליע און נעמען: דער טאַטע האָט פון היינט אָן געהייסן מאַרק, די מאַמע — זאָשע, ער אַליין — יוזעק און זייער אַלעמענס פאַמיליע — לאַגול־מלאַווסקי.

נאָכן פאַמיליען־באַל האָט דער אַלטער אברהם־מאיר פאַרן שלאָפן גיין דערפילט, אַז איין קאַפּיטל אין זיין לעבן האָט זיך פאַרענדיקט, אַ צווייטס הייבט

זיך אָן און עפּעס דאַרף ער זאָגן זיין זון, דעם יונגן סטודענט. ער האָט אויף אים אַ קוק געטאָן און געוואָלט זאָגן דאָס סאַמע שטאַרקע וואָרט, וואָס דאַרף ווייזן זיין זון דעם ריכטיקן וועג אין לעבן. ער האָט ניט לאַנג געטראַכט און געזאָגט צו אים אויף ניט קיין שלעכטן פּויליש:

— דריי דורות האָבן אויף דיר, יוזעק, געאַרבעט, דו זאָלסט קאָנען זיין דער סטודענט מיטן גאָלדענעם מעדאַל... נעם זיך דעם ריכטיקן וועג אין לעבן...

און ער איז אַוועק צו זיין פֿאַנע זאָשע אין שלאָפֿצימער, ווי אַ יונגער חתן צו אַ כלה, — אָן אָפּגעגאָלטער און אייראָפּייאיש אויסגעקליידטער.

דרויסן, אין דער ברייטער וועלט, אין דער אָרעמער וועלט, האָט זיך איטשע־בערס שבט צעשאָטן איבער די פּוילישע שטעט און שטעטלעך, איבער די וואַרשעס, לאָדזשס, שיעדלעצעס, ביאַלעס, באַראַנאָוויטשעס, שטויפּצס. דאָס זיינען געווען פּראָסטע און שטאַנדהאַפטיקע מענטשן. זיי האָבן געהאַט ווייניק שיין, ווייניק לופט, ווייניק ברויט, גאָר ווייניק פּוטער און אַפילו קנאַפּ הערינג און קאַרטאָפל. אָבער זיי האָבן געלעבט און זיך געפּרוכפּערט. זיי האָבן אין די חתונה־טעג געהאַט די איינציקע אין לעבן זיסע הנאָה פון אָפּעסן צו זאַט אַ געשמאַקע וועטשערע און אויסשלאָפֿן זיך אין בעט מיט געניקלטע קעפּ, אויף אַ ריינעם ליילעך, דערנאָך איז אַוועק אַ לאַנג ביטער לעבן אין שמוץ, אין דחקות, פול מיט רויך און מיסט, פול מיט ענגשאַפט און שמוץ פון קליינע קינדערלעך אין אָפּגעריסענע פאַרברודיקטע העמדלעך.

דאָס איז געווען דאָס פּראָסטע פֿאָלק פון איטשע־בערס שבט.

דאָס זיינען געווען די איטשע־מאיר, איטשע־בערס, חיימס, אבֿרהמס, חנה־לעך, שרהלעך, ביילהלעך. די טאַטעס זיינען געווען שלאָסערס, שמידן, שוס־טערס, קאַמאַשן־מאַכער, שניידערס, ראַזירער און פריזירער. — אַלע אָרעמע קאַליקעס „פּושערס" — ניט געווען קיין צייט זיך אויסלערנען די מלאכה, ווי עס באַדאַרף צו זיין, — די „סמאַרקלעך" האָבן געוואָלט עסן: אייניקע, די סאַמע נידערשלאַגענע, האָבן זיך אַפילו צוריקגעקערט צו דער אורשפּרינג־לעכער פּראָפעסיע פון דעם אַלטן איטשע־בערס טאַטן: געקליבן ביינער און שמאַטעס.

דאָס לעבן איז געגאַנגען פאַרויס, און די נידערשלאַגענע זיינען אָפּגע־שטופּט געוואָרן אויף הינטער, — קיין פערד האָבן זיי שוין ניט פאַרמאָגט ווי איטשע־בערס טאַטע, — זיי האָבן אויף די אייגענע פיס זיך אַרומגעשלעפּט אי־בער די וואַרשעווער, לאָדזשער הויפן, פאַריסן די קעפּ, פול־באַוואַקסענע מיט פּאות און בערד, און אַרויפגעשריען צו די אויבערשטע שטאָקן מיט אַ ווייטעק־דיקן פאַרבענקטן געזאַנג, וועלכן זיי האָבן אַליין ניט באַמערקט:

— קאַשטשי קופּויע, גאַלגאַני קופּויע, קאַאַשטשי!...

דאָס איז געווען דאָס פּראָסטע פאָלק פון איטשע־מאיר שבט — זיי האָבן זיך פאַרהיט זייער אַלטן פאַמיליען־נאָמען: בעל־עגלה.

פאַרטריבענע פון איטשע־בערס פערד, האָבן זיי קיין שום שייכות ניט געהאַט מיטן ניי־געגרינדעטן לאַגול־מלאַווסקי־שטאַם. די שמאַטעס־קלייבער האָבן אַפילו קיין צוטריט אַהין ניט געהאַט: אויף מאַרק לאַגול־מלאַווסקיס טויער אויף די יערוזאַלעמער אַלייען איז געהאַנגען אַ בלעכן שילדל:

„שמאַטע־קלייבער און הינט ווערן אין הויף ניט אַריינגעלאָזט”.

לאַגו־מלאַווסקיס האַנדל־הויז אויף דער קרולעווסקי־גאַס האָט געבליט. דער מאַרשאַלקאָווסקי־גאַס האָט אַ ניי מיט גאָלד אויסגעפּאַרבט שילדל גערופן:

„באַנק־קאַנטאָר לאַגול־מלאַווסקי און זון”.

אויף די יערוזאַלעמער אַלייען, אין ציכטיקן סאָד, האָט אין יאָר 1900 די אַלטע לאַגול־מלאָווטשעכע פאַרפלאַנצט אַ דעמבל — אַ זכר צו זייער שטאַם, וואָס איז אויפגעריכט געוואָרן: אין שטוב, אין דער גרויסער סאַליע, אין אַ פּעסל — אַ ציטראָן־ביימל לכבוד זייער זון, דעם שיינעם און לייטישן יוזעקן, וועלכער דאַרף זיין, לויט אַלע סימנים, אַ געניאַל קינד.

און די צווייגן פונעם לאַגול מלאַווסקי־שטאַם האָט זיך צעוואַקסן און צע־שפּרייט: דער פּאַטריאַרך — אברהם־מאיר ־מאַרק — האָט די מערסטע צייט פאַרבראַכט אויף דער בירזשע און אין קאַפע, די מוטער און באַלעבאָסטע — פאַני זאַשאַ — האָט געפירט די שטוב, זון — יוזעק — האָט שטודירט יוריס־פּרודענץ און ניט אָפּגענאַרט די האָפענונגען פון פאָטער־מוטער און פון די אַרומיקע גוטע פריינט: ער האָט ווירקלעך געהאַט היפּשע פיאיקייט, און, חוץ דעם, איצט, ווען ער איז שוין געווען דערוואַקסן, האָט ער אומבאַאַמערקט די שטוב אָויפגעשטעלט אַנדערש — מאָדערנער — לויט זיין געשמאַק און פאַרשטאַנד.

ער האָט זיך געלערנט גוט און אין יאָר 1913 פאַרענדיקט דעם אוני־ווערסיטעט.

דער אַלטער לאַגול־מלאַווסקי האָט איינגעאָרדנט אַ באַל אין זיין פּאַלאַצל אין די יערוזאַלעמער אַלייען.

אַ שעה פאַרן באַל איז ער אַריינגעלאָפן מיט אַ ריזיקן בוקעט בלומען אין דער האַנט צו זיין זאַשען. זי איז געווען האַלב־נאַקעט און זייער אויפגעבראַכט.

— מיין ליבער גאָט, — האָט זי געקוועטשט מיט די אַקסלען, צונעמענדיק די בלומען פון זיינע הענט, — דאָס האָסטו געקאָנט טאָן שפּעטער, איך בין אין אַזאַ אויסזען...

— יעך וויל הנאָה האָבן פון דער וועלט, זאַשוניו, — האָט מאַרק געטומלט,

— וואָס איז מיר דיין אויסזען! יעך האָב געוואונען דעם פּראָצעס ביי די גינז־בורגס! געניאַל! זאָלן די לילפּאַפּס מיט די האַנטקעס מאַכן זייערע זין פּאַר אינזשעניערן. יעך באַדאַרף אַן אַדוואָקאַט, יעך האָב עס! געניאַל!

אין אָוונט, אויפן באַל, איז אים באַפאַלן די ערשטע אַטאַקע. ער איז געווען שיכור, אָנגעגאָסן און צעפלאַמט.

און ווען זיין בוכהאַלטער, פּאַן טירסאַ, האָט מיט פאַרגלאָצטע, שיכורע אייגלעך זיך צעזונגען אויף זיין קוויטשיק קעלכל: „יעשטשע פּאָלסקאַ ניע זגינעלאַ, פּוקי מי זשיעמי״, — האָט ער, אברהם־מאיר־מאַרק, דער ערשטער הייזעריק עס אונטערגעהאַלטן און אינמיטן געזאַנג אָוועקגעפאַלן.

די דאָקטוירים האָבן פעסטגעשטעלט גרינטלעכע אָרגאַנישע ענדערונ־גען אין זיין האַרץ. די גאַנצע שטוב האָט זיך אַ וואַקל געטאָן. ער איז צו יענער צייט אַלט געווען 48 יאָר, און שוין האָט דער טויט אַ פּאַכע געטאָן איבער זיין קאָפּ. צו פרי! ער האָט ניט געוואָלט שטאַרבן, ווען דאָס לעבן, לויט אים, הייבט זיך ערשט אָן, און ער איז אָוועקגעלאָפן קיין אויסלאַנד זיך קורירן.

אין יאָר 1914, אין יולי, האָט ער די קוראַציע איבערגעריסן, איז געקו־מען צו פליען קיין וואַרשע, פאַרשלאָסן זיך אויף פינף מינוט מיט יוזעקן אין קאַבינעט.

— דו וועסט אויף דער מלחמה ניט גיין, — האָט ער צו אים געזאָגט.
— ווי דאָס געשעפט וועט פאַדערן, פאָטער.
— דאָס געשעפט פאָדערט, דו זאָלסט אָפּפאָרן אין דער שווייץ איבער־וואַרטן דעם געפילדער, וואָס זיי האָבן דאָ אויפגעהויבן.

יוזעק איז אָוועקגעפאָרן.

אין פופצנטן יאָר איז געפאַלן וואַרשע.

אין דער שווייץ האָט יוזעק זיך פאַרבונדן מיט דער פוילישער קאָלאָניע. ער האָט שטודירט פעלקער־רעכט און זיך געלערנט שיסן.

אין אָנהייב זעכצנטן יאָר איז מאַרק פון האַרצשלאָג געשטאָרבן.

ווען יוזעק איז געקומען קיין וואַרשע, האָט אים די מוטער באַגעגנט מיט דער צוואה אין די הענט.

די צוואה האָט זיך אָנגעהויבן אַזוי:

„דריי דורות האָבן אויף דיר געאַרבעט״...

דערנאָך זיינען געגאַנגען קורצע פאַראָרדענונגען וועגן די געשעפטן, וועגן פאַרטיילן דאָס פאַרמעגן, וועגן דער מוטער. צום סוף איז געווען אַ פּאָר ווערטער וועגן פוילן.

„דיין פאָטערלאַנד איז פוילן. אויב דאָס פאָטערלאַנד וועט דאָס האָבן

ניטיק, זאָלסטו נעמען די ביקס און פאַרטרייבן פונדאַנען די מאָסקאָליס מיט די דייטשן״.

צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן האָט יוזעק אַ טראַכט געטאָן וועגן זיין געשטאָרבענעם פאָטער ווי וועגן אַ מענטשן מיט אַ פּאָליטישן פאַרשטאַנד.

די צואה האָט פאַרפּליכטעט צו טראָגן די פאָן פון די לאַגול־מלאַווסקיס הויך און שטאָלץ.

יוזעף האָט ווידער געפירט די געשעפטן, ניט פאַרוואָרפן זיין שטודיום אין געביט פון פעלקער־רעכט. ער האָט געהאַט וויכטיקע פּערספּעקטיוון איןביידע געביטן.

אין די וויטערדיקע יאָרן איז ער שנעל און פעסט געטראָטן איבערן אָנגעצייכנטן וועג. ער האָט געפירט זיינע געשעפטן און געשריבן זיין ווערק „וועגן די רעכט פון די נייע מלוכות, וואָס זיינען אַנטשטאַנען נאָך דער מלחמה״. ער האָט אין אָט דעם ווערק זיך באַמיט צו דערווייזן די הערשאַפט־רעכט פון די פאַרמעגלעכע קלאַסן, פון די גרויס־אייגנטימער, ביז די נייע מלוכה־אויסבילדונג וועט זיך פאַרפעסטיקן אַזוי, אַז דאָס פאָלק וועט זיך דערפילן פריי פון די רעשטלעך קנעכטשאַפט, וואָס איז אין זיין בלוט. דאָס דאַרף דויערן אַ פּאָר דורות.

ער האָט אונטעריכט אין אוניווערסיטעט „מלוכה־רעכט״ און איז אַלץ אָפטער אָפּגעזעסן לאַנגע שעהן ביי זיין שרייב־טיש.

זיינע פאַרצווייגטע פינאַנציעלע געשעפטן זיינען צו דעם מאָמענט שוין געווען אין יענעם צושטאַנד, ווען זיי גיבן די געהעריקע פּראָפיטן „אַליין פון זיך״, אויב נאָר דער אייגנטימער זייערער יאָגט זיך ניט נאָך קיין אויבער־ריווחים און פאַרנעמט זיך ניט מיט קיין ריזיקאַלישע ספּעקולאַציעס.

ער איז געווען אויפריכטיק, אַז די באַנקסקאַנטאָר — דאָס איז ניט מער ווי אַ גוטער אָנצוג. דאָס דעקט צו די מענטשלעכע נאַקעטקייט, אָבער ניט דערין ליגט דער אינהאַלט פונעם מענטשלעכן וועזן.

„דער אינהאַלט פון מיין וועזן, — האָט ער אַלץ אָפטער מיט פרייד גע־טראַכט, — ליגט אין מיין אַרבעט אין אוניווערסיטעט, אין מיינע ווערק״.

„דיין פאָטערלאַנד איז פּוילן״, האָט ער שטענדיק געדענקט די ווערטער פון זיין פאָטערס צואה. און ער האָט אין געדאַנק יעדעס מאָל צוגעגעבן:

„און כאָטש דו שטאַמסט פון יידן, און אפשר טאַקע דערפאַר, ווייל דו שטאַמסט פון יידן, ליגט אויף דיר די גרויסע פליכט צו מיטבויען דאָס נייע פּוילן, ניט אַזוי מיט דיינע קליינע פינאַנסן, ווי מיט דיין גרויסן וויסן, מיט דיינע געדאַנקען וועגן די רעכט פון אַזאַ מין ווידעראויפגעבויטע מלוכה, אַז זי זאָל מער קיינמאָל ניט צעשטערט ווערן״.

ער האָט ניט פאַרוואָרפן די געשעפטן, ער האָט זיך צוגעזוכט אַ געטרייען, איבערגעגעבענעם מענטשן און געשטעלט אים אַלס דירעקטאָר פון זיין באַנק־קאַנטאָר.

ער האָט זיך נאָך מער פאַרטיפט אין דער אַרבעט איבער זיינע ווערק אויך דערפאַר, ווייל זיין פאַמיליע־לעבן, האָט ער באַמערקט, האָט זיך אים ניט איינגאַנצן איינגעגעבן: די יונגע סטודענטקע וואַנדע, וואָס האָט אים די ערשטע, נאָך איינער אַ לעקציע זיינער, פאַרהאַלטן אין דער אַאודיטאָריע, איז אַרויס מיט אים אויף דער גאַס, שפּאַצירט אונטערן פינקלדיקן אין דער עלעקטרישער שיין שניי, געזאָגט אים אַזוי קורץ: „זאָל דער פּאַן יוזעף אַ קוק טאָן אין מיינע אויגן און זאָגן מיר: וואָס זעט ער דאָרט?". זי איז געווען אַ הייסע געליבטע און איז זייער גיך געוואָרן אַ קאַלטע פרוי. זי האָט זיין פּאַטערס שטוב אַ רוק געטאָן נאָך ווייטער פון מלאָווע, נאָך נעענטער צום עכט־פּוילישן לעבן. אָבער די מענטשן, וואָס זי האָט שטענדיק מיט זיך געבראַכט צו אים אין שטוב, — זיי האָבן ליב געהאַט געניסן פונעם לעבן גופא, און עס האָט זיי אין קיין פרט ניט אינטערעסירש די מלוכה־פּראָבלעם, כאָטש זיי האָבן שטענדיק זיך געהיצט און געשריען, אַז זיי זיינען גרייט צו גיין גלייך זיך שלאָגן מיט דער שווערד אין דער האַנט פאַר דער זעלבשטענדיקייט פון דער זשעטשע־פּאָספּאָליטאַ. זי איז גיך געוואָרן אַ קאַלטע און אַן אָפּגעפרעמדטע פרוי, די ליבע וואַנדע, כאָטש זי האָט אים געהאַט אַ שיין קינד, אַ יינגל, אין וועלכן אַלע אַרומיקע האָבן דערקאַנט אים, דעם פּאַן יוזעף, און ער, יוזעף לאַגול־מלאַווסקי, האָט אין אים דערקאַנט זיין פּאַטער.

ער האָט זיך מיט קינד געפרייט, ווי ער האָט זיך געפרייט מיט זיין איידייע וועגן „מלוכה־רעכט", ווי ער האָט זיך געפרייט מיטן דירעקטאָר פון זיין באַנק־קאָנטאָר, וועלכער האָט זיך אין דער אַרבעט אַרויסגעוויזן נאָך מער פייאיק, איבערגעגעבן און אַרנטלעך, ווי ער האָט זיך עס פאַרגעשטעלט פריער.

און געוויס איז ער אויך דערפרייט געוואָרן, ווען זיין אַרבעט איז הויך אָפּגעשאַצט געוואָרן און ער האָט באַקומען פאַר אים דעם טיטל פּראָפעסאָר.

און ניט ווייניקער איז ער דערפרייט געוואָרן אין יאָרן אַרום, ווען זיין זון איז אונטערגעוואַקסן און אַרויסגעוויזן גרויסע פייאיקטן צו די לימודים אין דער אַריסטאָקראַטישער שול, וואו ער האָט זיך געלערנט.

און נאָך אַ גרויסע פרייד האָט דער פּראָפעסאָר דערפילט, ווען אין איינעם אַ סוף־ווינטערדיקן אָוונט, ווען עס איז געפאַלן אַ שניי, וואָס איז מיט עפּעס ענלעך געווען צו יענעם שניי, וואָס איז געפאַלן מיט פופצן יאָר צוריק, ווען די ליבע וואַנדע איז צום ערשטן מאָל אַרויס מיט אים שפּאַצירן, ווען אין אַזאַ מין אָוונט איז צוגעגאַנגען צו אים זיין דרייצניאָריקער זון און געזאָגט:

— איך וועל בעטן ביים פאָטער אַנטשולדיקונג, אויב מיין פראַגע איז ניט קיין אָנשטענדיקע. איך וויל זייער וויסן: צי איז גענוג פאַרן מענטשן צו זיין בלויז אַ מענטש, אָדער ער דאַרף נאָך דערצו זיין אַ פויל, אַ ייד, אַ דייטש, אַ האָטענטאָט?

— צו וואָס באַדאַרף עס מיין געליבטער זון וויסן? — האָט ער ביי אים געפרעגט, האַלטנדיק די האַנט אויף זיין קינדס פּלייצע.

— איך האָב וועגן דעם אַ דיספּוט מיט אייניקע מיינע חברים, — האָט דאָס ייִנגל זייער געאײַלט געענטפערט און איז רויט געוואָרן.

נאָר דער פאָטער האָט די רויטפאַרב אויף זיין קינדס באַקן אָנגענומען פאַר ריינער פאַרשעמטקייט, און אויף צו דערמונטערן אים האָט ער גע־פרעגט:

— און ווי איז די מיינונג פון סטאַניסלאַוו לאַגול־מלאַווסקי?

— איך וויל זייער וויסן דעם פאָטערס מיינונג, — האָט דאָס ייִנגל פאַר־עקשנט געענטפערט.

— דיין פאָטערס מיינונג איז, אַז דאָס איז זייער אַ גרויסע פּראָבלעם און עס איז צו פרי פאַר דיר צו פאַרנעמען זיך דערמיט.

—אָבער איך מוז עס וויסן, פאָטער! — איז דאָס ייִנגל באַשטאַנען אויף זיינס, — איך מוז!

— אַ־אַ! — האָט דער פאָטער געלאַכט, — אויב מיין ליבער מוז עס וויסן, וועל איך אָנשרייבן אַ ווערק וועגן דעם.

זיין ייִנגל איז אַ פאַרלאָרענער אַוועק פון אים און זיך געזעצט אויף זיין באַליבט אָרט — אין אַ ווינקל דיוואַן ביי זיין פאָטער אין קאַבינעט. און דער פאָטער איז געזעסן אַ היפּשע ווײַלע מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן און געטראַכט און שטום פאַר זיך געשעפּטשעט: „דער מענטש און זיינע רעכט". „וואָס זשע איז דער מענטש און וואָס זיינען זיינע רעכט?"

ער האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין אָרט, איז אַוועק צו די ביכער־שאַפעס און געצויגן פון דאָרטן בוך נאָך בוך, וואו מע האָט נאָר געקאָנט עפּעס גע־פינען וועגן מענטשן און זיינע רעכט.

דער פּראָפעסאָר פאַן יוזעף לאַגול־מלאַווסקי האָט ניט געוואוסט, אַז זיין קינד האָט אים געשטעלט די פראַגע דערפאַר, ווייל נאָך מיט אַ יאָר צוריק האָט מען אים אין דער אַריסטאָקראַטישער שול שטאַרק צעשלאָגן. מע האָט אים געשלאָגן, ווייל דאָס ייִנגל האָט ניט געוואוסט צו ענטפערן אויף דער פראַגע, ווער ער איז. אַז ער איז ניט קיין ייד, דאָס האָט דאָס ייִנגל אַליין געוואוסט — די מוטער איז אַ פּוילישע, און דער פאָטער האָט נאָך קיין איין מאָל ניט באַזוכט די סינאַגאָגע. אַז ער איז אַ פּאָליאַק — דאָס האָבן די חברים ניט גע־

וואָלט אָנערקענען, — דער פאָטער איז אַ ייד, און די מוטער און אויך אים אַליין, סטאַשעקן, האָבן זיי נאָך קיין איין מאָל ניט געזען אין קאָסטשיאָל. „טאָ ווער ביסטו״— האָבן די קינדער ביי אים געמאָנט. — „אַ מענטש !״ — האָט זיך ביי סטאַשעקן אַרויסגעריסן אַן ענטפער מיט טרערן. נאָר די ייִנגלעך האָבן געלאַכט : „אַ מענטש ! געזען דעם מענטשן !״ „און איר זייט כאַמעס !״ — האָט דאָס ייִנגל מיט נאָך מער כעס און ווייטיק אויסגעשריען. — „כאַמעס זייט איר און... לאָזט מיך צורו !״ דעמאָלט זיינען די ייִנגלעך אים באַפאַלן און צעשלאָגן. אַ יאָר צייט האָט זיך אַזוי געצויגן דער „דיספוט״ צווישן די קינ־דער, מע האָט אים אַלעמאָל אָפּגעשטעלט, געפרעגט, צי ווייסט ער שוין, ווער ער איז. ער האָט ניט אויסגעהאַלטן, איז געקומען צום פאָטער און געפרעגט, צי איז גענוג צו זיין אַ מענטש, אין דער האָפענונג, אַז דער פאָטער וועט דאָס אים באַשיידן. נאָר דער פּראָפעסאָר האָט אויף זיין קינדס פראַגע ניט געענט־פערט, און דאָס ייִנגל האָט געזען, ווי דער פאָטער האָט געצויגן ביכער פון דער שאַפע און מיט אַ פאַרטראַכטן שמייכל אויפן ליבן פּנים געלייגט זיי אויפן טיש.

אויף מאָרגן האָט פּראָפעסאָר לאַגול־מלאַווסקי געהייסן אויפהענגען אַ ניי שילדל ביים אַריינגאַנג פון זיין הויז : „קאָנסולטאַציע וועגן רעכטלעכע פראַגן ווערט געגעבן אָרעמע מענטשן יעדן ערשטן און פופצנטן פון 4 ביז 10 אָונט אומזיסט״.

און ער האָט זיך פאַרפירט אַ קאַטאַלאָג, וואו ער האָט גענוי פאַרשריבן דעם כאַראַקטער און דעם אינהאַלט פון די אַלע אומרעכטן, וואָס עס ווערט אָפּגעטאָן קעגן מענטשן.

אַ יאָר צייט האָט ער אַזוי אָפּגעאַרבעט זייער פּרוכטבאַר. ער האָט שוין געהאַט אָנגעקליבן קאַרגע טויזנט קאַרטלעך, פול באַשריבענע מיט אומרעכט, שווינדל, פּיין און לייד, וואָס דאָס לעבן האָט פאַרשאַפט די אָרעמע מענטשן. ער האָט זיך געפרייט דערמיט, ווייל ער האָט געקוקט דערויף ווי אויף זייער אַ גרויס ווויסנשאַפטלעך פאַרמעגן. ער האָט אויפן קאַטאַלאָג אָנגעקלעפּט אַ קורץ צעטעלע פון דריי ווערטער : „דאָס לעבן דערציילט״. אָבער אין דער־לעצטער מינוט, ווען ער האָט שוין געוואָלט זיך זעצן צום טיש אַרבעטן אי־בער זיין ניי ווערק „דער מענטש און זיינע רעכט״, איז פאַרלאָפן אַ געשעע־ניש, וואָס האָט אויף שטענדיק איבערגעריסן אָט די אַרבעט זיינע.

דאָס איז געווען אַזוי :

דער אַלטער סטאַך, דער אָבער־סטרוזש פון זיין הויף, איז אַריינגעלאָפן צו אים אין קאַבינעט אַ שטאַרק צעטרודערטער און זיך באַקלאָגט אויף זיין

געהילף וואיטעק, וואָס איז שוין גאַנצע דריי טעג, ווי ער שרעקט אים מיט עפּעס אַ ניט־גוטן אין געשטאַלט פון אַ יידן מיט אַ לאַנגער געלער באָרד.

דער פּראָפעסאָר האָט אַריינגעלאָזט זיין סטרוזש טיפער צו זיך אין קאַבינעט און ווייך געפרעגט, וואָס פאַר אַן אומגליק עס האָט פּאַסירט ביי סטאַכן, מחמת ער זעט אויס אין זיינע אויגן שיכור. סטאַך האָט זיך געצלמט און גערופן די הייליקע מאַריע צו זאָגן עדות, אַז ער ווייסט ניט מער דעם טעם פון שאַרפע געטראַנקען, אַז אַ דונער מעג אים טרעפן גלייך אויפן אָרט, אויב ער זאָגט איין וואָרט ליגן. אָט שוין דריי טעג דורכאַנאַנד, ווי אַלע אָוונט, פּונקט אַ פערטל אויף עלף. ברענגט וואָיטעק אַ געשפּענסט אין געשטאַלט פון אַן אַלטן יידן מיט אַ לאַנגער געלער באָרד, און ווי נאָר סטאַך וויל צוגיין צו אים און פרעגן, וואָס דער געקומענער וויל, אַזוי לאַכט פון אים וואיטעק און רייצט אָן די הינט אויפן מענטשן.

— היינט איז ער געוועזן? — האָט דער פּראָפעסאָר געפרעגט מיט אַ שמייכל.

— אָט באַלד דאַרף ער קומען, — האָט סטאַך מיט שרעק געענטפערט. — איך מוז דערציילן דעם פּאַן פּראָפעסאָר דעם גאַנצן אמת: דער געשפּענסט צי דער אָרעמער מענטש — דער הייליקער פּאַן יעזוס ווייסט אים, וואָס ער איז, — האָט מיר געגעבן אַ זלאָטע און וואָיטעקן האָט ער געגעבן אַ זלאָטע. האָב איך מיין זלאָטע אַוועקגעגעבן אַ ניעבאָזשקע, אַן אָרעמען מאַן, ווייל איך האָב מורא פאַר אומריין געלט, און וואיטעק זאָגט, אַז ער וועט אים צו פּאַן פּראָפעסאָר ניט צולאָזן, ביז ער וועט אים ניט געבן קיין גאַנצע צען זלאָטעס.

דער פּראָפעסאָר האָט זיך צעלאַכט אויפן קול. ער האָט געהייסן אַריינרופן וואיטעקן. נאָר איידער סטאַך האָט זיך אַ ריר געטאָן פון אָרט, האָט זיך אויפן הויף דערהערט אַ שאַרפע בילעריי פון הינט. מע איז אַלע אַרויס צום איידערנעם טויער און געזען, אַז יאָ, אַן אמת; אויף יענער זייט שטייט אַ הויכער, מאָגערער ייד מיט אַ לאַנגער באָרד. דאָס היטל האַלט ער אין דער האַנט, און אין זיינע אויגן שפּיגלט זיך אָפּ דאָס פייער פון די לאַמטערנעס. דער פּראָפעסאָר האָט ווידער געשמייכלט: אָט די אָפּשפּיגלונג פון פייער אין דעם יידנס אויגן נעמען זיי אָן פאַר דאָס געשפּענסטיקע? געוויס יאָ. ער האָט אַליין אויפגעשלאָסן דאָס טירל און אַריינגעלאָזט דעם יידן צו זיך אין קאַבינעט. ער האָט אים אַנידערגעזעצט אַנטקעגן זיך אויף אַ שטול און געפרעגט, וואָס פאַרלאַנגט דער מענטש. ער האָט זיין קינד אומיסטן איבערגעלאָזט דאָ, ווי ער האָט אים אַ סך מאָל אין משך פון אָט דעם יאָר דערלויבט בייזיין ביי די אויפנאַמען פון די אָרעמע מענטשן. סטאַשעק האָט זיך פאַררוקט אין זיין באַליבטן ווינקל דיוואַן און זיך צוגעקוקט. נאָר מיטן יידן איז

געוועזן שווער. ער האָט אַ שטאַרק באַליידיקטער זיך באַקלאָגט, אַז שוין דעם פערטן טאָג, ווי ער שלאָגט זיך צו זיין טויער און קאָן זיך אַלץ ניט דער־שלאָגן. זאָל שוין ליבערשט דער פאַן פראָפעסאָר אויסהענגען נאָך אַ שילדל ביי דער זייט, אַז קיין יידן נעמט ער ניט אויף. צי דער פאַן פראָפעסאָר גע־דענקט שוין ניט, אַז ער אַליין שטאַמט פון יידן ? צו וואָס איז די אומזיסטע בלוט־פאַרגיסונג ? דער אַלטער סטרוזש איז אַ משוגענער, און דער יונגער איז אַ באַנדיט. ער נעמט ביי אים אַלע טאָג זלאָטעס און רייצט אויף אים אַן די הינט.

עס האָט זיך געקענט אויסדוכטן, אַז אין שטוב איז אַריין דער אמתער באַלעבאָס פונעם פּאַלאַץ און פונעם פראָפעסאָר אַליין, — אַזוי פרעך און מיט כעס האָט זיך געהאַלטן דער ייד.

יאָ, יאָ, דער אַלטער סטרוזש האָט אים געזאָגט, אַז דער פראָפעסאָר נעמט אויף אומזיסט נאָר דעם ערשטן און פופצנטן פון יעדן חודש. אָבער ער איז עפּעס אַנדערש. ער קומט פון ווייט, פון די קרעסן, פון „מאַלאָפּאָלסקע", און ער האָט קיין צייט ניט צו וואַרטן ביזן ערשטן. און ער איז ניט קיין פרעמ־דער דעם פראָפעסאָר, ער איז זיין פּאָטערס אַ ברודער, און מע האָט ביי אים יענע וואָך צוגענומען זיין לעצטן שטיקל קינד, זיין איינציק אויג אין קאָפּ, שמולעק קאַמאַשן־שטעפּער, וואָס האָט געאַרבעט דאָ אין וואַרשע, אויף דער קאַרמעליצקע גאַס, און מע האָט אים אַריינגעזעצט אין פּאַוויאַק, און ער מוז אים העלפן.

מיט גרויס מי איז דעם פראָפעסאָר לאַגול־מלאַווסקי געלונגען געבן צו דערקלערן דעם יידן, אַז ער קאָן אים וויניק באַהילפיק זיין. ער קאָן נאָר קלאָר מאַכן, צי זיין זון איז שולדיק אָדער אומשולדיק. דערצו איז נויטיק, אַז ער זאָל אים ענטפערן אויף אייניקע פראַגן.

און דער פראָפעסאָר האָט פאַרפילט נאָך אַ קאַרטל.

דאָס איז געווען זייער אַ שווערע באַגעגעניש. דער פראָפעסאָר פאַן לאַגול־מלאַווסקי האָט זיך ניט געקאָנט באַפרייען פונעם געפיל, אַז ערגעץ דרויסן, אין די יידישע שטעט און שטעטלעך, לעבן מענטשן, וואָס האָבן צוזאַ־מען מיט אים געהערט אַמאָל צו איין אַלגעמיינעם שטאַם. זיי לעבן מיט זייער אַלטן לעבן, אָבער די קינדער זייערע טוען דאָס פאַרקערטע — זיי ווילן צע־שטערן דאָס, וואָס ער באַשיצט און פאַרטיידיקט.

און ער האָט באַשלאָסן שטרענג־אָביעקטיוו קלאָר מאַכן די סיבה פון שמוליק קאַמאַשן־שטעפּערס אַרעסט.

נאָר אין צען טעג אַרום, ווען ער האָט געדאַרפט באַקומען אין דער פראָ־

קוראַטור דעם ענטגילטיקן ענטפער וועגן שמוליק קאַמאַשן־שטעפער, האָט אים אומגעריכט פאַרהאַלטן זיין זון אין דער היים.

סטאַשעק איז אין יענעם טאָג געקומען פון פּאַרק אַ צעשלאָגענער און דערנידעריקטער. דאָס מאָל האָט ער, ווייזט אויס, ניט געקאָנט אָדער ניט געוואָלט אויסבאַהאַלטן פון זיין פאָטער די קלעפּ, וואָס ער האָט געכאַפּט, נאָר ער איז געווען אַזוי דערדריקט און פאַרלאָרן, אַז עס האָט גענומען אַ שטיקל צייט, ביז אים איז געלונגען צו דערציילן, וואָס מיט אים האָט פּאַסירט.

ווען פּראָפעסאָר פּאַן יוזעף לאַגול־מלאַווסקי האָט זיך דערוואוסט, אַז זיין זון רופט מען אין דער אַריסטאָקראַטישער שול „ליאַגיוס זשידזשיוס״ (זשידישער הונט), אַז מע שלאָגט אים אָפּט, אַז מע דראָעט אים מיטן טויט, אַז מע צווינגט אים שטיין אויף די קני פאַר דאַמבראָווסקי־קאָסטיושקאָס זון און זאָגן דערביי: „איך בין אַ ליאַגיוס־זשידזשיוס, איך בין אַ הונט, אַ גליטשיקער וואָרעם״, — האָט זיך דעם פאָטער אויסגעדוכט, אַז ער זעט אַ שווערן חלום, און ער האָט אויסגעשריען:

— דאָס איז אומעגלעך! דו ביסט קראַנק, יינגל!

ווען דאָס יינגל איז באַשטאַנען אויף זיינס און זיך מודה געווען, אַז נאָך מיט צוויי יאָר צוריק האָט מען אים אָנגעהויבן שלאָגן דערפאַר, וואָס ער איז אַ ייד, האָט דער פּראָפעסאָר נאָכאַמאָל, מיט נאָך מער כעס אויסגעשריען, אַז דאָס איז אומעגלעך, אָבער אין אַ מינוט אַרום האָט ער זיך באַדאַכט און אַוועקגעשיקט אַ דעפּעש צו זיין פרוי אין זאַקאָפּאַנע, אַז זי זאָל קומען אַהיים, ווייל זייער יינגל איז קראַנק. און ווען אויך דאָס האָט אים ניט באַרואיקט, האָט ער אַ צעררייצטער אָפּגעלייגט זיין וויזיט אין דער פּראָקוראַטור, אַנידער־געזעצט זיך און אָנטקעגן זיך און גאַנץ געגנוי און אמתדיק אים דערציילט וועגן דער אָפּשטאַמונג פון די מלאַווסקיס, וועגן דער צוואה פון זיין פאָטער, אַז זיין זון, און זיין זונס זון, און אַלע דורות נאָך אים זאָלן היטן און טריי בלייבן זייער פאָטערלאַנד פּוילן, און ער האָט אים אויך דערקלערט, פאַר־וואָס זיי דאַרפן אַזוי טאָן און ווי זיי דאַרפן עס טאָן.

— דו דאַרפסט וויסן דעם גאַנצן אמת, סטאַשעק, געליבטער זון מיינער, — האָט דער פאָטער היים געערדט, באַמיִענדיק זיך בלייבן רואיק, — מיר לעבן אין אַ צייט, ווען די נאַציאָנאַלע אָפּגעזונדערטקייט פון די פעלקער הייבט אָן ווערן אַ ביטערע. צי קאָנען מיר זאָגן, אַז עס עקזיסטירט אויף דער וועלט ענגלישע, דייטשישע, פּוילישע אָדער אַמעריקאַנישע עלעקטריציטעט, לאָקאָמאָטיוון, עראָשיפּן און דאָסגלייכן? באַמערק, מיין זון, איין וויכטיקע דערשיינונג: דאָס מענטשלעכע געציייג ווערט לכתחילה געשאַפן אַלס ריין־מענטשלעכע אינטערנאַציאָנאַלע ווערק. דער מענטש זאָרגט דערפאַר, אַז דער

האָמער און די צוואַנג זאָלן זיין גוט צוגעפּאַסט צו דער מענטשלעכער האַנט, וואָס איז אַלצאַיינס געבויט ביים פויל, טערק און ייד, ביי אַלע מענטשן, צי זיינען פאַראַן ספּעציעלע טערקישע אָדער רומענישע אַקער־אייזנס? ניין, זיי זיינען ניטאָ. עס זיינען פאַראַן הילצערנע אַקערס. זיי האָבן אַן אומגאַנג צווישן אָפּגעשטאַנענע פעלקער. עס זיינען פאַראַן אייזערנע אַקערס. זיי געפינען זיך אין די הענט פון מער אַנטוויקלטע פעלקער. אָבער דער פּרינציפּ פונעם מעסער, וואָס איז געמאַכט געוואָרן אויף אויפאַקערן די ערד, אַז זי זאָל געבן ברויט — איז איינער און דער זעלבער. די ראָד איז ריין מענטשלעך. דער באָוועגער — דאָסגלייכן. און הער מיך אויס נאָכאַמאָל: ביי אַן אָפּגעשטאַנענען פאָלק איז די ראָד אַ הילצערנע און אַ גראָב געמאַכטע; ביי אַ הויך אַנטוויקלט פאָלק — אַ מעטאַלענע און פיין געטאַקטע. דאָסגלייכן — די שטופּ־שטאַנג מיט דער הייב־שטאַנג. דאָסגלייכן — די וויסנשאַפט. ניטאָ קיין דייטשישע אָדער אַמעריקאַנישע מעדיצין. פאַראַן אַן אַלמענטשלעכע לערע וועגן מענטשלעכן אָרגאַניזם און זיינע קרענק. ניטאָ קיין ענגלישע אָדער פראַנצויזישע לערע וועגן מאָלעקול אָדער אַטאָם. פאַראַן אַן אַלמענטשלעכע לערע וועגן געבוי פון שטאָף. געדענק, מיין געליבטער זון, אַז דאָס, וואָס אויף יעדן פעקל נאָדלען און אויף יעדן בוך קאָנסטו געפינען דעם נאָמען פונעם לאַנד, וואו די נאָדל איז געמאַכט געוואָרן אָדער וואו דאָס בוך איז גע־דרוקט געוואָרן, באַטייט בלויז, אַז מענטשן האָבן ליב אָנצוגעבן זייערע אַד־רעסן. אָבער קיין איין נאָרמאַלער מענטש פון די אַנטוויקלטע פעלקער וועט זיך ניט זעצן נייען מיט אַ נאָדל געמאַכט פון אַ פישביין, ווען ער קאָן קריגן אַ שטאָלענע נאָדל. אַלזאָ, דער מענטש גייט צו פולקומענהייט ניט דורך אָפּ־געזונדערטקייט, נאָר דורך פאַראייניקונג און נאָכאַמונג. אונדזער זאָגענאַנט פאָלק, די איזראַעליטן, האָבן פאַרלוירן זייער זעלבשטענדיקייט, דאָס הייסט זייער אַ גרויסן טייל פון זייער אָפּגעזונדערטקייט נאָך מיט טויזנטער יאָרן צוריק. און גראָד דאָס האָט האָט אַרויסגערוקט אונדזער פאָלק אינעם אוואַנגאַרד פון דער ציוויליזירטער מענטשהייט. אויף דיין פראַגע: „צי איז גענוג צו זיין מענטש, אָדער מע דאַרף נאָך דערצו זיין אַ ייד, אַ טאָטער. אַ האָטענ־טאָט, — ענטפער איך קאַטעגאָריש: יאָ, זון, עס איז גענוג! דאָס איז די ווייטערדיקע שטופּע אין דער אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט".

ער האָט גערעדט זייער לאַנג, דעם קינדס פאָטער. ער האָט אים גע־בעטן צו פאַרשטיין, אַז דאָס האָט אַבסאָליוט ניט צו טאָן מיט קאָמוניזם, אַז קאָמוניזם איז אַ סם פאַרן מענטשן, ווייל דאָס שאַפט אים אַ פאַלשע איליו־זיע; אַז דער פון דורות איינגעשטעלטער אינסטיטוט מלוכה וועט נאָך עק־זיסטירן, אַזוי ווי ער איז, זייער לאַנג, אויב ניט אייביק. אָבער מלוכה און

נאַציע — דאָס זיינען צוויי באַזונדערע באַגריפן. נאַציע הייבט שוין אָן רעש אַראָפּגיין פון דער סצענע: די רעליגיע צעגייט אין די שטראַלען פון דער וויסנשאַפט. דער מענטש האָט אַזוינס, וואָס איז ווערט פאַרגעטערט צו ווערן, אָבער דאָס זיינען אַלץ ערדישע זאַכן. דאָס ערשטע, וואָס דער מענטש פאַר־געטערט, איז די היימאַט, די געטרייקייט צו יענעם שטיקל ערד, וואָס האָט אים געשפּייזט און אויסגעהאָדעוועט. דאָס צווייטע, וואָס דער מענטש האָט צו פאַרגעטערן, — דאָס איז די אַרבעט, וואָס עס האָבן ביז אים אָפּגעטאָן זיינע אורעלטערן; ער דאַרף אויך פילן פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר די קו־מענדיקע דורות. דאָס דריטע, וואָס דעם מענטש איז געגעבן צו פאַרגעטערן, — דאָס איז זיין אייגענע טעטיקייט, זיין פייאיקייט צופּאַסן זיך צו דער נאַ־טור און די נאַטור צו זיינע באַדערפעניש. דאָס פערטע, וואָס דער מענטש איז מחויב צו פאַרגעטערן, איז די לעבנס־אָרדענונג, וואָס הונדערטער דורות ביז אים האָבן געשאַפן און געשליפן, — דאָס איז די פערטע אויסמעסטונג אין לעבן, דאָס לייגט אויס און דרינגט דורך אַלץ...

אויף די אומצופרידענע בליקן פון זיין זון (ער האָט אין דער מינוט ניט פאַרשטאַנען, אַז די אומצופרידנקייט אין זיין זונס בליקן שטאַמט דערפון, וואָס דער זון פאַרשטייט ניט דעם פאָטערס רייד) האָט דער פּראָפעסאָר גע־ענטפערט מיט נייע פאַקטן און היפּאָטעזעס.

ער האָט אים אויך דערציילט וועגן זיין אייגן לעבן און געשטעלט אים אַלס מוסטער זיינע אייגענע פאַרדינסטן פאַר דער זשעטשע־פּאָסטאָליטאַ.

— אויף דיר, סטאַשעק, האָבן שוין געאַרבעט פיר דורות. — האָט ער פאָטערלעך־מוסרדיק ווייטער צו אים גערעדט — זיי האָבן מיט שווערער מי טראָפּן נאָך טראָפּן געזאַמלט דעם וואוילטיק און די קולטור, וואָס איך באַזיץ און וואַרט אויף דיר, אַז דו זאָלסט זי ווייטער טראָגן און פאַרמערן.

ער האָט געעפנט דאָס פענצטער און געוויזן אים דעם דעמב, וואָס וואַקסט אין סאָד אַלס סימבאָל, אַז דער שטאַם פון די לאָגול־מלאָווסקיס איז ניט קיין יונג ריטעלע, דאָס איז אַן אַלטער דעמב, וואָס זויגט די זאַפטן פון דער היגער ערד און ווערט באַשיינט דורך די שטראַלן פון דער מילדער זון און שפּרייט דאָ אַרום זיך מענטשלעכקייט, עכטע מענטשלעכקייט, וואָס איז עפּעס מער פון פּוילישקייט, ידישקייט, טאָטערישקייט...

ענדלעך האָט ער זיך אַנטשולדיקט פאַרן זון, וואָס ער קאָן ניט בלייבן מיט אים אַ גאַנצן אָוונט, ווייל ער מוז דאָך גיין ענדגילטיק קלאָר מאַכן, וואָס פאַר אַ ראָליע האָט געשפּילט דער שמוליק קאַמאַשן־שטעפּער צווישן די יונגע קאָמוניסטן, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט פאַרברעכערישער פּראָפּאַגאַנ־

דע דורך דער ראַדיאָ, פּראָפּאַגאַנדע, וואָס האָט דעם ציל אומצוברענגען די פּוילישע מלוכה.

מיט לעצטן האָט זיך דאָס ייִנגל פאַראינטערעסירט.

— פּאַפּאַ, — האָט ער געפרעגט, — ווי האָבן זיי עס געטאָן?

— זיי האָבן עס געטאָן פאַרברעכעריש, — האָט דער פאָטער געענט־פערט, — זיי האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן צו צוואַנציק — דרייסיק מאַן אין אַ שטוב און געהערט די קאָמוניסטישע ראַדיאָ.

— זיי האָבן געהאַט אַ ספּעציעלע ראַדיאָסטאַנציע דערצו?

— מעגלעך, זייער מעגלעך. זיי זיינען פאַרכאַפּט געוואָרן מיט די ווער־טער, וואָס גייען פון מאָסקווע.

— דאָס קאָן מען דאָך הערן דורך יעדער ראַדיאָ?

— געוויס.

— דאָס קאָן מען דאָך הערן אויך דורך אונדזער ראַדיאָ?

— יאָ, אָבער מיר לאָזן ניט איין קיין אַרבעטער און כלאָפּעס צו אונד־זער ראַדיאָ, מיר זאָגן זיי ניט, אַז זיי פאַריידיקן דעם אמת פון דער וועלט און דעם אידעאַל פון דער מענטשהייט... מיר...

נאָר אָט האָט זיך דאָס ייִנגל דערשראָקן, אַז זיין פאָטער וועט ווידער אָנ־הייבן ריידן מיט אים ווי אַ פּראָפעסאָר — לאַנגווייליק און נודנע — און דאָס ייִנגל האָט פלינק אַ קערעווע געטאָן דעם געשפּרעך אין אַן אַנדער ריכטונג, וואָס האָט אים אַ סך מער איצט באַשעפטיקט.

— איך מוז זיך מודה זיין דעם פאָטער, — האָט ער געזאָגט, — אַז וועגן אונדזער אָפּשטאַמונג האָב איך נאָך פריער געוווּסט, איידער דער פאָטער האָט עס מיר דערציילט און איידער דער דזשאַדעק איז צו אונדז געקומען.

— פונוואַנען? — האָט דער פאָטער מיט אומרו געפרעגט.

— קאָסטיושקאָ־דאָמבראָווסקי האָט דערציילט פאַר זיינע חברים און ער האָט ניט באַמערקט, אַז איך שטיי דאָ, אָדער ער האָט אומיסטן דערציילט אַזוי, אַז איך זאָל עס הערן. „אָט דערפאַר שלאָג איך אים", האָט ער גע־זאָגט, „וואָס ער איז אַ לאַגיוס־זשידזשיוס און אַ פּלעביי נאָך דערצו. מיר וועלן אַלע אַריסטאָקראַטן פון משהס גלויבן אַרויספירן אויף דער ליכטיקער שיין. זיי זיינען אַלע שמאַטע־קלייבער!"

— לייג ניט קיין אַכט דערויף, — האָט דער פאָטער מיט באַהאַלטענער אַנגסט געזאָגט, — דו ביסט שוין ניט פון משהס גלויבן...

— ווער דען בין איך? — איז דאָס ייִנגל אויפגעשפּרונגען.

— אַ מענטש, סטאַשעק, אַ פּאָליאַק ביסטו.

— זיי ווילן מיך ניט פאַר קיין פּאָליאַק! זיי ווילן ניט! — האָט דאָס ייִנגל געשריִען מיט טרערן פון כּעס אין די אויגן.

— אַך, מיין זון, — האָט דער פּאַטער פאַרלאָרן צעפירט מיט די הענט. — איך וועל עס דיר געניוי דערקלערן... איך האָב איצט קיין צייט ניט... דאָס זיינען אַלץ נאַרישקייטן... באַנאַליטעט... נו, באַרואיק זיך... נו, גיב אַ שמייכל, זון, איך זאָל קאָנען גיין רואיק טאָן מיין אַרבעט...

— נו, אויב דער פּאַטער וויל... נו, דעם פּאַטער האָב איך דאָך ליב... זייער זייער ליב... נו, אָט שמייכל איך צו דיר, פּאַפּאַ...

— אָט איז אויסגעצייכנט... דו פאַרברענגסט צופיל אַליין... דו וואָלסט געמאַכט אַ פּאָר וויטע אויספלוגן... אונדזער לאַנד איז שיין... גרויס-פּוילן... דו האָסט גענוג טאַשן-געלט, סטאַשעק?

— יאָ, יאָ, פּאַטער, — האָט דאָס ייִנגל געזעגנפערט שוין קאַלטלעך, — איך דאַנק זייער דעם פּאַטער.

— געדענקסטו סטאַשעק, מיין באַפעל דער באַנק? זי דאַרף דיר אויס-צאָלן יעדן חודש...

— יאָ, איך באַקום עס רעגולער. איך דאַנק זייער דעם פּאַטער, — האָט שוין דאָס ייִנגל מעכאַניש גערעדט.

— האָסטו שוין אַ גרויסן קאַפּיטאַל? — האָט דער פּאַטער לעביונגעריש אַ וואונק געטאָן צום זון מיט אַן אויג.

— איך האָב ליגן טויזנט זלאָטעס מיט פינף הונדערט דאָלער, — האָט דאָס ייִנגל געענטפערט שוין כמעט מיט אומגעדולד אין דער שטים.

— אויסגעצייכנט! קלייבסטו זיך איינשאַפן עפּעס רעכטס אויף דעם געלט?

— איך ווייס ניט, וואָס צו זאָגן דעם פּאַטער, — האָט דאָס ייִנגל שוין צערייצט געענטפערט, — אפשר וועל איך ווירקלעך מאַכן אַ וויטן אויס-פלוג אויף דעם געלט.

— אָ, דאָס וואָלט געווען פּרעכטיק!

און אַ באַרואיקטער, אַ געררירטער פון דער גרויסער ליבע זיינע צום זון, איז דער פּאַטער אַוועק אין פּראָקוראַטור.

דאָס ייִנגל האָט מיטן פּאַטערס אַוועקגיין זיך דערפרייט, איילּיק פאַר-שלאָסן די טיר, האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן צו דער ראַדיאָ. אַנגעשטעלט זי אויף דער סאָוועטישער כוואַליע און האָסטיק און היציק געטראַכט וועגן זיין וויטן אויספלוג, וואָס ער וועט פאַרנעמען, זייער מעגלעך, אין די גאַר נאָענ-טע טעג.

די ראַדיאָ האָט אַ לאַנגע צייט געכריפּעט, געפּיפּט, ווי ערגעץ אין דער וועלט וואָלטן שטורעמס געבושעוועט און דערטראָגן אַהער זייער געיאָמער. נאָר דאָס ייִנגל האָט פאַרעקשנט און געדולדיק געדרייט דאָס הענטל, געזוכט אין די רוימען די נויטיקע כוואַליע. ענדלעך איז אים געלונגען. אויפן פּאַן פון פּייפּערייען, כריפּעריישן און זאַווערוכישן געיאָמער האָבן זיך גענומען אויסקלאָרן מונטערע, פריילעכע און שטאַרקע שטימען. נאָך אַ פּאָר דריי פון די ראַדיאָ־הענטלעך — און דער פּאַן איז, ווי אַ לויטערער הימל, ריין געוואָרן און אויפן לויטערן הימל, — אַ קלאָר, אַ זאַפטיק, אַ פאַרבענקט גע־זאַנג. די מעלאָדיע איז געווען ניט זייער קיין בייע. סטאַשעקן האָט זיך אַפילו אויסגעדוכט, אַז אייניקע אַזעלכע מעלאָדיעס האָט ער ניט איין מאָל געהערט אויף די אָרעמע וואַרשאַווער גאַסן. אויך די ווערטער זייִנען גע־ווען ניט אינגאַנצן אומפאַרשטענדלעך. געווען אויסדרוקן, וואָס האָבן שטאַרק דערמאָנט אָן דער שפּראַך פון די ייִדישע גאַסן. ער האָט זיך אָנגעשטויסן, אַז מסתמא זינגט מען עס אין מאָסקווע אויף דער ראַדיאָ ייִדישע לידער. און, ווירקלעך, אין איבערייס האָט ער זיך דערוואוסט, אַז די מאָסקווער ראַדיאָ גיט איצט איבער אַ קאָנצערט פון פאָלקס־מוזיק פון די פעלקער פון סאָ־וועטן־פאַרבאַנד. נאָרוואָס איז פאַרענדיקט געוואָרן דער ציקל ייִדישע פאָלקס־לידער.

סטאַשעק איז געזעסן דערוואָקסן פאַרטראַכט און געקוקט אויף דער ראַדיאָ. די לידער האָבן אים ניט שטאַרק פאַראינטערעסירט. ער האָט פאַר־בונדן מיט דער ראַדיאָ אומקלאָרע האָפענונגען. ער האָט געוואַרט, אַז דורך דער ראַדיאָ וועט ער געפינען אָן ענטפער אויף די פראַגן, וואָס האָבן אים איצט געפּייניקט: צי איז ווייניק צו זיין אַ מענטש? צי דאַרף מען נאָך דער־צו זיין אַ פּאָליאַק, אַ ייִד, אַ רוס, אַ טאַטער? און ווי איז עס דאָרט אויף יענער זייט גרענעץ? דאָרט פאָדערט מען אויך פון יעדן מענטשן אַז ער זאָל זיין נאָך עפּעס — אַ רוס, אַן אוקראַינער, אַ ווייס־רוס? און ווי באַגייען זיך דאָרט ייִנגלעך איינער מיטן אַנדערן? מע שלאָגט עמעצן דערפאַר, וואָס ער איז אַ ייִד צי אַ טאַטער?..

נאָר די ראַדיאָ האָט געשוויגן.

אין אַ מינוט אַרום האָט דער דיקטאָר געמאָלדן, אַז דער צווייטער קאָנ־צערט פאָלקס־מוזיק וועט געגעבן ווערן דעם קומענדיקן מיטוואָך. פאַרן קאָנ־צערט וועט געגעבן ווערן אַ לעקציע: „די רעכט פונעם מענטש אין דער בורזשואזנער און סאָציאַליסטישער מלוכה". סטאַשעק איז אונטערגעשפּרונגען פאַר פרייד: אין דער לעקציע מוז ליגן דער ענטפער אויף זייִנע פראַגן.

דינסטיק איז געקומען די מוטער פון זאַקאָפּאַנע.

ער איז דעם טאָג געווען זייער פריילעך און פאַר דער מוטער האָט ער געלייקנט אַלץ, וואָס ער האָט דערציילט דעם פאָטער. ער האָט זי פאַרזיכערט, אַז איינמאָל האָט עפּעס יאָ פּאַסירט, אָבער דאָס איז אַ באַגאַטעליע, און אויב ער האָט געמאַכט דערפון אַ וועזן, איז עס געווען דערפאַר, ווייל אין יענעם טאָג איז ער געווען שלעכט געשטימט: זיינס אַ הינטל האָט זיך צוגעקילט און געכאַפּט אַ קאַטאַר.

זיין פאָטער מיט דער מוטער זיינען דערפרייטע ערגעץ אַוועק.

און סטאַשעק, באַוואָפנט מיט אַ דיקן רוסיש־פּוילישן ווערטערבוך, איז געבליבן ביי דער ראַדיאָ. אין דער שול, וואו סטאַשעק האָט זיך געלערנט, האָט מען חוץ די מערב־אייראָפּייאישע שפּראַכן געלערנט גרינטלעך אויך די רוסישע שפּראַך. סטאַשעק האָט זיך באַוואָפנט מיטן ווערטערבוך אויף יעדן פאַל. די לעקציע איז געווען אַ קורצע. פאַרשטאַנען האָט ער ניט אַלץ. פונ־דעסטוועגן האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז אויב עס איז אַן אמת, וואָס דער מאָסקווער פּראָפעסאָר דערציילט, האָט ער שוין, סטאַשעק, אַן ענטפער אויף זיינע פראַגן. יאָ, אין דעם אַנדערן לאַגער, אָדער אינעם סאָציאַליסטישן לאַנד, ווי דער מאָסקווער רופט אַן זיין לאַגער, האָט יעדער איינער מענטש די פולע רעכט צו נאָמינירן זיך פּשוט אַלס מענטש. מענטש — און מער גאָרניט! דאָס דאַרף מען קאָנטראָלירן אויפן אָרט. ניטאָ וואָס צו ספקן, אַז דער סאַמע אינטערעסאַנטסטער אויספלוג, וואָס עס קאָן געמאָלט זיין היינטיקן זומער, איז אַן אויספלוג ניט קיין ווייטער, אויף דער אַנדערער זייט גרענעץ. דאָס, וואָס דער פאָטער וויל אַפילו ניט הערן וועגן אַ טוריסט־רייזע קיין מאָסקווע, — דאָס קאָן ניט שטערן. פאַראַיאָרן האָט ער ניט געוואָלט, און היינטיקס יאָר קאָן ער איינגיין דערויף. ניין! בעסער גאָרניט פרעגן ביים פאָטער, ווייל אויב ער וועט אויך היינטיקס יאָר ניט מסכים זיין, וועט מען האַלטן אויף אים אַן אויג און ער וועט פון די יערוזאַלעמער אַלייען ניט קאָנען זיך אַרויסרייסן. בעסער אָפּטאָן עס אַליין. אַליין? ניין, פאַראַן שמוגליאַרעס, וואָס פירן אַרי־בער איבער דער גרענעץ. צו קינדער האָבן זיי דאַרטן צוטרוי, אין סאָוועטנ־פאַרבאַנד, רוסיש קען ער גוט, רוסיש געלט וועט ער זיך איינשאַפן. גוט. אַלץ איז אין דער בעסטער אָרדענונג אָט וועט עס דער פאָטער זיין איבעראַשט, ווען ער וועט באַקומען פון אים אַ בריוו מיט אַ מאָסקווער פּאָסט־שטעמפּל!

די לעקציע האָט זיך געענדיקט.

עס האָט זיך אָנגעהויבן דער קאָנצערט.

אַ ברייטע שטים, אַ האַרציקע, ברוסטיקע פרויען־שטים, ווי אַ ברייטער טייך האָט אַ פלייץ געטאָן דורך דער ראַדיאָ. דאָס איז געווען אַ רוסישע ליד

טאָקע וועגן טייך וואָלגאַ. סטאַשעק האָט אויסגעשלאָסן די ראַדיאָ. נו, דאָס וועט ער שוין הערן אויפן אָרט.

וועלכע זשע שמוגליאַרעס נעמט מען, אַז זיי זאָלן טאַקע גלאַט און גיך אַריבערשמוגלען אַריבער דער גרענעץ?

סטאַשעק האָט אַ פּאַרטראַכטער אַוועקגעשפּאַנט איבער זיין פּאָטערס קאַבינעט.

ער האָט געטראַכט, אַז זיין פאַרמעגן — טויזנט זלאָטעס און פינף הונדערט אַמעריקאַנער דאָלער — וועט אים געוויס זיין גענוג אי אויף אַריבערשמוגלען זיך איבער דער גרענעץ, אי אויף צו לעבן דאָרט אַ שטיק צייט, ביז דער פּאָטער וועט איינשטימען קומען אַהין צו אים. ער איז שוין איצט געווען זיכער ביי זיך, אַז אַנדערס וועט עס טאַקע ניט זיין: ער וועט אַוועק אַהין און וועט בלייבן דאָרט אַזוי לאַנג, ביז זיין פּאָטער וועט ניט קומען צו אים.

— און די מוטער? — האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אינמיטן צימער.

נאָר דאָ האָט מען אָנגעקלאַפּט אין דער טיר, און דאָס האָט צעטריבן אַלע זיינע געדאַנקען. אויפן שוועל איז געשטאַנען סטאַך מיטן אַלטן יידן, דעם דזשאַדעק פון „מאַלעפּאָלסקע”.

סטאַשעק האָט זיך ניט ווילנדיק אַ וואָרף געטאָן צו אים.

אין קאַבינעט איז אַריין דער פּאָטערס געהילף, דער קאַנדידאַט קאַשטשיצקי. אַ גלעט טוענדיק זיך זיין גלאַנציקע פריזור און צעפּירנדיק מיט די הענט אין די זייטן, האָט דער קאַנדידאַט מיט איבערגעטריבענער העפלעכקייט געמאָלדן דעם יידן, אַז דער פאַן פּראָפעסאָר האָט קלאָר געמאַכט און אויסגעפונען, אַז זיין זון, דער פאַן שמוליק, איז ניט אומשולדיק און, ליידער, קאָן דער פּראָפעסאָר מיט גאָרניט באַהילפיק זיין.

— נו, יאָ, — האָט דער דזשאַדעק געזאָגט מיט אַ גיפטיקן שמייכל, — אַלע מייניקע האָבן מיר טאַקע פאַראויסגעזאָגט, אַז דערמיט וועט זיך עס אויסלאָזן.

— דער פאַן פּראָפעסאָר רעקאָמענדירט אייך דעם פאַן לעוויצקי...

— גיט איבער מיין הייסן דאַנק דעם פאַן פּראָפעסאָר, — האָט דער דזשאַדעק מיט כעס איבערגעריסן דעם קאַנדידאַט, — דער פאַן לעוויצקי הייסט זיך פּעט באַצאָלן.

קאַשטשיצקי האָט ווידער אַ גלעט געטאָן זיין פריזור, ווידער צעפּירט מיט די הענט און אונטערגעהויבן די געלע ברעמען.

— דער פאַן פּראָפעסאָר האָט באַפוילן מיר איבערגעבן דעם געשעצטן

פֿאַן פֿון „מאַלאַפּאַלסקע״, אַז ער קאָן אים באַהילפֿיק זיין מיט געלט. דאָ ליגט אַ טשעק...

נאָר דער ייִד האָט זיך צעלאַכט אַזוי, אַז סטאַשעק האָט זיך אַזש אַ צי געטאָן צו אים. זיין געלעכטער איז מער ענלעך געווען צו אַ בייזן געשריי. דעם דזשאַדעקס צייבער האָבן געגלאַנצט, די טיפֿע קנייטשן אויף זיין פּנים האָבן זיך אָנגעשטעלט ווי שאַרפֿע נאָדלען.

— גיט איבער דעם פֿאַן פּראָפֿעסאָר... — האָט דער ייִד געזאָגט און פֿאַרענדיקט מיט אַן אומפֿאַרשטענדלעך וואָרט.

דער דזשאַדעק איז אַוועק. קאַשטשיצקי איז צוגעגאַנגען צו סטאַשעקן, אַרויפֿגעלייגט זיין האַנט צו אים אויפֿן אַקסל, געזאָגט:

— אַ, מענטשלעכע אומדאַנקבאַרקייט, סטאַשעק! וויאַטעק, ווען ער איז אַרויסגעטריבן געוואָרן, האָט ער פֿון יענער זייט טויער געשריען: „זשידזשע, הינטיש בלוט!״ דער האָט געשאָלטן, — ער האָט אַ הייב געטאָן די געלע בּרעמען, צעפּירט מיט די הענט, געזאָגט פּילדייטיק: — דאָס איז דער גורל פֿון יעדן עכטן מענטש, וואָס וויל זיין בלויז מענטש, פֿון אַלע זייטן באַוואַרפֿט מען אים מיט בלאָטע, — דער קאַנדידאַט האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און איז אויך אַוועק.

און דער פּאַטער איז נאָך מער אויסגעוואַקסן אינעם ייִנגלס אויגן. און, עס איז פֿאַר סטאַשעקן אַליין געווען אומפֿאַרשטענדלעך, אָבער אויך דער דזשאַדעק איז אויסגעוואַקסן אין זיינע אויגן, — עפּעס איז ער אַזוי מענטשלעך געקומען אַהער, אויפֿגעהויבן אַ טומל, געהאַלטן זיך ניט אַזוי, ווי ייִדן האַלטן זיך — געבויגן און מיט חניפֿה — נאָר ער איז געקומען מיט אַן אויפֿגעהויבענעם קאָפּ, האָט אָנגעשריען און איז ווייטער אַוועק. יאָ, דאָס איז ריכטיק, וואָס דער פּאַטער האָט אים דערציילט, אַז ער שטאַמט פֿון שטאַרקע מענטשן. און אויב עס איז אויך ריכטיק, וואָס דער מאַסקווער פּראָפֿעסאָר האָט דערציילט אין זיין ראַדיאָ־לעקציע... וועט ער זיי אַלע אַריבערנעמען אַהין, יאָ, ער, סטאַשעק!

אויף מאָרגן האָט קאַסטיושקאָ־דאָמבּראָווסקי דער ייִנגערער באַקומען אַ היימישן אויסרייד מיט אַן אָנווייזונג, אַז סטאַשעק לאַגול־מלאָווסקי איז ניט קיין ייִד.

דער יונגער דאָמבּראָווסקי האָט געוואָלט דערווידערן זיין פּאַטער, אַז סטאַשעק איז אָבער אויך ניט קיין פּאָליאַק, ניט קיין קאַטויל, אַז ער הייסט איצקע און ער איז אַ ליאַגיוס זשידזשיוס און אַ פּלעביי און אַז ער וועט אים אויף ווייטער אויך שלאָגן. נאָר דער אַלטער דאָמבּראָווסקי האָט אים מיט רעזאָן גענומען אויסרעכענען די אַלע פֿאַרדינסטן פֿאַר דער פּוילישער רעפּובליק,

וואָס עס האָט דער פּאַן יוזעף לאגול־מלאָווסקי, דערביי האָט ער גערעדט מיט אַ טאָן, וואָס דערלאָזט ניט קיין שום דערווידערונג, און, דער עיקר, דער יונ־גער דאַמבראָווסקי האָט אין זיין פּאָטערס טאָן געכאַפּט דעם באַהאַלטענעם אונ־טערקלאַנג, אַז „איך מוז דיר מאַכן דעם פאָרוואורף, אָבער דו פיר זיך אויף, ווי עס פּאַסט פאַר אַ פּאָליאַק", און דער יונגער דאַמבראָווסקי האָט געשוויגן און געטראַכט, אַז אַנטקעגן דעם „איצקען" מוז מען אָנעמען נייע, שטאַרקערע רעפּרעסיעס.

אין דריי טעג אַרום איז סטאַשעקס מוטער צוריק אַוועקגעפאָרן קיין זאַקאָפּאַנע זייער אַ צופרידענע דערפון, וואָס זי מיט אירע פאַרבינדונגען האָט אין איין וואָך זיך דערשלאָגן, אַז דער יונגער דאַמבראָווסקי זאָל באַקו־מען אַן אויסרייד און אַ וואָרענונג פון זיין אייגענעם פאָטער.

אין אַ וואָך אַרום נאָכן אויסרייד האָט קאַסטיושקאָ־דאַמבראָווסקי דער יונגער ווידעראַמאָל געשלאָגן סטאַשעקן און אים געוואָרנט, אַז פון איצט אָן וועט ער אים שלאָגן אַלע דאָנערשטיק, אויב ער וועט ניט טומלען. אויב ער וועט יאָ טומלען, וועט מען אים אַרויסטרייבן פון דער שול, וועט ער זיך לערנען אין חדר ביי אַ פאַרשיוון רבין מיט די פּאַרשיווע סרולס.

דאָס האָט נאָך מער געפעסטיקט סטאַשעקן אין זיין באַשלוס צו מאַכן דעם אויספלוג טאַקע נאָר אין סאָוועטנפאַרבאַנד און עס האָט אויך פאַרגיכערט דעם טאָג פון זיין אָפּפאָרן.

דעם קומענדיקן מיטוואָך האָט סטאַשעק דורך זיין ראַדיאָ ווידער געקאָנט הערן אַ לעקציע מיט אַ קאָנצערט פון מאָסקווע. אָבער ער האָט שוין דערויף ניט געוואַרט. שבת אין אָוונט האָט ער אָנגעזאָגט דער דינערשאַפט, אַז ער פאָרט אַוועק אויף זונטיק אויסער דער שטאָט. ער האָט אַריינגעלייגט אין בייטל זיין גאַנצן פאַרמעגן און איז אַוועק צו דער באַן.

ער איז געפאָרן צום „דזשאַדעק פון די קרעסן".

אין דעם באַגרענעץ־שטעטל איז ער אָנגעקומען זונטיק פאַרנאַכט. ער איז גלייך אַוועק זוכן דעם יידן מיט דער געלער באָרד. אין אַ פאַרוואָרפן געסל האָט מען אים געוויזן די שטוב, וואו עס וואוינט דער אַלטער קאַמאַשן־שטעפער. פאַר דער שטוב איז אויף אַ באַנק געזעסן טאַקע דער אַלטער דזשאַדעק מיט דער לאַנגער באָרד. נאָר דאָ האָט ער אויסגעזען אַנדערש — פאַרצווייפלט און אָפּגעלאָזן. און ער איז נאָך מער אויסגעמאָגערט געוואָרן. סטאַשעקן האָט זיך געדוכט, אַז דער איז בלויז ענלעך אויפן דזשאַדעק. דאָ איז מסתמא פאַרגעקומען אַ טעות. ער האָט ריכטיק אַראָפּגעשריבן דעם אַדרעס פונעם פאָטערס קאַרטל?

דער ייד ווידער האָט געקוקט אויף אים מיט יענעם גלייכגילטיקן חשד,

וואָס מע קאָן טרעפן ביי מענטשן גאַר אינגאַנצן פאַרצווייפלטע, אַזעלכע, וואָס האַלטן, אַז עס איז שוין ניטאָ יענע צרה אויף דער וועלט, וואָס זיי זאָלן ניט האָבן פאַרזוכט, פונדעסטוועגן האָבן זיי דעם נייגער צו וויסן: וואָס נאָך פאַר אַן אָנשיקעניש גייט אויף זיי?

אויף צו דערוויסן זיך, וואָס פאַר אַ נייע אָנשיקעניש איז אויף אים געקומען. האָט דער ייד אַ רוף געטאָן סטאַשעקן צו זיך:

— ווע מען זוכסטו, ייִנגל?

סטאַשעק איז צוגעגאַנגען צום יידן, אַרויסגענומען דעם בייטל מיטן געלט, געפרעגט:

— דער דזשאַדעק דערקענט מיך ניט?

— ניין, — האָט דער ייד דערשראָקן געזאָגט.

— דער דזשאַדעק איז דאָך ביי אונז יענע וואָך געווען... מיך רופט מען סטאַשעק, איך בין פון וואַרשע, פראָפעסאָר יוזעף לאַגול־מלאַווסקיס זון. יענע וואָך איז דאָך דער דזשאַדעק געקומען צו אונדז נאָך אַן ענטפער וועגן שמולקען. זאָל דער דזשאַדעק נעמען דאָס געלט.

דער ייד האָט זיך נאָך שטאַרקער דערשראָקן.

— קום אין שטוב אַריין, — האָט ער געזאָגט און קוים פון אָרט זיך אויפגעהויבן.

— וואָס ווילסטו? — האָט ער אין שטוב ביי אים געפרעגט.

— איך וויל, דער דזשאַדעק זאָל מיך דערקענען און נעמען דאָס געלט.

דער ייד האָט זיך צוגעזעצט, אָבער זיצנדיק האָט אים געוואָרפן הענט און פיס — אַ שרעק, וויפל געלט דאָס ייִנגל האָט אים פאַרגעלייגט! פון שרעק האָט ער שיעור ניט פאַרלאָרן דאָס לשון. ער האָט געשטאַמלט:

— יאָ, ניין... ניט איך בין געווען ביי דיין פאָטער... ווער, זאָגסטו, איז דיין פאָטער, יוסעף? יאָסיף? יאָסיף אברהם־מאירס? דער אַדוואָקאַט? וויפל געלט האָסטו... אַ סך גע־עלט... אַ ס־אַ סך געלט... — האָט ער געטרייסלט מיטן קאָפּ.

ביז ביינאַכט האָט מען דאָס ייִנגל געהאַלטן פאַרשלאָסן אין אַ פינצטערן קאַמער. הינטער דעם דינעם ווענטל האָבן זיך געהערט אַ סך שושקערייען, פול מיט שרעק און היץ.

אין אָוונט האָט מען דעם ייִנגל אַריינגעטראָגן אַ שטיקל קוילעטש מיט אַ פּולקע פון אַן עוף. מע האָט אָנגעצונדן אַ קליין לעמפּל, און דאָס ייִנגל האָט דערזען, אַז מע האָט אים פאַרשפּאַרט אין אַ שפּייז־קאַמער, וואָס איז פול מיט ווילגאָטש און מויזן קויט. ער האָט געהאַט אויפגעגעסן דאָס שטיקל קוילעטש מיט דער פּולקע, האָט מען אים דערלאַנגט אַ וואַסערדיקע גלאָז

קאַווע מיט אַ שטיקל פּאַרטריקנט קעז־קוכן. דער קעז אויפן קוכן איז גע־
ווען שטאַרק זויער, און דאָס ייִנגל האָט עס ניט געגעסן, ער האָט עס צע־
ברעקלט און צעשאָטן אין די ווינקעלעך, אַז די מייז זאָלן עס עסן און לאָזן
אים צורו.

אויף מאָרגן אינדערפרי איז צו אים אין קאַמער אַריין אַ צווייטער ייִד,
אויך מיט אַ געלער באָרד. ער איז געקומען מיט אַ ליכט אין דער האַנט און
סטאַשעק האָט אים גלייך דערקאַנט, אַז דאָס איז ער, דער אמתער דזשאַדעק,
וואָס איז יענע וואָך געווען ביי זיי.

דערקאַנט סטאַשעקן, האָט דער דזשאַדעק אויסגעלאָשן די ליכט און גע־
נומען אים אין שטוב אַריין. ער האָט זייער גענוי זיך אויסגעפרעגט, וואָס
פאַרלאַנגט דאָס ייִנגל און ווער האָט אים געגעבן דאָס געלט אין די הענט.
דערוואוסט זיך אַלץ, ווי עס באַדאַרף צו זיין, האָט ער צום ייִנגל אַזוי געזאָגט:

— טאָן וואָלט מען באַדאַרפט טאָן על־פּי קלאָרן פאַרשטאַנד. על־פּי
קלאָרן פאַרשטאַנד וואָלטן מיר באַדאַרפט מאַן אַזוי: נעמען דיך און אַוועק־
פירן דיך צוריק אַהיים. אָבער דער קלאָרער פאַרשטאַנד האָט אויפגעהערט
דינען אין דער וועלפישער וועלט. וועל איך דיך אַריבערפעקלען אַהין. ניט
איך — דער ברודער מיינער, אויך דיינער אַ דזשאַדעק. אָבער איך וואָרן דיך:
דו ביסט אין גרויס געפאַר. האָסטו מורא — פאָר אַהיים.

— איך וויל אַהין! — האָט סטאַשעק אויסגעשריען מיט היץ. — און
איך בעט זייער דעם דזשאַדעק, ער זאָל עס מיר טאָן. אָט איז דאָס געלט.

דער ייִד האָט זיך ווידער אויסגעפרעגט און נאָכגעפרעגט, דערפירט דאָס
ייִנגל צו טרערן ביים דערציילן די געשיכטע, וויאַזוי מע האָט אים געפייניקט
אין שול.

דאָ האָט זיך דער ייִד שטאַרק פאַרטראַכט. ער האָט דערשפּירט: מיט
עפּעס אַ ביטערן געמיש האָט דאָס ייִנגל אָנגעפילט זיין נשמה. לכתחילה
האָט ער געוואָלט נקמה נעמען אָן זיין פלימעניק דעם משומד, אויסראַטן זיין
געביין, אַ וואָרף טאָן זיין איינציק שטיקל געדעכעניש צו דער גרענעץ און זאָל
ער אויך פילן דעם טעם, וואָס אַ פאָטער פילט, ווען מע נעמט ביי אים צו זיין
איינציק קינד. אָבער דערנאָך האָט ער פלוצלונג רחמנות געקראָגן אויפן
ייִנגל. דערנאָך איז אים אין קאָפּ עפּעס אַזוי געדיכט און טונקל געוואָרן, אַז ער
האָט שוין גאָרניט געוואוסט, וואָס צו טאָן, נאָר אין אַ מינוט אַרום האָט ער
געעפנט זיינע אויגן, אַ קוק געטאָן אויפן ייִנגל און געזאָגט:

— גוט... איך זע, אַז גאָט וויל אַזוי...

מע האָט אים צוריק אַריינגעזעצט אין דער פינצטערער קאַמער, און
נאָך האַלבער נאַכט האָט מען אים פאַרבונדן די אויגן מיט אַ טיכל, און ער

האָט דערפילט אין זיין האַנט דאַרעביינערדיקע פינגער, וואָס ער האָט מורא געהאַט שטאַרק דריקן, ווייל אים האָט זיך געדוכט, אַז זיי וועלן זיך איבער־ברעכן. אים איז שטאַרק ניט אָנגענעם געווען צו האַלטן אין זיין האַנט די דינע שטעקעלעך, באַצויגענע מיט אַ קאַלטער טרוקענער מענטשלעכער הויט.

— זאָל דער דזשאַדעק אָפּבינדן מיר די אויגן, וועל איך אַליין גיין, — האָט זיך דאָס ייִנגל געבעטן.

— ניין, ניין, דאָס טאָר מען ניט, — האָט דאָס ייִנגל דערקענט די שטים פון יענעם אַלטן, וואָס האָט אים דער ערשטער באַגעגנט, — האַלט מיך שטייפער ביי דער האַנט. דאָ איז ניט ווייט.

זיי האָבן זיך געהאַלטן ביי די הענט און זיינען געלאָפן. אַ רעגן האָט גע־גאָסן, אַ מחיהדיקער מאַיאָווער נאַכט־רעגן, וואָס גייט אַרויס אויף דער וועלט, ווי דער אויפראַמער — באַשפּריצן, אויסוואַשן, אויפראַמען און אָפּפרישן די פעלדער מיט די וועלדער.

ווען עס איז געבליבן אַן ערך צוויי ווערסט צו דער סאָוועטישער גרענעץ, האָט מען זיי אָנגעהייבן נאָכיאָגן. דער אַלטער האָט.עס לכתחילה דערשפּירט בלויז מיטן חוש — קיין שום גערוישן האָט אַ געוויינלעכער מענטשלעכער אויער דערווייל ניט געקאָנט אויפכאַפּן. דער אַלטער איז נאָך האַסטיקער אַוועקגעלאָפן און נאָך שטאַרקער געצויגן נאָך זיך דאָס ייִנגל. אין געלאַף האָט ער זיך אָנגעבויגן צו זיין אויער און אַריינגעשושקעט:

— קיין פּיפּס טאָר מען ביי אַזעלכע זאַכן ניט אַרויסלאָזן... מיט די פיס ניט הילכן... אינדערלופטן דאַרף מען שוועבן... שטומערהייט...,

דאָס ייִנגל האָט זיך געסטאַרעט שוועבן אינדערלופטן שטומערהייט... צו הילכיק האָט נאָר געקלאַפּט זיין האַרץ. דאָס האָט ער ניט געקאָנט אַנדערש מאַכן. דער האַסטיקער געלאַף האָט געפּאָדערט אַן אָפטן, האַסטיקן אָטעם.

דער ערשטער שאָס איז פאַרן ייִנגל געקומען זייער אומגעריכט. ער האָט זיך אַ צי געטאָן צום אַלטן און געפרעגט:

— וואָס איז דאָס? עס איז נאָך אַלץ ווייט?

— ששששש... — האָט זיך דער אַלטער צעשיקעט און איז אַוועקגעפאַלן אויף דער ערד און מיטגעצויגן מיט זיך דאָס ייִנגל. אויף דער ערד ליגנדיק האָט דער אַלטער אַריינגערוימט דעם ייִנגל אין אויער אַריין: — דאָס זיינען מיר נאָך דאָ, ביי זיך... צו זיי איז געבליבן אַ ווערסט... ליג... דער רעגן דינט אונדז...

דער רעגן האָט זיך געשטאַרקט. אָבער דעם ייִדן האָט זיך פּלוצלינג אָנ־געהויבן אויסדוכטן, אַז דער רעגן האַלט ביים סוף און אָט גייט אַרויס די לבנה פון אונטער די וואָלקנס און אַלץ איז פאַרפאַלן. אין שרעק האָט ער

זיך אַ הייב געטאָן פון דער ערד, מיטגעריסן מיט זיך דאָס יינגל און איז ווי־דער אַוועקגעלאָפן. דער ייד האָט קיין טעות ניט געהאַט: דער רעגן האָט אײַנקורצן טאַקע ווירקלעך אויפגעהערט, די לבנה האָט זיך טאַקע באַוויזן פון אונטער די וואָלקנס, און עס האָבן זיך ווידער דערהערט עטלעכע שאָסן מיטאַמאָל. דער ייד איז ווידער אַוועקגעפאַלן און מער שוין ניט געקאָנט זיך אויפהייבן. דאָס יינגל האָט איינגעביסן די ליפּן ביז בלוט, אַ הייב געטאָן די האַנט אַראָפּצורייסן פון די אויגן די בינדע, אָבער ניט באַוויזן דאָס צו טאָן — ער איז אויך אַנידערגעפאַלן לעבן יידן.

און אין איינע דריי טעג אַרום האָט דער פאָטער מיטן זון ווידער זיך באַגעגנט.

פּראָפעסאָר פאַן יוזעף לאַגול־מלאָווסקי איז געשטאַנען אין תפיסה־שפּי־טאָל, ביי דעם בעט פון זיין זון. ער האָט שוין אַלץ געוואוסט, — דער תפיסה־כירורג האָט אים ליבנסווירדיק און פיינלעך לאַנגזאַם דערציילט די גאַנצע געשיכטע פון זיין יינגלס פלוג צו דער גרענעץ.

— גאָט אונדזער הייליקער, — האָט דער כירורג פאַרהויבן זיינע אויגן צום הימל און אַראָפּגעלאָזט זיינע לאַנגע גרויע וואָנצעס צו דער ערד, — צי באַנעמט דער פאַן פּראָפעסאָר די צייט, אין וועלכער מיר לעבן? דאָס קינד גייט קעגן פאָטער...

— דאָקטאָר, — האָט אים פּראָפעסאָר מלאָווסקי איבערגעריסן, — ווי איז זיין צושטאַנד?

— שווער, שווער איז זיין צושטאַנד, — האָט דער כירורג איילִיק אָפּגע־ענטפערט, — איר זייט זיין פאָטער, און איך האָב קיין רעכט ניט צו לייקע־נען... דער לינקער פוס איז אַמפּוטירט... אָבער צי וועט עס העלפן? גאַנגרענאָזע דערשיינונגען לאָזן זיך מערקן... גאָט מיין הייליקער! ער איז דאָך אַ מעת־לעת געלעגן ביי דער גרענעץ אָן קוואַליפיצירטער הילף...

פּראָפעסאָר מלאָווסקי האָט זיך אָפּגעקערט, ווייל אים האָט זיך געדוכט, אַז אויב ער וועט נאָך איין רגע קוקן אויפן כירורג, וועט ער ניט אויסהאַלטן, אַרומכאַפּן יענעם ביי די אַקסל און זיך צעיאָמערן אויף זיין ברוסט. ער האָט זיך אָפּגעקערט און איז אַוועק. ער האָט געוואוסט, אַז בעטן דעם כירורג, אַז יענער זאָל טאָן אַלץ, וואָס מעגלעך איז אויף אויף ראַטעווען זיין זון, איז איבעריק, ווייל דער כירורג האָט שוין געקראָגן די געהעריקע שטרענגסטע פאַראָרדענונג צו דערהאַלטן ביים לעבן דאָס יינגל, אום וואָס עס זאָל ניט גיין. פּראָפעסאָר מלאָווסקי האָט גוט פאַרשטאַנען, אַז די פאַראָרדענונג זוכט ניט אַזוי וויט צו באַשיצן זיינע, פּראָפעסאָר מלאָווסקיס, פאָטערלעכע אינטע־רעסן, ווי די אינטערעסן פונעם לאַנד: מע דאַרף אומקערן דאָס יינגל צום

לעבן און מע דאַרף זיך געגנוי דערוויסן: וואָס, און אפשר ווער, האָט אים געטריבן צו דער גרענעץ און פּראָפעסאָר מלאָווסקי איז געווען זיכער, אַז אויב עס איז נאָר דאָ אַ מעגלעכקייט צו אומקערן זיין יינגל דאָס לעבן, וועט דאָס געטאָן ווערן אָן אים. און ער איז אַוועק. ער האָט אין דעם זעלבן טאָג זיך דערשלאָגן אַן אויפנאַם ביים מיניסטער. ער האָט אים אָפן דערקלערט, אַז ער ווייסט, אַז זיין זון האָט אויף זיך געוואָרפן אַ פּאָליטישן פאַרדאַכט מיט זיין פלוג צו דער גרענעץ. אָבער ער, לעגיאָנער יוזעף לאָגול־מלאָווסקי, ווייסט די ריכטיקע סיבה.

און ער האָט אים דערציילט וועגן קאָסטיושקאָ־דאָמבראָווסקיס אָנפאַלן אויף זיין סטאַשעקן.

דער מיניסטער האָט אים אויסגעהערט מיט יענעם מיטגעפיל און מיט יענער גרייטקייט צו העלפן, וואָס האָט אים גלייך איבערצייגט, אַז זיין יינגל איז שוין אויסער חשד און די געשיכטע מיט די געשלעגן אין דער שול איז פאַר דעם מיניסטער שוין באַוואוסט נאָך בעסער ווי אים.

— יאָ, — האָט זיך דער מיניסטער פון זיין אָרט אויפגעהויבן, און דאָס האָט געקאָנט באַטייטן, אַז די אַאודיענץ איז געענדיקט. — דאָס אַלץ, וואָס דער פאַן פּראָפעסאָר דערציילט, איז ריינע וואָרהייט, מיר איז עס געגנוי באַוואוסט, און זאָל דער פאַן פּראָפעסאָר זיין רואיק. עס איז אָפּגעגעבן געוואָרן אַ פאַראָרדענונג צו אומקערן דאָס קינד צום לעבן, עס איז אָפּגעגעבן געוואָרן אַ פאַראָרדענונג אַריבערצופירן אייער קינד פון תפיסה־שפּיטאָל פונעם היי־ליקן קינד יעזוס. דער פאַן פּראָפעסאָר דאַרף ניט האָבן קיין אַנגסט . . . איך בעט איך, האָט דער פאַן פּראָפעסאָר זיך געזעגן מיט שמוליק קאַמאַשן־שטע־פער? וואָס איז די מיינונג פון פאַן פּראָפעסאָר? גראַד איצט, — האָט דער מיניסטער עטוואָס אויפגעהויבן אַ פינגער, — איז פאַר אונדז זייער וויכטיק, אַז דער פּראָפעסאָר זאָל אונדז געבן זיין שריפטלעכע מיינונג וועגן דער פאַר־ברעכערישקייט פונעם גאַנצן ענין.

פּראָפעסאָר מלאָווסקי האָט אַ לאַנגן קוק געטאָן אויפן מיניסטער. אים איז איינגעפאַלן, אַז גראַד איצט איז טאַקע זיין פליכט צו דערוויזן, אַז אויב עס האַנדלט זיך בלויז וועגן די ראַדיאָ־אַוונטן, איז שמוליק קאַמאַשן־שטע־פער אומשולדיק, ווייל ער, דער מענטש שמוליק קאַמאַשן־שטעפער, האָט דאָס רעכט צו הערן ראַדיאָ.

אים האָט זיך אין דער רגע אויסגעדוכט, אַז ער האָט צוויי אומגליקלעכע זין: סטאַשעק און שמוליק. ביידע זיינען אומשולדיק און ביידע זיינען צע־קאַליעטשעט געוואָרן בלויז דערפאַר, ווייל די מענטשן, וואָס שטייען ביי דער מאַכט, האָבן געוואָלט אַוועקרויבן ביי זיי זייערע מענטשלעכע רעכט. און די

קינדער האָבן זיך ניט געלאָזט.

דער מיניסטער איז געשטאַנען און געוואַרט אויפן פּראָפעסאָרס ענטפער.

— גוט, — האָט ענדלעך געזאָגט דער פּראָפעסאָר זייער אַנטשלאָסן, — אויב אייער עקסעלענץ וועט דערלויבן... נאָר דערויף האָב איך נייטיק פער־זענלעך זיך זען מיט אים...

— אויסגעצייכנט, איך בעט אייך זייער! — האָט דער מיניסטער דער־לאַנגט זיין האַנט דעם פּראָפעסאָר.

און פּראָפעסאָר מלאַווסקי איז אַרויס פון מיניסטערס קאַבינעט אַ גלייכער און אַ שטאָלצער מיט יענעם מאָביליזירטן מוט אין זיך, וואָס מע קען טרעפן ביי יעדן ניט שוואַכן מענטשן אין דער צייט פון אַן אומגליק.

ער איז אַוועק און באַשלאָסן ביידע קינדער ראַטעווען.

אָבער בעתן דורכקוקן די פּאַפּירן און זיצנדיק אין אַ באַזונדער צימער אויג־אויף־אויג מיט שמוליק קאַמאַשן־שטעפער, האָט ער זיך ניט געקאָנט באַפרייען פונעם געדאַנק, אַז זיין קינד איז אין אַ גרעסערער געפאַר, אַז ער פאַרלירט פשוט זיין יינגל, און וואָס וועט ער טאָן נאָכדעם, ווי ער וועט אים פאַרלירן? ער האָט אויך ניט געקאָנט באַשליסן די פראַגע, וואָס צו טאָן מיט דער פרוי, וואָס זיצט אין זאַקאַפּאַנע — אַרויסרופן זי צי ניט אַרויסרופן? זי איז דאָס ערשטע מאָל געקומען אויך זייער ניט געגרן.

— אַך, מיין גאָט, — האָט זי אים פאַרגעוואָרפן, — צוליב נאַרישקייטן רייסטו איבער מיין קוראַציע...

— אָבער דאָס איז דאָך ניט קיין נאַרישקייט? — האָט פּראָפעסאָר מלאַוו־סקי אויסגעשריען.

דער יונגער קאָמוניסט, שמוליק קאַמאַשן־שטעפער, וואָס איז אַנטקעגן אים געזעסן, האָט זייער דערשטוינט אַ קוק געטאָן אויף אים און עטלעכע מאָל איבערגעחזרט:

— איך פאַרשטיי ניט די פראַגע פונעם אויספאָרשער.

פּראָפעסאָר מלאַווסקי האָט געקוקט אויפן בחור, געוואָלט אים זאָגן, אַז ער איז ניט קיין אויספאָרשער. אָבער דאָס מויל האָט פון זיך אַליין, ווי קעגן זיין ווילן, גערעדט גאָר אַנדערע רייד:

— איך מיין צו זאָגן, אַז פירן פּראָפּאַגאַנדע אויף אַרונטערצורייסן די הערשנדיקע אָרדענונג איז אַן אַקציע, ניט קיין קלייניקייט. צי דער פאַן שמו־ליק קאַמאַשן־שטעפער מיינט אַנדערש?

— געוויס איז דאָס ניט קיין קלייניקייט. — האָט שמוליק קאַמאַשן־שטע־פער געענטפערט מיט גרינגשעצערישן קוועטש מיט די אַקסלען.

נאָר פּראָפעסאָר מלאַווסקי האָט אים כמעט ווי ניט געהערט. ער האָט

געקוקט אויפן יונגן בחור, וואָס האָט געהאַט זייער אַן אָפן און קלוג פּנים, און אים איז פּלוצלינג איינגעפאַלן, אַז דאָס בעסטע מיטל צו אַנטשיידן די פראַגן, וואָס פּייניקן אים איצט, וואָלט געווען — זיך אויפהייבן פון אָרט און אַזוי זאָגן:

— הער, דו, שמוליק קאַמאַשן־שטעפּער פון דער קאַרמעליצקאַ־גאַס. גיב מיר אַן עצה, וואָס צו טאָן: מיין יינגל ליגט אויפן טויטן־בעט אינעם שפּיטאָל פונעם הייליקן קינד יעזוס. מיין פרוי זיצט אין זאַקאָפּאַנע. זאָל איך זי אַרויסרופן? און אויב מיין יינגל וועט שטאַרבן, וואָס זאָל איך נאָכדעם טאָן? דו ווייסט, ווי איך האָב ליב מיין יינגל? נו, אָט טרעפט זיך אַזאַ משוגע־נער פאָטער, וואָס האָט אַזוי ליב זיין יינגל, אַז ער איז גרייט פאַר אים דאָס לעבן אָפּגעבן, איז וואָס זאָל טאָן אַזאַ פאָטער, ווען זיין יינגל שטאַרבט? גיב אַן עצה, שמוליק קאַמאַשן־שטעפּער פון דער קאַרמעליצקע־גאַס. איך זע, דו האָסט אַן אָפן און קלוג פּנים. איך וועל דיך פאָלגן!

פּראָפעסאָר מלאַווסקי האָט זיךווירקלעך אויפגעהויבן פון זיין אָרט. ער האָט זיך דורכגעשפּאַצירט הין און צוריק איבערן צימער און אַריינגע־רוקט אַלע צען פינגער אין די שיטער־ווערנדיקע האָר — ער האָט איצט אינערלעך אַ שווידער געטאָן, ווייל אים האָט זיך געדוכט, אַז ער גייט אַראָפּ פון זינען.

פונדעסטוועגן איז ער צוגעגאַנגען נאָענט צום דערשטוינטן שמוליק קאַמאַשן־שטעפּער און אויסערלעך רואיק אים געזאָגט:

— פאַרשטייסט דאָך שוין שמוליק קאַמאַשן־שטעפּער אַליין, אַז אויב די אָקציע איז ניט קיין קלייניקייט, מוז אויך די שטראָף דערפאַר זיין ניט... קיין קלייניקייט.

שמוליק קאַמאַשן־שטעפּער האָט געזען, אַז מע רעדט היינט מיט אים ניט צו דער זאַך. האָט ער זיך באַנוצט מיט דער געלעגנהייט און געזאָגט:

— איז אויב מיר וועלן אַנגעמען דעם טעזיס פונעם פאַן אויספאָרשער, קאָנען מיר ווייטער ציען די קאָנסעקווענצן: און אויב די שטראָף וועט זיין... ניט קיין קלייניקייט, וועט די קעגן־אַקציע, וואָס וועט קומען אַלס ענטפער אויף די רעפּרעסיעס קעגן פרייהייט פון געדאַנק, זיין... אודאי ניט קיין קלייניקייט. אין דער לעצטער שורה וועט עס דערפירן ביז צו אַ בירגער־קריג. צי דער פאַן מיינט אַנדערש?

פּראָפעסאָר מלאַווסקי האָט אַ דערשטוינטער זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ ווײַלע קעגן דעם דרייסטן, קלוגן בחור. אים איז איינגעפאַלן, אַז עס איז געווען אַ נאַרישקייט פון זיין זייט צו טראַכטן, אַז אַזעלכע מענטשן ווי שמוליק קאַמאַשן־שטעפּער זיינען אומגליקלעכע און נייטיקן זיך אין זיין הילף. דער

יונג מיינט, אַז אַנטקעגן אים זיצט אַן אויספּאַרשער, און דאָך, ווי אומאָפּהענ־גיק און שטייף ער האַלט זיך עס! דער פּראָפעסאָר האָט אַריינגעקוקט צו זיך אין נאָטיץ־ביכל און געפונען: „שמוליק בעל־עגלה („קאָמאַשן־שטעפּער"), ניינצן יאָר אַלט, אַרבעט אויף דער קאַרמעליצקע־גאַס". „גאָט מיי־נער! — טראַכט דער פּראָפעסאָר, — סך־הכל אויף פינף יאָר מיט עפּעס עלטער פון סטאַשעקן. ווי זיי וואַקסן עס. די יונגע פּילאָזאָפן אויף דער קאַרמעליצקע־גאַס!"

און ער האָט באַשלאָסן, אַז ער האָט דאָ מער ניט וואָס צו טאָן.

ער איז אַוועק צופוס אַהיים.

דרויסן האָט ער זיך דערפילט אַ ביסל בעסער. די גאַסן זיינען פול גע־ווען מיטן געוויינלעכן נאָכמיטיקדיקן טומל, און פּראָפעסאָר מלאָווסקי האָט זיך דערפילט מיט עפּעס פאַרבונדן מיט אָט דעם גאַס־טומל — דאָ זיינען פאַרביי זיינע קינדער־ און יוגנט־יאָרן, — און אים האָט זיך פּלוצלינג אויס־געוויזן, אַז עס איז גאָרניט געשען, אַז זיין געהער האָט אים אָפּגענאַרט: מע האָט קיין פוס ביי זיין יינגל ניט אמפּוטירט, מע פאַרהאַלט אים פּשוט אויף קלאָר מאַכן די זאַך. נו, יאָ! עס איז דאָך אומעגלעך! אָך, מיין גאָט! ער האָט דאָך אַפילו זיין יינגל ניט געזען. ער איז געשלאָפן. זיין קינד, ניין, ניין! דער כירורג האָט אַפילו ניט דערמאָנט וועגן אַמפּוטאַציע!

און ער איז מיט גיכע טריט אַוועק צופוס אין שפּיטאָל פונעם הייליקן קינד יעזוס.

פונעם שפּיטאָל־טויער איז ער אַרויס אַ געהויקערטער און געעלטערטער, אָן אַ הוט, אַ בלינדער פון טרערן.

דאָס יינגל איז געשטאָרבן.

עס איז געווען אָונט. אַהיים האָט ער מורא געהאַט צו גיין. אים האָט זיך אויסגעדוכט, אַז אין דער היים וועט ער פאַלן אויף דער ערד און רייסן מיט די נעגל דעם דיל. ער איז אַוועק מיט די יערוזאַלעמער אַלייען, איז אַריבער די בריק איבערן ווייסל, דורכגעשפּאַצירט גאַנץ פּראַגע, איז אַוועק אין פּאַרק.

ער האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף אַ באַנק. פונעם נאַכט־באַר האָט זיך דערטראָגן אַהער אַ געטומל, וואָס איז געווען אַ געמיש פון דזשעז־מוזיק, געשיר־געקלונג, פיס־שמאַדעריי פון די טאַנצנדיקע, הילכיקע קנאַלן פון אַרויסגעצויגענע פּראָפּנס פון פלעשער. איבער דעם אַלעס האָט געוועלטיקט אַ ווייכע פרויען־שטים. זי האָט יאַושדיק גלייכגילטיק געזונגען איר ליד.

פּראָפעסאָר מלאָווסקי איז אַוועק ווייטער, טיפער אין פּאַרק. דאָ איז ער אַ פּאָר שעה געזעסן אַ שטומער, און אַז עס איז געקומען די מינוט און ער

איז ווידער געקומען צו זיך און זיך דערמאָנט, אַז זיין ייִנגל איז שוין טויט, און דערזען פאַר די אויגן זיין טויטן קערפּער מיטן אָפּגעהאַקטן לינקן פוס, איז ער אַוועקגעפאַלן אויפן גראָז מיטן פּנים אַראָפּ, אַרומגעכאַפּט די ערד און זיך צעיאָמערט.

אַ פּאָליציאַנט האָט עס באַמערקט. ער איז רואיק צוגעגאַנגען צום פּראָ־פעסאָר, אויפגעהויבן אים פון דער ערד, דערזען זיינע אָנשטענדיקע מלבושים און אַנידערגעזעצט אים צוריק אויף דער באַנק.

דער פּאָליציאַנט האָט זיך נאָכגעפרעגט:

— דער פּאַן געדענקט, וואו ער וואוינט?

דער פּראָפעסאָר האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— דער פּאַן וועט טרעפן צו זיך אַהיים?

ווידער דער זעלבער שאָקל מיטן קאָפּ.

— דער פּאַן האָט ביי זיך ווערטפולע זאַכן, געלט?

אַ שאָקל מיטן קאָפּ אויף ניט.

— אַרויסרופן פאַרן פּאַן אַן אויטאָ?

ווידער אַ שאָקל מיטן קאָפּ אויף ניט.

— איז אויפפירן זיך רואיק! — האָט דער פּאָליציאַנט שטרענג באַפוילן — איך ווינטש דעם פּאַן אַ גוטע נאַכט, — האָט ער צוגעגעבן אין אַ ווײַלע אַרום, צולייגנדיק זיין האַנט צום דאַשעק און איז אַוועק.

אויף מאָרגן, גאַנצפרי באַגינען, האָט זיך פּראָפעסאָר מלאַווסקי אויפגע־הויבן פון דער באַנק.

ניט צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן איז יוזעף מלאַווסקי אַזוי פרי וואַך און זעט אַ טאָג־אויפגאַנג. שטענדיק אין אַזעלכע שעהן האָט ער געהאַט דעם גוטן געפיל פון אויפקום און אָנהייב. די וועלט איז פריש. די וועלט באַנייט זיך אָן אויפהער. זי ענדערט זיך פיר מאָל אין יאָר, און פּרעכטיק איז ניט נאָר דער פרילינג און זומער. — די צייט פון בליאונג און געבורט, — נאָר אויך דער האַרבסט און ווינטער, — די צייט פון דעמערונג און שלאָף. די וועלט באַנייט זיך נאָך אָפטער. זי באַנייט זיך אַלע טאָג. דער טאָג גייט אויף און צעוואַקסט זיך, דער טאָג פאַרגייט און שטאַרבט. נאָר פּרעכטיקער פון אַלע באַנייאונגען איז פון דעסטוועגן די פרילינג־באַנייאונג, די באַגינען־באַנייאונג, און גאָר די סאַמע פּרעכטיקסטע צייט אין יאָר איז — דער יונגער זומער־באַגינען. אין די שעהן ווערן אַלע מענטשלעכע ליידן געשטילט און געלינדערט. און ווער עס לעבט — דער וויל זיין טעטיק און געניסן פון לעבן. און ווער עס איז געשטאָרבן — דעם דאַרף מען באַהאַלטן.

פּראָפעסאָר מלאַווסקי האָט זיך אויפגעהויבן פון דער באַנק מיטן לעצטן

ביסל אַנטשלאָסנקייט און מוט אין געמיט: מע דאַרף גיין אין שפּיטאָל פונעם הייליקן קינד יעזוס נעמען דעם טויטן קערפּער פונעם געליבטן זון און באַהאַלטן אים אויפן אַלטן יידישן בית־עולם, אין פאַמיליע־קבר פונעם שטאַם לאַגול־מלאַווסקי, וואָס איז אַ שטאַרקער שטאַם — אַ דעמב ביים ווייסל, מיט טיפע וואָרצלען אין דער ערד און מיט אַ ברייטער גרינער קרוין הויך אונטערן הימל.

נאָר חוץ די נאַטור־ענדערונגען איז אין דער וועלט, ווייזט אויס, פאַרגעקומען נאָך איינע עפּעס אַן ענדערונג, וואָס האָט פאַר יוזעף מלאַווסקיס זון פאַרשלאָסן דאָס מויל פון דער ערד.

אין דער יידישער גמינע האָט מען דעם פּראָפעסאָר פאַן יוזעף לאַגול־מלאַווסקי געמאָלדן, אַז זיין זון קאָן ניט באַהאַלטן ווערן צווישן יידן — ער איז ניט קיין בן־משה, ווייל ער איז אַן ערל, זיין פאָטער האָט געבראָכן דעם געזעץ פון ברית־אברהם.

דער גמינע־פאַרוואַלטער, אַ מענטש מיט אַ צווייענדיקן הויקער, פון וואָס ער האָט דעם קאָפּ שטענדיק געהאַלטן פאַרריסן, איז געשטאַנען אַנטקעגן פּראָפעסאָר מיט פולער פאַרלוירנקייט אויפן פנים, אָבער אויך מיט אַנטשלאָסנקייט אין בליק.

— דאָ איז דער גבול. דאָס קען מען ניט אַריבערטרעטן. — האָט ער דערקלערט.

דער הויקער האָט אים אויך געגעבן אָנצוהערן, אַז אין דער געשיכטע פון דער וואַרשעווער יידישער קהילה איז שוין געווען אַזאַ פאַל און מע האָט געהאַנדלט לויטן דין — מע האָט מל געווען דעם יידישן ערל נאָכן טויט און עס האָט זיך באַקומען אַ גרויסער סקאַנדאַל, און ניט איצט איז די צייט פאַר אַזעלכע אָפּעראַציעס, וואָס מוזן אַרויסרופן סקאַנדאַלן.

יוזעף מלאַווסקי, ניט וועלנדיק פאַרשוועכן דעם אָנדענק פון זיין קינד, וואָס האָט ניט איין מאָל ביי אים געמאָנט אַן ענטפער אויף דער פראַגע, צי איז גענוג צו זיין אַ מענטש, אָדער מע דאַרף נאָך דערצו זיין אַ ייד, אַ פּויל, אַ טאַטער, אַ האָטענטאָט — איז פונעם הויקער אַוועק, ניט זאָגנדיק אים קיין איין וואָרט.

יוזעף מלאַווסקי האָט אויף צוריקוועגס פון דער גמינע־פאַרוואַלטונג גאַנץ דעטאַל פאַרהערט זיין אייגענעם געוויסן און אויסגעפונען, אַז ער איז ריין.

— יאָ, זון, געליבטער זון, — האָט ער אין זיך געשעפּטשעט, — עס איז גענוג צו זיין אַ מענטש, אַ פּאַטריאָט פון דיין פאָטערלאַנד, אַ היטער פון

דער אָרדענונג, וואָס הונדערטער דורות פאַר דיר האָבן געשמידט און גע־שליפן.

און ער איז אַוועק אין דעפּאַרטאַמענט פאַר קולטור ענינים, ער האָט גע־בראַכט אַן אָנקלאַגע אויף דער גמינע.

דער שעף האָט אים אויפגענומען זייער ליבנסווירדיק, אויסגעדריקט מיטגעפיל און אומבאַמערקט אַוועקגעלייגט פאַר זיינע אויגן די צייטונגגען אַזוי, אַז פּראָפעסאָר מלאַווסקי האָט אַליין באַמערקט זיין נאָמען אינעם שוואַרצן רעמל — מע האָט אים אויסגעדריקט מיטגעפיל צוליבן טויט פון זיין געליבטן זון. אָבער די אָנקלאַגע האָט ער איידל צוריקגעוואָרפן.

— דאָס זיינען פראַגן פון אינערלעכן רעליגיעזן לעבן, פּאַן יוזעף. זאָל דער פּאַן פּראָפעסאָר האַנדלען לויטן געוויסן. די מאַכט איז דאָ אומבאַהאָלפן. דאָ איז די גרענעץ. דאָ איז די גמינע עקסטעריטאָריעל. דאָס קאָן מען ניט איבערטרעטן. פאַרשטייט זיך, אַז ביים געהעריקן דרוק וואָלט מען יאָ גע־קאָנט פועלן, אַז מע זאָל זיין זון באַהאַלטן אויפן יידישן בית־עולם, אָבער דאָס וואָלט אַרויסגערופן אַ סקאַנדאַל און ניט איצט איז צייט דערויף.

יוזעף מלאַווסקי האָט געשטוינט דערפון, וואָס דער הויקער פון דער גמינע, דער יידלאַך פון דער גענשע־גאַס און דער הראַביע פּאַן מירסקי, דער הויכער באַאַמטער און מלוכה־מאַן, באַנוצן זיך מיט איינע און די זעלבע ווערטער.

אָבער ער איז אַן אַן איבעריק וואָרט אַוועק אויך פונעם הראַביע.

אים איז איינגעפאַלן, אַז דאָס איז טאַקע, מעגלעך, געווען אַ פּאַרזען פון זיין זייט, וואָס ער האָט זיך געהאַלטן בלויז ביים פאַמיליען־קבר אויפן אַלטן בית־עולם. דער לאַגול־מלאַווסקי־דעמב איז זיך צעוואַקסן און איבערגע־וואַקסן דעם האַלב־איינגעפאַלענעם פלויט פונעם אַלטן יידישן בית־עולם. אויף די דאַזיקע געדאַנקען האָט אים אַרויפגעפירט אַ קליינע דעטאַל אין דער טרויער־מעלדונג אויפן טויט פון זיין זון: איבער זיין נאָמען איז געשטאַנען דאָס טראַדיציאָנעלע צלמל, וואָס ווערט געשטעלט אין אַזעלכע מעלדונגען.

פּראָפעסאָר פּאַן יוזעף לאַגול־מלאַווסקי איז אַוועק אין דער פאַרוואַלטונג פון די פוילישע צווינטערס.

אָבער אויך דאָ האָט ער באַקומען אַ קורצן אָפּזאָג.

— אייער זון איז ניט געטויפט, און מיר זיינען אומבאַהאָלפן.

דעמאָלט האָט ער באַשלאָסן, אַז ער האָט מער ניט וואוהין צו גיין, און ער האָט זיך פון אָט דעם באַשלוס דערפילט שטיפער. ער האָט געהאַלטן, אַז ער האָט דורכגעטראָגן דעם טויטן קערפער פון זיין געליבט ריין יינגל דורך ביידע גהינומס — דעם יידישן און קריסטלעכן. איצט זיינען זיי ביידע,

— פֿאָטער און זון, — ריינע מענטשן, עכטע מענטשן, ערשטע אַפּאָסטאָלן פֿון דער קומענדיקער מענטשהייט, מאַרטירער, וואָס האָבן ניט געקאָנט געפֿינען פֿאַר זיך די פֿיר איילן ערד דערפֿאַר, ווייל זיי זיינען געגאַנגען קעגן די איבער־בלייבעכצן, קעגן די מענטשלעכע פֿאַראורטיילן און נאַרישקייטן, דערפֿאַר, ווייל זיי האָבן פֿאַרוואָלט בלייבן ביזן סוף מענטשן.

— זון מיינער, געליבטער זון, — האָט דער פּראָפֿעסאָר געשעפּטשעט.

— דו וועסט אייביק בלייבן מיט מיר. אין אונדזער סאָד, אונטערן אַלטן דעמב, וועסטו ליגן, און אין דער שווערער שעה און אין דער פֿריילעכער שעה וועל איך קומען צו דיר. געליבטער זון מיינער, און מיר וועלן ווידער שמועסן.

— פּאַפּאַ, וועסטו פֿרעגן, איז גענוג צו זיין מענטש אָדער...

— יאָ, זון, וועל איך ענטפֿערן, עס איז גענוג

און ער האָט ביינאַכט זיך געשטעלט מיט סטאַכן און ווירקלעך אויסגע־גראָבן אַ גרוב אין סאָד, אונטערן דעמב, ניט ווייט פֿון דער קליינער סאַזשלקע, אַנטקעגן זיין פֿענצטער, פֿונוואַנען ער האָט זיך געקליבן צו קוקן, ווי די ווייסע שוואַנען וועלן אַרומשווימען אין וואַסער און פֿאַרוויילן די ריינע נשמה פֿון זיין יינגל.

אָבער די זאַך איז גלייך באַוואוסט געוואָרן דער מאַכט, און ער האָט באַ־קומען אַ שטרענגן באַפֿעל אַ סוף מאַכן צו דער ווילדער געשיכטע — דורכקו־מען מיט דער גמינע און באַהאַלטן זיין טויט קינד מענטשלעך.

דעמאָלט האָט יוזעף מלאָווסקי באַשלאָסן „אַראָפּצוּוואַרפֿן פֿון זיך די צוים“, ווי ער האָט זיך אין געדאַנק אויסגעדריקט, און האַנדלען מענטשלעך לויט זיין פֿאַרשטאַנד. ער האָט געבעטן ביי דער מאַכט פֿיר און צוואַנציק שעה אויף איינאַרדענען די קבורה פֿון זיין קינד, און, ניט פֿאַרשיטנדיק די גרוב אין סאָד, האָט ער אָנגעשריבן אַ קורצע דעפּעשע צו דער פֿרוי אין זאַקאָפּאַנע, אַז זייער יינגל איז געשטאָרבן. ער האָט עס געטאָן מער אויס פֿליכט, אַז זיין געוויסן זאָל זיין ריין קעגן דער אָפּגעפֿרעמדטער פֿרוי, וואָס האָט אין דער וועלט עכט ליב געהאַט בלויז איין מענטשן — זיך אַליין.

יוזעף מלאָווסקי האָט אויסגערעכנט, אַז ביז זיין פֿרוי אָנקומען אַהיים, ווען זי פֿאַרט אַפֿילו אַרויס מיטן ערשטן צוג גלייך נאָכן באַקומען די דעפּעשע, בלייבט אים נאָך אַלץ גענוג צייט אויף אָפּצוטאָן דאָס עכט־מענטשלעכע, וואָס ער האָט פֿאַרטראַכט.

און אַ באַרואיקטער, איז ער אַוועק אין שפּיטאָל פֿונעם הייליקן קינד יעזוס, געבראַכט זיין טויט יינגל אַהיים, אָנידערגעלייגט אים אין גרויסן זאַל, אָפּגענאַרט אַלע באַקאַנטע און פֿריינט, אַז דער קערפּער פֿון זיין געשטאָרבן

יינגל וועט געבראַכט ווערן אַהיים ערשט אויף מאָרגן צען אינדערפרי, און איז געבליבן אַליין מיטן זון.

ער האָט אַוועקגעשיקט די דינערשאַפט, פאַרשלאָסן דעם טויער, געעפנט אַלע טירן און פענצטער, וואָס זיינען אַרויס צום סאָד, גענומען זיין טויט יינגל אויף די הענט און געטראָגן אים איבער די צימערן, געבעטן אים זיך געזעגענען מיט די זאַכן, וואָס האָבן ביים לעבן אים אַרומגערינגלט, און שפּאַצירט מיט אים ביז אין דער טיפער נאַכט אין סאָד — געבעטן אויך דאָ זיך געזעגענען מיט די בוימער און בלומען, מיטן גראָז און מיטן וואַסער און מיט די שוואַנען אויפן וואַסער.

און איידער עס האָט אָנגעהויבן גרויען אויף טאָג, האָט ער גענומען זיין טויט קינד אויף די הענט נאָכאַמאָל, צוגעבונדן עס צו זיך מיט אַ רימען, איינגעהילט זיך מיט דעם אין אַ פּלעד און איז אַוועק מיט דעם איבער די יערוזאַלעמער אַלייען.

אין די צייטונגען פון יענעם חודש זיינען געווען אַ סך אויסגעטראַכטע זאַכן וועגן אָט דער פּאַסירונג. אייניקע צייטונגען האָבן געדרוקט סענסאַציאָנעלע נאָטיצן, אַז יעדע נאַכט, פון דריי ביז פיר דעם זייגער, קאָן מען זען אויף די יערוזאַלעמער אַלייען אַ געשפּענסט: אַ גרויסער מאַן טראָגט אויף די הענט אַ טויט קינד מיט אָפּגעהאַקטע פיס און פרעגט זיך נאָך ביי די זעלטענע פאַרבייגייער דעם וועג צום מענטשלעכן בית־עולם. ווען מע פרעגט ביי אים, וואָסער בית־עולם נאָמענטלעך זוכט ער: דעם קאַטוילישן צי דעם יידישן, דעם פּראַוואָסלאַוונעם צי דעם מאַכמעדאַנער, ענטפערט דער גרויסער מאַן מיטן טויטן קינד אויף די הענט, אַז ער זוכט דעם מענטשלעכן בית־עולם, פּשוט דעם מענטשלעכן, וואו מע קאָן באַהאַלטן אַ טויטן, וואָס איז ביים לעבן געווען אַ מענטש און מער האָט ער גאָרניט געוואָלט זיין.

נאָר דאָס האָבן די כראָניקיאָרן אויסגעפוצט דעם פּראָפעסאָר פאָן יוזעף לאַגול־מלאָווסקי אין אַ געשפּענסט, די כראָניקיאָרן, וואָס האָבן אייביק מורא, אַז דער רעדאַקטאָר וועט ניט דרוקן זייערע צען שורות כראָניק, ווייל די געשעעניש איז צו געוויינלעך.

אינדעראמתן איז די זאַך געווען קירצער און פּראָסטער.

אַרויס מיטן טויטן קינד אויף די הענט אויף די יערוזאַלעמער אַלייען, האָט יוזעף מלאָווסקי שטום, אין געדאַנק, פאַרפירט מיט זיין זון אַ געשפּרעך.

די זעלטענע פאַרבייגייער האָבן ווירקלעך אויף אַ ווילע זיך פאַרקוקט אויף דער מאָדנער הויכער פיגור פונעם גרויען מאַן אָן אַ הוט, אויפן מענטשן, וואָס טראָגט אויף די הענט אַ דערוואַקסן קינד. אָבער די פיס פונעם קינד זיינען געווען צו קורץ און באַהאַלטן אין דעם פּלעד, דער קאָפּ פונעם קינד איז

געלעגן מיטן פּנים אַראָפּ אויפן פּאַטערס אַקסל, און די פּאַרבייגייער האָבן זיך גיך באַרואיקט: אַ פאַרשטענדלעכע זאַך — אַ פּאָטער טראָגט זיין קאַליקע קינד שפּאַצירן. מסתמא שעמט ער זיך באַווייזן מיט אים אונטער דער טאָג־שיין. און די פּאַרבייגייער זיינען זיך רואיק געגאַנגען זייער וועג.

יוזעף מלאַווסקי האָט זיך ניט געאיילט. ער האָט שפּאַצירט לאַנגזאַם. און די וואָג פון זיין יינגלס קערפּער כמעט ווי ניט געשפּירט. ער האָט אים אין געדאַנק דערציילט זיין גאַנצן לעבן און פאַרזיכערט אים, אַז ער גייט פאַראָטן זיין פּאָטערלאַנד פּוילן, ער שעלט ניט די וועלט, נאָר ער גייט טאָן דאָס, וואָס אַלע ליבנדיקע הערצער באַפוילן צו טאָן אין אַזעלכע פאַלן — זיך ניט שיידן.

— ניין, ניין, — האָט ער געשעפּטשעט, דריקנדיק דעם טויטן קערפּער צו זיין ברוסט, — מיר וועלן זיך מיט דיר ניט שיידן.

און זיין קאָפּ איז פול געווען מיט אַ שווערן פּלאָנטער וועגן געשענדטע קערפּערס, קאַטוילישע פאַרזשאַווערטע נעגל אין אומשולדיקן לייב און וואָס דאַרף טאָן אַ ליבנדיקער פּאָטער, ווען זיין זון איז אומגעקומען דערפּאַר, וואָס ער האָט געוואָלט זיין אַ מענטש און מער האָט ער גאָרניט געוואָלט זיין.

עס האָט אָנגעהויבן גרויען אויף טאָג. עס איז געווען אָנהייב זומער באַגינען — די שענסטע צייט אין יאָר.

יוזעף מלאַווסקי מיט זיין טויטן זון אויף די הענט איז געבליבן שטיין אויפן מיטן בריק. אַ ווײַלע איז ער געשטאַנען אַזוי מיטן פּנים צו די יערו־זאַלעמער אַלייען, געקוקט און זיך דערשראָקן: אים האָט זיך געדוכט, אַז דער דעמב האָט זיך מיט די וואָרצלען אַרויסגעריסן פון דער ערד און טראָגט זיך אינדערלופטן איבערן ווייסל, אים האָט זיך געדוכט, אַז דער אָנגעשיכור־טער סטאַך יאָגט אים נאָך און שלעפּט אים באַלד צוריק אַהיים.

— ניין, ניין! נאָר ניט דאָס! — האָט ער אויסגעשריען און צוגעדריקט זיין טויט קינד שטייפער צו זיין ברוסט.

ער האָט זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צום וואַסער, אַראָפּגעקוקט אַהין; אָבער אויך אינעם וואַסער האָט ער ווי אין אַ שפּיגל דערזען דאָס זעלבע בילד: האָסטיק, מיט דער ברייט־צעוואַקסענער, שיינענדיקער גרינער קרוין פאַראויס, מיט די רויע, מיט פייכטער ערד באַדעקטע און אין אַלע זייטן צעוואָרפענע וואָרצלען — טראָגט זיך, טראָגט זיך, טראָגט זיך דער דעמב אַלץ פאָרויס, פאָרויס צום מזרח, צו דער אויפגייענדיקער זון, און סטאַך לויפט איבער דער גאַס און שרייט, אַז מע זאָל כאַפּן זיין האַר, דעם פּראָפעסאָר, וואָס איז פון זינען אַראָפּ.

דאָס האָט ער שוין מער ניט געקאָנט אויסהאַלטן און ער האָט זיך אָנגע־

כאַפּט אָן דער פּאַרענטש, ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אַז אָט כאַפּט מען אים און מע שלעפּט אים צוריק אַהיים, וואו אַלץ וועט זיך אָנהייבן ווידער פונדאָסניי.

אָבער אין אַ רגע אַרום איז דאָס בילד פאַרשוואונדן און ער האָט אַ דערפרייטער און אַ רואיקער, ווי ער וואָלט זיך געקליבן טאָן זייער אַ געווייִנלעכע זאַך, אָפּגענומען די הענט פון דער פּאַרענטש, אַרומגענומען מיט זיי שטייף זיין טויט יינגל, זיך איבערגעבויגן אַריבער דער באַלוסטראַדע און איז אַראָפּגעפאַלן פון בריק און איז גלייך אַוועק אונטערן וואַסער.

די בריק איז געווען הויך. דאָס וואַסער אין דער ווייסל — טיף.

די צוויי קערפּערס פונעם פאָטער און זון האָבן אויפגעהויבן אַ הויכלעכן זייל וואַסער.

אין אַ מינוט אַרום האָט זיך די אויבערפלאַך פונעם טייך צוריק פאַרצויגן. די רינגען אויף דער אויבערפלאַך פונעם וואַסער זיינען גלייך אָפּגעווישט געוואָרן דורך אָן אַנגעלאָפענער כוואַליע, וואָס אַ פרימאָרגן-ווינטל האָט געטריבן איבערן טייך. און קיינער האָט ניט געשריען, און קיינער האָט ניט געוויינט אויפן טויט פונעם פאָטער מיטן זון — עס איז געווען די פּריבאַגינענדיקע שעה פון אַ יונגן זומערטאָג, טאָקע די שענסטע שעה אויף דער וועלט, אָבער די שעה, ווען די וועלט שלאָפט נאָך, ווען אַפילו די נאַכטוועכטער דרעמלען אויף זייערע פּאָסטנס.

# די זון גייט אויף אין מזרח

1

דער טעסלער ישראל יעהודין איז אויפגעשטאַנען אין יענעם פרימאָרגן אַזוי, ווי עס שטייט טאַקע אויף אַ מענטש נאָך אַ שווערער און לאַנגער קרענק: אין אַלע גלידער זינגט עפּעס אַ שטילע, צאַרטע ליד, דער קאָפּ איז גרינג, דאָס האַרץ איז ווייך און גוט צו מענטשן, די גאַנצע וועלט איז פונדאַסניי טשיקאַווע און ליב און די הענט בענקען נאָכן צוגעוואוינטן געצייג — עס ווילט זיך אַרבעטן. דערצו האָט דער פּאָטשטער דורכן זומערדיק־אָפענעם פענצטער צום אָנבייסן דערלאַנגט אים אַ קאַרטל פונעם עלטערן ברודער. דאָס איז געווען אַ גרוזגעניש־קאַרטל — דער ברודער איז געפאַרן ווייט, קיין ביראָבידזשאַן. דאָס קאַרטל איז געווען פול באַפּערלט מיט האַלב־קיי־לעכיקע שורהלעך. פון אויבן איז געגאַנגען דער גרוס צום יינגערן ברודער מיט זיין הויזגעזינד; דערנאָך איז אין קורצע ווערטער דערציילט געוואָרן, אַז דאָס לעבן האָט זיך אים די לעצטע יאָרן (עס איז געגאַנגען דאָס יאָר 1928) שטאַרק פאַרבעסערט אויך דאָ, אין פּאַלעסיע, וואו די משפחה יעהודין לעבט שוין עטלעכע הונדערט יאָר. און ניט פון ווייטעק, נאָר פון וואוילטיק פאַרט ער: ער קאָן זיך פאַרגינען אָפּגעבן זיין ביסל קענטעניש דאָרט, וואו עס איז דאָ ווייניק מענטשן, מחמת ער וויל אַ ביסל באַדאַנקען אונדזער פאַרטיי און מאַכט, וואָס הייבט אויף גאַנצע פעלקער פון שטויב און שטעלט זיי אויף די פיס און מאַכט זיי צו לייטן גלייך...

...„שוין וויפל טויזנטער יאָרן, — איז אין קאַרטל געשטאַנען געשריבן, — אַז מיר זייגען אומעטום און אין ערגעץ ניט, און איצט זאָגט מען אונדז: אָט־אָ־דאָ שטעל זיך, אָט־אָ־דאָ בוי זיך, אָט־אָ־דאָ לעב זיך. און איצט זאָגט מען: האָסט הענט? נעם און בוי זיך, וואו צו בויען און פון וואָס צו בויען — אָט גיט מען דיר. די היסטאָריע פון דער זאַך איז, ברודער”...

נאָר דאָ איז געבליבן זייער ווייניק פּלאַץ אויפן קאַרטל, און דער ברו־דער האָט פאַרענדיקט:

די היסטאָריע פון דער זאַך איז, ברודער, ניט צו דערקלערן אין אַ קאָרטל. איך קאָן דיר זאָגן איינס: עס איז זייער כדאי, און, אויב דו וועסט גוט אַ טראַכט טאָן, וועסטו אויך ניט פאַרזאַמען צו קומען. פון מיר דיין ברודער, וואָס האָפט אינגיכן זיך זען מיט דיר אין ביראָבידזשאַן".

דאָס איז געווען אַ נייס. אַ לייכטער שוויס האָט אָזש באַדעקט ישראלס פנים און לייב. אַ גאַנצן ים מענטשן און געדאַנקען האָט אַרויסגערופן דעם ברודערס קאָרטל. וועגן ביראָבידזשאַן האָט מען פריער אויך גערעדט, נאָר דאָס זיינען אַלץ געווען רייד, אָן ממשותדיקע מעשים. איצט האָט די זאַך, ווייזט אויס, זיך אַ רוק געטאָן פונעם אָרט — דוד פאָרט אַהין, און דוד...

— דוד! — האָט ישראל געטראַכט אויפן קול, — ווער וואָלט גאָר געקאָנט גלייבן אויף אים, אַז ער קאָן אַזוינע קאָרטלעך שרייבן!

דאָס איז טאַקע געווען אַ חידוש, ווייל אַלס „פילאָסאָף" אין דער משפחה יעהודין האָט זיך פון אייביק אָן גערעכנט ער, ישראל טעסלער, און דוד דער מעכאַניקער איז געווען אַ מענטש אַ שווייגער, און אַ געדאַנק איז אים געווען שווער אַרויסצוזאָגן — אייביק איז ער געווען פאַרנומען מיט אויסטראַכטן נייע מאַשינעס. און איצט...

— אַזאַ מין קאָרטל! — האָט ישראל נאָכאַמאָל געזאָגט אויפן קול. אַ קוק געטאָן אין פענצטער און דערזען אין עפּעס אַ מאָדנער נייער שיין זיין היים שטעטל: דורך דעם שיין־צעבליטן וויינפּערלעך־קוסט, וואָס איז געוואַקסן הינטערן פענצטער, האָט זיך געזען, ווי די שטיבלעך זיינען אין די קרומע געסלעך געפלויגן באַרג־אַראָפּ. אַנדערע געסלעך האָבן זיך קאַראַבקעט באַרג־אַרויף — צום שוואַרצן וואַלד, דער שוואַרצער וואַלד איז איבערן שטעטל געהאַנגען ווי עפּעס אַ ריזיקער שלייער, וואָס, ווי נאָר די זון פאַרגייט, אַזוי בייגט ער זיך אָן, דער שלייער, איבערן שטעטעלע און פאַרדעקט עס, ווינטשט דעם אַ גוטע נאַכט און וויגט עס איין. אַזעלכע קליינינקע שלייערלעך העגנען כמעט איבער יעדער שטוב, און נאָך אידער די זון פאַרגייט, שיטן זיי שוין אָן פולע שטיבלעך מיט שאָטנס, וואָס טרייבן אָן עפּעס אַ זיסן אומעט אויף דער נשמה...

ישראל האָט אַ טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ — עס איז געווען ניט אָנגענעם, וואָס זיין ברודערס קאָרטל, געשריבן אין אַ מונטערן און פריילעכן טאָן, האָט אויף אים אָנגעיאָגט אַזעלכע אומעטיקע געדאַנקען. ער האָט נאָכאַמאָל אַ קוק געטאָן אין פענצטער און דערזען, אַז איצט איז אַ שטילער פריילעכער זומערפרימאָרגן און אונטער דער יונגער זון שיינען די גרינע שויבן, אַ שטילע פאַרע טראָגט זיך פון די ברוינע דעכער, און פון די אויסגעשטשערבעטע קוי־

מענס שטראָמט מיט אַ צאַפּל אַ דורכזיכטיק רויכעלע, און עס שטראָמט עפּעס אַזוי מאָדנע יומטובדיק און פייערלעך.

ישראל האָט נאָך אַ שטאַרקן טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ. ער האָט שוין איצט פאַרשטאַנען, אַז די פאַנטאַזיע וועגן שלייער, יומטובדיקן רויכעלע — דאָס איז עפּעס אַ מין רעשטל פון דער גרויסער פיבער־היץ, אין וועלכער ער איז געלעגן עטלעכע חדשים. אָבער אינגאַנצן פאַרטרייבן פון די אויגן דעם מאָדנעם אויסזען פונעם שטעטל האָט ער ניט געקאָנט.

און ער האָט זיך פאַרטראַכט.

טאַקע, ווי איז עס אים פריער ניט איינגעפאַלן, אַז עס איז אַ משוגעת אייביק צו לעבן אין אַזאַ מין סאָרט שטעטל, וואָס זינט ער געדענקט, רירט זיך עס ניט פון אָרט? עס רעכנט זיך אַ היים, אָבער אַרבעט זוכן איז ער אייביק געפאָרן אין די גרויסע שטעט. אמת, אויפן היגן בית־עולם ליגן די פאַרגאַנגענע דורות, אינעם היגן וואַלד האָט ער אין דער קינדהייט פייגעלעך געכאַפּט, פון די היגע ערטער האָט ער זיך גענומען אַ ווייב, פון דער היגער ערד האָט ער אַרויסגעשפּראָצט, אין דער היגער ערד וואָלט מען אים אַליין באַהאַלטן. און די היגע ערד איז טאַקע אַזוי ליב און טייער ווי אַן אייגענע מאַמע. נאָר אָט זעט מען דאָך, אַז אַמבעסטן האָבן גראָד געמאַכט אָט די, וואָס זיינען אַוועק פון די מאַמעס, אַוועק אין דער גרויסער וועלט אַריין... ניין... דוד איז גערעכט, מע דאַרף טאַקע פאָרן...

און טאַקע דערפאַר, וואָס דאָס אַוועקפאָרן פונדאַנען — אַ באַשלאָסענע זאַך נאָך פון פאַר דער קרענק — האָט זיך איצט מיטאַמאָל נאָענט אַ רוק געטאָן צו אים דורך זיין ברודערס קאַרטל, האָט ער איצט ניט געקאָנט אַוועקוואַרפן די געדאַנקען וועגן שטעטל.

עס איז פרי. דאָס גאַנצע שטעטל אַרבעט אין די אַרטעלן און אויף די פעלדער. די זונשיין וואַקסט ווי אַ געזאַנג. ער זיצט ביים אָפענעם פענצטער. אויפן קאַמאָד ליגט דער ביולעטין, און ישראל פילט זיך ווי אין עפּעס אַ מין חול־המועד — פריי און אויסגעאיידלט. ער ווייסט, אַז די האַק אין זיינע הענט וועט זיך היינט האַלטן ניט פעסט — ער איז נאָך אָפּגעשוואַכט. און ער דערפילט אַ גרויסע וואַרעמקייט אין דער נשמה פונעם בלוי־גרויען שטיקל פּאַפּיר, וואָס ליגט אויפן קאַמאָד און זעט אויס ווי אַן אַסיגנאַציע, וואו עס איז פאַרשריבן, אַז ער, ישראל יעהודין דער טעסלער, פערציק יאָר אַלט, טאָר ניט אַרבעטן ביזן צוואַנציקסטן יוני, ווייל ער איז נאָרוואָס אויפגעשטאַנען פון אַ שווערער קרענק.

ביי אים באַמבלט זיך אין קאָפּ דאָס וואָרט „סטראַכקאַסע". עס טראַכט זיך: „סאַראַ טייערע זאַך דאָס איז ביי אונדז, די „סטראַכקאַסע", וואָס לאָזט

ניט פאַלן אַ מענטשן אין אַ שווערער צייט און צאָלט אים מיט אַזוינע „אָסיג־נאַציעס”.

אָבער עס העלפט ניט. די אַלע זייטיקע געדאַנקען, וואָס ער נעמט זיך אין קאָפּ אַריין, — די געוועזענע קרענק, די האַק, דער ביולעטען, די „סטראַכ־קאַסע” — אָט די אַלע בילדער, וואָס ער שטעלט זיך פאַר די אויגן אויף צו פאַרטרייבן פון זיך די געדאַנקען וועגן אָוועקפאָרן, — דאָס אַלץ ווערט ניט צערונען: פאַר די אויגן שטייט ווידער דאָס געבורט־אָרט, וואָס קיינער גע־דענקט ניט, ווען איז עס אויסגעוואַקסן אָט־דער ישוב אויף דער היגער ערד, שטייט פאַר די אויגן אַזוי, ווי עס וואָלט זיך געבעטן, אַז מ׳זאָל זיך מיט אים כאָטש געזעגענען, ווי עס באַדאַרף צו זיין.

און ישראל גיט אָפּגעשוואַכט אַ מאַך מיט דער האַנט: זאָל זיך טראַכטן, וואָס עס טראַכט זיך.

דורכזיכטיק איז די לופט און ווייך איז דער געלער זאַמד אויף די גאַסן, ווייך און גלאַט. אָפּגעמעקט איז דאָס געשריפטס פון רעדער־שינעס און פער־דישע טלאָען און פון מענטשלעכע טריט אין די אַמאָל געוועזענע מאַרק־טעג; פאַרשאָטן זיינען די גריבער, וואָס עס האָבן דאָ אויסגעגראָבן די האַר־מאָטן־קוילן בעתן בירגערקריג; ווי קראַפּעווע און ווילד־גראָז זיינען אויס־געריסן געוואָרן די לעצטע שטיקלעך שטעכדראָט; טיף איינגעזאַפּט אין דער ערד האָט זיך דאָס בלוט, וואָס איז דאָ פאַרגאָסן געוואָרן; דאָס אַש פון די פאַרברענטע הייזער און דעם טויט־געשריי פון די אומגעקומענע מוטערס און קינדער האָבן די ווינטן ווי די באַדינער אין אַ צירק גיך אַוועקגעטראָגן פון דער היגער אָרענע, און דער שיינער געלער זאַמד אויף די היגע וועגן איז ווידער גלאַט, און די לופט איבער די מענטשלעכע קעפּ איז ווידער דורכזיכ־טיק און רייך, אויסגעוואַשן ווי נאָך אַ שלאַקסרעגן, און דאָס לעבן לייטערט זיך — וואָס אַ טאָג ווערט עס אַלץ העלער און שענער.

ישראל האָט דערפילט, אַז עס שווינדלט אים אין קאָפּ. אַ וואַרעמקייט האָט אַרומגעכאַפּט זיין לייב — אַ געזונטמאַכנדיקע וואַרעמקייט, וואָס שלאָגט אַרויס אַ לייכטן שוויס, און ער האָט ניט ווילנדיק פאַרוואָרפן זיין קאָפּ, אויס־געצויגן זיך אויפן אויסגעבעטן טאַפּטשאַן. ער האָט צוגעמאַכט די אויגן, אַ היפּשע ווילע זיך געשפּילט נאָך אין געדאַנק מיט אָט־די אַלע אויפסניי אין לעבן געפונענע זאַכן, די שווערע דערנידערונגען לייכט אָפּגעטריבן פון זיך, די פריידיקע זאַכן — דעם ווייכן געלן זאַמד אויף די גאַסן, דעם דופטיקן ווייַנפּערלעך־קוסט היגטערן אָפּענעם פענצטער, די זונשיין איבער דער וועלט, — דאָס אַלץ האָט ער מיט הנאָה ווי אַריינגעאָטעמט אין זיך, און מיט אַזאַ גרינגן. זיסן אָטעם איז ער טיף איינגעשלאָפן מיט יענעם שטאַרקן שלאָף

נאָך אַ שווערער קרענק, וואָס צענעמט דיר אַלע גלידער איינציקווייז, וואַשט זיי אויס אין טוי און אין שיין, שטעלט זיי צוריק צונויף און גיסט אַהין חיות, כוחות און לעבנספרייד.

צו מיטיק איז געקומען אַלטע. זי האָט זיך אַ ווײַלע פאַרהאַלטן אויפן שוועל און אַ שמייכל געטאָן. אַ דינע, אַ שטייפע, אין אַ רויטן סאַראַפאַן מיט אַ בלוי טיכל אויף אַן אַקסל, מיט צוויי גרויסע קאַשטאַנעווע צעפּ אויסגעלייגט אויפן קאָפּ, ווי אַ קראַנץ, האָט זי אַ שמייכל געטאָן מיט יענער צופרידנקייט, וואָס באַשיינט דאָס גאַנצע פּנים, שטראַלט אַרויס פון די גרויסע בלויע אויגן, צעציט עטוואָס די נאָזלעכער פון דער חנעוודיקער, פרײַלעך-קלוגער נאָז. זי איז געשטאַנען אַזוי אַ היפּשע ווײַלע אַ שטאַרק צופרידענע פון ישראלס צושטאַנד און אויסזען. ער איז געלעגן מיט פאַרמאַכטע אויגן, אָבער אין די באַהאַלטענע טיפענישן, אין שפּעלטעלע צווישן די וואָנצעס מיטן בערדל האָט זיך אויך געצאַפּלט אַ פרײַלעכער צופרידענער שמייכל. הינטער די אַראָפּגעלאָזטע אויגן-דעקלעך האָבן זיך די אויגן-עפּל רואיק און געמאָסטן באַוועגט, ווי זיי וואָלטן אינווייניק באַטראַכט עפּעס אַ פרײַלעכע און טשיקאַווע זאַך.

אין אַ ווײַלע אַרום זײַנען מיט אַ טומל אַרײַנגעלאָפן ביידע ייִנגלעך — דער צווילינג.

אַלטע האָט אויסגעשטרעקט צו זיי אַ האַנט אויף הינטן, געוואָלט פאַרלעשן זייער טומל, אָבער ישראל האָט שוין געעפנט די אויגן. דערזען אין שטוב זײַן גאַנצע משפּחה, האָט ער זיך פלינק אויפגעזעצט.

— שטילער אַ ביסל, — האָט אַלטע צו אים נאָך אַלץ מיטן זעלבן שמייכל געזאָגט, — ניט אַזוי ראַשיק, העלד מײַנער שטרויענער.

— וואָס? — האָט ישראל געזאָגט און אַ שפּרונג געטאָן צו דער פרוי מיט די קינדער, געוואָלט זיי אַ נעם טאָן אַלע אין די הענט, ווי ער פלעגט עס אַפט טאָן פאַר דער קרענק.

— נו, נו, נו, — האָט זיך אַלטע אַרויסגעדרייט פון זײַנע הענט, — אַן משוגעתן. איך זע, איך זע, אַז דו ביסט שוין אַ היגער.

— אַ היגער? — האָט ער מיט חידוש אויסגעדרייט זײַן קאָפּ צו איר, אַרײַנגעקוקט איר אין פּנים, — אוי, אַלטינקע, ווען דו ווייסט, וואָס מיר האָט זיך נאַרוואָס געחלומט...

— נו, נו, — האָט זי ניט געוואָלט הערן, — קינדער, גייט וואַשט די הענט, מירן עסן, קיין סך צײַט האָב איך ניט.

— מיר האָט זיך געחלומט, — האָט ער אָנגעהויבן ביים טיש, נעמענדיק דאָס גרינעגעניש-קאַרטל אין די הענט.

און ער האָט איר דערציילט דאָס אַלץ, וואָס ער האָט דורכגעלעבט און דורכגעפילט היינט אינדערפרי, ווען ער איז אויפגעשטאַנען שוין אינגאַנצן אַ געזונטער און באַקומען דאָס קאַרטל פון זיין ברודער.

— אַן איינפאַל צו זאָגן — האָט ער פאַרענדיקט, — „אומעטום און אין ערגעץ ניט". דו קאָנסט דאָך דודן, דו וואָלסט זיך געריכט אויף אים, אַז ער זאָל אַזוי שרייבן, מיט אַזאַ מין אויסלייגעכץ, האַ?

די קינדער זיינען אַוועקגעלאָפן דרויסן. אַלטע איז געשטאַנען אינמיטן צימער מיטן בלויען טיכל אויף איין אַקסל, געקוקט אויף איר ישראלן און געשמייכלט.

— נו, נו, — האָט זי געזאָגט, — מירן שוין שפּעטער זען. אין מיר וועט קיין מניעה ניט זיין. ווילסט פאָרן — וועלן מיר עס באַטראַכטן. — דו האָב קיין פאַראיבל ניט, ישראל, — האָט זי אים געאיילט, — איך מוז לויפן אויף דער אַרבעט.

און זי איז אַוועק.

ער איז צוגעפאַלן צום פענצטער און לאַנג איר נאָכגעקוקט. אַ לייכט ווינטל האָט זיך געשפּילט מיטן זוים פון איר קלייד. אים איז פּלוצלונג איינ־געפאַלן, אַז זיי אַלע פיר — ער, זיין אַלטע, זייערע צוויי יינגלעך — דאָס זיינען נאָך אַלץ יונגע שטאַרקע ביימלעך, און ווען מע גיט זיך אַ פלאַנץ אין אין אַ געזונט שטיקל ערד...

— פאָרן, אודאי פאָרן! — האָט ער געשעפּטשעט צו זיך אַליין און איז צוגעגאַנגען צו דער ווינקל־שאַפע, געזוכט עפּעס אַ ביכל, נאָר פּלוצלינג גלייך צוריק אַוועק צום טאַפּטשאַן. אים האָט זיך געוואָלט נאָכאַמאָל דערזען זיין היים־שטעטל אַזוי טשיקאַווע, ווי ער האָט עס געזען אינדערפרי. ער האָט פאַרמאַכט די אויגן און איצט שוין באַוואוסטזיניק זיך געסטאַרעט אַרויסרופן אין דער פאַרשטעלונג די אַלע בילדער, וואָס זיינען אינדערפרי אַליין צו אים געקומען. דאָס איז אים אַ ביסל געלונגען, אָבער ער איז נאָך געווען שטאַרק אָפּגעשוואַכט און ער איז אינקורצן ווידער טיף איינגעשלאָפן.

2

דער זומער האָט אין ישראלס אויגן זיך געטראָגן ווי אַ ליכטיקער חלום. ער האָט געאַרבעט מיט דער האַק, אַלטע האָט געאַרבעט מיט דער נאָדל, און דערביי האָט מען זיך געקליבן אין ווייטן וועג אַריין.

צו אָט דער צייט האָבן זיי שוין וועגן ביראָבידזשאַן געוואוסט, אַז דאָס איז אַ קאַנט, וואָס ליגט ווייטער פון אוראַל, ווייטער פון סיביר, ווייטער פון

בייקאַל. דערפאַר אָבער איז דאָס לאַנד זייער אַ רייכס און עס ליגט ממש און וואַרט, אַז מענטשן זאָלן אַהין קומען און באַפרוכפּערן עס און נעמען פון זיין שויס די אַלע גוטע זאַכן, וואָס עס האָט פאַר זיי אָנגעגרייט. עס האָט זיך אָבער אויך געלאָזט הערן, אַז דאָס גאַנצע לאַנד איז „פול מיט זווערעס און קאָמאַ־רעס" און אַז יעדער קאָמאַר דאָרטן וועגט אַ קילאָ; אַז פול מיט פיש זיינען טאַקע דאָרט די טייכן, אָבער זיי זיינען שטורמישע און סכנות־נפשותדיקע; אַז אין די ווילדע וועלדער וואַקסן די טייערסטע געהילצן און טאַקע אויך די מחיהדיקע פירות, אָבער די זעלבע וועלדער זיינען אויך פול מיט חיות־רעות — מיט בערן און מיט לעמפּערטן, וועגן וועלף און לייבן איז שוין אָפּגערעדט; אַז הונדערט פינף און פופציק אונטערערדישע טונעלן דאַרף מען דורכפאָרן, ביז מע דערלאַנגט זיך צו אָט דעם לאַנד, און דאָס לאַנד גופא ליגט סאַמע אויף דער גרענעץ פון מאַנדזשוריע און אויף מאַנדזשוריע גייט יאַפּאַניע, און אַז יאַפּאַניע וועט איינגעמען מאַנדזשוריע, וועט עס גיין אויפן לאַנד, וואוהין מע שיקט איצטער יידן, און די גאַנצע מעשה וועט ווערן אויס.

אַזוי האָט מען געגומען ריידן אַרום ישראלן, ווי נאָר מע האָט זיך דער־וואוסט, אַז ער האָט אין זינען אַריבערצופאָרן קיין ביראָבידזשאַן. ישראלן האָט זיך אויסגעדוכט, אַז דאָס רייצט מען זיך מיט אים, אַז דאָס וויל מען אים פאַרמיאוסן זיין לאַנד, נאָך איידער ער איז געקומען אַהין און עס אָנגעקוקט, און ער פלעגט דעריבער מיט היץ ענטפערן:

— שוטים, דערימעך איז דאָך דאָס טאַקע גוט! טאַקע ווייל ווילדע וועלדער, טאַקע ווייל שטורמישע טייכן! וואָדען, אַן אָפּגעטראָגענע זאַך באַדאַרפט איר. אַן אויסגעריבענע שמאַטע? אלא וואָס — דער יאַפּאַנער, איז ממה־נפשך — וועט ער אונדז ניט טשעפּן, וועלן מיר אים ניט טשעפּן, וועט ער זיך פּרואוון — וועלן מיר געבן קריק, און מיט אַ רעשט דערצו! וואָס זיינען מיר עפּעס, מפילעך?! שאַ־שאַ! — האָט ער זיך פלוצלונג געכאַפּט. — ער האָט זיך דאָך שוין איינמאָל געפּרואווט, און וואָס איז אַרויסגעקומען דער־פון? אַהאַ! בלייבן די קאָמאַרעס. איז ווער האָט זיי געוואויגן? אַן איינ־פאָל — אַ קילאָ אַ קאָמאַר! דאַרף מען לייענען דעם פּשט ווידעראַמאָל אַזוי: ממה־נפשך — וועגט טאַקע דער קאָמאַר אַ קילאָ — איז עס אַ נוצלעכע חיה, ווייל די נאַטור האָט באַשאַפן... — און דאָ איז אַוועק אַ לאַנגער מאמר, אַז אַלע פליענדיקע חיות גרעסער פון אַ פליג, אַ בין, למשל, זיינען מיט עפּעס נוצלעך פאַרן מענטשן, און די, וואָס זיינען דורכאויס שעדיקער, גאָר אינגאַנצן פאַראַזיטן, האָט די נאַטור קיין פליגן ניט געגעבן און גרעסער פון אַ פליג לאָזט זי זיי ניט אויסוואַקסן... און מורא האָבן פאַר אַ פליג — דאָס איז שוין גאָר אַ ווילדע זאַך...

לכתחילה האָבן די דאָזיקע דיסקוסיעס וועגן לאַנד ביראָבידזשאַן פאַרנו־מען אַלע אָוונטן ביי די היימישע טישן, דערנאָך האָבן זיי זיך אָנגעהויבן אַריינ־כאַפּן אין די שפּאַרונעס פון דער אַרבעט: ביים פאַררויכערן, אין די איבעררייסן אויף אָנבייסן; דערנאָך האָט עס שוין פאַרכאַפּט גאָר די גאַנצע צייט. אַבי נאָר די אַרבעט איז געגאַנגען גלאַט, האָט מען מיט די הענט געאַרבעט, און די מוחות האָבן געטראַכט אַלץ וועגן לאַנד ביראָבידזשאַן.

צום סוף זומער, ווען פאַרן גאַנצן שטעטל איז שוין קלאָר געוואָרן, אַז ישראל פאָרט טאַקע אַהין, אין לאַנד ביראָבידזשאַן, האָט מען זיך גענומען ווינצלען איבער אים. פון זיין קרענק איז שוין קיין שפּור ניט געבליבן. ער איז שוין ווידער צוזאַמען מיט אַלעמען שטייף געשטאַנען אויף די רישטעוואַ־ניעס מיט דער האַק אין די הענט, איז ער ווידער געוועזן אויס יחסן, און עס איז שוין ניט געוועזן קיין עולה אַ ווינצל טאָן זיך איבער אים מיט זיין איינ־פאַל וועגן פאַרן הינטער הונדערט און פופציק טונעלען. און עס האָט אים שוין ניט געקאָנט שאַטן צום געזונט אַ שאַרף וואָרט. האָבן חברה טעסלער און מוליאַרעס זיך צעבונדן די צינגער און אַרויסגעשלעפּט דאָס אַלטע צונע־מעניש, וואָס מע האָט ביים דער קרענק ניט באַנוצט — „ישראל פילאָזאָף" — און מע האָט זיך געלאָזט וואוילגיין.

— דערציייל אונדז אָקאָרשט, סראָליק, וועגן חיות גרעסער פון אַ פליג...

— הערסט דאָך... אַ טייך איז דאָרט — ניט קיין טייך, נאָר אַ געשטור־קעוועטע קאַלדרע — צוויי קאָלירן — גרין און רויט...

— דו גלייבסט אים ניט? פאָר און באַקוק אַליין די הונדערט פינף און פופציק טונעלן, וואָס זיינען אויסגעהאַקט אין בערג פון לויטערן מירמל־שטיין...

— מענטשן, אַז מע זאָגט אייך, אַז די לעמפּערטן גייען דאָרט אַרום מיט די ווידלען אין די מיילער און וואַרטן נאָר אויף ישראל פילאָסאָף, אַז ער זאָל קומען און געבן זיי צו פאַרשטיין, אַז אַ חיה גרעסער פון אַ פליג מוז ברענגען נוצן דעם מענטשן, און גאָר!

— ווער שמועסט — חיות! גראָבע קעפּ! אַ מענטש פאָרט אַהין אַק־רענטן בויען פאַרן ים־הגדול!

אַפילו נאַראָנים האָבן זיך איבער אים געוויצלט. אָרעלע דער באַרימטער נאַר, וואָס האָט אַליין זייער גוט געוואוסט דעם טעם פון כאַפּן שטעכווערט־לעך פון אַלע זייטן, איז דיר פלוצלינג אַ חכם געוואָרן — אַלע האָבן אים געלאָזט צורו, און ער האָט זיך גאָר אַליין גענומען מיט גרויס פלייס צו ישראלן. ווי איינער האָט עפּעס געזאָגט אַ וויץ, אַזוי „דעקט" ער גלייך מיט איין אין דעם זעלבן מאמר:

— נאַראָנים וואָס איר זייט! ער מאַכט דאָך פון אייך חוזק? וואָס מיינט איר, אַז אַט כאַפּט ער טאַקע און ער פאַרט? געפונען דעם נאַר! אפילו מיך, גילט מיך אָפּ, פאַר איך ניט אַהין!

נאָר קיינער האָט אַרעלעס רייד ניט געהערט, מע איז געווען פאַרנומען מיט ישׂראלן.

אין די ערשטע טעג האָט ישׂראל זיך געפּרוּווט ענטפערן. ער האָט אַזוי געזאָגט:

— פאַראַן ביי אונדז אַ שרייבער שלום עליכם.

ער האָט אַרויסגענומען די ליולקע פון מויל. געלאָזן אָנגעשטאָפּט זי מיט טאַבעק, פאַררויכערט, עטלעכע מאָל זיך פאַרצויגן, אויסגעשפּיגן, געלאָזט וואַרטן דעם עולם מיט דער אינערלעכער הנאה פון אַ מענטשן, וואָס ווייסט, אַז ער האָט דאָ אָנגערופן אַזאַ מין נאָמען, אויף וועלכן, נישט קשה, מען וועט צוואוואַרטן אי פינף מינוט, אי צען מינוט, אי די גאַנצע האַלבע שעה. און ער האָט זיך געפּרעגלט אין נחת, אָט דער „ישׂראל פילאָזאָף". ווען דער עולם האָט אָנגעהייבן אַרויסווייזן אומגעדולד, אָנגעהייבן אים אונטערטרייבן און צויאָגן:

— נו שוין, זאָג שוין אַמאָל, וואָס שלום־עליכם האָט געזאָגט!

— האַ? וואָס ער האָט געזאָגט? ער האָט געזאָגט: „לאַכט, לאַכט, קינדערלעך, לאַכן איז געזונט, דאָקטוירים הייסן לאַכן". — און אַז ער האָט געזען, אַז דער עולם איז אומצופרידן, דער עולם האָט דאָ געוואַרט אויף אַ גאַנצער מעשׂה, — האָט ער האָסטיק צוגעגעבן: — אָבער דער זעלבער שרייבער אונדזערער, שלום־עליכם הייסט עס, האָט וועגן אַזעלכע, ווי איר, אויך אַזוי געזאָגט: „פון וועמען לאַכט איר? פון זיך אַליין לאַכט איר"... — און ער האָט ווידער אַריינגעלייגט די ליולקע אין מויל, אָנגעשפּיגן אין די הויפּנס און זיך גענומען צו דער האַק.

אָבער דאָס איז געווען בלויז אין די ערשטע טעג. דערנאָך, ווי נאָר זיי האָבן אַרויסגעוויזן חשק צו הערן אַן ערנסט וואָרט, האָט ער זיך גענומען זיי דערקלערן דעם זין פון דעם, וואָס ער האָט אַרויסגעלייענט פון זיין ברודערס קאַרטל, אַז שוין כמה טויזנטער יאָרן, אַז „מיר זיינען אומעטום און ערגעץ ניט". און ער האָט גרויס עגמת־נפש דערשפּירט, זעענדיק, אַז די ווערטער האָבן אויף זיי גאָר קיין שום רושם ניט געמאַכט. עס האָט זיך געלאָזט זען, אַז אָדער זיי פאַרשטייען ניט, וואָס אין קאַרטל שטייט געשריבן, אָדער זיי זיינען גאָר ברוגז אויף אַזעלכע ווערטער, מחמת זיי האָבן זיך איבער דעם אַפילו ניט געוויצלט. יאָ, גיכער זיינען זיי טאַקע פּשוט ברוגז געוואָרן אויף אַזעלכע ווערטער, מחמת דער אַלטער יחיאל, וואָס האָט זיך גערעכנט פאַר אַ

מענטשן אַ בר־דעת, האָט אים געענטפערט אויף דעם ברודערס ווערטער (און אַלע האָבן מיט אים מסכים געווען):

— לייג צו אַן אויער און הער, וואָס מענטשן ריידן. מענטשן זאָגן: דאָס עפּעלע פאַלט ניט ווייט פונעם בוים. און דאָס איז אַן אמת. דער ברודער דיינער איז אַ פוסטער פילאָזאָף און דו — דאָסגלייכן. וואָס דרייסטו אונדז אַ ספּאָדעק: „אומעטום און אין ערגעץ ניט"? ווי איז עס געמאָלט אַזאַ מין זאַך? דאָס איז קעגן דער טבע פון דער וועלט. עס איז נאָך גוט, וואָס דו קאָנסט כאָטש די האַק האַלטן אין דער האַנט. אָט דעריבער זאָג איך דיר אַן לצנות: דו ווילסט פאָרן — פאָר זיך געזונטערהייט. דו וועסט ניט פאַרפאַלן ווערן, מחמת דו האָסט אַ מלאכה אין דער האַנט. אָבער יאָג ניט אַן קיין וואָלקנס אויף אונדזער שיינעם הימל. אונדז איז אויך דאָ ניט שלעכט, ווייל דאָ איז אויך ראַטנמאַכט, און מיר עסן אונדזער ברויט ניט אומזיסט, חלילה, מיר לייגן אויך צו אַ פלייצע...

דאָס איז אויך געווען אַן אמת, און ישראל האָט זיך דערפילט ווי צווישן צוויי פייערן.

נאָך מיט אַ האַלב יאָר צוריק האָט ער פאַרטראַכט דאָס, וואָס ער גייט איצט טאָן. אמת, דעמאָלט איז ביי אים ניט געווען קיין געדאַנק וועגן ביראָ־בידזשאַן, ווייל אין שטעטל האָט מען נאָך וועגן דעם אַפילו ניט געוואוסט, אָבער וועגן אַוועקפאָרן אויף עפּעס אַ גרויסער בויאונג האָט ער יאָ געטראַכט. און אַז עס איז געקומען דאָס קאַרטל פונעם ברודער, איז — וואָס איז שוין דאָ געווען וואָס צו טראַכטן? אַ גרויסע בויאונג איז עס? טעסלער דאַרפן דאָרטן שפּילן די ערשטע פידל? אַ רייך לאַנד איז עס? אונדזערע אייניקלעך וועלן דאָרטן לעבן גוט? וואָס עפּעס נאָר די אייניקלעך? און מיר אַליין? איז וואָס איז דאָ צו טראַכטן, ישראל, שטעל זיך אויף די פיס און לאָז זיך שפּאַנען מיטן ברייטן שליאַך!..

אָפּגעשמועסט אַזוי אַ דריי וואָכן מיט זיך אַליין, האָט ער זיך צוגעזעצט מיט זיין פלאַן צו זיין אַלטע, מיט איר איז ער גראַד גיך דורכגעקומען.

זי האָט געהאַט אַ כלל:

— איך מיט דיר וועלן דערווייל אין ערגעץ ניט פאַרפאַלן ווערן, וואָס קאָנען מיר דאָ פאַרלירן? מענטשן האָבן אומעטום ליב וואוינען אין אַ שטוב און גיין אָנגעטאָן אין אַ מלבוש. אַז מיר זיינען מיט דיר אַזעלכע בעל־מלאכות, אַז אַן אונדז איז ניט שייך זיך צו באַגיין!

פונדעסטוועגן, ניט אַזוי פון ספק, ווי פון הנאה, וואָס זינט זיי לעבן צו־זאַמען, טראַכטן זיי איין געדאַנק ביידע, האָט ער זיך אַ שפּיל געטאָן מיט איר:

— אפשר ניט רייסן, אַלטינקע? — האָט ער אַ פרעג געטאָן ביי איר מיט אַ וואונק.

— וואָס ניט רייסן? — האָט זי זיך געמאַכט ניט וויסנדיק, כאָטש זי האָט גלייך געכאַפּט דעם מיין זיינעם.

— אפשר איז עס אַ געזונטער צאָן, זאָג איך? — און ער האָט מיט אַ ברייטן זשעסט אַ וויז געטאָן אויף דער שטוב, דאָס הייסט אויף זייער איצטער־דיק לעבן דאָ.

— שוין, — האָט אַלטע געשמייכלט מיט איר גאַנץ פנים און מיט דער חנעוודיקער נאָז, — דו האָסט זיך שוין אומגעקערט צו די אַלטע רגילות דיינע: פריער אָפּטאָן, דערנאָך זיך קווענקלען?

— איך זאָג עס... — האָט ער זי איבערגעריסן, נאָר זי האָט אים ניט געלאָזט ענדיקן.

— גענוג געשפּילט זיך! — האָט זי אויסגערופן. — וויפל איז דער שיעור צו שפּילן זיך. זעץ זיך בעסער צום טיש, און לאָמיר מאַכן אַ צעטל — וואָס נעמען מיר מיט זיך און וואָס לאָזן מיר דאָ...

דאָס האָט אויף אים אָנגעיאָגט אַ נייע כוואַליע געדאַנקען. ער האָט גע־האַלט גלייך אויפן אָרט כאַפּן אַ ווייסן בויגן פּאַפּיר און אָנשרייבן דערויף, אַז זיי לאָזן דאָ דורות אויפן בית־עולם, קינדהייט אין די וועלדער, יאָרן פרייד און פחד אויף די היגע גאַסן... נאָר אַלטע האָט די ערשטע גענומען דעם בויגן פּאַפּיר און מיט איר גרויסן כתב האָט זי אָנגעשריבן:

נומער 1. די בעטן...

— מיטנעמען, — האָט ער פאַרחלומט געזאָגט.

און זיי האָבן זיךביידע אָנגעבויגן איבערן בויגן פּאַפּיר.

3

דער זומער איז שוין כמעט אַוועק, אָבער דער האַרבסט איז נאָך ניט גע־קומען. די זון פאַרשווינדט שוין עטלעכע מאָל אין טאָג הינטער די וואָלקנס, וואָס קומען אַהער ווי די ערשטע אויסקוקער פונעם האַרבסט, אָבער זי גייט ווייטער איר וועג שטרענג און שטאָלץ, אָן פחד און אָפּקער. און אָט האָט זי שוין געמיטן די שיטערע וואָלקנס, און אָט באַשיינט זי שוין ווידער די ערד, וואָס ליגט ווי אַ געווינערן מיט גרויסע סטויגן ברויט ווי מיט ריזן־קינ־דער ביי די ברוסטן. און די לופט איז דורכזיכטיק, און דער געלער זאַמד אויף די שטעטלדיקע גאַסן איז ווייך און גלאַט און טרוקן. רואיק הענגט דער אַצעפּ

ביים ברונעם ווי אַ פלאַגשטאָק איבער די נידעריקע שטיבלעך, אײליקער אַר־בעטן די טעסלער, סטאָליאַרעס און מוליאַרעס אויף די נייע געבייען, הויך זינגען די שניטער אין פעלד, און הויך זינגען אויך די רויטאַרמייער אין די אַרומיקע וועלדער אין די פאַרנאַכטיקע שעהן. און די אַלטע היים ווערט ישראלן ליבער און זיסער, און די בענקשאַפט פון צעשיידונג קלאַמערט שטאַר־קער דאָס האַרץ. אָבער ער נעמט זיך אַראָפּ אַ משל פון דער זון און ער קלייבט זיך אין וויטן וועג אַריין פונקט אַזוי פּאַרעקשנט און מוטיק, ווי אײנ־געשפּאַרט און מוטיק עס רייסט זיך די זון דורך די האַרבסטיקע וואָלקנס. ער האָט ליב משלים, אַט דער פּערציקיאָריקער ייד, און ער פאַרגלייכט זיך און זיין וויטע רייזע צום גאַנג פון דער זון. די וואָלקנס קומען און גייען אַוועק, די זון אָבער שיינט אײביק. די זון גייט אויף אין מזרח.

דאָס אַלץ טראַכט ער דורך, שטייענדיק אינמיטן שטוב איבער אַ באַרג זאַכן, וואָס זיינען געפּאַקט אין אַלטע קאָלדרעס, רעדנעס, ראָגאָזשעס, איבער־געבונדן מיט גראָבע שטריק. ער שטייט אין די הויזן און קאַמזויל, מיט עפּעס אַן אַלט מיצל אויפן קאָפּ — די האָר זאָלן ניט פאַרשטויבט ווערן — מיט זיין ליולקע אין מויל און מיטן שמייכל ערגעץ אין דער באַהעלטעניש צווישן די וואָנצעס מיטן בערדל. אָבער די אויגן שמייכלען מיט אַן אַנדער שמייכל, מיט אַ בענקשאַפט שמייכל. ער באַטראַכט מיט נייגער זיין שטיבל, וואו דורות האָבן געלעבט ביז אים, וואו ער איז געבוירן געוואָרן און פון־וואַנען ער גייט איצט אַוועק אויף שטענדיק. די זון שיקט דורכן אָפענעם פענצטער שטראַלן נאָך שטראַלן און האַלט אין איין באַשיינען און באַלייכטן זיין איבערגעקערטע שטוב. שטראַלן טאַנצן אַרום איבער די ווענט, באַלייכטן די פּיל־צעהאַנגענע פאָטאָגראַפיעס, פלאַקאַטן, אויסשניטן פון אַלטע איליוס־טרירטע ציישונגען, אויסגעבייטע אויף פאַפּירענער קאַנווע גרינע פויגלען און בלויע לייבן. די זונענשטראַלן זיפּן זיך דורך די פאַרהאַנגלעך אויף די פענצטער, פאַרקריכן אין די באַהאַלטענסטע ווינקעלעך. איין קרומער שטראַל פאַלט לאַנגזאַם, אָבער שאַרף ווי אַ ליכטיקער שפּיז פון דער אייבערשטער שויב, שטעכט דורך דעם גאַנצן באַרג אינמיטן שטוב און דערלאַנגט זיך סוף־כל־סוף צום ווינקל אין דיל, צו דער מויזנלאָך. אַ קליין גרוי מייזל גיט דערשראָקן אַ בליץ מיט אַן אייגל און פאַרשווינדט גיך אין דער טיף פון דער לאָך.

ער הייבט אויף זיינע אויגן העכער צו די פאָטאָגראַפיעס אויף די ווענט.

דאָ קומט אַריין אַלטע. זי איז אָנגעטאָן ווי ערב עפּעס אַ גרויסן יום־טוב, ווען די שטוב ווערט גרינטלעך געוואַשן און געראַמט, אין אַן אָפּגעבליאַקע־וועט כאַלאַט, וואָס איז אויסגעשמירט אין קאַלך, מיט אַן אַלט טיכל אויפן

קאָפּ. זי קוקט אַ ווײַלע מיט איר חנוודיקן שמייכל אויף ישׂראלן און פרעגט מיט פריילעכן אויסרייד:

— שוין ווידער? אויף דער משפחה זיך פאַרקוקט? אין שטוב איז סדום, און ער...

ישׂראל דרייט זיך אויס מיטן פּנים און לייגט זיך אַרויף אַ פינגער אויף דער נאָז.

— אַלטע, — זאָגט ער כמעט בסוד, — אַ קוק טאָן אויף די ווענט, איז די משפחה אונדזערע, קיין עין־הרע, ווי די שטערן אין הימל, ווי דער זאַמד אויפן ברעג ים... אָבער, — שאָקלט ער באַדויערנדיק מיטן קאָפּ... וואָס טו איך מיט זיי? אין צעטל האָבן מיר זיי ניט פאַרגעסן פאַרשרייבן... מיט־נעמען זיי טאָקע אַלע קיין ביראָבידזשאַן?

— ווי מיר, — גייט זיך אַלטע אַ שפּיל מיט אים, — דו זאָג מיר בעסער, וואָס טו איך מיט דיר, פאַררעדסט זיך דאָך... וואָס האָסטו זיך פאַרקוקט אויף די פאָרטרעטן? די ווינקל־שאַפע דאַרף מען אָפּרייסן פון דער וואַנט? די ספרים דאַרף מען איבערקלייבן? דעם זייגער דאַרף מען אַראָפּנעמען? און ער שטייט און קוקט ווי אַ תם אויף די מענטשעלעך!

— עע, — ענטפערט ישׂראל, — דו טשעפּע ניט די מענטשעלעך... די מענטשעלעך זיינען האַרעפּאַשניקעס, אויף זיי האַלט זיך די וועלט... דו ווילסט, איך זאָל דווקא אַנהייבן פון דער ווינקל־שאַפע, איז מהיכא־תיתא... יע־עמוד, — גיט ער פריילעך אַ זונג און נעמט זיך צו דער האַק.

זיי זיינען געבליבן אינצווייען. זיי האָבן די צוויי ייִנגלעך זייערע אומיסטן אָוועקגעשיקט קיין קיעוו צו אַ קרוב, זיי זאָלן זיך דאָ ניט פּלאָנטערן אונטער די פיס ביים קלייבן זיך. די דריי טעג, וואָס זיי לעבן דאָ אַליין און פּאַקעווען זיך, פילן זיי זיך ווי נאָרוואָס חתונה געהאַטע — די הערצער זייערע זיינען פול מיט זיסקייט פון אַנהייב, מיט שווערקייט פון דער אומקלאָרער צוקונפט: ווי וועט דאָס אויסזען דאָס גליק אין דער צוקונפט און ווען וועט עס קומען, דאָס גליק? גלייך, צי שפּעטער אַ ביסל, צי קיינמאָל ניט?..

די ווינקל־שאַפע איז ווי אַנגעשטאָפּט מיט דורות. פינף פאָליצעס ספרים ווי ערד־פּלאַסטן ליגן איינע אויף דער אַנדערער. אויף דער סאַמע אונטערשטער פאָליצע שטייען אַ צענדליק גמרות, משניותן, מוסר־ספרים און אַ דיקער „חק לישׂראל״. די לעדערנע רוקנס זייערע זיינען שטאַרק צעפרעסן פון ביכער־ווערעם, די בלעטער זיינען געל און האַרט. דאָס איז דעם זיידנס פאָליצע. אין יעדן ספר צווישן די געלע, האַרטע בלעטער ליגן באַ־האַלטן גאָלדענע, בראָדזענע, געקרייזלטע הערעלעך פון ישׂראל יעהודין דעם

פאַכטערס באַרד. ישראל יעהודין דער טעסלער פאַרהאַלט זיך ניט לאַנג ביי דער דאַזיקער פאַליצע.

אויף דער צווייטער פאַליצע קוקט ער זיך אום נאָך קרימער און נאָך בייזער. דאָ האָט אַמאָל אַ האַנט געשטעקט זיין טאַטע — דער שלים־מזלדי־קער הוהאַוועניק. וועגן אים זאָגט ער כמורנע און קורץ:

— געלעבט אין הו־האַ, געשטאָרבן מיט אַן אוי־ווי, געכאַפּט זיך ביים האַרצן, וואו די ליידיקע בוזעם־קעשענע איז געווען, און געשטאָרבן.

די דריטע, די פערטע, די פינפטע פאַליצעס זיינען געווען זיינע אייגענע. אויף זיי האָט ער געקוקט שטום, מיט אַ פאַרקוועטשטן מויל. דאָ זיינען אין ספרים, אין ביכער, אין בריוו געלעגן באַגראָבן זיינע אייגענע חלומות. דאָ איז געווען אַ „מורה־ילדים" מיט פיאַלעטעווע טינט־פלעקן אויף די זייט־לעך; דאָ איז געווען אַ בריוונשטעלער, וואָס ער האָט זיך אַמאָל איינגעהאַנדלט ניט אויף באַנוצן זיך מיט אים, נאָר אויף פאַרפאַסן אַן אייגענעם, אַ „פאַר־קערטן"; דאָ זיינען געלעגן ניימאַנאַוויצעס העפטן אויף דערקלערן אויסלענ־דישע שפּראַכן „דער זעלבסט־לערער פון הנ"ץ"; דאָ זיינען געלעגן רוסישע ביכלעך, וואָס האָבן געלערנט ווי צו שווייסן מעטאַל און באַאַרבעטן האָלץ; דאָ איז געווען די „דרייפוס־געשיכטע", „די געהיימניסע פונעם שפּאַנישן הויף", „געשיכטן פון אַ קאַמיוואָיאַזשאָר" און „יום־טוב־בלעטלעך"! ישראל האָט אָפּגעווישט דעם שטויב פון די איבערשטע דריי פאַליצעס ביכער, אין איניקע פון זיי אַריינגעקוקט, געזוכט דאָרט די שיין פון זיינע קינדער־ און יוגנט־יאָרן. ביים סאָוועטישן אַלף־בית האָט ער גאָר אַ לאַנגע צייט זיך פאַר־האַלטן, געלייענט צו עטלעכע מאָל די ווערטער אויף די ערשטע זייטלעך: „ע־מע־טע־מע". „ע־מע און טע־מע". „ע־מער". אָט ווי מע לערנט היינט! מע צעקייט און מע לייגט אין מויל אַריין... ענדלעך האָט ער זיי אַלע צו־נויפגעלייגט אין איין פּעקל, ניט לויט די יאָרן און ניט לויטן אינהאַלט, נאָר לויט דער גרייס און לויט דער דיק — די גרויסע און אין שטאַרקע איינבונדן — אויבן און אונטן, די דינינקע און שוואַכינקע העפטעלעך —אינמיטן, פעסט זיי פאַרבונדן. דאָס נעמט ער מיט...

אויסגעליידיקט די שאַפע, אַלע דורות אויסגעסאָרטירט, האָט זיך ישראל ווידער גענומען צו דער האַק. ער האָט אַ רוק געטאָן די שאַרף פון דער האַק אין דער שפּאַרונע צווישן דער שאַפע און וואַנט. די שאַפע האָט אַ קרעכץ גע־טאָן. ישראל האָט זי אַ נעם געטאָן פון דער צווייטער זייט. די שאַפע האָט ווידער אַ קרעכץ געטאָן. עפּעס האָט זיך איר אין איר אַנגעשפּאַלטן, אַנגעבראָכן. ער האָט זי אַ נעם געטאָן פון אונטן, אַ נעם געטאָן פון אויבן, אַ ריס געטאָן, אַ טרייסל געטאָן, אַ הוידע געטאָן. די שאַפע האָט געשריען, געקרעכצט, געלאָזט

פון זיך אַ ביטערן שטויב, זיך געשטאָכן מיט די אַרויסגעריסענע טשוועקעס, זיך געוואָרפן אויף ישראלס קאָפּ, אָבער עס האָט איר גאָרנישט ניט געהאָלפן — ער האָט זי אָפּגעריסן פון דער וואַנט און אַוועקגעלייגט אויף דער ערד ווי אַ בר־מינן אינמיטן דער שטוב. אַלטע, מיט אַן עמער וואַרעם וואַסער און מיט אַ נאַס טיכל, האָט זי געוואַשן און געווישט פון אַלע זייטן, באַפרייט זי פון שטויב און פון שפּינוועבס, וואָס זיינען אויף איר אָנגעוואַקסן פאַר דריי דורות. ישראל האָט פאַנאַנדערגעקליבן אַ פעקל בריוו, האַלב־צעהריזעטע פון מייז. ביי זיינע פיס האָט זיך געוואַלגערט אַ זעקעלע ארץ־ישראל־ערד, וואָס איז נאָענט צו די הונדערט יאָר געלעגן פאַרשטעקט אין דער ווינקל־שאַפע. די משפּחה איז געווען גרויס, עמעצער פון דער משפּחה איז מיט הונדערט יאָר צוריק אַוועק קיין ארץ־ישראל, פון דאָרט האָט ער אַלע ברידער זיינע באַזאָרגט מיט זעקעלעך ארץ־ישראל־ערד. דריי דורות מאַמעס האָבן פון די זעקעלעך געשלעפּט „שמעק־טאַבעקן" ארץ־ישראל־ערד און פאַרנייט עס אין קליינע בייטעלעך, געמאַכט דערפון קמיעות און אָנגעטאָן עס די קליינע קינדער אויף די העלדזלעך, אַז זיי זאָלן אָפּגעהיט זיין פון אַן עין־הרע און פון יעדער בייזע קרענק. ישראל האָט אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ, ווי עס וואָלט אים געביסן דאָס לייב אויף דער ברוסט, וואו אין דער קינדהייט האָט געריבן די קמיע — אַ „שמעק־טאַבעק" ארץ־ישראל־ערד פאַרנייט אין אַ שמאַטקעלע.

— נו, אָט איז שוין די שאַפע אויף פאַרטיק, — האָט ער געזאָגט מיט אַ פאַרגרינגערט געמיט, — איצט קערן מיר זיך אום צו די מענטשעלעך... אַלטע, — האָט ער גערופן דורכן אָפענעם פענצטער, — אַלטע, קום נאָר אַהער.

— אַ קוק טאָן אויף די פאָרטרעטן — איז פאַראַן מיט וועמען צו גיין צום טיש, — האָט אַלטע זיך אָפּגערופן.

יעדעס בילד איז ריין אָפּגעווישט געוואָרן פון פאָרנט און פון הינטן, יעדעס בילד איז איינגעפּאַקט געוואָרן אין צייטונגס־פּאַפּיר און אין ווייכע שמאַטקעס. ביים אָפּווישן און ביים איינפּאַקן איז עס ברייט באַרעדט געוואָרן. אַזוי זיינען באַרעדט געוואָרן אַלע, אַ בילדער דרייסיק, — אירע קרובים. זיינע קרובים. לכתחילה האָט יעדערער געלויבט זיינע קרובים און געזידלט דעם צווייטנס, דערנאָך האָבן זיי זיך געביטן מיט די ראָלן, דערנאָך האָבן זיי זיך פאַרגעסן אויף דער שפּיל, וואָס זיי האָבן דאָ פאַרפירט, און גענומען אָפּשאַצן די מענטשן אַזוי, ווערליק ווי זיי האָבן אינדעראמתן געטראַכט וועגן זיי. יחיאל דער שוסטער — מיין קרוב — האָט אַלטע געלויבט אין הימל אַריין: אַ

מענטש מיט אַ וואָרט און אַ מענטש מיט אַ געדאַנק און דווקא ניט קיין פּלאַפּ־לער. — שטילערהייט און שטומערהייט טוט ער, וואָס מע באַדאַרף.

— דו געדענקסט, ווען אַלע האָבן זיך אויסבאַהאַלטן פון די פּאַגראָמ־שטשיקעס אין די קעלערס, איז ער באַנאַכט אַוועק צו די רויטע און געהאַלטן אַ גאַנצע רעדע פאַר זיי, אַז ער ווייסט, אַז די רויטע נעמען זיך אָן פאַר די האָרעפּאַשניקעס, אַז ער איז פון זיבן יאָר אָן אַ שוסטער, אַז ער וויל זיי העלפן זיך אָנעמען, אַז מע זאָל אים גלייך געבן אַ ביקס און אים אויסלערנען שיסן, אַז זיין לייב איז אים ניט טייער און די נשמה וועט ער זיי אומזיסט ניט אַוועק־געבן.

— אָט דאָס הייסט ביי דיר אַ שטילער און שטומער? — האָט מיט הנאה געפּרעגט ישראל; ער האָט אין דער שטיל טאַקע שטאָלצירט מיט זיין קרוב יחיאל דעם שוסטער, וואָס איז איצט, שמועסט מען, אַ קאָמאַנדיר פון אַ די־וויזיע.

— אָקעגן דיר, — אַודאי. מער האָט ער דאָך גאָרניט געזאָגט. גענומען די ביקס, איז אַוועק מיט זיי און אַזוי ביזן היינטיקן טאָג. שאַ, ער איז דאָך טאַקע דאָרטן, אין יענע קאַנטן ערגעץ...

עס זיינען באַרעדט געוואָרן די אינזשעניערן אין דער משפּחה. עס זיי־נען באַרעדט געוואָרן די שניידער, די טעסלער און די בלעכער.

ווען געלן ליאָקום — זיין אייגן שוועסטערקינד, אַ מענטש מיט אַ באַ־וואַקסן פּנים פון אַלע זייטן, מיט אַ פּאָר קליינע שפּעלטעלעך אָנשטאָט אויגן — האָט ישראל אַזוי געזאָגט:

— לאָז דעם אַריין קיין ביראָבידזשאַן, וועט ער דיר עפּענען אַ האַנדל אינמיטן ווילדן וואַלד, ער וועט שוין געפינען מיט וואָס.

אסתרקעס פאָטאָגראַפיע האָט מען געכאַפּט פון די הענט איינע ביי די אַנדערע, ניט געקאָנט צו זאַט זיך אָנקוקן אויפן ליכטיקן פּנימל מיט די צוויי לעבעדיקע פלאַטערנדיקע צעפּעלעך.

די זון איז שוין כמעט פאַרגאַנגען. אַ שמאָל אָראַנזש פּענעצל איז אויפן ווייטן האָריזאָנט געבליבן הענגען איינגעטונקט אין אַ ים אשיק־רויטלעכע וואָלקנס.

„נו, אָט, — האָט ישראל געזאָגט מיט עפּעס אַ זיפץ, — די גאַנצע משפּחה איז שוין אויך פאַרפאַקעוועט... איצט דאַרף מען אַראָפּנעמען דעם זייגער... די מאַמע פלעגט זאָגן: אַ האָרץ איז אַ זייגער... דערנאָך, אַז מע האָט שוין מיט איר מסכּים געווען, אַז אַ האָרץ איז טאַקע אַ זייגער, פלעגט זי ניט אָפּ־לאָזן און ווייטער זאָגן: נו, איז שאַדט ניט צו פאַרגלייכן אַ זייגער מיטן אַנדערן... וויל איך טאַקע ביי דיר פרעגן, אַלטע, וואו האַלט עס אויף דיין

זייגער? מיין זייגער ווייזט דריי פערטל פון דער אומעטיקער שעה. אַ לעבן דאָך אָפּגעלעבט דאָ, האַ, אַלטע?

אַלטע האָט געשוויגן. ער האָט ווייטער גערעדט:

— און אַז דער צווייטער זייגער פלעגט שוויגן און ניט וועלן אויסזאָגן, ווי האַלט עס ביי אים, פלעגט די מאַמע אַזוי זאָגן: „אַ האַרץ איז אַ זייגער, און דאָס פּנים ביים מענטשן איז דאָס ציפערבלאַט. דו מעגסט מיר ניט ענט־פערן, איך זע אַליין, וואָס דער ווייזער ווייזט אויף דיין ציפערבלאַט, — איין פערטל געבליבן פון דער אומעטיקער שעה, דערנאָך וועט פריילעך זיין... אַט ווערסטו זען“, און די מאַמע האָט מיר געגעבן צו פאַרשטיין, וויאַזוי מע דאַרף קוקן אויפן מענטשלעכן ציפערבלאַט, זי האָט אַזוי געזאָגט...

דאָס איז געווען ערשט דער אָנהייב פון דער מעשה „אַ האַרץ איז אַ זיי־גער“, נאָר דאָ איז אַריין דער פאָרזיצער פון אַרטעל און אַריינגעריסן זיך אינמיטן די רייד:

— דער זייגער האַלט אַכט... צייט גיין אויפן אָוונט אין קלוב. ווער־ווער, איר טאָרט ניט פאַרשפּעטיקן — צוליב אייך איז דאָך דער אָוונט. שוין אַלץ פאַרפאַקעוועט? איז טוט זיך אָן און קומט...

— איך האָב דיר אָבער געזאָגט, — האָט ישראל פריילעך אויסגעשריען, — אַז ווער־ווער — מיר טאָרן ניט פאַרשפּעטיקן! זייַ, אברהמל. אַט גייען מיר מיט דיר, אַדרבא, אדרבא. איך וועל זיי צוזאָגן בפני כל עם ועדה דאָס זעלבע, וואָס איך האָב צוגעזאָגט יעדן איינעם באַזונדער: אַט גלייך, ווי איך קום, שרייב איך אָן אין אַרטעל באריכות און דווקא נאָר דעם ריינעם אמת...

4

אַ שטיק וועג האָט ישראל יעהודין ווי ניט באַמערקט, אַז ער פאָרט. זיינע געדאַנקען זיינען נאָך אַלץ געווען פאַרנומען מיט דער היים. עס איז געווען וואָס צו דערמאָנען. דערמאָנט האָט עס ישראל ניט אַזוי אין שמו־עסן מיט אַלטען אָדער מיט די שכנים אין וואַגאָן, ווי אין זיך, אין געדאַנק.

די ביכלעך, וואָס ער האָט אין זיין לעבן דורכגעלייענט, זיינען געלעגן ביי אים אין זכרון ווי אין אַ ריין שאַפּקעלע — ניט געווען קיין שטויב פון פאַרגעסונג אויף זיי. לויטערע און ווי דורכזיכטיקע זיינען זיי געשטאַנען טאָוול צו טאָוול און מיט די רוקנס צום אויג. ער האָט צו יעדער ווילע גע־קאָנט אַרויסנעמען פון זיין זכרון אַזאַ מין דורכגעלייענט ביכל און דורכבלע־טערן עס אויף דאָס ניי. אַזוי האָט ער געטאָן אין אַלע טעג פון שאַרפע קערן אין זיין לעבן — ביי די רייזעס אין גרויסע שטעט אויף אַרבעט, אין די וואָכן,

ווען ער איז קראַנק געווען. אַזוי האָט ער געטאָן אויך איצט. דאָס איז ביי אים געווען ניט פּשוט אַ פאַרווײלונג, ניין! ער האָט דאָס דורכגעלייענטע פאַרגליכן מיטן לעבן און געזוכט דעם אמת.

אַזוי איז געווען אויך אין דעם ווענ. אים האָט זיך געוואָלט וויסן דעם גאַנצן אמת וועגן ביראָבידזשאַן, וועגן מזרח, מאַנדזשוריע, יאַפּאַניע. ער איז אַוועק אויפן וואָקזאַל זוכן ביכלעך וועגן דעם. אָבער אויסער אַ פּאָר בראָשורן וועגן די פּאַרטיזאַנישע שלאַכטן אויפן ווייטן מזרח האָט ער אין רייכן קיאָסק אויפן גרויסן טומלדיקן וואָקזאַל גאָרניט געפונען. דערפאַר איז זיין בליק געפאַלן אויף אַ ביכל מיט אַן אָפּגעבליאַקעוועטער הילע: „וועלט־באַשרייבונג". דער נאָמען האָט אים צוגעצויגן, ער האָט נאָך ניט געוואוסט, וואָס מיינט דאָס וואָרט „וועלט־באַשרייבונג", צי ווערט אין ביכל דערציילט, ווי די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן, צי ווערט דאָרט באַשריבן, וויאַזוי די וועלט זעט אויס, צי איז עס גאָר א חיבור וועגן דעם, וויאַזוי עס לעבט זיך אויף דער וועלט. סיי־ווי־סיי, וואָס עס זאָל אין ביכל נישט זיין — אַלץ האָט אים אינטערעסירט. כאָטש דאָס לעצטע — וויאַזוי עס לעבט זיך אויף דער וועלט — האָט ער שוין געוואוסט. ער האָט געהאַט זיין פעסטע מיינונג וועגן דעם. ער האָט אַפילו באַשאַפן אַ ווערטל וועגן דעם: „איך בין אַ האָרעפּאַשניק, די וועלט האַלט זיך אויף מיר", און עס האָט אים ניט געדירט, וואָס די סטאָליאַרעס און מוליאַרעס, זיינע אייגענע חברים, האָבן זיך געוויצלט איבער אים: „ישראל טשעפּע ניט, ער איז אַ האָרעפּאַשניק, די וועלט האַלט זיך אויף אים". זאָלן זיי זיך וויצלען וויפל זיי ווילן — דער גרונט־אמת וועגן דער וועלט איז געפונען געוואָרן.

אַזוי צי אַזוי — די „וועלט־באַשרייבונג" האָט ער געקויפט.

דריי פערטל טאָג האָט ער זיך אויפגעפירט, ווי אַ געוויינלעכער פּאַסאַזשיר פירט זיך אויף, ווען ער פאָרט מיט דער משפחה אין אַ ווייטער רייזע. ער איז געלאָפן מיטן טשייניק נאָך אָקרעפּ אויף די סטאַנציעס, ער האָט געפירט די קינדער אין טואַלעט, ער האָט אַכטונג געגעבן, אַז מען זאָל ניט צושלעפּן ביי אים דאָס האַנט־געפּעק, ער האָט צוגעפּילעוועט אַלטען אין וועג, ער האָט געשמועסט מיט די וואַגאָן־שכנים וועגן היימישע זאַכן, אויך וועגן וועלט־זאַכן, ער האָט געקוקט אין פענצטער, געשאַצט די פעלדער, וועלדער און זאַוואָדן, וואָס האָבן זיך אין דער שויב דורכגעטראָגן. ער האָט געציילט די ווערסטן, וואָס ער איז שוין אָפּגעפאָרן פון דער היים, און זיך נאָכגעפרעגט ביי די אָרטיקע פּאַסאַזשירן, וואָס קאָן מען געשמאַקס און ביליקס קויפן אויף די נאָענטסטע סטאַנציעס. און בלויז דאַן, ווען די שכנים האָבן זיך געזעצט

שפּילן אין ביינדלעך אָדער אין קאָרטן, האָט ער זיך אויסגעצויגן אויף דער איבערשטער באַנק מיט דער „וועלט־באַשרייבונג" פאַר די אויגן.

אַזוי איז ער אָפּגעפאָרן אַ היפּשן שטיק וועג, כמעט ביז אוראַל. אויף יענער זייט אוראַל האָט ער פאַרענדיקט די לעצטע זייטלעך פון דער „וועלט־באַשרייבונג" און, אַ שטאַרק צופרידענער — עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז טאַקע אַ גאַנץ פאַרשטענדלעכע באַשרייבונג דערפון, וויאַזוי די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן, — האָט ער וועגן זיך צוזאַמענגעשטעלט אַ נייעם משל — די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן אַזוי: פון דער זון האָט זיך אָפּגעריסן אַ שטיק פייער און איז אַוועק זיך דרייען אין אַן אייגענעם קרייז. ביסלעכווייז האָט זיך עס אויסגעפורעמט אין אַ קויל, איז באַדעקט געוואָרן מיט אַ האַרטער קאָרע, האָט אַרויסגעשלאָגן פון זיך געוויקסן מיט חיות, און עס איז באַשאַפן געוואָרן אַ וועלט, די וועלט, אויף וועלכער מיר לעבן איצט.

און, באַשאַפן דעם משל, האָט ער גלייך איינגעגלייבט אין אים און אָנגעהויבן זיך פילן גאָר אַנדערש. אויפגעפירט האָט ער זיך ווי אַ פריער: ער איז געלאָפן נאָך טיי אויף די סטאַנציעס, געפירט די קינדער אין טואַלעט, געקויפט אויף די ביוואָקזאַלן־מערקלעך פּראָדוקטן אויפן וועג, געדונגען זיך דערביי, ניט געוואָלט איבערצאָלן, איינגעדעקט אַלטען אַביסל וואָרעמער, אויב די פלעגט איינשלאָפן גראָד דעמאָלט, ווען מע האָט דעם וואַגאָן געלופטערט. אָבער אינערלעך האָט ער זיך דערביי געפילט אַנדערש, גרעסער און וויכטיקער פון אַלע איבעריקע פּאַסאַזשירן, ווייל ער איז ניט פּשוט אַ פּאַסאַזשיר, וואָס פאָרט פון איין אָרט אויף אַ צווייטן, נאָר אַ שטיק פייער איז ער, וואָס האָט זיך אָפּגעריסן פון דער זון און גייט פון זיך אַליין באַשאַפן אַ נייע וועלט.

נאָר ישראלן איז ניט באַשערט געווען צו דערפירן דעם דאָזיקן משל קיין ביראָבידזשאַן.

אין צוג האָט ער זיך באַקענט מיט נאָך פינף מענטשן, וואָס זיינען געווען פונקט אַזעלכע מיוחסים ווי ער. זיי זיינען אויך געפאָרן קיין ביראָבידזשאַן און אויך ניט חלילה, פון ווייטעק, זיי זיינען אויך ניט געווען קיין קרומע, שטומע, לאָמע אָדער קאַליקעס, חלילה. יעדער איינער פון זיי האָט אויך געהאַט עפּעס אַ מלאכה, אַ טאַלאַנט אין דער האַנט, און איינער איז אפילו געפאָרן ניט נאָר מיט ווייב און קינד, נאָר ער האָט נאָך מיט זיך מיטגענומען אפילו די שוויגער זיינע מיט אַ פּלימעניצע. נאָר וואָס דען, קיין איינער פון זיי האָט ניט פאַרשטאַנען דעם טיפן מיין פון „אומעטום און אין ערגעץ ניט". זיי האָבן עס פאַרבייגעלאָזן פאַרביי די אויערן מיט אַן אומגעדולדיקער און אומצופרידענער מינע אויף די פּנימער — איינער רעדט: „דערציייל עפּעס אַ קלאָרע, פּשוטע זאַך. דאָס פאַרשטייען מיר ניט". דאָס האָט ישראלן ווידער־

אַמאָל פאַרשאַפט עגמת־נפש, און ער האָט געשוויגן. גערעדט האָט דער ייד, וואָס איז געפאָרן קיין ביראָבידזשאַן, מיט דער שוויגער. ער האָט געזאָגט אַזוי:

— אַ מענטש בין איך אַ סעמייסטוועגער, איך האָב ליב משפחה. די משפחה מיינע איז אַמאָל געווען גאָר אַ גרויסע, האָט פעטליורע, ימח־שמו וזכרו, זי אויסגעקוילעט, בין איך געבליבן ביי דעם. אַ, — האָט ער געוויזן אויפן ווייב, קינד, שוויגער און פלימעניצע, — זי איז גאָר געבליבן איינע פון דרייצן, אַ ברודערס אַ קינד. האָב איך צו זיי געזאָגט, צו מיין סעמייסט־ווע: מען בעט יידן פאָרן קיין ביראָבידזשאַן בויען אַן אייגן לאַנד. בין איך אַ בעלן דערויף. וועדליק ווי איך האָב מיט מיינע אייגענע אויגן געזען, וואָס אַנדערע וולאַסטן האָבן אָפּגעטאָן מיט יידן, בין איך אַ גרויסער בעלן דערויף. איך וועל אייך זאָגן נאָך מער: איך בין גרייט גיין פאַר אונדזער וולאַסט אין פייער און אין וואַסער. אַן חכמות: אָט טאַקע אַזוי, ווי דער אמת איז, ניט קיין משל זאָג איך אייך —ריינעם אמת. בפרט נאָך, אַז עס גייט ניט קיין רייד וועגן פייער און וואַסער, עס גייט אַ רייד וועגן בויען אַ לאַנד. פרעגן איי־ניקע חכמים: פאַרוואָס אַלע אונדזערע פעלקער, והשבית, וויפל איז עס ווערט, וואָס מע געטרויט אונדז אַ גרענעץ? איך וועל אייך זאָגן נאָך מער: איך האַלט עס גאָר פאַר אַ כבוד, וואָס מיר זיינען פאַרעכנט צווישן די שטאַרקע און געטרייע. זאָג איך צו מיינע: פאָרן — איז געפאָרן! פאַרפאַלן וועלן מיר ניט ווערן. אויף פינף מיילער האָבן מיר פיר פאַר הענט, וואָס קאָנען נישקשה אַרבעטן. וואָס דאַרף מען נאָך? וואָדען? געפאָרן — איז געפאָרן אַלע איינ־איינעם. איך האָב ליב משפחה און איך האָב פיינט חכמות. פאָרן מיר. און, הערט איר, וואָס ווייטער מיר פאָרן — אַלץ גיכער ווילט זיך קומען אויפן אָרט. די הענט ברענען. אַליין בין איך אַ סטאָליער. נאָר אַז מע דאַרף, קאָן איך זיין אַ טעסלער, קאָן איך האַקן וואַלד, און טאָמער דאַרף מען פריער גראָבן די ערד, קאָן איך נעמען דעם רידל אין די הענט. אַז איך זאָג אייך — אַן חכמות.

דער ייד „אָן חכמות“ איז ביי דער ערשטער באַקאַנטשאַפט ישראלן שטאַרק ניט געפעלן געוואָרן. מיט עפעס אַן אינערלעכן חוש האָט ישראל געפילט, אַז ווען ער דערציילט נאָך אָט דעם יידן, וויאַזוי ער, ישראל, איז געפאָרן קיין ביראָבידזשאַן און וואָס פאַר אַ משל ער האָט זיך אין וועג צו־זאַמענגעשטעלט, וואָלט אים דער ייד שוין פאַרעכנט פאַר אַ פאַלנע משוגענעם. ער האָט זיך דעריבער לאַנג ניט פאַרהאַלטן לעבן אים און גלייך געוואָלט אַוועק, אָבער דער ייד איז אים נאָכגעגאַנגען.

— דאָ זיינען דאָ נאָך עטלעכע פאַרשוינען, וואָס פאָרן קיין ביראָבידזשאַן,

— האָט ער ישראלן נאָכגעשריען, — אַברהם, לייבע, אומאניער, — האָט דער ייד אַרויסגעשריען צו די אויבערשטע פּאַליצעס. — וואָס איז די פּאַפּעניש אינמיטן העלן טאָג! איך פאַרשטיי — דער מאַלינער — ער שלאָפט נעבעך ניט אין די נעכט, אָבער איר? איר וועט דאָך אַזוי בּיראָבּיזשאַן פאַר־שלאָפן!

צעשויבערטע קעפּ, פאַרשלאָפענע פּנימער, פאַרנעפּלטע אויגן האָבן אַראָפּגעקוקט פון די אויבערשטע פּאַליצעס.

— וואָסי? האַ! וואו זיינען מיר?

ישראל האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און איז אַוועק. ער האָט איג־ווייניק ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז ער וועט מער צו זיי זיך ניט באַווייזן. ער האָט ניט וואָס צו טאָן ביי זיי. נאָר אויף די סטאַנציעס, ביים אָקרעפּ, האָט מען זיך באַגעגנט און מע האָט ווידער אָנגעקוקט איינע די אַנדערע.

— וואָס קומט איר ניט אַריין? — האָט דער ייד „אָן חכמות" געפרעגט, איר האָט פאַרגעסן אונדזער וואַגאָן? אָט איז ער...

און אַ מאָדנע זאַך: וואָס אַ טאָג ווייטער אין וועג, אַלץ שנעלער האָט זיך ביי ישראלן אויסגעוועפּט דאָס אַלץ, וואָס ער האָט איבערגעלעבט ביים אַוועק־פאָרן, אַלץ בלאַסער און נאַרישער האָט אויסגעזען דער משל, וואָס ער האָט זיך צוזאַמענגעשטעלט ביים לייענען די „וועלט־באַשרייבונג", אַלץ שטאַרקער האָט זיך אים געוואָלט גיין צום יידן „אָן חכמות". „עס איז דאָך פשוט טשי־קאַווע צו וויסן, — האָט ער זיך פאַר זיך אַליין פאַרענטפערט, — פאַרוואָס פאָרן זיי קיין בּיראָבּידזשאַן? צי האָבן זיי געהאַט אייגענע שטיבער אין דער היים? וואָס האָבן זיי געטאָן מיט די שטיבער? ווי האָבן זיי זיך געזעגנט מיט דער אַלטער היים און ווי האָט מען זיי אַרויסבאַגלייט?

איז ער אַוועק צו גאַסט צו די יידן, פאַרפירט מיט זיי אַ שמועס פון דער ווייט. אָבער יענע האָבן זיך גלייך געכאַפּט, וואָס ער מיינט, איבערגעריסן אים און דערציילט באַריכות און גערן.

—אַ פשוטע זאַך, — האָט דער ייד „אָן חכמות" געזאָגט, — מיין שטוב, אַ שטייגער, ווען איך פאָר ניט אַוועק, פאַלט זי מיר אויפן קאָפּ.

— וואָס הייסט אויפן קאָפּ? — האָט זיך ישראל געחידושט.

— אָט דאָס הייסט — פּראָסט און פשוט. זי האָט געדאַרפט איינפאַלן נאָך פאַראַיאָרן. איך האָב שוין געהאַט אַ פּראָטאָקאָל פון דער מיליציע אויך. עס איז פשוט אַ סכנה צו לעבן אין אַזאַ מין חורבה.

— נו? האָט ישראל געפרעגט.

— וואָס נו? אָט ווי איך האָב אַלץ אַרויסגעטראָגן פון דער שטוב, אַזוי בין איך אַרויף אויפן דאַך און פאַר איין האַלב שעה...

— צעוואָרפן ? — האָט ישראל געפרעגט.

— וואָס צעוואָרפן ? איך האָב אַראָפּגעוואָרפן דאָס שטרוי. דאָס איז מיר געווען אַ שאָד, פריש שטרוי, ערשט פאַרצווייאָרן געדעקט, האָב איך עס אַראָפּגענומען, דערנאָך בין איך אַראָפּ פון דאַך, אַרויסגענומען די פּאָד־פּאַרקעס, איז זי אַליין איינגעפאַלן — די כאַטע מיינע.

פלינק האָט ישראל פאַרגלייכט אין קאָפּ אָט די מעשה וועגן דער כאַטע, וואָס איז געשטאַנען און געוואַרט, אַז מע זאָל נאָר די פּאָדפּאַרעס אַרויסשלעפּן, וועט זי שוין אַליין איינפאַלן, מיט זיינע מעשיות וועגן ברודערס קאַרטל, וועגן דער געזעגעניש מיט די דורות, וועגן דעם זיידנס הערעלעך אין די גמרות, וועגן זעקעלע ארץ־ישראל־ערד, וואָס איז הונדערט יאָר אָפּגעלעגן ניט קיין פריילעכער פאַר ישראלן. יענע מענטשן, האָט ישראל געזען, האָבן געלעבט פּראָסטער, גרינגער.

מיט אינטערעס האָט ער זיך צוגעהערט צו די מעשיות פון די איבעריקע מענטשן. וועגן שטיבער איז שוין אָפּגערעדט. די איבעריקע פיר האָבן פשוט קיין אייגענע שטיבער ניט געהאָט. זיי האָבן געלעבט אין קאָנורעס ביי בעל־הבתים. די בעל־הבתים האָבן זיך מחיה געווען, ווען מע האָט זיי די צימערן באַפרייט, און אויך די, וואָס זיינען אַוועק פון די צימערן, האָבן פרייער אָפּ־געעטעמט. אָבער דאָס אַוועקפאָרן גופא איז, ווייזט זיך אַרויס, כמעט קיינעם ניט אָנגעקומען גרינגער ווי ישראלן.

דער אומאָניער האָט דערציילט, ווי די מאַמע זיינע האָט זיך אַוועקגעלייגט אויפן שוועל און אין קול :

— פריער דערשטיק מיך, דערנאָך וועסטו זיך קאָנען פאָרן, וואוהין דו ווילסט.

— וואָסי ? — האָט ישראל געפרעגט.

— גאָרניט, — האָט דער אומאָניער, אַ געזונטער בחור מיט אַ ברייטער ברוסט און אַ רויט פּנים הויך געענטפערט, — זי האָט מורא געהאָט, אַז די זוועדעס מיט די קאָמאַרעס וועלן מיך אין ביראָבידזשאַן אויפעסן. און איך האָב דוקא ליב ווייטע לענדער, — האָט ער געשמייכלט מיט זיין ברייטן מויל.

— איז וואָס זשע האָסטו געטאָן ? — האָט ישראל מיט אַ נייגער גע־פרעגט.

— גאָרניט, — האָט דער אומאָניער נאָך אַלץ אַזוי רואיק געענטפערט, — איך האָב געזאָגט : מאַמע, דריי ניט קיין קאָפּ, און בין אַוועקגעפאָרן.

דער מאָלינער האָט טרויעריק אַריינגעשטעלט זיין וואָרט, אַז ער איז

מקנא ישראלן מיט בערן (דעם יידן „אָן חכמות״) — זיי פאָרן מיט דער משפחה.

— ווער האָט דען דיך ניט געלאָזט? — האָט ישראל געפרעגט.

— ס׳איז אַזוי די מעשה, — האָט דער מאַלינער פאַרטראַכט געענטפערט, (עס האָט זיך געזען, אַז דאָס האַרץ איז אים שטאַרק אָנגעבראָכן, ער איז טאַקע גאַנצע נעכט ניט געשלאָפן און גאַנצע טעג זיך געוואַלגערט אויף דער אייבערשטער פּאָליצע). — עס איז אַזוי די מעשה, איך בין ניט אײנער. ביי אונדז אין מאַלין איז דאָ אַ גאַנצע חברה, וואָס וויל פאָרן קיין ביראָבידזשאַן אויף ערד. האָט מען די זאַך באַטראַכט און באַשטימט שיקן אַ כאַדאַק קיין ביראָבידזשאַן. האָט קיינער ניט געוואָלט פאָרן דער ערשטער. האָב איך זיך אַרויסגעכאַפּט: איך וויל. האָט מען אָנגערעדט מיין ווייב, אַז דאָס וויל איך פון איר אַנטלויפן. האָב איך זיך אָפּגעזאָגט פון פאָרן. האָט מען זיך ווידער צונויפגענומען און מע האָט באַשלאָסן וואַרפן גורל. איז דער גורל געפאַלן אויף מיר, אַז איך זאָל פאָרן אַלס כאַדאַק. האָט מען זי ווידער איינגערעדט, אַז דאָס האָב איך געמאַכט אומיסטן, אַז דער גורל זאָל פאַלן אויף מיר. נאָר דאָס איז גאָרניט, — האָט ער שוין אַ ביסל פריילעכער געזאָגט, — איך ווייס, זי וועט זען, אַז איך טראַכט ניט וועגן אַן אַנדערער, וועט זי זיך איבערבעטן. זי איז ביי מיר זייער אַ רעוואָלוציענדיקע.

די יידן האָבן נאָך העכער געלאַכט.

דער מאַלינער איז גאָר אינגאַנצן פריילעך געוואָרן און געוויזן:

— אָט שרייב איך איר אַ בריוו, אַז איך פאָר ניט איינער, — ער האָט אַ ווײַלע געפינטלט מיט די אויגן און פּלוצלונג אַ בעט געטאָן: — שרייבט צו, איך בעט אייך, זאָל זי זען...

אַלע יידן האָבן צוגעשריבן פריילעכע גרוסן צום מאַלינערס ווייבל.

„קום, קום, ברעקל זיך ניט, — האָט דער ייד „אָן חכמות״ צוגעשריבן, — ביי אונדז אין ביראָבידזשאַן איז אַ ווייבל מיט גאָלד גלייך״.

ישראל האָט אויך צוגעשריבן צוויי ווערטער, אָבער אים איז דערביי איינגעפאַלן, אַז דעם בעסטן גרוס האָט אָנגעשריבן דער ייד „אָן חכמות״, און ער טאָר ניט שטיין הינטער אים, ער דאַרף שטיין פאַר אים. ישראל יעהור־דין... האָט ער געבעטן ביים מאַלינער יידן דעם אַדרעס און צוגעזאָגט אים אָנשרייבן איר אַ באַזונדערן בריוו, פון זיין אייגענעם נאָמען.

— ווי הייסט זי ביי דיר? — האָט ישראל געפרעגט.

— ראָזע, — האָט דער ייד געענטפערט מיט האָפענונג, אַז ראָזע וועט נאָך זיין זיינע.

— ראַזע יעהודין? — האָט ישראל גלאָט אין דער וועלט אַריין אַ פרעג געטאָן, ווייל אין מאַלין האָט געדאַרפט וואוינען זיינע אַ וויטע קרובה ראַזע יעהודין.

— יעהודין? ניין... דאָס הייסט, איר טאַטנס פאַמיליע איז געווען טאַקע יעהודין, — האָט זיך דער מאַלינער פאַריכט, — און איר ווער זייט איר? אויך פון די יעהודינס?

— און ווער ביסטו? — האָט ישראל ניט געענטפערט אויף דער פראַגע.

— דו ביסט אודאי מענדל פאַדהאַצקער דער שטריקלמאַכער? איז וואו איז דיין באָרד?

— נאָך מיט זעקס יאָר צוריק אַראָפּגענומען די באָרד.

— יאָ, — האָט זיך ישראל איצט דערמאָנט צו ענטפערן אויפן מאַלינערס פראַגע, — איך בין ישראל יעהודין, דו קאָנסט מיך ניט, דיין ראָזען געדענק איך אויך שוואך, שוין אַ יאָר פופצן וויִ איך האָב זי ניט געזען, אַ שיק מיידל געווען דעמאָלט.

— אָט דאָס איז דאָך די מעשה, — האָט דער מאַלינער זיך אַרויסגעכאַפּט און איז רויט געוואָרן.

— איז מזל־טוב אייך! — האָבן די יידן פריילעך געלאַכט. — אַ סוף, אַן עק, מענדל, זי איז שוין צוריק דיינע, וויבאַלד ישראל יעהודין וועט זיך אַריינלייגן אין דער מעשה.

— אוודאי וועל איך איר אָנשרייבן, ווי זשע דען? זי וועט קומען... די יעהודינס...

אַזוי זיינען געגאַנגען די טעג.

דער צוג איז געלאָפן אַלץ ווייטער פון מערב, אַלץ נעענטער צום מזרח. דער צוג האָט געטראָגן די מענטשן אַלץ ווייטער פון זייער אַלטער היים, אַלץ נעענטער צו דער נייער. די מעשיות האָבן זיך ניט אויסגעשעפּט. אין צוג זיינען געפאָרן אויפן וויטן מזרח אויך אַנדערע מענטשן — ניט קיין יידן. זיי האָבן אויך געשטאַמט פון די מערב־קאַנטן. זייערע עלטערן און אורעלטערן האָבן אויך אָפּגעלעבט הונדערטער יאָרן אין פאָדאָליע, אין וואָלין, אין פאָ־לעסיע, איצט פאָרן זיי אויפן וויטן מזרח. זיי האָבן אויך געהאַט מעשיות און אויך זיי האָבן געגרן דערציילט איינע די אַנדערע זייערע געשיכטעס. נאָר — ישראל האָט גיך באַמערקט — אַ סך פון זיי פאָרן מיט אייגענע זעגן און העק און גאָר אָן שטוב־געפעק, און אַלץ איז ביי זיי פשוטער, רואיקער און גלאַטער ווי ביי די יידן. דאָס, וואָס דעם אומאַניערס מאַמע האָט זיך געלייגט אויפן

שוועל און געהייסן זיך דערשטיקן, דאָס, וואָס ראָזע האָט ניט געוואָלט פאַרן מיטן מאַן, דאָס, וואָס ער אַליין האָט עטלעכע חדשים אָפּגעלעבט ווי אין עפּעס אַ רייזע־הינערפּלעט, — דאָס אַלץ האָט געמאַכט די רייזע אַזוי האַמעטנע און שווער, מיט אַזויפיל סצענעס און דראַמעס און טיפע געפילן און שווערע געדאַנקען, ווי מע וואָלט זיך געקליבן פון איין וועלט אין אַ צווייטער.

און ער איז אָפּטער געגאַנגען צו די יידן, גענענטער זיך צוגעקוקט צו זיי, פּשוט, זיך געלערנט ביי זיי ווי צו לעבן אויף דער וועלט.

אויף דער שיינקייט פון דער אַרומיקער נאַטור האָבן די יידן לכתחילה קנאַפּ־וואָס זיך אומגעקוקט.

ערשט ביים בייקאַל, שטייענדיק באַגינען אינמיטן — פון איין זייט ישראל, פון דער אַנדערער זייט מענדל פאַדהאַצקער, — שטייענדיק אַזוי אויפן ברעג פונעם לויטערן בייקאַל, וואו עס זעט זיך דורכן וואַסער איעדעס מינדסט שטיינדעלע, האָט דער ייד „אַן חכמות״ זיך אָפּגערופן:

— הערט איר, יידן, אַזאַ מין שיינקייט האָט מיין עלטערבאָבע אַפילו אין חלום ניט געזען...

און וואָס ווייטער, אַלץ אָפּטער האָבן זיי זיך אַרומגעקוקט אַרום.

ביים טייך שילקאָ, וואָס האָט געשיינט אונטער דער זון מיט זיינע צוויי קאָלירן — גרין און רויט, זיינען זיי אַזש אַרויס אויפן טאַמבור, בעסער באַקוקן דעם פּרעכטיקן נאַטור־וואונדער. איבערן טייך איז געהאַנגען אַ בערגל, פול באַוואַקסן מיט זילבערנע בערעזעס און גאָלדענע סאָסנעס.

ביים דורכפאָרן די טונעלן זיינען די יידן געזעסן ביי ישראלן אין וואַגאָן. מע האָט געטראַכט וועגן הרי־חושך און מע האָט גערעדט וועגן היימישע זאַכן און ווי מע וועט זיך איינאָרדענען אין ביראָבידזשאַן. כאָטש כמעט ביי אַלע ביי זיי איז געווען דאָס געפיל פון קריכן אין אַ פלעשל אַריין און, ווי מע וועט צוריק אַרויסקריכן פון דאָרטן— איז איין גאָט ווייסט. דערפאַר אָבער, ווען דער צוג פלעגט זיך אַרויסרייסן אויף דער ליכטיקער שיין און פאַר די אויגן האָבן זיך אַ שפּרייט געטאָן די וואונדערלעכע פּאַנאָראַמעס פון באַוואַקסענע בערג, וואָס האָבן געגלאַנצט מיט פיאָלעטעווע און גאָלדענע פאַרבן און זיך צונויפגעגאָסן מיט דער הימל־בלויקייט, פון לויטערע טייכן, וואו מע האָט מיטן פּשוטן אויג געקאָנט זען אַרומשווימען פיש, האָט מען געקוקט איינע אויף די אַנדערע מיט באַגייסטערטע פּנימער און געפרעגט:

— אין ביראָבידזשאַן איז אויך אַזוי?

און ישראל האָט לאַנג און ברייט דערקלערט, אַז אַ פּאַנאָראַמע בייט זיך ניט אויף יעדן ווערסט, אַז יעדעס לאַנד האָט זיך זיין כאַראַקטער, און וויבאַלד

עס איז געבליבן אַנדערהאַלבן מעת־לעת צו בּיראָבּידזשאַן, דאַרף מען רע־כענען, אַז דאָס איז שוין דער בּיראָבּידזשאַנער כאַראַקטער...

זיי האָבן אים געהערט מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט. זיי האָבן געזען, אַז ער ווייסט אַזוינס, וואָס זיי האָבן נאָך ניט געוואוסט. און זיי האָבן גערן זיך באַגעגנט מיט אים, און דאָס האָט אים הנאה געטאָן, ווייל אויך אים האָט זיך געוואָלט וואָס אָפטער זיך באַגעגענען מיט זיי.

אויף מאָרגן בּיינאַכט זיינען זיי אָנגעקומען קיין בּיראָבּידזשאַן, אויף דעם קליינינקן סטאַנציעלע „טיכאָנקאָיאַ״.

ביי יעדן איינעם פון זיי איז געווען ניט אַזוי שטאַרק ליכטיק אויף די נשמות, ווייל עס איז טאַקע געווען אַזאַ מין פינצטערניש — די אויגן אויס־צושטעכן, עס האָט געפליוכעט אַ רעגן פון יענע רעגנס, וואָס שמייסן שטאַרק און קלייבן זיך גאָרניט אויפהערן. עס איז געווען פוסט אַרום און אַרום.

דער ייד „אָן חכמות״ איז גלייך אַוועק צום דעזשורנעם פון דעם סטאַנ־ציעלע. איין טענה: מע זאָל לאָזן די ווייבער מיט די קינדער איבערנעכטיקן אין דער דעזשורקע. מיט קיין מענטשן, בפרט מיט ווייבער און קינדער, בפרט אויפן ווייטן מזרח וואַרפט מען זיך ניט אָט אַזוי־אַ פשוט.

דער בחור, וואָס האָט ליב ווייטע לענדער, האָט אויסגעזוכט עפּעס אַ קליין ביידל ווייטלעך פון וואָקזאַל און האָט צוזאַמען מיט די איבעריקע אַוועק־געשלעפּט אַהין אַלעמענס געפּעק. נאָכדעם האָבן זיי זיך געלאָזט זוכן אין דער פינצטערניש אַ ביסל האָלץ אָדער שפּענער אויף אַ שייטער. געבראַכט הויפנס שפּענער און שייטלעך האָלץ, האָבן זיי צעבלאָזן אַ פייער. דאָ האָט זיי דערווייל אָפּגעגליקט: דער רעגן איז שוואַכער געוואָרן און צוגעזאָגט אינקורצן איינגאַנצן זיך פאַרנעמען פונדאַנען. האָט מען זיך אויסגעזעצט ביים שייטער, אויסגעשפּרייט אַ רעדנע, אויף דער רעדנע — אַ טישטעך — ישראלס טישטעך — אַרויסגעלייגט אַלע רעשטלעך שפּייז און געמאַכט אַ פריי־לעכע וועטשערע.

איבערגעביסן, אַ ביסל אונטערגעלענט זיך די הערצער, האָט מען גע־נומען אַרומריידן, וואו וועמען עס איז אַלץ אויסגעקומען צו עסן וועטשערעס אין אַזעלכע ווייסטע ערטער אונטערן פרייען הימל. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דריי פון די פינף יידן האָבן אין דער גרויסער מלחמה ניט איין מאָל און ניט צוויי מאָל אַזוי געוויקט זייערע ביינער אין די בלאָטעס אונטערן פרייען הימל. איינעם איז אַ האַלב יאָר אויסגעקומען זיך וואַלגערן אין די מאַזורער בלאָטעס, דעם צווייטן — אויף די קאַרפּאַטן, דעם דריטן — אין די פּינסקער זומפּן. און נישקשה! — מע האָט עס אַריבערגעטראָגן און מע איז ניט גע־

וואָרן אויס מענטש, און אָט האָט מען דערלעבט און מע איז געקומען אַהער קיין ביראָבידזשאַן אַ גאַנצע מלוכה בויען. איז דאָ וואָס צו שרעקן זיך?..

אַזוי האָט מען אָפּגערעדט ביז באַגינען, ביז ישראל האָט זיך אויפגעהויבן און געזאָגט:

— אַ גוט־מאָרגן, יידן! וואָס קוקט איר אויף מיר? קוקט אַהין, קוקט אויפן מזרח, יידן! די ז ו ן גייט אויף אין מזרח!

און ווירקלעך, ערגעץ אויפן ברעג פון אַמור האָט זיך דער הימל גענומען ראָזן און רויטלען — עס האָט אָנגעהויבן אויפגיין אַ העלער מזרח־טאָג.

ע נ ד ע

# א י נ ה אַ ל ט


שמואל גאָדינער פון נחום לעווין ........ 5
מיין ברודער שמואל פון אסתר (גאָדינער) מילער ...... 9
זאַוועלער טראַקט ........ 15
דאָס לעבן הייבט זיך אָן ........ 129
לינישטשער יאַטן ........ 147
דער יום־טוב פון פריינדשאַפט ........ 161
אַ דעמב ביים ווייסל ........ 183
די זון גייט אויף אין מזרח ........ 221